STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03032

DI MAME ESTER RAHEL

Isaac Turkow-Grudberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גרינבערג-טורקאָוו

די מאַמע אסתר רחל

יצחק גרודבערג־טורקאוו

די מאמע אסתר רחל

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע 1953

ICCHOK GRUDBERG-TURKOW

MATKA ESTER-RACHEL

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953 r.

Nr zam. 782 Nakład 6.000 egz. Druk ukończono w kwietniu 1953 r.
Ark. druk. 18. Ark. wydawn. 15 papier sat. V kl. 61x86 70 gr.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa Tarczyńska 8. 4-B-50440

אסתר־רחל קאמינסקא

I

פאַראַזאָווע

1

— רחלע! רחלע!

פון א פענצטער אויפן שול־הויף האָט זיך ארויסגערוקט א גרויער פּרויען־קאָפּ. די פרוי האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער ריכטונג צום טייכל, געזוכט עפּעס צווישן די כוואַליעדיקע זאַנגען אויף די ברייטע קאָרן־פעלדער:

— רחלע! רחלע!

פון שול איז ארויס א גרייז־גרויער, איינגעהויקערטער ייד, און נישט איבעררייסנדיק זיין ארבעט ביים אָפּקראַצן דעם חלב פון א גרויסער מעשענער מנורה, זיך געוואָנדן צו דער פרוי אין פענצטער:

— וואָס איז, לאה־שפרה, וואָס דאַרפסטו אזוי נייטיק ס׳קינד?

— ס׳איז דאָך דאָנערשטיק. זי דאַרף גיין וועלגערן די לאָקשן ביי דער רביצן. טו מיר א טובה, חיים־יוחנן, גיב זי א רוף! איך קאָן זיך נישט רירן פון דער קיך, דאָס פייער זאָל מיר נישט אָפּגיין... זי לויפט שוין מן־הסתם ווידער אַרום מיט די שיקסעס — וויי איז מיר!...

— באַלד, באַלד, כ׳וועל זי א רוף טאָן... זי וועט נישט פארשפּעטיקן צו דער עבודה! — האָט חיים־יוחנן בורטשענדיק געענטפערט זיין וויב און אריינגעגאַנגען אין פּאַליש אוועקלייגן די מנורה.

ער איז גאָרנישט צופרידן געווען דערפון, וואָס זיין גע־ראָטענע מוזינקע דאַרף אָפּאַרבעטן ביי דער רביצן „פּאַנשטשיזנע“, ווי ער האָט עס גערופן, ווייל א מנהג האָט זיך איינגעשטעלט אין פאַראַ־זאָווע זייט די לעצטע יאָרן, אז אלע אָרעמע מיידלעך מוזן מיט עפּעס „ארויסהעלפן“ דער רביצן.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט טאַקע פאַריבל געהאַט אויף דער רביצין ־ערפאַר, גאָר — גיי, רײַס אײַן מיטן כּסא־רבנות!

חיים־יוחנן האָלפֿערן האָט עס באַזונדערס פֿאַרדראָסן: סטייטש, זײַן שיינע געראָטענע אסתּר־רחלע, די בת־זקונים זײַנע, זאָל באַדינען די רבנישע צעקראָכענע קינדער, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט פֿאַרזויערטע איבערן שטעטל און געקוקט פֿון אויבן־אַראָפּ אויפֿן „המון", ווי זיי פֿלעגן רופֿן אַלע ייִדן אין שטעטל, אַחוץ רב אשר וואַלד־סוחרס משפּחה.

חיים־יוחנן האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פֿאַר אַ מיוחס, כאָטש ער איז זייט די לעצטע יאָרן געווען אַ ביטערער יורד. געהייסן האָט ער נאָך „דער חזן", — כאָטש זײַן וויכטיקסטע אַרבעט איז איצט געווען צו עפֿענען און פֿאַרמאַכן די שול, צו רוימען זי און רייניקן. פֿאַר חזנות האָט מען שוין קיין שׂכירות נישט געצאָלט און נישט זעלטן פֿלעגט מען אים בכלל נישט צולאָזן צום עמוד. רב אָשר דער וואַלד־סוחר האָט גע־האַט אַ שוואַכקייט צו זײַן אַ שליח־ציבור, כאָטש די אויערן פֿלעגן ווײ־טאָן פֿון זײַן אָקסישן רעווען. געטאָן האָט ער עס כּלומרשט אויס רחמנות צום חזן. מיט אַ באַדויערנדיקן זיפֿצל פֿלעגט ער אים אוועקרוקן פֿון עמוד:

— לאָזט הײַנט מיך, רב חיים־יוחנן, איך זע דאָך, אַז איר האָט קיין כּוח נישט!

אוודאי האָט חיים־יוחנן קיין כּוח נישט געהאַט, אַז אַ גאַנצע וואָך האָט לאה־שפּרה זיך געפּאָרעט אַרום צעבראָכענעם קיכל און אין סך־הכּל דערלאַנגט כּסדר צום טיש אַ ביסל קאַרטאָפֿל־זופּ מיט אַ קוים־פֿאַרברוינטער ציבעלע, אָדער פֿאַרשאָטן מיט אַ ביסל צוגעברענטן מעל, מיט שוואַרץ ברויט צום פֿאַרבײַסן. אויך שבת איז חלה געווען בלויז אויף המוציא און פֿיש און פֿלייש — אַ זכר בלויז אויף דגים און בשׂר. אָבער אַפֿילו אָן כּוחות פֿלעגט דאָך זײַן נגינה וואַרעמען דאָס ביסל ייִדן אין שטעטל, אַרויסקוועטשן טרערן און אַרויסרופֿן פֿרייד, אין דער צייט ווען רב אשרס געשריי האָט אָנגעיאָגט בלויז אַן אומעט.

מיט שווערע טריט איז חיים־יוחנן געגאַנגען צום טײַכל. ער האָט שוין געוווסט, ווו ער וועט טרעפֿן זײַן אסתּר־רחלען. אוודאי טאַקע דאָרט מיט די שיקסעס פֿון דאָרף, זינגען מיט זיי זייערע לידער. וואָס דען, שטיקן זיך אַ גאַנצן טאָג אין פֿאַרויכערטן שטיבל אויפֿן שול־הויף, אָדער בײַם רב אין דעם פֿינצטערן הויף, ווו עס ווייעט פֿון יעדן ווינקל מיט שימל?

נישטאָ קיין נחת פֿון די קינדער... זעגען זיך, ווי די פֿייגעלעך, צע־פֿליִען איבער דער וועלט און זעלטן ווען לאָזן זיי פֿון זיך הערן אַ וואָרט

דער בכור יצחק, איז אוועק ערגעץ קיין מוירן. ער איז דאָרט טאקע א חזן אין כאָרשול, אָבער דאָס איז נישט די שול און נישט דאָס חזנות. אָט איז ער געוועז צו גאסט פאר א פאָר יאָר מיט זיין ווייב — עפּעס גאָר א דייטשקע, רחמנא=לצלן. ער אליין איז אויך אינגאנצן פארדייטשמערישט... איצט האָט ער געשיקט א בילד איז, לא עלינו, זעט ער אויס מער גלח, ווי חזן... באסיע, די עלטסטע טאָכטער, האָט חתונה געהאט פאר א ווילן יונגמאַן, אוועק מיט אים קיין ווארשע, האָבן זיי זיך דאָרט אזוי לאנג געמאטערט ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט סטאָלעריי און איצט האָט ער אויך יאנקלען, חיים=יוחנגס צווייטן זון, אויסגעלערנט די מלאכה. צוביסלעך האָבן זיי אריבערגענומען צו זיך די אַנדערע טעכטער. רבקה האָט שוין, מיט מזל אויך חתונה=געהאט. ווידער אַ באַלמעלאָכע, אַ שלאָסער. מילא, זאָל זיין אַ באַלמעלאָכע, אַבי אָרנטלעכע יונגעלייט. מען שרייבט, אז צו קיילען שדכנט זיך עפּעס גאָר א פיינער יונגערמאַן, א לערער. וואָס פאר א חידוש? אזא שיינע, געזונטע מויד, בלוט און מילך, איז זי דען נישט ווערט קיין לייטישן מאַן?... וואָלט מען דאָך, הייסט עס, באדארפט נחת האָבן... נו האָב נחת, אז דער קאָפּ ווערט צעפּלאצט פון איבערטראכטן. אין שטעטל רעדט מען וועגן פּאָגראָמען, וואָס קומען פאָר אין פארשידענע געגנטן. זיי ברעכן אויס פּלוצעם, ווי אָנגעדרייט דורך עמעצנס האנט. אין ווארשע, ווו די קינדער וווינען, דערציילט מען, איז געוועזן אן אמת בלוט=באָד, ווער ווייסט, צי ס'האָט עמעצן פון די קינדער עפּעס נישט געטראָפן, חלילה?

פון ייִנגסטן זון, פון יאָסלען, איז בכלל קיין ידיעות נישטאָ. אוועק ערגעץ — און ווי א שטיין אין וואסער. איז געבליבן חיים=יוחנען דאָס איינציקע שיינדל אויף זיינע אלטע יאָרן, זיין אויג אין קאָפּ, זיין אסתר=רחלע — טאָ שיק זי גאָר צו דער רביצן פאר א דינסט אָן שכר...

2

אזוי טראכטנדיק איז חיים=יוחנן צוגעגאנגען צום מייכל און פארקערעוועט אין דער ריכטונג פון דער פּאָליאנע ביים וואלד. עס האָבן זיך דערהערט צארטע, צעזונגענע, מיידלשע קולות. חיים יוחנן האָט געוווסט, אז דאָרט וועט ער געפינען זיין אסתר=רחלען.

הארציקע שטימעלעך האָבן געזונגען אין א כאָר און איין שטימעלע, ווי א בארכאט, האָט פאָרגעזונגען. די שטים איז אים געווען קענטלעך, רחלעס שטים, אָבער אויפן שול=הויף פלעגט זי קיינמאָל נישט

זיין אזוי ברייט, אזוי פריי, האָט מורא־געהאַט די מאמע זאָל נישט דערהערן און אָנהייבן מוסרן....

צוגעקומען צו דער פאָליאַנע איז ער שטיין געבליבן און ברייט־נחתדיק זיך צעשמייכלט.

ארומגערינגלט מיט א קרענצל דאָרפישע מיידלעך האָט אסתר־רחל מתיקותדיק געצויגן א ווייסרוסיש פאָלקסלידל און די מיידלעך ארום האָבן פארחלומט אונטערגעהאַלטן.

חיים־יוחנן האָט ארויסגעצויגן א רויטע פאַטשיילע און זיך אָפּגע־ווישט דעם שווייס פון שטערן. די זון האָט פעסט געבאַקן. יעדע רגע האָבן זיך פרישע טראָפּנס שווייס געקייקלט פון זיין שטערן, אָבער ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און מיט הנאה זיך איינגעהערט.

וויפל מתיקות ליגט אין איר זינגען, וויפל נשמה אין איר קינדיש קולעכל. און ווי הארציק עס זינגען איר נאָך די דאָרפישע מיידלעך...

ווען אסתר־רחל האָט שוין פארענדיקט דאָס ליד, און די מיידלעך ארום זענען געבליבן שטיל, האָט חיים־יוחנן מיט א זיפץ אין טאָן פון דעם לעצטן „אוי" ארויסגעשעפּטשעט ווי פארענטפערנדיק זיך:

— רחלע, ס'איז דאָך דאָנערשטיק...

אסתר־רחל האָט אויפגעריסן די אויגן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אויפ־געקומען פון א זיסן חלום, און אויגנבליק געקוקט אויפן טאַטן פארחי־דושט, דאַן פלינק אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפן צו אים מיט א גע־פיל פון שולדיקייט:

— שוין, שוין, טאַטעניו, איך גיי שוין! איינגאַנצן פארגעסן...

געזעגנדיק זיך מיט די מיידלעך אויף פּויעריש לשון, האָט זי געכאַפּט א פּאָר בלומען, וואָס זענען געווען צעוואָרפן ארום, און פלינק גענומען שטעלן אירע באָרוועסע פיס אין דער ריכטונג פון שטעטל.

חיים־יוחנן האָט נאָכגעקוקט די פלינקע באַוועגונגען פון אירע פיס־לעך און געטראַכט:

— קיין עין־הרע, קוים צוועלף יאָר און אזוי הויך, אזוי שלאַנק. א כלה־מויד!

א שווער ווידער־קול אין אים האָט געענטפערט:

— א באָרוועסע כלה־מויד...

3

אסתר־רחל איז געלאָפן, ברומענדיק דעם ניגון, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געזונגען. זי האָט א קוק געטאָן אויף דער שיינענדיקער זון, וואָס

איז שוין געשטאַנען כמעט אינמיטן הימל און זיך אָפּגעגעבן א חשבון, אז ס'איז גוט שפּעט. איז זי מיט א כיוון געגאַנגען דורך א זייטן־געסל, כדי אויסצומיידן דעם שול־הויף און פאַרשפּאָרן צו הערן א ביסל שטראָף־רייד פון דער מאַמען. אזוי איז זי אַרויסגעקומען צום מאַרק און אין אימפּעט פון לויפן נישט באַמערקט, ווי דער געברומטער ניגון ווערט אַלץ העכער, ווי זי זינגט שוין כמעט אויפן קול.

אויפן מאַרק ביי א ביידל, איז געשטאַנען רב אשרס שנור, זיסעלע, מיט א גרין, קרענקלעך פּנים, מיט פאַרשלעגגלטע דינע ליפּעלעך און גע־לייגט גרינוואַרג אין א קאָרב, וואָס עס האָט איר נאָכגעטראָגן די דינסט.

זיסעלע איז אויפגעצאַפּלט געוואָרן פון דעם אומגעריכטן געזאַנג, א קוק געטאָן מיט א פּאָר שפּיציקע אויגעלעך אויף אסתר־רחלען און אויסגעצישעט דורך די ליפּעלעך:

— דעם חזנס טאָכטער... ווי מען שעמט זיך נישט, לא עלינו!

אסתר רחל איז גלייך שטיל געבליבן. זי האָט פאַרשעמט אַרויסגע־לאָזט די בלומען פון האַנט און גענומען לויפן צום רבס הויז.

זיסעלע האָט איר נאָכגעצישעט:

— א חרפּה און א בושה! א שיקסע, לא עלינו... — און אויסגע־שפּיגן.

— אז עס וואַקסט הפקר, ווי א ביימעלע אין פעלד, — האָט זיך אַריינגעמישט די דינסט, נאָכשיקנדיק אסתר־רחלען א מילדן שמייכל.

— לא עלינו, לא עלינו!... — האָט געצישעט זיסעלע.

אָבער אסתר־רחל האָט עס שוין נישט געהערט. א דערשוויצטע, א צעפלאַמטע, איז זי אַריינגעלאָפן אין רבס קיך, וווּ עס האָבן זיך שוין געפּאָרעט א פּאָר שכנישע מיידלעך.

דאָ האָט זי מקבל־פּנים געווען דעם רבס עלטסטע טאָכטער, קרוי־נע, שוין א באַיאָרטע בתולה:

— וואָס אזוי שפּעט, רחלע? אזא גרויסע סעודה גרייט עס דיין מאַמע, אז דו האָסט זיך פריער נישט געקאָנט אויסקלייבן? דאָס טייג ווערט דאָך באַלד זויער...

דאָס טייג האָט טאַקע געוואַרט אויף אסתר־רחלען. די אַרבעט פון וועלגערן לאָקשן פלעגט איר אָנפּאַרטרויט ווערן. נישט מחמת דעם, ווייל די אַרבעט איז געווען א בכבודיקע, נאָר ווייל אונטער אירע שטאַרקע פינגער, פלעגן די לאָקשן אויסקומען דינער, ממש דורכזיכטיק.

אסתר־רחל האָט שווייגנדיק גענומען דאָס וואַלגערהאָלץ, פאַרביסן די ליפּן און מיט אימפּעט זיך גענומען קנעטן דאָס טייג. מיט דעם זעלבן

אימפּעט האָט זי אויך געטאָן די אַנדערע אַרבעטן ביז שפּעט נאָכמיטאָג, ווען זי איז צוזאַמען מיט די איבעריקע מיידלעך אַרויס פון קיך.

דער ערשטער גלעט פון דער פרישער לופט אויף דער גאַס, דער שיין פון די שטראַלן, וואָס האָבן זיך זייטיק געצויגן פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָט ווידער אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף אירע ליפּן און מיט דעם שמייכל איז זי שוין צוגעקומען צום שול־הויף.

4

אין שטוב איז דער טאַטע געזעסן פאַרכמורעט ביי אַ שיסעלע זופּ. די מאַמע, אַ ברוגזע, האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, צו צום קיכל און, אַנגיסנדיק אַ שיסעלע, אָן אַ וואָרט עס אַוועקגעשטעלט פאַר אסתר־רחלען. האָט שוין אסתר־רחל פאַרשטאַנען, אַז צווישן טאַטע־מאַמע איז פאָרגעקומען אַ סיכסוך און דערביי גלייך דערפילט, אַז זי איז די סיבה דערפון. האָט זי שווייגנדיק געביסן דאָס שוואַרצע שטיק ברויט און מיטן הילצערנעם לעפל געזופּט דאָס שיטערע געקעכץ. אויסגעהונגערט איז זי געווען, האָט איר טאַקע דאָס עסן מחיהדיק געשמעקט און זי וואָלט גערן געבעטן אַ צולאַג, אָבער אין שטוב איז געהאַנגען אַזאַ וואָלקן, אַז זי איז שטיל געבליבן זיצן ביים טיש, ביז דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו בענטשן אויפן קול:

— ואכלת, אוי, ושבעת...

נאָכן בענטשן איז דער טאַטע אַוועק אין שול אַריין.

די זון האָט זיך שוין באַהאַלטן הינטערן וועלדל, אַ טונקלקייט האָט אַלץ שטאַרקער איינגעהילט די כאַטע, און די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען שווייגנדיק געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער, ווי פאַרגליווערט.

די מאַמע האָט אין מוח איבערגעקייט איר מאַנס ווערטער וועגן דער ביטערער דאָליע פון זייער מיזינקע און אַלץ נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז גערעכט איז חיים־יוחנן. וואָרן: קאָן זי דען בלייבן אויף דער עלטער אָן אַ קינד אין שטוב? און הינטן־אַרום האָט זיך געגנבעט אַ געדאַנק: וואָס־זשע וועט זיין דעם קינדס תכלית, אַז זי וועט בלייבן אין שטוב?

אויף אסתר־רחלען האָט געשווערט די אַלץ־וואַקסנדיקע טונקלקייט, זי האָט דאָך מורא געהאַט אָנצוצינדן דאָס אייל־קנויטל. טאָמער וועט דאָס גורם זיין, אַז דער אָנגעזאַמלטער כעס ביי דער מאַמען זאָל זיך אויסגיסן אין רייד. די רייד זענען פאַר אסתר־רחלען ערגער געווען, ווי

קלעפּ. די טרערן, מיט וועלכע די מאמע פלעגט שטענדיק פארענדיקן איר
מוסר, דאָס קלאָגן אויף איר ביטערער עלטער — פאר דעם האָט אסתר=
רחל מורא געהאט מער, ווי פאר אלץ.

אירע מחשבות זענען צעקלאפּט געוואָרן דורך די שמועסן פון הייפּ=
לעד יידן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דאוונען, און דורכן אריינקום
פון טאטן.

די מאמע האָט דאן אָנגעצונדן דאָס אייל=קגייטל, גיך אויסגעבעט
די שלאָף=באנק און ארויסגעברומט צו אסתר=רחלען:

— קריעת=שמע!

באלד האָט אסתר=רחל אָנגעהויבן אויף גיך צו מורמלען די ווערטער
פון דער תפילה, פאָרזיכטיק אראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס סיצן=קליידל,
וואָס איז געווען געלאטעט פון אלע זייטן, פול מיט פארנייטע גוואלד=
ריסן און לעכער און פלינק אייגגעגיורעט זיך אין דער דעק.

5

די זומערדיקע וואָכן זענען גיך פארביייגעפלאָסן, ס'האָבן זיך דער=
נעגטערט די ימים=נוראים.

די האלפּערנס האָבן דערהאלטן א בריוו פון די קינדער אין וואר=
שע, א בריוו, וואָס האָט זיי באַרואיקט און דערפרייט, סיי מיט די גוטע
ידיעות וועגן געזונט, פרנסה, וועגן אייניקלעך, סיי מיט די פּאָר רובל,
וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף יום=טוב און אויף צו קויפן פאר אסתר=
רחלען „עפּעס פארן ווינטער“.

ס'איז שוין די העכסטע צייט געווען. דער ווינטער איז פאר דער
נאָז און די מויד לויפט נאָך אלץ ארום באָרוועס. מילא, אָן א מאנטל
קאָן מען זיך באגיין, די ווארעמע פאטשיילע קאָן נאָך דעם ווינטער צו=
דינען. ס'וואקסט די מויד, קיין עין=הרע, ווי אויף הייוון, וועט זי סייווי גיך
אויסוואקסן פון יעדן מלבוש. אָבער שיך דארף מען קויפן פעסטע, זיי
זאָלן כאָטש דעם ווינטער אויסהאלטן.

איז טאקע לאה=שפרה דעם ערשטן מארק=טאָג ארויס אויפן טאָרג
און איינגעקויפט פאר אסתר=רחלען א פּאָר פעסטע, פויערישע שיך. אי,
אביסל צו גרויס? א קליינע צרה! וועט זי קאָגען די פיס מיט מער
שמאטעס איינוויקלען ס'זאָל איר זיין ווארעמער.

סוף=כל=סוף איז דאָס אויך גם זו לטובה. אדאנק די פּאָר רובל,
וואָס די קינדער שיקן פון ווארשע צו יום=טובים, העלפט מען זיך ווי עס

איז ארויס. טראָגט דאָך די מויד שוין פאָרט א שטיקל קליידל און א העמד הינטער דעם. און מיט א פּאָר יאָר צוריק?...

לאה־שפרה דערמאָנט זיך, ווי מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט אסתר־רחל פון געלעגער נישט געוואָלט אראָפּגיין, נאָר געהאַלטן אין איין טענהן:

— מאמע, טו מיך אָן...

— וואָס זאָל איך דיר אָנטאָן, ווי איז מיר?

אז בסך־הכל איז דאָס קינד ארומגעלאָפן אין בלויזן העמד, ארומ־געבונדן מיט א שטריק. איז דאָך היינט פאָרט בעסער. גאָט פארלאָזט נישט.

חיים־יוחנן האָט אָבער אנדערש געטראַכט. ער האָט בשום־אופן נישט געזען קיין תכלית פאר דער מוזינקע אין פּאַראָזאָווע. אוודאי האָט זיך אים נישט געגלוסט צו שיידן זיך מיט איר, זי איז געווען א זון־שטראָל אין זיין חושכדיק לעבן. נאָר וואָס וועט דאָס קינד דאָ דערלעבן?

ער האָט געזען, ווי דאָס שטעטל גייט אונטער פאר זיינע אויגן. ער האָט עס בולט געזען. אין זיין געדאַנק האָט עס זיך געבונדן מיט דער אייזנבאַן, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט יאָרן צוריק. והראיה — ביז די באַן איז נישט געגאַנגען דורך וואָלקאָוויסק, האָט דאָך פאָרט פּאַראָ־זאָווע געלעבט. באַלעגאָלעס האָבן געהאַט פרנסה ברווח, באַלמעלאָכעס האָבן געהאַט וואָס צו טאָן, די פּויערים פון ארום האָבן געהאַנדלט מיט פּאַראזאָווע, האָבן דאָרפס־גייער געהאַט ברויט צו דער זעט, ס'איז געווען פרנסה פאר אַלעמען. איינס האָט זיך געקייטלט מיטן צווייטן. איצט ציט אַלץ קיין וואָלקאָוויסק און צו די אנדערע נאָענטע באַן־סטאַציעס.

היינט איז דאָס ביסל פרנסה, וואָס מען קאָן נאָך האָבן אין שטעטל, אריין צו צוויי משפחות: צו רב אשר וואַלד־סוחר, וואָס האַנדלט נישט נאָר מיט וואַלד, נאָר אויך מיט תבואה, מיט בהמות, מיט אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, און צום רבס משפחה, וואָס האַלט דעם איבעריקן האַנדל. די רביצן האָט א שניט־קראָם און גאַלאַנטעריע, דעם רבס צווייטער זון א שפּייז־געוועלב, קאָלאָניאַל־סחורה און אנדערע קלייניקייטן. דאָס ביסל איבעריקע הענדלער האַלט נישט אויס די קאָנקורענץ, האָט קוים איבער־צולעבן, אָדער איז אוועק אין די גרעסערע שטעט זוכן גליק. זענען אויך אוועק: די גרעסטע צאָל באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס, ס'האָט פּארפּעלט קנעלונג פאר מלמדים, ס'איז ווייניקער געוואָרן דאָרפסגייער.

אין די ארומיקע דערפער איז אויך געווען אזוי. זינט די פּויערים זענען באַפרייט געוואָרן פון „פּאַנשטשיזנע" האָט זיך דאָס דאָרף אַלץ מער געביטן. די איינציקע רייכערע פּויערים האָבן אויפגעקויפט ערד, אַלץ מער געוואָרן ענלעך צו קליינע פּריצים און די אָרעמערע האָבן אַלץ מער

פארלוירן די ערד און געמוזט גיין צו זיי באטראקעווען. די קינדער זייערע זענען אוועק זוכן ארבעט איבער דער וועלט.

חיים־יוחנן האָט בולט געזען, ווי איינס איז פארבונדן מיטן צווייטן און דער עיקר: דאָס שטעטל ווערט איינגעשרומפּן, אויסגעטרוקנט, ווי א שטייענדיק בלאָטקעלע אונטער דער גליענדיקער זון — עס צעשטויבט זיך איבער דער וועלט. אזוי, ווי זיינע קינדער זענען צעזייט און צע־שפּרייט געוואָרן, אזוי ציען פון אלע שטיבלעך, וווּ עס וווינט דער דלות, אונטערוואקסנדיקע קינדער אין דער וועלט אריין. ווער עס קאָן גאָר צו־נויפשאפן א פּאָר גראָשן גייט צו דער באַן, וואָס פירט אוועק אין אומ־ענדלעכע ווייטקייטן. ווער איז עס נישט בכוח — נעמט דאָס אָרעמע פּעקעלע אויף די פּלייצעס און שפּאַנט אַליין ווייטער פון דער היים.

וואָס־זשע וועט דאָ דערלעבן זיין אסתר־רחל?

6

ווידער זיך געשלאָגן מיט דער דעה און אָבער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, הונדערט מאָל אָפּגעוויגן פאר און קעגן, לסוף האָט חיים־יוחנן פעסט באשלאָסן: נישט מער זיך קריגן מיט דעם וויב וועגן אסתר־רחלען, נאָר גלייך נאָך ימים־נוראים אָנשרייבן א בריוו צו די קינדער קיין ווארשע. ער דאנקט די קינדער, וואָס זיי פארגעסן נישט וועגן די אלטע טאטע־מאמע און ווינטשט זיי גליק, געזונט, פּרנסה און הצלחה, ער בעט אָבער, זיי זאָלן אויך נישט פארגעסן וועגן זייער יינגסטן שוועס־טערל, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעבליט ווי א רויז, און קאָן ווערן גיך פארוועלקט אין זייער חושכדיק שטעטל.

אויף פּסח איז ווידער געקומען א בריוו פון די קינדער אין ווער־שע. דאָסמאָל איז שוין געווען מיט א פּאָר רובל מער, ווי געוויינטלעך, און מיט א בפירושן אָנזאָג: זאָל אסתר־רחל, גלייך ווי עס וועט ווארעם ווערן, קומען צו זיי קיין ווארשע. זי וועט מיט דעם אויבערשטנס הילף נישט פארלוירן גיין. ווארשע איז א שטאָט, וואָס וואקסט, קיין ארבעט פעלט נישט, און אז מען ארבעט האָט מען פּרנסה. און אז גאָט וועט העלפן און די צייט וועט קומען, וועט מען מאכן א שידוך מיט א לייטישן באַל־מלאָכה און די עלטערן וועלן נאָך דערלעבן נחת פון אסתר־רחלען, איי־ניקלעך פון איר, אזוי ווי זיי וועלן דאָס מיט גאָטס הילף דערלעבן פון אלע קינדער אין ווארשע.

פארענדיקט האָבן זיי דעם בריוו: מען זאָל למען־השם באצייטנס

אָנשרייבן ווען אסתּר־רחל פֿאָרט ארויס, וועט זי שוין עמעצער פֿון זיי אָפּווארטן אין ווארשע ביי דער באַן.

חיים־יוחנן האָט געשיינט, לייענענדיק דעם בריוו אויפֿן קול, און לאה־שפּרה איז אַליץ מער איינגעשרומפּן געוואָרן, אָבער זי האָט שוין נישט אנטקעגנגערעדט. ווייזט אויס באשערט צו פֿארענדיקן איר לעבן אין איינזאמקייט, אָן א קינדס האנט, וואָס זאָל העלפֿן ביים בידנעם לעבן און צומאכן די אויגן נאָכן טויט, אויף וועלכן ס׳וועט שוין מן־הסתּם נישט לאנג אויסקומען צו ווארטן...

* * *

א פֿרישע גרינקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער די פֿעלדער, א ווארעמע שפּעט־פֿרילינג־זון האָט געלויכטן, ווען אסתּר־רחל איז צום לעצטן מאָל ארויס אין דער פֿרי צום וועלדל ביים וואסער געזעגענען זיך מיט אירע חברטעס. איר קול האָט געציטערט, ווען זי האָט דערציילט אירע חברטעס, אז הייגט פֿאָרט זי אוועק פֿון פֿאראזאווע.

— וווּ אהין, רוכטשיא?

— קיין ווארשע, קיין ווארשע, אקסאנע, קיין ווארשע!

אקסאנע האָט זי אָנגעקוקט מיט באוווּנדערונג און באלד מיט א טרויעריקן שמייכל געפֿרעגט:

— וועסטו שוין מער נישט זינגען, רוכטשיא?

— כ׳וועל זינגען, אקסאנע, א סך זינגען. ס׳איז א גרויסע שטאָט ווארשע. דאָרט זינגט מען א סך פֿארשידענע לידער...

— אָבער פֿאר אונדז וועסטו שוין מער נישט זינגען... — האָט מיט באדויערן אָלעסיא איר איבערגעריסן די רייד.

דער טאטע איז שוין געשטאנען גרייט נעבן באַלעגאָלע. דאָס אָרעמע פּעקעלע, מיט וועלכן מען האָט ארויסבאגלייט אסתּר־רחלען פֿון דער היים, איז געלעגן אויפֿן וואָגן, וואָס האָט זי באדארפֿט אוועקפֿירן אין אויעזדנע שטעטל, קיין וואָלקאָוויסק.

7

אין וואָלקאָוויסק האָט חיים־יוחנן געהאט א הייסן טאָג צוליב זיין אסתּר־רחלען. מען מוז דאָך מיטגעבן דעם קינד עפּעס א פּאפּירל, ווער זי איז, פֿון וואנען זי איז און דאָ ווערט ער געוויר, אז פֿארן געזעץ איז זי בכלל נישטאָ אויף דער וועלט.

איז נישט געווען קיין אנדער ברירה, ווי צושטעלן זי פאר א שא־צונג־קאָמיסיע, וואָס זאָל באשטימען און באשטעטיקן, אז זי איז זי, ווע־מענס זי איז און ווי אלט זי איז.

חיים־יוחנן האָט עדות גענומען צוויי פּאַראָזאָווער יידן, וואָס ווי־נען שוין לאנג אין וואָלקאָוויסק און מיט זייער הילף קלאָר און בולט אויפ־געוויזן, אז זי איז געבוירן געוואָרן אסתר־תענית מיט דרייצן יאָר צוריק, דאָס הייסט אין יאָר 1870. טאקע אסתר־תענית. א סימן זי הייסט אסתר־רחל, ווייל לעולם האָט זי באדארפט הייסן גאָר איין נאָמען: רחל. גאנץ פּאַראָזאָווע קאָן וועגן דעם עדות זאָגן.

די קאָמיסיע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט רעכענען מיט זייערע עדות און סימנים. ווען די משיגאָווניקעס האָבן אָנגעקוקט די געזונטע, הויכע, שלאנקע מויד, האָבן זיי באשלאָסן, אז נישט אנדערש, ווי זי איז אלט פופצן יאָר און אזא פּאפּירל האָט מען איר ארויסגעגעבן.

חיים־יוחנן האָט זיך אפילו שטארק צעלאכט דערפון:

— דאָס הייסט עלטערן זיך אָן יאָרן, ווי מען זאָגט עס... מילא, אז זיי איז ליב...

ער האָט צובאגלייט זיין טאָכטער צו דער באן, ווישנדיק זיך דעם שווייס פון שטערן און איינגעוועגס אויך א טרער. ער האָט אפילו נישט קיין צייט געהאט צו באוואונדערן, ווי דאָס וואָלקאָוויסק איז אויסגעוואקסן זייט מען האָט אויפגעבויט די באן, א גאנצער כרך געוואָרן.

אסתר־רחל איז אָבער געגאנגען איבער די גאסן, ווי אין א חלום. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אפילו אין דמיון, אז עס זאָל קאָנען זיין אזא גרויסע שטאָט, ווי וואָלקאָוויסק. אזויפיל מענטשן אויף די גאסן, אזויפיל וואָגנס — דאָס האָט זי אין משך פון וואָכן נישט געזען אין פּאַראָזאָווע. זי וואָלט שוין וועלן זען, צי איז וואַרשע אויך אזא גרויסע שטאָט.

זי האָט נישט באמערקט, ווי זיי זענען צוגעגאנגען צום וואָקזאל. חיים־יוחנן האָט זי ארייגגעזעצט אין וואגאָן אריין, אָנגעזאָגט אכטונג צו געבן אויפן פּעקל און אויף די צוויי פּאפּירלעך: דאָס, וואָס זאָגט עדות, אז זי איז זי און א קליין פּאפּירל, וואָס הייסט א בילעט און וואָס גיט איר א רעכט צו פאָרן מיט דער באן.

א גלאָק האָט געגעבן א שטארקן קלונג, עס האָט זיך דערהערט א פייף און א טרייסל האָט אויפגעוועקט אסתר־רחלען פון גליווער. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צום פענצטער און דערזען דעם טאטן, ווי ער דער־ווייטערט זיך אלץ מער פון איר, ווישנדיק א טרער.

II

וואַרשע

1

זי אזוי די שעהן זענען פארבייגעלאָפן אין וואגאָן האָט אסתר־רחל אפילו נישט געפילט. זי איז געזעסן פארגליווערט, צודריקנדיק מיט איין האנט דאָס פעקל מיט איר ביסל אָרעמקייט און מיט דער צווייטער — דאָס לייוונטענע בייטעלע, וואָס איז אויף א שטריקעלע געווען צוגעבונדן צו איר האלדז.

דער טאטע האָט איר געהאט ארייגעלייגט אין פעקעלע א שטיק ברויט צו דערכאפן זיך דאָס הארץ בעת דער לאנגער רייזע. זי האָט אָבער נישט געפילט קיין הונגער.

אין וואגאָן איז געווען אן אָנגעלויף פון מענטשן: יידן, וואָס זענען געפאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורות און טומלדיק גערעדט וועגן זייערע געשעפטן. א באגוידערטער, באלייבטער ייד, וואָס איז געפאָרן צו א דאָקטאָר אין דער באגלייטונג פון זיין אויסגעטרוקנט ווייבל און געהאלטן אין איין רעדן וועגן זיינע חולאתן, אונטערגעהאלטן דורך די שטילע זיפצן פון זיין ווייבל. יידן, וואָס זענען געפאָרן קיין וואַרשע זוכן ארבעט, פרנסה, א היים און האָבן זיך דערווייל מיט נייגעריקייט צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס די סוחרים האָבן דערציילט וועגן וואַרשע, געפרווט אפילו פרעגן וועגן זאכן, וואָס האָבן זיי באזונדערס אינטערעסירט און אנטשוויגן געוואָרן אונטער די ביטולדיקע בליקן פון די סוחרים...

געווען אויך א פאָר יונגע מענטשן, וואָס זענען שטיל געזעסן פארקוועטשט אין די ווינקעלעך. זיי האָבן אויך, ווייזט אויס, מיטגעמאכט היינט די ערשטע רייזע מיט דער באן, זיי זענען אָבער נישט געווען אזוי

פֿארגליווערט, ווי אסתר=רחל. ביי יעדער סטאציע, ביי יעדן אָפּשטעל פֿון דער באן האָבן זיי זיך א צאפּל געטאָן, אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער, געקוקט מיט נייגעריקייט דורך די פֿענצטער און צוריקגעזעצט זיך...

פֿויערים און פֿויערטעס, באלאָדענע מיט קוישלעך, קאנעס, בלעכן, האָבן געפֿירט צווישן זיך צעצויגענע שמועסן וועגן ווירטשאפֿט, וועגן די פֿעלדער, וועגן גערעטעניש. די פֿויערים האָבן זיך אָפּט געביטן. אייניקע זענען אראָפּגעשטיגן אויף פֿארבייגעפֿאָרענע סטאציעס, אנדערע זענען אויפֿגעשטיגן. ביי יעדער אזא ענדערונג איז געוואָרן א באוועגונג אין וואגאָן, א טומל, מענטשן האָבן זיך איבערגערוקט, צונויפֿגעדריקט, געהאט טענות צו די צוגעקומענע, געבייזערט זיך, וואָס מען האָט זיי א שטויס געטאָן מיטן קוישל... אסתר=רחלען איז עס אלץ נישט אָנגעגאנגען, זי איז די גאנצע צייט געזעסן אומבאוועגלעך, נישט געהערט און נישט געזען, וואָס עס קומט פֿאָר ארום איר. פּלוצלינג אָבער האָט מען זי מיט געוואלד אויפֿגעוועקט פֿון איר גליווער:

— בילעט!

זי האָט דערזען פֿאר זיך א פּאָר וואָנסן און א היטל מיט א קנעפּל, דערפֿילט, אז דאָס מיינט מען בפֿירוש זי. וואָס וויל מען פֿון איר?... אָבער ווען זי האָט נאָכאמאָל דערהערט דאָס צודרינגלעכע: בילעט! — האָט זי זיך א כאפּ=געטאָן צו דעם זעקעלע אויף איר ברוסט, מיט ציטערנדיקע הענט עס ארויסגעשלעפּט און ארויסגענומעןביידע פּאפּירלעך, וואָס זענען דאָרט געלעגן באהאלטן.

דער מענטש האָט א קוק געטאָן אויף די פּאפּירלעך, געמאכט עפּעס א צייכן אויף דעם קלענערן און א צי געטאָן מיט די אקסלען:

— ווי לאָזט מען עס אזא ווילד קינד אליין אין דער וועלט אריין!

אסתר=רחל האָט נישט געהערט די ענטפֿערס, וואָס זענען געפֿאלן פֿון אלע זייטן. נישט געהערט די וויצן אויף איר חשבון — שנעל צוריק באהאלטן די פּאפּירלעך אין זעקעלע, פֿארשטעקט עס אויף דער ברוסט און ווידער געזעסן פֿארגליווערט, ווי פֿריער.

סטאציעס זענען פֿארבייגעלאָפֿן, שעהן זענען געפֿלאָסן — פֿאר איר האָט זיך די צייט נישט געצויגן און די צייט איז נישט געפֿלויגן. זי איז געשטאנען אויף איין אָרט, ווי אסתר=רחלס געדאנקען, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אָרט: ווארשע!

.2

— ווארשע! אויסשטייגן!

אין דרויסן האָבן גרויסע גאז־לאָמפּן באלויכטן דעם וואָקזאל און ס'האָט געברויזט א באוועגונג פון הונדערטער מענטשן. די ליכט האָט זי פארבלענדט: נאָך קיינמאָל אין איר לעבן האָט זי נישט געזען אזויפיל ליכט. אפילו צו שמחת־תורה אין שול איז נישט געווען אזוי ליכטיק.

זי איז שטיין געבליבן פארן וואגאָן מיטן פּעקעלע אין דער האנט און געקוקט א פארווירטע פאר זיך. וואָס דארף זי איצט טאָן? וואוהין גיין? זי האָט מורא־געהאט דערטרונקען צו ווערן אין דעם ים מענטשן. זי איז אזוי געשטאנען און ווידער נישט געפילט צי עס זענען פארביי שעהן, צי מינוטן, ביז זי האָט דערהערט א פריידיקן אויסגעשריי:

— רחלע! שוועסטערל!

א הייסער פריידיקער שטראָם האָט א פלייץ געטאָן פון אירע אויגן, ווען זי האָט זיך דערפילט אין די אָרעמס פון איר שוועסטער רבקה.

— אז איך האָב שוין נישט געוווּסט אווו דיך צו זוכן... כ'האָב געקוקט און געקוקט אויף אלע פּאסאזשירן און דיך זע איך נישט! — האָט רבקה אין איר אריינגערעדט, פירנדיק זי צום ארויסגאנג.

— מיר וועלן איינשטייגן אין טראמוויי און צופאָרן אין שטאָט אריין, פון דאָרט וועלן מיר שוין נישט וויט האָבן צו קיילען אהיים...

— טראמוויי? וואָס הייסט „צופאָרן אין שטאָט אריין?" איז זי נאָך נישט אין ווארשע? — האָבן זיך געדאנקען געקנוילט אין אסתר־רחלס מוח.

זי איז שטיין געבליבן מיט רבקהן פארן וואָקזאל און אָט פאָרט צו עפּעס א מאָדנע באן, א קלענערע, ווי די, מיט וועלכער זי איז אהער־געקומען און אין פערד געשפּאנט.

— קום שנעלער, גיב אכטונג מען זאָל דיך נישט אוועקשטויסן פון מיר אין געדרענג! — האָט זי רבקה געמונטערט, איינשטייגנדיק אין דער צוגעפאָרענער קליינער באן.

דאָס איז, הייסט עס, דער טראמוויי?... זיי פאָרן.

א פריילעך קלינגען פון גלעקלעך, ווי ביי קי, וועלכע מען לאָזט ארוים אויף פּאשע און עס פאָרט די באן, פאָרט איבער באלויכטענע גאסן, וו עס דרייען זיך ארום אין אלע ריכטונגען מענטשן, ווי די מו־ראשקעס. א וואָגן יאָגט זיך נאָך א וואָגן, באלעגאָלעס אין טונקל אָנגע־

טאָן, מיט גלאַנציקע דאַשקעס, יאָגן איבער די באַן אויף זייערע פלינקע בריטשקעס — ברייטערע, העכערע, ווי אין פּאָראָזאָווע, טונקל־גלאַנציקע — און יאָגן אונטער די פערדלעך מיט א הילכיקן „וויאָ“!

פוסטע פלעצער אויפן וועג און צווישן זיי — הויכע, געמויערטע הייזער, ריזיקע, ווי דער קלויסטער אין פּאָראָזאָווע. אין פאַרשידענע ערטער זענען אויפגעשטעלט הויכע רושטאָוואַניעס, פון וועלכע עס זעען זיך ארויס נישט פאַרענדיקטע ציגלנע מויערן... און קלויסטערס, ווי די העכסטע סאָסנע אין וואַלד, מיט שפּיצן, וואָס שטעכן ממש דעם הימל.

— באַלד וועלן מיר פאַרבייפאָרן די בריק איבער דער ווייסל...

ווייסל, דאָס איז דער טייך, וואָס טיילט אָפּ פּראַגע פון וואַרשע. אָט פאָרן מיר באַלד ארויף אויף דער בריק, — האָט איר רבקה אַלץ אויפגעקלערט.

פאַר אירע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט א וווּנדער־בילד: א ברייטער וואַסער־פאַס האָט זיך געמיניעט פון די פייערן, וואָס האָבן זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט און זיך געצויגן העט־העט ווייט אויף רעכטס און לינקס. און אויף יענער זייט, אויף א באַרג — אומצאָליקע ריזיקע הייזער, העל־באַלויכטענע.

אָט פאָרן זיי טאַקע ארויף אויף דער בריק. זי זעט פאַר זיך ברייטע שטאַכעטן, ווי פון אײַזן, וואָס דעקן צו די בריק פון ביידע זייטן. ס'ציט זיך לאַנג, לאַנג. אומגלויבלעך, ווי עס קאָן זיך האַלטן אַזאַ משא איבערן וואַסער און אַזויפיל וואָגנס און מענטשן אויף איר. ס'האַרץ האָט א ציטער געטאָן: צי וועט דאָס אַלץ זיך נישט איינברעכן און מיט זיי צוזאַמען אַרײַנפאַלן אין וואַסער? גאָר די בריק איז דערווייל געבליבן פון הינטן, זיי פאָרן איצט באַרג ארויף דורך א ברייטער גאַס. א ווונדערלעכער פּאַלאַץ, העל־באַלויכטן, רוקט זיך פאַרבײַ זייערע אויגן.

— ס'איז דער קעניגלעכער שלאָס, — רוימט איר רבקה איין אין אויער.

ווינט דאָ, הייסט עס, א קעניג? און זי האָט געמיינט, אַז ס'איז גאָר דאָ א קייזער, ערגעץ ווייט אין רוסלאַנד...

פאַר אירע אויגן טויכט אויף א גרויסער זייל, ציט זיך הויך, צום הימל און דאָרט אויבן, דוכט זיך, שטייט טאַקע א קעניג מיט א קרייץ און שווערד אין האַנט. ס'איז שווער גוט צו באַקוקן. דאָרט אויבן ווערט אַלץ פינצטערער און פינצטערער...

אַזאַ משונהדיקע באַוועגונג ארום, א קלינגערײַ פון גלעקלעך פון אַנדערע פאַרבייפאָרנדיקע באַנען... טראַמווייען הייסט עס... א קלאַפּע־

ריי פון רעדער און קאַפּיטעס פון פאַרבייפאָרנדיקע ברישקעס... און מענטשן, מענטשן אָן א שיעור, א טומל, א גערויש, דער שאַרבן שפּאַלט זיך ממש.

— דאָ וועלן מיר אויסשטייגן און צוגיין צו קיילעס הויז, ס'איז שוין נישט ווייט, — האָט זי רבקה מיטגעשלעפּט צום טרעפּל פון וואַגאָן.

זי איז נאָכגעגאַנגען רבקהן איבער די שטיינער פון די גאַסן. ווי א פאַרבישופטע, נישט זעלטן זיך א שטויס געטאָן איבער א שטיין, א וואַקל געטאָן זיך, רבקה האָט זי לאַכנדיק אונטערגעהאַלטן. זי האָט עס נישט באַמערקט, נישט געפילט. איינס האָט זי נאָר געדענקט: זי איז אין וואַרשע.

3

ביי דער שוועסטער קיילען איז טאַקע געווען שענער, בעסער און גרויסער ווי ביי די אַנדערע שוועסטער און דעם ברודער. אסתר־רחל איז שוין אויסגעווען ביי אַלע, אָנגעפּרייט זיך מיט אַלע, מיט די קינ־דערלעך זייערע און זי האָט גיך דערפילט, אַז צו קיין גרויס עשירות האָבן זיי זיך אין וואַרשע נישט אַרויפגעאַרבעט. אַלע האָבן זיי געוווינט אויף פּאַוויע גאַס, נאָר די עלטערע שוועסטער מיטן ברודער האָבן גע־וווינט אין הויכע שטרענגע מויערן, וואָס זענען געשטאַנען, ווי אויף עק שטאָט — ווייטער האָבן זיך שוין געצויגן ווייניק באַבויטע פעלדער און דער וועג צום בית־עולם. זיי האָבן געוווינט אויפן דריטן, פערטן שטאָק, וו מען האָט באַדאַרפט אַרויפקלעטערן איבער שמוציקע הילצערנע טרעפּ, וו עס האָט פון אַלע ווינקעלעך געוויייעט מיט פייכטקייט און שימל. דאַקעגן קיילע האָט געוווינט נענטער צו דזשיקע גאַס, אין א שענער באַלעבאַטיש הויז, אין צוויי גרויסע, ליכטיקע צימערן אויפן ערשטן שטאָק.

— נו, דער שוואָגער פּולמאַן דאָס איז א קאָפּ־מענטש. קיילע וועט נאָך ביי אים ווערן א גבירטע! — האָבן די שוועסטער איר דערציילט מיט דרך־ארץ און אָן קנאה, פרייענדיק זיך, וואָס דער יינגערער שוועס־טער האָט אזא גליק געטראָפן.

— אז גאָט וועט העלפן און ס'וועט דיר באַשערט זיין, וועסטו אויך טאָן אזא שידוך, — האָט זי געטרייסט דער ברודער יאַנקל.

אסתר־רחל האָט גאָרנישט געטראַכט דערפון. זי איז גליקלעך גע־ווען פאַר איר שוועסטער, גליקלעך געווען, וואָס זי האָט אזוי גוט אריינ־

געטראָפן אין וואַרשע, וואָס זי וווינט אין אַזאַ פּאַלאַץ. ווי בײַ קיילען לעבט מיט אַזאַ גרויס־שטעטיש לעבן.

אוועק די ערשטע פּאָר וואָכן פון אָנפרייען זיך מיט וואַרשע. דאָס לויפן צום ברודער און צו די שוועסטער האָט געגעבן א סך פרייד. היינט דאָס שפּאַצירן איבער די גאַסן גופא, דאָס צוגעוווינען זיך צו דער באַוועגונג, צום טומל, צו דער מענטשן־מענגע — דאָס האָט געמאַכט פלינקער אַרבעטן איר קינדיש מוח, אויסגעלערנט זי באַמערקן און זען אומבאַקאַנטע זאַכן.

אין די שבתים פלעגט זי גיין שפּאַצירן מיט עמעצן פון דער משפחה איבער די ווייטערע גאַסן, אין קראַשינסקיס גאָרטן, צום שלאָס־פּלאַץ ביז צו דער ווייסל, באַוואונדערן די קראַקעווער פאָרשטאָט און דורכן זאַקסישן גאָרטן און אייזערנעם טויער צוריקגיין צו איר פּאַוויע גאַס. זי פלעגט ווי א שוואָם, איינזאַפּן אַלץ נייע איינדרוקן, באַוואונדערן דעם פאַרנעם און גרויסקייט פון דער שטאָט, די פאַרשידנקייט פון מענטשן און זייער קליידונג. זי איז אַלץ דרייסטער געוואָרן אין אירע שפּאַצירן איבער דער שטאָט, שוין נישט מורא געהאַט זיך אליין דורכצושפּאַצירן איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, פאַרגעדענקענדיק די ריכטונג, ווי זי האָט באַדאַרפט צוריקגיין. מיט יעדער וואָך איז זי געוואָרן אַלץ מער גרויסשטעטיש. זי פלעגט זיך שוין ווייניקער חידושן מיטן געזעענעם, באַוואונדערן און נישט איבעראַשט ווערן, פאַרלירן די געוויגנהייט צו מעסטן מיטן פּאַראַזאָווער מאַסשטאַב די ניי־געזעענע זאַכן.

איין אָרט פלעגט זי נאָר א ביסל שרעקן בעת די שפּאַצירן, אַן אָרט, וואָס איז מער פון אַלע געלעגן אויפן וועג פון אירע שפּאַצירן; די לאַנגע ציגלנע געביידעס הינטער א הויכער מויער אויף איר וווינגאַס — דער פּאַוויאַק. די ריזיקע תפיסה האָט ביי איר אַרויסגערופן א שרעק און ווידערווילן: דאָרט זיצן פאַרשפּאַרט מענטשן, וואָס זעען נישט קיין זון־שטראַל, וואָס קאָנען נישט שפּאַצירן איבער די גאַסן און עטעמען פריי, וואָס מוזן זיך טעג און נעכט אַרומדרייען אין זייערע ענגע, שטיינערנע קאַמערלעך.

אַזוי זענען איר אומבאַמערקט פאַרבייגעלאָפן חדשים. זי האָט געהאָלפן קיילען, וועלכע איז געווען ווייט אין די הויכע חדשים, צו פירן די ווירטשאַפט, נישט געפילט די לאַסט פון אַרבעט אין שטוב און גליקלעך געווען מיט דעם לעבן אין דער גרויסער שטאָט.

דער שוואָגער פּולמאַן איז די ערשטע צייט געווען צו איר זייער פריינדלעך, כאָטש עס האָט זיך געפילט אַן אָנגעצויגענע שטייפקייט

אין זיין רעדן, אין זיין קוקן. ער פלעגט איר אפילו ווידמען אביסל צייט אויף לערנען, אויסגעלערנט זי דעם פוילישן אלף־בית, רעכענען, צובים־לעך האָט זי אָנגעהויבן צו לייענען, נישט פארשטייענדיק כמעט די גע־לייענטע ווערטער.

— מען מוז זיך אָפּגעווינען פון די דאָרפישע מאניערן, — האָט ער זי געלערנט. — זאָל זי אָנהייבן צו רעדן פויליש, אויסלערנען זיך צו רעדן מיט מענטשן, ווי צו האלטן זיך אין א געזעלשאפט, אז נישט וועט זי אין ווארשע פארזעסן ווערן ביזן גרויען צאָפּ...

דער „זאָל זי" האָט איר אביסל פארדראָסן. זי האָט געהערט, אז אזוי רעדט מען צו דינסטן אין נגידישע הייזער און זי האָט אָנגעהויבן צו פילן אין שוואָגערס טאָן א באציונג צו זיך, ווי צו א דינסט.

שטארק האָט איר פארדראָסן, וואָס דער שוואָגער פלעגט זיך קרו־מען, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען א פויעריש לידל און האָט איר אפילו אמאָל שארף א זאָג־געטאָן:

— זאָל זי אויפהערן צו פארקלאפּן דעם קאָפּ מיט די פויערישע לידער. דאָ איז נישט פּאָראָזאָווע... אין דער אָפּערע הערט מען עפּעס שענערס און אז מיר וועט זיך פארגלוסטן צו הערן געזאנג, וועל איך גיין אין דער אָפּערע...

איז זי געוואָרן אנטשוויגן און אומעטיק.

4

דער קליינער ארעלע, קיילעס בכור, האָט שוין אָנגעהויבן ארומצו־לויפן איבערן צימער, געוואקסן א שיין, ווייל ייִנגעלע און אסתר־רחל האָט אים געהאָלוביעט ווי אן אייגן ברודערל. ער איז דאָך ממש אויף אירע אויגן געבוירן געוואָרן, אויסגעוואקסן. זי האָט זיך מיט אים גע־ניאנטשעט, געוואשן, געוויגט, געקאָרמעט, גישט באמערקנדיק ווי די צייט איז פארבייגעלאָפן, ווי זי איז עלטער געוואָרן מיט חדשים, א יאָר, נאָך חדשים.

אסתר־רחל האָט זיך דורך דער צייט זייער שיין אנטוויקלט, גע־וואָרן א גרויסע, געזונטע מויד — א גאנצע פריילין. געלעבט האָט זי ביי קיילען. זייער גוט, גענעסן צו דער זעט און גוטע מאכלים, ווי קיינ־מאָל אין איר לעבן ביז דאן. אויך אָנגעטאָן האָט זי קיילע צוביסלעך באשיידן, אָבער גאנץ. פון אירע אלטע קליידער האָט זי געלאָזט עפּעס

איבערמאכן פאר אסתר־רחלען און ס'האָט זייער לייטיש אויסגעזען. אסתר־רחל האָט אָבער געהאט פארדרוס פון דעם שירצל מיטן טיכל אויפן קאָפּ, וואָס זי האָט געמוזט טראָגן אויפן שוואָגערס פארלאַנג.

— ס'איז אזוי היגיעניש. א מיידל, וואָס גייט ארום א קינד, מוז זיין אָנגעטאָן, ווי געהעריק, — פלעגט דער שוואָגער טענהן.

דעם שוואָגער איז עס זייער גוט געגאנגען, דאָס האָט זיך געפילט אין שטוב. ער האָט שוין אוועקגעוואָרפן דאָס לערעריי און אָנגעהויבן צו פירן גאָר וויכטיקע געשעפטן. אין שטוב צו זיי פלעגן איצט ארויפקומען רייך־געקליידעטע הערן און מאכן מיטן שוואָגער פארשידענע חשבונות, ציילן געלט. ארעלע האָט זיך ארומגעדרייט א נייגעריקער צווישן די ניי אריינגעקומענע מענטשן און האָט זיי, ווייזט אויס, געשטערט, ווייל דער שוואָגער פלעגט ווערן אומגעדולדיק און זאָגן צו קיילען:

— זאָל דאָס פרוילײן נעמען דאָס קינד און גיין דערמיט אביסל שפאצירן.

אסתר־רחל האָט פארשטאנען, אז דאָס קינד שטערט און עס האָט זי נישט פארדראָסן, וואָס מען שיקט זי אוועק. אָבער פארוואָס רופט זי דער שוואָגער נישט ביים נאָמען, נאָר „פרוילײן“, ווי זי וואָלט געווען א פרעמדע אין שטוב? זי האָט אפילו געפרעגט קיילען וועגן דעם. קיילע האָט זיך אביסל פארלוירן, אָנגעהויבן צו פארענטפערן:

— חלילה־וחס, וואָס פאלט דיר איין, רחלע... נאָר וודען? ס'קומען פרעמדע מענטשן, וויכטיקע געשעפטן... פארן געשעפט פאסט זיך צו האָבן א פרוילין צום קינד.

מילא, זאָל זיין אזוי, ווייל פון די שפאצירן איז זי דווקא צופרידן געווען. ארעלע איז א געהאָרכזאם קינד, שטארק צו איר צוגעבונדן און האָט זי ליב. זי האָט נישט מיט אים קיין צרות, ווי אנדערע מיט די קינדער אויף שפאציר. זי פלעגט זיך דערוויל טרעפן מיט חברטעס, וועלכע זי האָט זיך שוין באוויזן צו דערווערבן, שמועסן מיט זיי, זינגען אירע באליבטע לידער און הנאה־האָבן פון דער גרויסשטעטישער באוועגונג. האָט זי טאקע געוואָרט אויף דער געלעגנהייט דער שוואָגער זאָל איר הייסן גיין מיטן קינד.

צווישן די חברטעס האָט זיך געפונען איינע — לאה, א שיין מיידל, כאָטש אביסל עלטער פון אסתר־רחלען. דעם מיידל איז געפעלן געוואָרן אסתר־רחלס ציכטיקע קליידונג, איר פשטות און ס'האָט איר אויך אימפּאָנירט, וואָס איר חברטע האָט אזא פיינעם שוואָגער. זי אליין האָט

געארבעט ביי פאפיראָסן, אין דער גרויסער פאבריק אויף די באָני־
פראטן, אָבער געחלומט האָט זי וועגן א שיינער שטוב און א באַלעבאַ־
טיש לעבן. געקומען איז זי מיט א פאָר יאָר צוריק קיין ווארשע פון
א שטעטל, ווו אירע עלטערן האָבן געהאט א געוועלבל. זיי זענען גע־
קומען זוכן גליק אין ווארשע און דערוויילע פארלוירן די לעצטע פאָר
רובל. האָט לאה געמוזט גיין ארבעטן, כדי ארויסצוהעלפן דעם טאטן
אין דער פרנסה. דאָס, וואָס זי מוז ארבעטן אין פאבריק איז פאר איר
געווען א גרויסע שאנד, נאָר זי האָט זיך געטרייסט:

— אלץ בעסער, ווי צו זיין א דינסט.

אסתר־רחל איז מיט איר מסכים געווען. זי האָט אויך געהאלטן,
אז צו זיין א דינסט איז ערגער, ווי צו ארבעטן אין א פאבריק.

לאה האָט עס אויפגענומען מיט א שמייכעלע, נישט גיבנדיק צו
פארשטיין, אז אייגנטלעך האָט זי עס געמיינט אסתר־רחלען.

זיי פלעגן זיך בעיקר טרעפן אין די שבתים און שעהן־לאנג שפא־
צירט, שפילנדיק זיך מיט ארעלען און שמועסנדיק סתם אין דער וועלט
אריין.

בעת אזא שפאציר האָט זיי איינמאָל געטראָפן דער שוואָגער און
אָפּגעשטעלט:

— ווער איז דאָס מעדכען מיט וועמען זי שפאצירט?

— דאָס איז מיין חברטע לאה, זי ארבעט אין דער פאפיראָסן־
פאבריק, — האָט אסתר־רחל געענטפערט, מיינענדיק צו איבערראשן
דעם שוואָגער, וואָס פאר א פיינע חברטע זי האָט.

— זאָל זי זאָפאָרט גיין מיטן קינד אהיים. מיר וועלן זיך שפעטער
אדורכרעדן! — האָט ער שטרענג געזאָגט, איבערלאָזנדיק זיי אָן א
זיי־געזונט.

אסתר־רחלען האָט עס א ברי געטאָן. א טראָציקייט האָט אין איר
אויפגעפלאמט און זי האָט דווקא לענגער ארומגעשפאצירט מיט לאהן.
לאה האָט זי אפילו געפרווט אהיימצושיקן, אייגרעדנדיק:

— גיי, רחלע, אהיים, דער באַלעבאָס קאָן זיך נאָך צעבייזערן.

— וואָס פאר א באַלעבאָס?

— נו, דער שוואָגער, מיין איך...

ווען אסתר־רחל איז אהיימגעקומען האָט זי געטראָפן קיילען מיט
פארוויינטע אויגן און פולמאן האָט זיך ארומגעדרייט אָן אָנגעבמורע־
טער איבער דער שטוב, צופנדיק דאָס קורץ־געשווירענע בערדל.

— פארוואָס איז זי נישט גלייך אהיימגעגאנגען? — האָט ער זי שטרענג געפרעגט.

— ווייל איך האָב נאָך געוואָלט אביסל ארומשפּאצירן, — האָט זי רואיק געענטפערט.

— איך ווינטש זיך נישט זי זאָל שפּאצירן מיט מיידלעך פון פאב־ריק, אזוי לאנג ווי זי איז ביי מיר.

— מיט וואָס זענען פאבריק־מיידלעך ערגער פון אנדערע פריי־לינגס, אָדער... דינסטן? — האָט אסתר־רחל אביסל געהויבן דעם טאָן, דערמאָנענדיק זיך לאהס ווערטער.

פולמאַן איז שטיין געבליבן, זי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זי איצט צום ערשטן מאָל דערזען אין אויסער זיך א פּאטש געטאָן מיט די הענט:

— אָט האָסטו דיר, אז מען האלט אן אייגענעם אין שטוב! איך האָב אָבער שטענדיק געזאָגט, אז מען דארף נעמען נאָר א פרעמדע! ס'וואָלט גאָרנישט טייערער געקאָסט און ס'וואָלט נישט געהאט אזויפיל חוצפּה!...

ער איז ארויס פון שטוב, פארקלאפּנדיק הינטער זיך די טיר.

אסתר־רחל איז א ווײַלע שטיין געבליבן געפּלעפט. איר מוח האָט וועגן עפּעס אָנגעשטרענגט געטראכט, לסוף האָט זי, שוין א באהערשטע, געוואָנדן זיך צו קיילען:

— איך גיי אוועק פון דיר!

קיילע האָט אויסגעשטארט א פּאָר אויגן, נישט פארשטייענדיק:

— דו גייסט, וואָס הייסט דו גייסט? וווהין וועסטו גיין?

— כ'וועל גיין ארבעטן אין פאבריק, — האָט אסתר־רחל אנט־שלאָסן געענטפערט.

— ווי איז מיר! א פאבריק גאָר! ס'פעלט דיר עפּעס ביי מיר? מיינסט, אז עס פארדינט זיך אזוי לייכט א פּאָר גראָשן אין פאבריק?

— אבי נישט צו זיין א דינסט. צו גוט בין איך שוין צוגעוווינט. און פאר ארבעט האָב איך נישט קיין מורא.

5

קנוילן פינצטערניש זענען נאָך געהאָנגען איבער דער פּאוויע־גאס, ווען אסתר־רחל איז דאָס ערשטע מאָל אוועק ארבעטן אין דער פּאפּי־ראָסן־פאבריק. ווי־נישט־ווי האָט מען שוין געעפנט די טיר פון א

שפּיין־געוועלבל — דער פאַרשלאָפענער קרעמער האָט ביי דער בלאַ־סער שיין פון א נאַפט־לעמפּל אָנגעהויבן דאָס לייזעכץ ביי די, וואָס האָבן געאיילט צו דער אַרבעט: א פונט ברויט, א שטיקל הערינג, זעל־טענער — א פּאָר לויט פּוטער אויף א שטיקל פּאַפּיר.

אסתר־רחל האָט מיט גיכע טריט געשפּרייזט דורך דער דזשיקע, גענשע, פראַנציישקאַנער צו דער באָניפראַטערסקע, ווו עס האָט שטרענג ארויסגעשיינט די ציגלנע מויער פון דער פאַפּיראָסן־פאַבריק. ס'האָט זי אונטערגעטראָגן דער געדאַנק: וואָס גיכער אָנהייבן צו אַרבעטן, וואָס גיכער פאַרדינען א פּאָר קאָפּיקעס, ווערן א זעלבשטענדיקער מענטש.

זי האָט זיך אויסגעמאָלן דעם טאַטנס נחת, ווען זי וועט אים אויף יום־טוב שיקן א רובל פון איר פאַרדינטן געלט. ווי גוט וועט איר שמעקן דאָס שטיקל ברויט, ווען זי וועט וויסן, אַז זי האָט עס זיך פאַרדינט, געקויפט פון אייגענער אַרבעט.

צענדליקער מיידלעך זענען געשטאַנען ביים אייזערנעם טויער פון דער פאַפּיראָסן־פאַבריק. ביי דער מאָגערער שיין פון דעם לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען איבערן אריינגאַנג־טויער, האָט אסתר־רחל דערזען אויס־געמאַטערטע פּנימער פון פרויען, וועלכע האָבן מיט פאַרלאָשענע בליקן געקוקט אויפן טויער. די מערהייט נישט אויסגעשלאָפענע, מידע, האָבן זיך געטוליעט אין די טיכער, ווי ס'וואָלט אין דרויסן געווען א פעסטע קעלט.

אסתר־רחלען איז הייס געווען. די גיכע טריט, מיט וועלכע זי האָט געאיילט צו דער פאַבריק, האָבן זי טאַקע דערוואַרעמט, אָבער גאָכמער — דער אומגעדולד פון וועלן שטיין ביי דער אַרבעט. זי האָט מיט אומ־רואיקע בליקן געזוכט איר חברטע לאה, וועלכע האָט איר צוגעזאָגט צו געבן אַרבעט אין דער פאַבריק, און א פריידיק פלעמעל האָט זיך צע־העלט אין אירע אויגן, ווען זי האָט געזען אָנקומען די חברטע. זי האָט זיך דורכגעשטופּט צו איר דורך די וואַרטנדיקע פרויען און לעבהאַפט דערציילט:

— כ'האָב זיך אַזוי געאיילט! מורא־געהאַט כ'זאָל נישט פאַרשפּע־טיקן... כ'וואָלט שוין אַזוי וועלן אָנהייבן צו אַרבעטן!

— האָט מורא, אַז זי וועט פאַרזוימען ס'גליק! — האָט זיך אין שכנות אָנגערופן א הייזעריקע שטים, וועלכע איז באַלד באַגלייט גע־וואָרן מיט א טרוקענעם הוסט.

— זעט אויס א דאָרפישע ליאַליע, — האָט גאַליק געענטפערט א צווייטע שטים.

אסתר־רחל האָט מיט פאַרחידושטע אויגן געקוקט אויף לאהן, וועל־בע האָט איר געמאַכט א צייכן מיט דער האַנט זי זאָל זיך נישט מאַכן הערן.

מיט פוילע טריט איז ארויס פון וועכטער־ביידל דער וועכטער, גע־לאָסן אָנגעהויבן אויפצושליסן דעם ברייטן טויער, לאַנגזאַם געדרייט דעם שלאָס ביז עס האָט זיך דערהערט א גלאָק און א שטראָם פרויען האָט אריינגעפליצט אויפן הויף פון דער פאַבריק.

גרופּעסווייז זענען זיך די פרויען פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשי־דענע אריינגענג אין מויער. אסתר־רחל האָט זיך געהאַלטן נעבן לאהן און מיט איר צוזאַמען אריין אין א גרויסער האַליע, וווּ ס׳זענען געשטאַ־נען אויפגעשטעלט לאַנגע טישן מיט א סך קליינע מאַשינדלעך אויף זיי. ביי דער געדעמפּטער ליכט האָבן זיך די פרויען אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער און גלייך זיך גענומען צום שטאָפּן טאַבאַק אין די גילזן.

א זיסלעכע איבלדיקייט האָט א שלאָג געטאָן אסתר־רחלען אין דער נאָז. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט אריינגעפאַלן אין א גרוב מיט פוילנדיקע, פייכטע בלעטער, וואָס זענען צעוואַרעמט דורך דער זון. ס׳האָט זיך איר ממש דער קאָפּ פאַרדרייט.

לאה האָט זי א צי־געטאָן ביים האַנט און צוגעפירט צום מייסטער, וואָס איז געזעסן איבער לאַנגע פּאַפּירן אין א ווינקל, באַלויכטן דורך א העל־לעמפּל אויפן שרייב־טיש .

— דאָס איז מיין חברטע האַלפערן, וועגן וועלכער איך האָב אייך דערציילט.

— גוט, גוט. זאָל זי זיך זעצן ארבעטן נעבן דיר. ווייז איר צו און שפּעטער וועלן מיר זען, וואָס וועט ארויסקומען, — האָט אָפּגעבראָמט דער מייסטער, ווי ער וואָלט געווען אומצופרידן פון ביי־צוגעקומענע ארבעטער.

גייענדיק מיט לאהן צו איר אָרט ביים טיש האָט אסתר־רחל נישט געקאָנט אראָפּשלינגען די פראַגע, וואָס האָט זי געמאַטערט נישט ווייני־קער, ווי די דומפּיקייט פון דער לופט:

— פאַרוואָס זענען עפּעס אַלע אזוי בייז?

— וועסט אָפּאַרבעטן א צייט, וועסטו פאַרשטיין. און דערווייל: טו אזוי... — האָט לאה איר געענטפערט, ווייזנדיק ווי צו שטאָפּן דעם טאַבאַק אין די גילזן.

די חכמה פון דער ארבעט איז נישט געווען קיין גרויסע. אסתר־רחלס פלינקע פינגער האָבן גיך געכאַפּט דעם שניט, און דער שטויס פּאַפּיראָסן נעבן איר האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

טאָג איין, טאָג אוים, האָט אסתר־רחל געאיילט באַגינען אין דער פאבריק אריין. נאָך צוועלף שעה אָפּזיצן ביים שטאָפּן די פאפיראָסן — געשלעפּט זיך א מידע צוריק אויף דער פאַוויע, צו דער עלטערער שוועס־טער רבקהן, ביי וועלכער זי האָט איצט געוווינט. ס'איז טאקע געווען ענגער ביי רבקהן, איר קליינער זון, אלי, האָט מער אַרומגעדרודערט ווי־קיילעם ארעלע, דער טיש איז געווען אַן אָרעמער. רבקהס מאַן, דער שלאָסער ליכטענבערג, איז נישט געווען אזא גרויסער פאַרדינער ווי פּול־מאַן. אחוץ דעם האָט מען געשמועסט, אַז פון פאַרדינסט פאַלט נאָך עפּעס ביי אים אוועק אויף א כוסה. ס'איז אָבער פאָרט ביי זיי געווען היימישער, היימלעכער. מען פלעגט זיך אויסטענהן, ווי ביי די עלטערן אין פּאָראָזאָווע. די שפּראך איז געווען א נאָענטע און דער אופן פון רעדן א פּשוטער. ביי רבקהן האָט מען אין אָוונט געקאָנט א זינג־טון א פּויעריש לידל, פון וואָס אלע האָבן הנאה געהאט און אמאָל טאקע זיך אויך דערמאָנען דעם טאטנס א חזניש שטיקל.

דאָס זינגען האָט אסתר־רחלען מער פון אלץ געפעלט. זי האָט אפילו ביי דער ארבעט געפּרווט א זינג־טון איינס פון אירע לידלעך, האָבן זיך באלד דערהערט פון אלע זייטן מאָדנע אומצופרידענע ברומערייען און איינע פון אירע נאָענטע שכנטעס ביים טיש האָט צוגעוואָרפן מיט באַדויערן:

— אי, מיידל, ווייניק שטויב שלינגסטו איין פון טאבאַק, דאַרפסטו נאָך דאָס מויל עפענען צום זינגען?

אסתר־רחל האָט געפילט, אַז יענע איז גערעכט. דער טאבאַק־שטויב פלעגט פאַרקלעפּן דעם האלדז, פאַרלייגן די נאָז־לעכער און דעם גומען, א ביטערקייט האָט זיך איינגעגעסן אין דער צונג, די אויגן האָבן אָפט געברענט און געטרערט פון שטויב; אין דער נאָז האָט געדרייט צום ניסן. אסתר־רחל האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמען זיך די אויסגעמאטערטע פּנימער פון פרויען, וואָס האָבן שוין א לענגערע צייט געאַרבעט אין פאבריק, די פאַרוויטלטע אויגן און דער טרוקענער הוסט.

איצט איז אויך פאַרשטענדלעך געוואָרן לאהס זאָג דעם ערשטן טאָג, ווען זי איז אָנגעקומען צו דער ארבעט: וועסט אָפּאַרבעטן א צייט וועסטו פאַרשטיין...

דערצו האָט זי זיך נאָך איבערצייגט, אַז פון די פאַרדינסטן קאָן מען קיין עושר נישט ווערן. פאַר די צוועלף שעה ארבעט, וואָס אירע פינ־

גער האָבן קיין רגע נישט גערוט, האָט זי זיך ביים מייסטער דערוואָרבן דעם אָנזען פון א גוטער ארבעטערין. אָבער יעדן פרייטיק, ווען זי פלעגט אָפּנעמען דאָס פארדינטע געלט, האָט זי געזען, אז עס וועט איר נאָר צופעלן צום נייטיקסטן, שוין אָפּגערעדט פון שיקן דעם טאטן אויף יום־טוב. און דאָס איז געווען פאר איר פון די וויכטיקסטע הוצאות, זי זאָל אפילו דארפן זיך אָפּזאָגן פון א מלבוש.

און אָנטאָן האָט מען זיך געמוזט. זי האָט געזען, ווי אירע חברטעס הונגערן ממש, כדי זיך צו קויפן א שטיקל קליידל. אירע נאָענטסטע חבר־טע לאה האָט איצט נאָר דערויף געארבעט און דערביי פארזיכערט אסתר־רחלען:

— ווּעסט נישט זיין אָנגעטאָן, קאָנסטו פארגעסן וועגן א חתן און ווּעסט פארוויאַנעט ווערן אָט, ווי יענע.

יענע, די מערהייט ארבעטערינס אין פאבריק, זענען טאקע געווען אויסגעטרוקנטע, פאר דער צייט פארוועלקטע, פארביטערטע פרויען. אויב עס האָט געשיינט א פייערל אין זייערע אויגן, איז עס געווען דער אָפּ־שיין פון פארצערטע לונגען.

אסתר־רחל האָט, וואָס אן אמת, נישט געטראכט וועגן קיין חתן, נישט אין זינען געהאט זיך צו פוצן. ס'איז דאָך אָבער פשוט א חרפה דורכצוגיין די גאס אין די אויסגעוואקסענע שמאטעס. כאָטש אויף אן אָרעם מענטעלע אָפּשפּאָרן. האָט זי געמוזט אוועקגעבן חדשים שווערע ארבעט, כדי דאָס דאָזיקע מענטעלע זיך איינקויפן.

זי האָט כסדר גאָכגעטראכט וועגן דעם פארוואָס זאָל עס אזוי זיין און ארויסגייענדיק אמאָל אין אָוונט פון פאבריק מיט א פּאָר חברטעס, האָט זי א פרעג געטאָן לאהן:

— ווּעלן מיר טאקע שטענדיק מוזן אזוי שווער ארבעטן און אזוי ווייניק פארדינען?

לאה האָט איר מיט א גוטמוטיק שמייכעלע געענטפערט:

— אזוי איז שוין די וועלט באשאפן. אז גאָט וועט העלפן א מאן, א גוטן פארדינער, וועט מען אינגאנצן נישט ארבעטן און בעסער לעבן.

אין שמועס האָט זיך אריינגעמישט א צווייטע חברטע:

— פאפיראָסן זענען א ביליק ארטיקל, מוז מען ביי זיי ווייניק פארדינען.

דאָס האָט שוין געמאכט רעדן די ערנסטע שפּרינצע:

— אויב אזוי, פארוואָס ווערט אונדזער באלעבאָס אלץ רייכער פון דעם ביליקן ארטיקל?

די צווייטע האָט גלייך אָפּגעשניטן:

— כ'זע שוין, אז ווען דו ביסט גאָט, וואָלסטו די וועלט אַנדערש געמאַכט...

און מיט אַ חוזק־געלעכטערל באַלד צוגעגעבן:

— איר ווייסט, מיידלעך, איר געפעלט דאָך נישט דער קייסער!

אַלע מיידלעך האָבן זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט און שפּרינצע איז ביים ערשטן ראָג, שווייגנדיק אַוועק פון דער גרופּע.

דער אָוונט האָט אסתּר־רחלען דערנענטערט צו דער ערנסטער שפּרינצען. זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט עפּעס אַרויסצוגיין מיט איר פון דער אַרבעט. אָבער שפּרינצע איז אַלץ געגאַנגען אַ שווייגנדיקע און זעלטן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אַלס ענטפער אויף אירע פראַגן.

7

דער גאָלדענער האַרבסט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער וואַרשע. פאַרגעלטע בלעטער פון די ביימער, וועלכע זענען שיטער געוואַקסן אין דער געגנט פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט.

שבת נאָכמיטאָג האָט אסתּר־רחל מיט שטאָלץ אָנגעמאָסטן דאָס נייע מענטעלע, וואָס זי האָט די וואָך געקויפט. איר שטאָלץ איז געווען אַ דאָפּלטער: געקויפט אַ מאַנטל פון פאַרדינטן געלט און דעם טאַטן אויף יום־טוב געשיקט אַ רובל.

רבקה האָט מיט הנאה באַקוקט די שלאַנקע אסתּר־רחל, אויף וועלכער דאָס מאַנטל איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן, און אַ זאָג־געטאָן:

— וואָלסט, רחלע, באַנייט דעם מאַנטל און אַוועק שפּאַצירן צו קראַשינסקיס גאָרטן. אַזאַ שיינער וועטער היינט.

אסתּר־רחל איז גערן איינגעגאַנגען דערויף.

די גאַס איז פול געווען מיט אַ שבתדיק־אויסגעפּוצטער יוגנט, וואָס האָט שפּאַצירט גרופּעסווייז. זעלטן פלעגט זיך דורכשלייכן אַ פּאָרל דורך די גרופּעס יונגעלייט אין קיילעכדיקע שוואַרצע היטעלעך און געקירצטע רעקלעך, יונגעלייט אין קאַשקעטן, מיט פּראַנטיש־אויסגעבונדענע שניפּסן. ס'האָבן געגלאַנצט פיין־אויסגעפּוצטע שטיוול און סקריפּענדיקע שטיבלעטן. די גרופּקעס פלעגן זיך אָפּט אויסציען אין אַ ריי, ווען עס פלעגט דורכגיין אַ גרופּע מיידלעך מיט לאַנגע צעפּ, אָדער הויך־פאַרקעמטע פּיאָקן, און הויכע געשנורעוועטע שיך.

אסתּר־רחל איז געגאַנגען פאַרטון אין זיך, מיטגעריסן מיט דעם

מעגמשן=שטראָם, וואָס האָט דורך דזשיקע און גאָוואָליפּקי געצויגן צו קראשינסקים גאָרטן, אזוי גייענדיק באגעגנט שפּרינצען.

ביידע מיידלעך האָבן זיך הייטער באגריסט. שפּרינצע האָט באוווּנ=דערט אסתּר=רחלס גייעם מאנטל און דערביי א זיפץ=געטאָן: זי וועט זיך דאָס יאָר מוזן באגיין אָן א מאנטל. די מאמע איז קראנק, ארבעט שוין נישט זייט א פּאָר חדשים. זי, שפּרינצע, איז איצט די איינציקע שפּייזערין פון דער מאמען מיט די קליינע ברידערלעך.

זיי זענען אוועק שפּאצירן מיט די נאלעווקעס צום מוראנאָוו. אויפן וועג האָבן זיי זיך צוביסלעך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זייערע קינ=דער=יאָרן. וועגן זייערע משפּחות. אסתּר=רחל איז געוווּיר געוואָרן, אז שפּרינצעס טאטע איז מיט פיר יאָר צוריק, נאָכן ווארשעווער פּאָגראָם, אנטלאָפן קיין אמעריקע. ער איז געווען א מעטאל=ארבעטער, וואָס האָט גוט פארדינט, האָט ער זיך צו זייער שלימזל געמוזט געפינען פארן אייזערנעם טויער, ווען א גרופּע כוליגאנעס האָבן אָנגעהויבן צו פּאָ=גראָמירן. ער מיט א פּאָר חברים ,אייניקע טרעגערס און באלעגאָלעס, האָבן זיך אנטקעגנגעשטעלט. דער טאטע האָט גראָד געהאלטן אין אייזער=נעם שרויף=שטאנג אין האנט און דערלאנגט מיט אים איינעם פון די פּאָ=גראָמשטשיקעס, פּלעטנדיק אים דעם קאָפּ. ביינאכט האָט מען ארויס=געלאָזט א קלאנג, אז דער שווער=פארוווּנדעטער פּאָגראָמשטשיק איז גאָר אן איבערגעטוּענער זשאנדארם און אז מען זוכט ארום דעם טאטן. איז ער אינמיטן נאכט געלאָפן צו דער גרענעץ און זייט דאן איז פון אים קיין ידיעה נישטאָ. די מאמע האָט אליין געמוזט מפרנס זיין די דריי קינדער. זי האָט טאקע געארבעט אין דער זעלבער פּאפּיראָסן=פאבריק, ביז זי האָט אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט. דאן האָט זי אָנגעהויבן צוצוהאנדלען מיט בייגל, מיט זעמל, און שפּרינצע איז אוועק ארבעטן אויף איר אָרט אין דער פאבריק. איצט ליגט די מאמע אויפן קראנקן=בעט און קאָן שוין קיין גראָשן נישט פארדינען.

אסתּר=רחל האָט ווייניקער געהאט צו דערציילן. מיט פארבענקט=קייט האָט זי דערמאָנט פּאָראָזאָווע, די חברטעס פון דאָרף, דעם עלנטן טאטן, וואָס איז איצט נאָך דער מאמעס טויט, איינער אליין אויפן שול=הויף... יעדן פּרט האָט זי פארענדיקט מיט א „פּארוואָס“ און צום סוף האָט זיך באקומען, אז נישט זי דערציילט וועגן דעם, וואָס איז געווען, אָדער וואָס איז, נאָר פרעגט זיך כסדר פארוואָס עס איז אזוי.

ביי שפּרינצען האָט זיך די צונג שוין געהאט אויפגעבונדן. זי האָט אויף אסתּר=רחלס פראגן אָנגעהויבן צו ענטפערן, אז דאָס נעמט זיך פון דער שלעכטער אָרדנונג, וואָס עס האָבן איינגעשטעלט די, וועלכע רע=

גירן מיט דער וועלט. זי האָט קלאָר=געמאכט אסתר=רחלען, אז דאָס, וואָס זיי פארדינען אזוי ווייניק, איז נישט דערפאר, ווייל פאפיראָסן זענען א ביליק ארטיקל, נאָר ווייל דער פאבריקאנט נוצט זיי אויס. דערפאר מוזן זיי זיך מאטערן און דער פאבריקאנט ווערט רייכער. עס ווערן רייך סוחרים, וואָס באשווינדלען דעם קונה און דער, וואָס מוז לעבן פון זיין ארבעט, האָט דעריבער א נעבעכדיק לעבן.

שפרינצע האָט אויך אָנגעהויבן סודותדיק דערציילן אסתר=רחלען, אז אויף דער וועלט הערשט א צעטיילונג אויף פראָלעטאריאט און קאפיטאל, דאָס הייסט — אויף די וואָס ארבעטן און די, וואָס ווערן פעט פון די פרוכטן פון יענעמס ארבעט. זי האָט איר דערציילט, אז אין ווארשע האָט זיך אפילו געגרינדעט אזא חברה, א פארטיי הייסט עס, וואָס האָט זיך גערופן „פראָלעטאריאט“. די פארטיי האָט שוין אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן „ווידערשטאנד=קאסעס“, כדי צו העלפן די ארבעטער זיי זאָלן קאָנען פירן א קאמף פאר א בעסער לעבן: ווייניקער ארבעטן, מער פארדינען. איז אָבער די פארטיי צעקלאפט געוואָרן דורך די צארישע זשאנדארמען. די פירער זיצן אין תפיסה און עס גרייט זיך א פראָצעס קעגן זיי. נאָר שפרינצע גלייבט, אז עס וועלן קומען נייע פירער, ס'וועט זיך אָרגאניזירן א נייע פארטיי, די ארבעטער וועלן פארשטיין, אז זיי מוזן גיין געאייניקט, ווי איין מחנה און דאן... דאן...

— וואָס דאן? — האָט איבערגעפרעגט אסתר=רחל, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט דעם פייער, וועלכער האָט געלויכטן פון שפרינצעס אויגן.

— דאן וועלן די ארבעטער אָנהייבן א גרויסן קאמף פאר א בעסער לעבן...

א רגע זענען ביידע חברטעס שטיל געבליבן. אסתר=רחל האָט א קוק געטאָן אויף שפרינצען: פון אונטער אירע צונויפגעדריקטע ברעמען האָבן ארויסגעלויכטן צוויי פלעמעלעך...

—און זיי וועלן זיגן! — האָט שפרינצע אנטשלאָסן פארענדיקט.

III

„אָנגעלאָדן מיט אַלדעם גוטס“...

1

הויכע שניי־בערג זענען געלעגן אויף ביידע זייטן גאס.

ייִנגלעך האָבן נאָך אויסגעקנאָטן גולמס פון שניי און ארומגעטאנצט ארום זיי, געוואָרפן שניי־קוילן אין פארבייגייענדיקע און גיך זיך פארבאהאלטן — אָבער די זון האָט שוין אָנגעהויבן ארורכצורייסן זיך דורך די ווינטער־וואָלקנס און צוביסלעך פארוואנדלט דעם שניי אין קאלוזשעס בלאָטע. שווארצע ריטשקעס זענען אָפּגעפלאָסן אין די קאנאלן, אין די צענטראלע גאסן האָט מען שוין געזען טרוקענע טראָטוארן, אָבער דער וועג פון פאווּיע צו דער באָניפראטערסקע איז געווען א גוטער זאמלארט פאר בלאָטע צוליב די נישט־גלייכע שטיינער אויף די גאסן, צוליב די לעכער און גריבער. פאָרזיכטיק האָט אסתר־רחל געמוזט איצט אדורכמאכן דעם וועג צו דער ארבעט, כדי חלילה נישט צו באשפּריצן מיט בלאָטע דעם נייעם מאנטל. ער האָט נאָך אלץ ביי איר געהייסן „דער נייער“, כאָטש זי האָט קיין אלטן נישט געהאט. אָבער ווי זי פלעגט זיך נישט היטן, פלעגט זי קומען צו דער ארבעט א פארבלאָטיקטע און אהיימקומען פארבלאָטיקט.

די ארבעט איז געגאנגען איר סדר: איין טאָג ענגלעך צום צווייטן, איין פּאפּיראָסן־שטויס ענלעך צום צווייטן. ס׳פלעגן זיך נאָר ציימנווייז ביטן די פנימער אין פאבריק. אויפן אָרט פון וואקסענע, קרענקלעכע פנימער, וואָס האָבן שוין זייערס אויסגעדינט, האָבן זיך באוויזן פרישע, יונגערע, געזונטערע. די מערהייט פון זיי איז געווען געקומענע פון קליינע שטעטלעך, נאָך מיטן אָטעם פון וואלד און פעלד אויף די באקן.

באקאנטשאפט מיט די נייע חברטעס האָט מען זעלטן געשלאָסן.

בעיקר האָט מען זיך געהאַלטן אין די אַלטע קרייזלעך, מיט די שכנטעס פון איין אַרבעט־טיש.

מיט לאהן האָט אסתּר־רחל נאָך אַלץ געאַרבעט אין שכנות. לאה איז געווען אָנגעצויגן צוליב אסתּר־רחלס פריינדשאַפט מיט שפּרינצען, צוליב דעם אָפּטן גיין מיט איר פון דער אַרבעט און כאַפּן אַ שמועס אויפן וועג. אָבער ביי דער גוטמוטיקער לאהן האָט זיך די אָנגעצויגנקייט נישט פאַרוואַנדלט אין אַ ברוגז. האָט זי טאַקע אסתּר־רחל געקאָנט פרעגן אין אַ געווויסן טאָג:

— לאה, וואָס ביסטו עס פּלוצלינג געקומען אַזאַ אויסגעפּוצטע צו דער אַרבעט?

— כ׳גיי היינט מיט מיין יונגנמאַן אין טעאַטער אַריין.

קיין באַזונדערן איינדרוק האָט דער ענטפער אויף אסתּר־רחלען נישט געמאַכט. אַז לאה גייט אַרום מיט אַ יונגנמאַן, אַ שניידער־געזעלן, וועגן דעם האָט זי געוווּסט. לאה האָט איר נישט איינמאָל דערציילט, וואָס פאַר אַ פיינער, באַלעבאַטישער יונגערמאַן דאָס איז, אַז ער אַרבעט אַלס געזעלן, כדי צו כאַפּן דעם וואַרשעווער שניט פון שניידעריי און דערנאָך עפענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט... און דאָס וואָרט טעאַטער האָט זי שוין אויך נישט איינמאָל געהערט. דער שוואָגער פולמאַן איז מיט איר שווע־טער פון צייט־צו־צייט געגאַנגען אין טעאַטער. אסתּר־רחל האָט גע־וווּסט, אַז דאָס איז אַזאַ הויז, מיט אַ סך פּלעצער, ווי אַ שול להבֿ־דיל, וווּ מען שטעלט פאָר פאַרשידענע זאַכן. אָבער ס׳האָט זי נישט גע־צויגן אַהין. ערשטנס — האָט זי שוואַך פאַרשטאַנען פּויליש און זי פילט זיך געקוועלט ווען מען רעדט עפּעס און איר איז שווער צו פאַרשטיין. צווייטנס — ווי קאָן מען זיך עס פאַרגינען אויסצוגעבן 20 קאָפּיקעס מיט איין מאָל פאַר עפּעס אַ פּוסטן פאַרגעניגן?

2

צומאָרגנס איז לאה געקומען צו דער אַרבעט אַ נישט־אויסגעשלאָ־פענע. די מידקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. אָבער אין די אויגן האָט געלויכטן אַ נישט־געוויינטלעכע הייטערקייט. זעצנדיק זיך צו דער אַרבעט ביים טיש האָט לאה אונטערגעברומט:

לאָז־זשע דיין נס, דאָ, מיט מיר אויך געשען,
לאָז מיר פאַר דורשט, דאָ, נישט־שטאַרבן, דערגיין,
אַך — עס איז דאָך זייער אַ בימערער טויט!...

— האָט זי אסתר־רחל פאַרחידושט געפרעגט. — פון וואָס ביסטו עס

— וואָס זענען דאָס פאַר א מאָדנע ווערטער אויפן ניכטערן מאָגן? אזוי דורשטיק, לאה? מיט הערינג זיך אָנגעגעסן?

— נאַרעלע, דאָס איז דאָך דאָס ליד פון שולמית...

— שולמית? וועלכע שולמית?

— נו, פון טעאַטער!

— אויף יידיש?

— הער! דאָס איז דאָך גאָלדפאַדענס „יידיש־דייטש־טעאַטער" אין „בוף".

די אַרבעט האָט געשטערט ווייטער צו פירן דעם שמועס, אָבער אסתר־רחל האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן איבעררייס, ווען מען זעצט זיך אין ווינקל עפּעס איבערצוכאַפּן און דאַן איז זי צוגעשטאַנען צו לאהן:

— לאהשי קרוין, אָן א שפּאַס, שפּילט מען טאַקע דאָרט אויף יידיש אין דעם טעאַטער?

— מען שפּילט, מען זינגט, אַלץ אויף יידיש! — האָט לאה געענטפערט און באַלד באַקרעפטיקט אירע ווערטער מיטן לידל:

אָה! דער ברונעם, אָ, דער!
און די קאַץ, אָה, די!
זאָלן זיין, ווי איך שווער,
עדות צו אונדזער שבועה...

קיין מגנן איז לאה נישט געווען און אסתר־רחל האָט באַלד דער־פילט, אַז דער ניגון קלינגט מן־הסתם אביסל אַנדערש. אָבער נישט אין ניגון איז איר איצט געגאַנגען. זי האָט געוואָלט עפּעס הערן וועגן טעאַ־טער, זי האָט זיך געוואָלט שאַפן א בילד דערפון, וואָס דאָרט קומט פאָר. נאָר לאה האָט נישט געקענט דערציילן מיט א סדר. זי איז געשפּרונגען פון איין פּרט צום צווייטן, געשילדערט א פּאַסירונג אין מדבר, ווי א מיידל פאַלט אַריין אין אַן אויסגעטריקנטן ברונעם און א שיינער בחור (אוי, ווי שיין, ווי א מלאך!...) שלעפּט זי פון דאָרט אַרויס... באַלד דער־ציילט זי וועגן פאַרשיידענע חתנים, וואָס זענען זיך געקומען שרכנען צום משוגענעם מיידל און רייסט איבער די דערציילונג מיט געזאַנג:

שבת, יום־טוב און ראש חודש,
דאַוון איך מיר פאַר זיך,
איך האָב מיר אַליין מיין ארון־קודש,
עס בעט נישט קיינער אין אים, נאָר איך!

— פארשטייסט, רחלע? — האָט זי פארענדיקט אן אויפגעהייטערטע, ווי זי וואָלט גאָרוואָס ווידער געזען די פאָרשטעלונג.

אסתר־רחל האָט ווייניק־וואָס פארשטאנען דערפון. נאָר דערפילט האָט זי, אז לאה דערציילט וועגן א זאך, וואָס איז כדאי צו זען און צו הערן. זי מוז פרעגן שפרינצען וועגן דעם. שפרינצע ווייסט דאָך אזויפיל און קאָן אזוי גוט געבן צו פארשטיין.

נאָך דער ארבעט האָט אסתר־רחל אָפּגעוואַרט שפרינצען, נאָכגעגאנגען איר צו דעם באזוכן, וועלכע אלע ארבעטערינס זענען דורכגעגאנגען ביי די וועכטער יעדן אָוונט בעתן ארויסגיין פון פאבריק. אסתר־רחל איז שוין געווען דערצו צוגעוווינט, ווי אלע ארבעטערינס. עס האָט שוין אויף איר נישט געמאכט דעם איינדרוק, ווי די ערשטע פּאָר מאָל, ווען דאָס בלוט איז איר געקומען אין פנים אריין פון דעם געדאנק, אז מען איז זי חושד אין גנבה... און פון דער באַרירונג פון מענערישע פינגער.

— דו ווייסט, וואָס דאָס איז אזוינס טעאטער? — האָט זי געפרעגט.

— אוודאי ווייס איך, — האָט שפרינצע רואיק געענטפערט. — ווען דער טאטע איז נאָך געווען מיט אונדז, פלעגן מיר כמעט יעדע וואָך גיין אין טעאטער.

— ווו מען האָט גערעדט און געזונגען אויף יידיש?

— אויף יידיש? יאָ, מיט א פּאָר יאָר צוריק זענען מיר געווען אויף יידישע פאָרשטעלונגען אויפן מוראנאָוו... ס'איז שוין זייער לאנג, איך בין נאָך כמעט א קינד געווען. מען האָט דאָרט גערעדט, געזונגען, געטאנצט... כ'געדענק זייער ווייניק דערפון. עפּעס א מעשה מיט א כישופמאכערין, עפּעס א שמענדריק... גיין, דאָס איז, דוכט זיך, באזונדערע זאכן... כ'געדענק באמת נישט גענוי... כ'געדענק נאָר, אז אין פוילישן טעאטער זענען געווען שענערע זאכן, מען האָט שענער געשפּילט, כאָטש מען האָט זעלטן געזונגען און געטאנצט... מיין טאטע פלעגט שטענדיק נאָך אזא פאָרשטעלונג זיפצן: אוי, ווי דערלעבט מען שוין צו זען ביי אונדז אזא פאָרשטעלונג, ווי אין פוילישן טעאטער...

— אָבער מען האָט טאקע געשפּילט אויף יידיש? — האָט זיך אסתר־רחל פארטראכט און פאנאנדערגעגאנגען זיך מיט שפרינצען, פארגעסנדיק איר אפילו צו זאָגן א גוטע נאכט.

אן אומרו האָט געוואָרפן אסתר־רחלען אויפן געלעגער: אַט יאָגט זי א שרעקלעכע כישופמאכערין, אַט לויפט זי דורך א מדבר, פאלט אריין אין אן אויסגעטרוקנטן ברונעם...

— שטיי אויף רחלע, וועסט דאָך פארשפעטיקן צו דער ארבעט! — האָט זי באגינען אויפגעוועקט רבקהס שטים.

דעם צווייטן טאָג איז אסתר־רחל שנעלער, ווי געוויינטלעך, געלאָפן אין פאבריק אריין און די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט באגעגנט שפרינצען, זענען געווען:

— וועסט גיין מיט מיר שבת אין יידישן טעאטער?

— ניין, רחלע, איך קאָן זיך נישט פארגינען אויסצוגעבן די פאָר קאָפּיקעס. דו ווייסט דאָך, ווי קראנק מיין מאמע איז... — האָט שפרינצע טרויעריק געענטפערט.

— קאָנסט מיטגיין מיט מיר, כ׳וועל שבת ווידער גיין מיט מיין יונגנמאן, — האָט זיך לאה ארייגגעמישט.

אסתר־רחל האָט איר בלויז געענטפערט מיט א דאנקבארן בליק און זיך פיבערדיק גענומען צו דער ארבעט.

3

דער גרויסער זייגער אויף דער פאָזשארנער־קאמאנדע ביי די נאַלעווקעס און נאָוואָליפּקי האָט געוויזן ערשט 5 מינוט נאָך זעקס. אָבער אסתר־רחל האָט נישט פארלאנגזאמט אירע טריט, געלאָפן מיטן זעלבן אימפעט, ביז זי איז דערגאנגען צום לאנגן הויף פון דלוגע 25.

דורך די צוויי יאָר אין ווארשע איז זי זעלטן דאָ געווען. אין דעם הויף איז זי נאָך קיין איינמאָל נישט אריין. איז זי שטיין געבליבן פאר די שטאכעטן פון אייזערנעם טויער, געקוקט אין הויף אריין, געקוקט ארום זיך: אפשר איז שוין לאה ערגעץ דאָ פאראן? ניין, זי זעט נישט! איז זי מיט לאנגזאמע טריט אריין אין הויף און ס׳האָט זיך אנטפּלעקט פאר איר א נייע בילד: איבער א הויז, אונטער א העלן לאָמפּ, איז געהאנגען א רוסישע שילד מיטן אויפשריפט: „טעאטער בוף“.

זי איז צו צום הויז און דערזען א גרויסן טאָוול מיט אויפשריפטן אויף רוסיש און פויליש: „טעאטער־בוף“ אונטער דער דירעקציע פון אָלגינסקאיא. יידיש־דייטש טעאטער אונטער דער פערזענלעכער אָנפירונג פון גרויסן שרייבער און דירעקטאָר א. ה. גאָלדפאדען.

„היינט ווערט געשפילט די באליבטע היסטאָרישע אָפּערעטע „שול־

מית" אין 4 אקטן, מיט געזאנג און טענץ, מיט דער באטייליקונג פון אלע קינסטלער פון טעאטער, גרויסער כאָר און אָרקעסטער אונטער דער דירעקציאָן פון קאפעלמייסטער ווינאָוויטש"...

מער האָט אסתר־רחל נישט געלייענט, כאָטש ס'זענען ווייטער גע־ווען אויסגערעכנט נעמען פון די ארטיסטן, וויפל נומערן מוזיק, ווען ס'הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג. די פרייזן פון בילעטן... זי האָט ווידער אָנגעהויבן פונדאָסניי לייענען דעם טאָוול. און אזוי אייניקע מאָל, פאר־געסנדיק וועגן זייגער, נישט באמערקנדיק די מענטשן, וואָס זענען מאסנ־וויז פארבייגעגאנגען צו און פון דער קאסע. אזוי וואָלט זי נאָך אפשר לאנג געשטאנען, ווען ס'וועקט זי נישט אויף לאהם שטים:

— קום, רחלע, מיר האָבן שוין בילעטן. באקען זיך, הערמאן, דאָס איז רחלע האלפערן.

— זייער אָנגענעם, — האָט זיך דער יונגערמאן גאלאנט באגריסט.

— קומען זי, פריילין האלפערן, וועלן מיר נאָך קאָנען האָבן בעסערע פלעצער...

אין ווינקל פון גרויסן באלקאָן האָט זיך אסתר־רחל אוועקגעזעצט צוזאמען מיט אירע באגלייטער, וועלכע האָבן צווישן זיך הייטער גע־שמועסט. זי האָט אָבער געשוויגן און שטאר געקוקט פאר זיך. זי האָט נישט געזען, ווי דער גרויסער טעאטער־זאל האָט זיך אָנגעשטופט מיט מענטשן, נישט געפילט, אז איבער איר שטייען א סך מענטשן, ממש אָנגעשפארט אין איר.

אויפגעכאפט האָט זי זיך ביים קלאנג פון מוזיק. זי האָט א קוק געטאָן אין דער ריכטונג, פון וואנען די מוזיק האָט זיך דערטראָגן און דערזען אונטן, נעבן ריזיקן, באמאָלענעם פוירהאנג, זיצן מענטשן מיט מוזיק־אינסטרומענטן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט איינגעהערט אין די קלאנגען פון דער מוזיק. אָט רייסט זיך דורך א מעלאָדיע, וועלכע לאה האָט געהאט פאָרגעזונגען, און ווידער אומבאקאנטע ניגונים... אויפשטו־רעמדיקע קלאנגען, און מיטאמאָל — הארציק־גלעטנדיקע. ס'דוכט זיך איר, אז דאָס הערט זי דעם טאטן זינגען און מיטאמאָל — עפעס בענ־קענדיקס, ענלעכס צו דעם, וואָס עס פלעגן זינגען אירע חברטעס פון דאָרף.

זי האָט נישט געהאט באמערקט, ווי ס'איז פריער פינצטער גע־וואָרן אין גאנצן גרויסן טעאטער־זאל און מיטאמאָל האָט א שטראָם ליכט א פלייץ־געטאָן פון דעם אָרט, וו ס'איז געהאָנגען דער גרויסער פויר־האנג. זי קוקט זיך גוט איין, — דער פוירהאנג איז ערגעץ פארשוווּנדן געוואָרן און הינטער אים — אין א גרויסן, טיפן חלל, וו ס'זענען גע־

זוען בערגלעך און ס׳זענען געוואָקסן פאַרביקע ביימער, דרייען זיך ארום מענטשן אין ס׳דערטראָגט זיך פון דאָרט א מעכטיק געזאַנג.

אָנגעלאָדן מיט אלראָס גוט,
מיט שטעקענעס אין דער האַנט...

4

וואַנדערער אין מאָדנע מלבושים אָנגעטאָן, מיט גרויסע שטעקענעס, פאַרשיידענע פעקלעך און קוישן, גייען דורך די בערגלעך, קומען פון פאַרשיידענע זייטן און פאַרשווינדן צוביסלעך אין איין ריכטונג. א געדאַנק איז איר בליץ־שנעל דורכגעפלויגן: ווי א מעשהלע פון חומש!... נאָר באַלד האָט זי געמוזט אָנשטרענגען דאָס געהער — די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפילן, פון אַלע פאַרבייגייענדיקע זענען פאַרבליבן בלויז אַן עלטערער מאַן מיט א מיידל... ער נעמט זי ארום, דריקט זי צו צו זיך, רעדט... גישט אַלץ האָט אסתר־רחל געהערט און פאַרשטאַנען פון זיינע רייד. דיימלעך האָבן זיך אָבער אויסגעטיילט די ווערטער:

שולמית, מיין קינד...

דאָס איז, הייסט עס, שולמית!... די מוזיק הייבט ווידער אָן צו שפילן. שולמית לויפט ארום אייגע אליין, זי רעדט עפּעס, זי זינגט:

איך בעט דיך, דו גרויסער, שטאַרקער גאָט,
וואָס דו האָסט געהאָלפן דיין פאָלק אמאָל,
ווען ער האָט אין דער וויסטע קיין טרינקען געהאַט
האָסטו אים וואַסער צוגעשיקט אָן צאָל

לאָז־זשע דיין נס, דאָ, מיט מיר אויך געשען,
לאָז מיך פאַר דורשט, דאָ, נישט שטאַרבן, דערגיין...

דאָס איז דאָך דאָס זעלבע לידל, וואָס לאה האָט געהאַט געזונגען, אָבער ווי אַנדערש עס קלינגט, ווי שיין. שולמיתן גלייבט מען טאַקע, אז זי איז דורשטיק... וויי, זי קאָן דאָך אויסגיין צום טויט... גאָט, זי גייט אריין אין ברונעם, זי קאָן דאָך דערטרינקען ווערן...

— אוי! — א טיפער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסן פון אסתּר־רחלס ברוסט.

לאה האָט א צופרידענע א קוק־געטון אויף איר און שטיל געפרעגט:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

אסתּר־רחל האָט עס נישט געהערט... אָט האָט זיך באוויזן אזא שיינער, העלדישער יונגערמאן און מיט אים א שווארצער... טאקע שווארץ, ווי קויל... ער מאכט מאָדנע העוויות, פּשוט צום לאכן... גאָר זי קאָן נישט לאכן — דאָס הארץ איז איר פארקלעמט צוליב דער מורא פאר שולמית גורל...

שולמית לעבט! אָט הערט זי איר קול פון ברונעם.

ווער איז דאָרט? איך וועל אייך בענטשן!
ראטעוועט ארויס א מענטשן!
האָט רחמנות און נעמט מיך ארויס!

זיי זינגען שוין ביידע... דער יונגערמאן פארוואָרפט א שטריק אין ברונעם — שולמית קומט ארויס א לעבעדיקע! אסתּר־רחל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט... זיי זינגען צוזאמען. זיי רעדן. זי פארשטייט נישט אלץ... אהא, ער הייסט אבשלום. זיי זינגען ווידער... גאָט, זיי האָבן זיך שוין ליב! יאָ, יאָ, זי האָט דייטלעך געהערט. שולמית זינגט:

יאָ, ווו נעמט מען די עדות
זאָלן שטיין ביי די רעדעס
אונדזער שבועה הערן,
זי זאָל נישט געבראָכן ווערן.

אָה, דער ברונעם, אָ, דער!
און די קאַץ, אָה, די,
זאָלן זיין, ווי איך שווער,
עדות צו אונדזער שבועה...

פּלוצלינג לאָזט זיך אראָפּ דער גרויסער פּוירהאנג און פון אלע זייטן הערט מען א געפּאטשעריי פון הענט, א טופּען פון פוס... אסתּר־רחל פארשטייט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר און קוקט מבולבל אָן לאהן.

— פּאטש, פּאטש! ס'געפעלט דיר דען נישט? — פרעגט זי לאה.

אסתּר־רחל פארשטייט גאָרנישט.

— זי פארשטייעז. פריילין האלפּערן, אז עס געפעלט דאָס, וואָס

קומט פאָר אויף דער בינע, ווייזט עס דאָס פובליקום ארויס דורך פאטשן אין די הענט. דאָס הייסט בראוואָ=ביס! — האָט זיך דער יונגערמאן באמיט איר אויפצוקלערן.

בינע? פובליקום? בראוואָ=ביס? מאָדנע ווערטער פאר אסתר=רחלען. זי פארשטייט זיי נישט. וואָס איז דאָס פאר א לשון?

5

ווידער שפילט מוזיק. דער פוירהאנג גייט ארויף. יונגעלייט און מיידלעך אין פארביקע העמדער, לויפן ארום, זינגען, טאנצן. א פאר=בלענדעניש פון קאָלירן. א גרויסע העלע זון האָט זיי אלע באלויכטן. אָט איז אבשלום מיט זיין שווארצן דינער צינגעטאנג... אבשלום כאפט א שיין מיידל. אביגיל הייסט זי. דעם כוהנס טאָכטער... גאָט מיינער! ער גייט מיט איר חתונה=האָבן! און שולמית? די שבועה?

באלד לאָזט זיך ווידער אראָפ דער גרויסער פוירהאנג. א פאטשע=ריי... וואָס פארא שלעכטע מענטשן! נישט שוין=זשע געפעלט זיי, אז א יונגערמאן ברעכט אזוי לייכט דאָס וואָרט? מיידלעך פאטשן אויך אין די הענט! לאה פאטשט א צופרידענע... וואָס טוט זיך דאָ? און ווען איר יונגערמאן פארלאָזט זי אזוי?...

נאָר אָט הייבט זיך ווידער אויף דער פוירהאנג — שולמית קלאָגט איבער איר ביטער מזל... ס׳צערייסט דאָס הארץ...

גרויסע טראָפּנס טרערן פליסן פון אסתר=רחלס אויפגעריסענע אויגן. לאה קוקט אויף איר לאכנדיק, ווישט זיך אָבער אויך, נישט=ווילנדיק, א טרער...

ס׳איז ליכטיק געוואָרן אין זאל. א לאנגע צייט האָט זיך געצויגן די ליכטיקייט. אסתר=רחלען האָט זי אויפגערעגט. ווייטער, ווייטער זען, וואָס וועט זיין מיט די אומבאקאנטע מענטשן, וועלכע זענען איר אזוי נאָענט געוואָרן.

שרעקלעך איז דאָס ווייטערדיקע! ווי גיך עס לויפט איין אומגליק נאָכן צווייטן. די שיינע אביגיל האָט פארלוירן איר ביידע קינדער —

— צוויי אין איין טאָג! — קלאָגט זי אין געזאנג...

איצט פארגיסט שוין אסתר=רחל טרערן אויף אביגילס ביטערער דאָליע, נאָך אירע צוויי אָרעמע קינדער...

ס׳לויפן בילדער נאָך בילדער. חתנים קומען שדכנען זיך צו שול=מית. זי איז, נעבעך, משוגע... מען קאָן משוגע ווערן, אזא צער...

אבשלום איילט צו איר. ער לויפט דורכן מדבר... ווי שיין עס זינגען דאָרט די פאסטוכער:

פלאקער, פייערל, פלאקער,
קנאק אונדז פריילעך צו,
לייכט אונדז צו ביז אין דער פרי!

דער פויער רוט ביים אקער,
דער פאסטוך ביי זיין פי,
יעדן איז ליב זיין מי!

זי וואָלט דאָס לידל געוואָלט אויסלערנען אירע חברטעס — אקסאַגנען, אָלעסיען... ס'וואָלט זיי פריילעך געמאכט דאָס פאשען די קי, דערוואַרעמט אין די קאלטע פרימאָרגנס, ווען דער טוי פערלט זיך אייזיק אויפן גראָז. אָבער די געדאנקען ווערן באלד אָפּגעיאָגט דורך נייע מענטשן, נייע בילדער, נייע געזאנגען, וואָס באווייזן זיך דאָרט, אויף דער בינע הייסט עס... ווי אזוי האָט מען דאָס אלץ צונויפגענומען ס'זאָל זיין אזוי שיין, אזוי רירנדיק. טאקע דער זעלבער אברהם גאָלדפאדען? וואָס פאר א קלוגער און גוטער מענטש דאָס מוז זיין! און וואָס פאר א גליקלעכער מענטש — וויסן אזויפיל, קענען אזויפיל!

— מיר קאָנען ארויסגיין, ס'איז שוין ליידיקער געוואָרן, — האָט איר איבערגעריסן די מחשבות לאהם ניכטערע שמים.

— שוין? — האָט אסתר־רחל קלאנגלאָז געפרעגט און נאָך א רגעלע מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— ווי איז עס דיר געפעלן, רחלע?

אסתר־רחל האָט אויף איר אויסגעשטעלט גרויסע, פארחידושטע אויגן, אָנגעפולטע מיט טרערן.

— פארשטייסט, הערמאן, זי איז דאָך צום ערשטן מאָל אין טעאַטער, — האָט לאה ז' פארענטפערט פאר איר יונגנמאן.

— זעען זי, פריילין האלפערן, איך האָב שוין פינף מאָל געזען שולמית און אנדערע שטיקע, איז עס פאר מיר נישט קיין נייעס. ווען זי זעען, צום ביישפיל „אחשורוש" זאָג איך אין, זי וואָלטן צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער... אָבער זיי ארבעטן גוט, די אקטערן, — האָט דער יונגערמאן צוגעגעבן מיט דעם זיכערן טאָן פון א מבין.

אסתר־רחל האָט געהאט פארדרוס פון זיין רעדן, פון זיין ביטולדיקן טאָן: ארבעטן?...

זי האָט זיך שנעל געזעגנט מיט די באַגלייטער ביים ראָג גאַלעוו־קעס און פאַרקערעוועט אין דער נאָוואָליפּקי.

6

זי איז ארומגעגאנגען ווי אויף אַן עולם־התוהו.

גאַנצע שעהן פלעגט זי שטאָפּן די פּאַפּיראָסן און ווילדן ריטם און פלוצלינג אָפּשטיין, שלאבעריק באַוועגן מיט די פינגער.

אין די נעכט האָט זי זיך אַזוי געוואָרפן אויפן געלעגער, אַז די שוועסטער מיטן שוואָגער פלעגן אויפשפּרינגען דערשראָקענע פון שלאָף. דער שוואָגער האָט געהאַלטן אין איין מענהן, אַז דער פרילינג לאָזט נישט אסתר־רחלען רואיק שלאָפן, אָבער רבקה איז געוואָרן ערנסט באַאומרואיקט און איינמאָל געפרעגט:

— וואָס איז דיר עפּעס, רחלע, פילסט זיך, חלילה, נישט געזונט?

— ניין, רבקהשי, — האָט אסתר־רחל געענטפערט און גיך אוועק־געגאַנגען, אויסמיידנדיק אַ ווייטערדיק געשפּרעך.

אסתר־רחלען האָט נישט געלאָזט רוען דאָס טעאַטער. וואָס מער זי האָט געטראַכט וועגן דער פאָרשטעלונג, אַלץ בולטער האָט זי זיך געזען צווישן די פאַרביקע געשטאַלטן אויף דער בינע, געהערט איר איי־גענע שטים, וואָס רופט:

> ווער איז דאָרט? איך וועל אייך בענטשן!
> ראַטעוועט אַרויס אַ מענטשן...

געהערט זיך אויסוויינען אביגילס צער איבער די צוויי קינדער, וואָס זענען פאַרלוירן־געגאַנגען אין איין טאָג. און אָט זעט זי זיך גאָר צווישן די מיידלעך, וואָס אַנטלויפן פון די בחורים בעתן פאָלקס־יום־טוב, אָדער צווישן די עולה־רגלניקעס, וואָס גייען צום בית־המקדש.

ווען דאָ איז פּאַראַזאָווע, וואָלט זי שוין פאַר אירע חבֿרטעס אויס־געזונגען אַלע ניגונים. ווערטער געדענקט זי טאַקע שלעכט, אָבער די מע־לאָדיעס! אין מיטן דער נאַכט, ווען מען וועקט זי פון שלאָף, וואָלט זי זיי אַלע אויסגעזונגען... וואָס שטעקט עס פאַר אַ כישוף אין דעם טעאַ־טער?

איינמאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און פאַרהאַלטן שפּרינ־צען:

— זאָג, וואָס פאַר אַ כישוף שטעקט עס אין דעם טעאַטער?

— א כישוף? — האָט שפּרינצע פאַרוואונדערט נאָכגעפרעגט — פאַרוואָס א כישוף? ס'איז דאָ אין דעם שיינקייט און לעבן. לעבעדיקע שיינקייט האָט אלעמאָל א גרויסן כוח.

— כ'גיי ארום פאַרכישופט, זייט כ'בין געווען אין טעאַטער.

— איז א סימן, אַז דיין הארץ איז אָפן פאַר לעבעדיקער שיינקייט, — האָט שפּרינצע פריינדלעך געענטפערט.

— ס'לאָזט מיך נישט רוען. ס'האָט מיך אינגאַנצן אויפגערודערט.

— מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז טעאַטער, וואָס רודערט נישט אויף, טויג נישט. דו מוזט לאַנג נאָכטראַכטן וועגן דעם, וואָס דו האָסט געזען אויף דער בינע.

— בינע... ווייסט, שפּרינצע, — האָט פּלוצלינג אסתר־רחל ארויסגערעדט אין איין אָטעם, — כ'וויל אויך זיין אויף דער בינע.

— דערצו דאַרף מען האָבן באַזונדערע פעיקייטן, טאַלאַנט.

— איך האָב עס!

— פון וואַנען ווייסטו? דאָס דאַרף מען ערשט אויספּרוּוון.

— איך פיל עס! איך בין זיכער! איך קאָן דיר איבערזינגען אלע מעלאָדיעס פון טעאַטער.

— נישט יעדער, וואָס קען זינגען קאָן שוין שפּילן אויף דער בינע. דאָרט דאַרף מען רעדן ס'זאָל זיין ווי אויף אָן אמת. מיטן פּנים אויסדריקן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין הארצן און מיט די אויגן איבערגעבן דאָס, וואָס די ווערטער דערזאָגן נישט...

— איך וועל עס אַלץ קענען! זע... — זי האָט אריינגעשלעפּט שפּרינצען אין ערשטן טויער, וועלכע זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען, אוועקגעשטעלט זיך שטראַם, דעם קאָפּ ארויפגעריסן, צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט און אָנגעהויבן צו זינגען:

אָ, ווו נעמט מען די עדות,
זאָלן שטיין ביי די רעדעס,
אונדזער שבועה הערן
זי זאָל נישט געבראָכן ווערן?

— שששאַ! — האָט זי שפּרינצע באַרואיקט מיט א געלעכטער.

— מענטשן גייען פאַרביי, מען קאָן נאָך מיינען, אַז דו ביסט משוגע...

אסתר־רחל האָט זיך פאַרשעמט און א באַליידיקטע ארויסגעלאָפן פון טויער, אָבער שפּרינצע האָט זי אָנגעיאָגט און אריינגערעדט אין איר:

— רחלע, כ'האָב דיך נישט געמיינט צו באַליידיקן. פאַרקערט, איך

מיין, אז דו האָסט טאַלאַנט... איך בין זיכער. אָבער, וואָס מישטיינס געזאָגט, בין איך פאַר א מבין...

— ווער־זשע דען, אויב נישט דו? איך טרוי דיר אזוי, כ'האָב אזוי געהאָפט אויף דיר...

— דו דאַרפסט זיך באַווייזן פאַר אמתע מבינים, פאַר מענטשן, וואָס אַרבעטן אין טעאַטער, וועלן זיי דיר זאָגן. אָבער ווי קום איך...

— ווו־זשע זאָל איך געמען די מענטשן? — האָט אסתר־רחל אַרויסגעשעפטשעט א פאַרצווייפלטע.

— פּשוט, גיין אין טעאַטער אַריין און בעטן מען זאָל דיך פאַר־הערן.

א רגע איז אסתר־רחל שטיין געבליבן. זי האָט לאַנגזאַם פאַרדייעט שפּרינצעס ווערטער, דאַן האָט זי זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און לייַ־דנשאַפטלעך אויסגערופן:

— וועסט גיין מיט מיר, הא? שפּרינצע, טייערע, האַרציקע חברטע מיינע!

—ווען קאָן איך גיין... דו ווייסט דאָך, די גאַנצע שטוב איז אויף מיין קאָפּ...

די טרערן, וואָס האָבן פאַרגלייזט אסתר־רחלס אויגן, האָבן שפּרינ־צען אזוי גערירט, אז זי האָט גלייך באַשלאָסן:

— גו, גוט, כ'וועל גיין מיט דיר..

7

דעם גאָענטסטן שבת, גלייך נאָכמיטאָג, האָט אסתר־רחל אָפּגע־רוימט דאָס געפּעס פון טיש און אָן א וואָרט זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב. זי איז געלאָפן גלייך ווי מען וואָלט איר נאָכגעיאָגט, אויף דלו־גע 25, ווו זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט שפּרינצען. מענטשן זענען אַריין און אַרויס פון טויער. א פּאָר מאָל איז אסתר־רחל צוגעלאָפן צו פאַר־ בייגייענדיקע פרויען, מיינענדיק, אז דאָס איז שפּרינצע. ענדלעך איז שפּרינצע געקומען. אסתר־רחל איז צו איר צוגעפאַלן מיט א קלאַפּנדיק האַרץ. שפּרינצע האָט זי אָבער אייַנגענומען מיט א שמייכל:

— רואיק, רחלע, אז נישט וועסטו זיך אינגאַנצן פאַרלירן.

שפּרינצע האָט לייכט געפונען דעם וועג צו דער בינע און מיט א נאַטירלעכער רואיקייט געפרעגט אויף פּויליש א פאַרבייגייענדיקן בינע־אַרבעטער, ווו מען קאָן טרעפן דעם דירעקטאָר גאָלדפאַדען.

— רעכטס, אויפן ערשטן שטאָק.

אסתר־רחל איז שטיל נאָכגעגאנגען נאָך דער דרייסטער שפּרינ־צע, שארנדיק זיך ביי דער וואנט. אין די קאָרידאָרן האָט געהערשט א גרויסע באוועגונג: מענטשן זענען געלאָפן אין אלע זייטן, דורך א ברייטער טיר האָט מען געשלעפּט דעקאָראציעס אויף דער בינע ארויף, א פיבערדיקע איילקייט האָט זיך געפילט אין יעדנס באוועגונג. אין דער גרויסער באוועגונג האָט זיך דורכגעשטופּט א מענטש מיט א לאנ־גער באָרד און אין לאנגע, קאָלירטע קליידער. זיין קאָפּ איז געווען ארומגעוויקלט מיט א קאָלירטן שטריימל. אסתר־רחלען איז דער מענטש געווען עפּעס קענטלעך, זי האָט זיך נאָכאמאָל איינגעקוקט אין אים און מיט פרייד אויסגערופן אין דער שטיל צו שפּרינצען:

— זע, דאָס איז דאָך מנוח, מנוח פון שולמית!

שפּרינצע האָט זי בארויקט מיט א האנט־באוועגונג און נייגעריק אָנגעקוקט דעם מאָדנעם מענטשן. ער איז געגאנגען אין דער ריכטונג, וו מען האָט זיי אָנגעוויזן. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א רייב־געטאָן דעם שטערן, דאן א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי ער וואָלט זאָגן: נישט כדאי! — און ערנסט צוריקגעשפּאנט אויף דער בינע ארויף.ביידע מיידלעך האָבן אים א רגע אָנגעקוקט, נאָך די פיבערדיקע באוועגונג ארום האָט זיי נישט געלאָזט שטיין בלייבן אויף אן אָרט און א טראָג־געטאָן אין דער ריכטונג פון גאָלדפאדענס קאבינעט.

פאר דער אָנגעוויזענער טיר האָט זיי פארהאלטן א ברייטפּלייצי־קער מאן אין א ליבעריע מיט גאָלדענע קנעפּ און שטרענג א פרעג גע־טאָן:

— צו וועמען, פריילינס?

— צום דירעקטאָר גאָלדפאדען — האָט שפּרינצע רואיק געענט־פערט.

— איך דארף וויסן וועגן וואָס.

— איך וויל פאָרשטעלן דעם דירעקטאָר א נייעם טאלאנט, — האָט זיך שפּרינצע נישט פארלוירן פאר זיין שטרענגן טאָן און אויסזען.

— איין מינוט, זאָלן זיי צוווארטן, איך דארף אָנמעלדן, — האָט דער שומר חשיבותדיק געענטפערט און אריין אין צימער. באלד איז ער צוריק ארויס, וויכטיק געעפנט די טיר:

— ביטע!

ביידע מיידלעך זענען שטיין־געבליבן אין א פּאָדער־צימער, וואָס איז געווען באהאָנגען מיט קאָלירטע אפישן, קרענץ, לענטעס, בילדער.

שפרינצע האָט נייגעריק אַלץ באַקוקט, אסתר=רחל איז געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט.

— ביטע — האָט זיך דערהערט פון צווייטן צימער אַן אומגעדולדיקע מענער=שטים.

שפרינצע האָט אַ כאַפּ=געטאָן אסתר=רחלען ביי דער האַנט און אַריינגעשלעפּט אין צווייטן צימער. הינטער אַ שרייב=טיש איז געזעסן אַ פּעסט=געבויטער מאַן, אַ טונקל=בלאָנדער, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, געדיכטע וואָנסעס און אַ קמיץ=בערדל. אַקעגן די אַריינגעקומענע מיידלעך האָבן געבלישטשעט די גלעזער פון זיינע ברילן און אַ בריליאַנט אין קראַוואַט. אַ פריידיק געפיל האָט אסתר=רחלען באַהערשט און גלייך אָנגעוואָרפן אַ פּחד: זי שטייט פאַרן גרויסן אברהם גאָלדפאַדען, דעם באַשאַפער פון גאַנצן כישוף, וואָס זי האָט געזען אויף דער בינע.

— מיט וואָס קאָן איך דינען די פריילינס? — האָט אַן איראָניש שמייכעלע אַ שוועב=געטאָן איבער גאָלדפאַדענס ליפּן.

— מיין חברטע האָט טאַלאַנט. זי וויל זיין אויף דער בינע, — האָט שפרינצע אייליק אַרויסגערעדט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, אַז מען וועט זי באַלד פאַרטרייבן פון דאַנען.

— אַה, פון וואַנען ווייסט איר, מאַמזעל, אַז די חברטע האָט טאַלאַנט? — האָט דורך די ברילן=גלעזער אַ שטאָך=געטאָן שפרינצען אַ הוזקדיקער בליק.

שפרינצע האָט זיך נישט פאַרלוירן.

— הערט זי אויס, וועט איר זען, — האָט זי דרייסט געענטפערט.

— אָהאָ! — האָט זיך גאָלדפאַדען צעלאַכט. — נו, לאָמיר הערן.

אסתר=רחל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, די פאַרזשמורעטע אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד.

— ווי אַלט איז דאָס פריילין? — האָט גאָלדפאַדען געפרעגט איבערביינגדיק זיך איבערן טיש.

— זעכצן יאָר, — האָט שפרינצע ווידער זיך נישט פאַרלוירן.

— און נאָך אַזוי נישט דרייסט... אויס וואַרשוי?

— ניין, זי איז פון אַ קליין שטעטל, פון ליטע. אָבער זי אַרבעט שוין מער ווי צוויי יאָר אין וואַרשע...

— זאָ, זאָ, — האָט גאָלדפאַדען אונטערגעבראָמט אונטערן וואָנס.

— טאַלאַנטן דאַרפן מיר... יונגע מענטשן דאַרפן מיר... ביטע צייגן זי עטוואָס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער אימפּאָזאַנטער גרויס. אסתר=רחל האָט אַ קוק=געטאָן אויף אים,

געכאפּט זיין הוזקדיקן שמייכל און ווידער איינגעגראָבן די בליקן אין דער ערד.

— ביטע, פרײלין, שאַדע די צייט...

אין צימער איז אריינגעקומען א מיטליעריקע דאמע מיט א הוט און גרויסע פעדערן אויפן קאָפּ, מיט א לאנגן באָא, וואָס האָט אראָפּגעהאָנגען פון ביידע זייטן מאנטל. פון די אוירינגלעך, שפּילקעס, קנעפּ האָט געלויכטן מיט פארשידנקאָליריקן גלאנץ. זי האָט מיט בייזע בליקן א קוק־געטאָן אויף די מיידלעך, מיטן שירם א קלאַפּ־געטאָן אין שרייבטיש און פאַרשנדריק געפרעגט:

— וואָס איז דאָס, אווראם?

גאָלדפאדען איז געשטאנען א פארלוירענער. א קינדיש שמייכעלע האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין ברייט פּנים:

— א יונגער טאלאנט, פּאולינא... מען ברויך אויסהערן.

— אָלץ אויף דיין קאָפּ? וויניק אומזיסטע פּרעסערס האָסטו אין טעאטער?

— אבער פּאולינא...

דער דראָענדיקער געשטעל פון דער דאמע האָט פארטריבן דאָס שמייכעלע פון גאָלדפאדענס ליפּן און ער האָט שוין טרוקן און זאכלעך א זאָג־געטאָן צו שפּרינצען:

— זאָלן די פרײלינס אראָפּגיין און פרעגן זיך אויפן קאפּעלמייסטער ווינאַוויטש. זאָגן זי אים, אז דער הער גאָלדפאדען האָט געהייסן אויסהערן דאָס פרײלין.

8

דער קאפּעלמייסטער ווינאָוויטש האָט זיך געפונען אין א צימערל אונטער דער בינע געבן אָרקעסטער. מוזיקאנטן זענען דאָרט געזעסן און געסטראָיעט די אינסטרומענטן, אָפּגעריסענע קלאנגען האָבן זיך געהערט פון אלע זייטן. פון זאל האָט זיך געטראָגן א זשומען פון מענטשן, וועלכע האָבן שוין אָנגעפילט דאָס טעאטער צו דער נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג. א פיבערדיקע דערוואַרטונג האָט געשוועבט אין דער ארומיקער האלב־טונקלקייט.

שפּרינצע האָט איבערגעגעבן דעם קאפּעלמייסטער גאָלדפאדענס ווערטער. ער האָט אומגעדולדיק א קראַץ־געטאָן די גרויע וואָנסן, א ברום געטאָן:

— שוין ווידער! נאָר ער זוכט טאלאנטן...

אסתר־רחל האָט געפֿילט, אַז עפּעס אַ משא ציט זי אַראָפּ צו דער ערד. שפּרינצע האָט זי מיט די בליקן אונטערגעמונטערט און מיט די הענט פּשוט צוגעהאַלטן זי זאָל נישט פֿאַלן. ווינאַוויטש האָט רחמנות געקריגן אויף דעם מיידל, וואָס איז גרייט באַלד צו חלשן, האָט ער שוין מילדער געזאָגט:

— גו, מיידל, גיט אַ זונג, לאָמיך הערן.

די טאָן־ענדערונג האָט אסתר־רחלען אַביסל געשטאַרקט. זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף שפּרינצעס דערמוטיקנדיקן שמייכל, דערזען אַ מיט־געפֿיל אין ווינאַוויטשעס אויגן, האָט זי זיך שוין אָנגענומען מיט כּוח און געפֿרעגט מיט אַ מאַטער שטים:

— וואָס זאָל איך זינגען?

— וואָס קענען זי זינגען?

— דאָרפֿישע לידער קען איך... הזנישע און... — די שטים האָט זיך איר אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— קענסט דאָך עפּעס זינגען פֿון שולמית! — האָט איר שפּרינצע אַרויסגעהאָלפֿן.

— גו. זינגט, זינגט, מיידל, — האָט דער קאַפּעלמייסטער זי פֿרייגדלער אונטערגעטריבן אַ קלאַפּ־טוענדיק מיטן קאַמערטאָן.

אסתר־רחל האָט אָנגעהויבן דאָס ליד פֿון שילמית:

שבת, יום־טוב און ראש־חודש...

זי האָט אָנגעהויבן מיט מאַטע טענער, קוים אַרויסגעקוועטשטע פֿון דער פֿאַרשטיקטער קעל. ביסלעכווייז זענען די טענער געוואָרן זיכערער, פֿעסטער, רייִנער. זי האָט געזונגען מיט געפֿיל, וואָס האָט באַקומען אַן אָפּשיין אויף איר פּנים, אין אירע פֿאַרגלעזערטע אויגן. שפּרינצע, וואָס האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געהערט דעם אָנהייב פֿון געזאַנג, האָט צוביסלעך אויך באַקומען פֿייכטע אויגן. דער קאַפּעלמייסטער האָט זיך צוגעהערט פֿאַראינטערעסירט, אויפֿמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין אסתר־רחלס פּנים... זי האָט געזונגען אַלץ שטאַרקער און דרייסטער, נאָר ביים סוף, נעמענדיק אַ הויכן טאָן, האָט זיך איר שטים איינגעבראָכן. זי האָט איבערגעריסן דאָס געזאַנג. שפּרינצע האָט אַ דערשראָקענע געקוקט אויף אסתר־רחלען, אויפֿן קאַפּעלמייסטער, וועלכער האָט זי באַרואיקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— ס'מאַכט נישט, מיידל, ס'טרעפֿט... אַ שטים דאַרף מען שולן, מען זאָל קאָנען הערשן איבער איר... ווי אַלט זענען זי?

— זעכצן יאָר, — האָט אסתר־רחל געענטפֿערט דורך טרערן.

— גו, זענען זי אַ שפּאָר ביסל יונגער פֿאַר מיין טאָכטער און

782 — 4

אזוי, קיין עין הרע אנטוויקלט... זי האָבן געזען ביי אונדז „שולמית“?
— האָט ער פּלוצלינג געפרעגט. — מיין טאָכטער שפּילט אביגיל.
— אה! — האָט זיך ארויסגעריסן ביי אסתר־רחלען א קלאַנג פון באגייסטערונג.
— יאָ,יאָ, — האָט וויגאָוויטש מיט שטאָלץ באשטעטיקט, א געשמייכלטער אין זיין פאָטער־ליבע מיט דעם איינדרוק, וואָס זיין טאָכטער האָט געמאכט אויף אסתר־רחלען...
ער האָט זיך א ווייַלע פארטראכט, אונטערבאָמקענדיק א ניגון:
— נו, זעען זי, פריילין, א מנגן זענען זי, דאָס איז שוין גוט... שטאמט פון חזנים? — האָט ער מיט א ווינק א פרעג־געטאָן שפּרינצען.
שפּרינצע, נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט א נישט־דעצידירטן שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. וויגאָוויטש האָט דערוויַיל ווייטער געמאכט די אָפּשאצונג:
— דאָס געשטעל איז נאָך א ביסל דאַרפיש, אָבער געפיל האָבן זי... די שטים גייט דורך מוטאציאָן... נאָר אין כאָר קאָן איך זי דאָך אריינגעמען. כ'מיין, אז אין א פּאָר יאָר ארום קאָן פון איר ווערן אן ארטיסטין...
דריי שארפע קלינגען האָבן זיך דערהערט, דער קאפּעלמייסטער האָט זיך א ריס־געטאָן פון אָרט.
— מען הייבט באלד אָן די פאָרשטעלונג. איך מוז שוין גיין. קומען זי, פריילין, מאָרגן צו מיר, וועלן מיר אדורכרעדן מיטן דירעקטאָר...
— און ער איז גיך ארויסגעלאָפן צום אָרקעסטער.
אסתר־רחל איז געשטאנען אומבאוועגלעך. שפּרינצע האָט זי ארומגענומען מיט א ווארעמען בליק און דאן א צופּ־געטאָן ביים אָרעם.
— קום, רחלע, ס'ווערט שפּעט!
אסתר־רחל איז איר מאשינאל נאָכגעגאנגען. אויף די טונקעלע טרעפּ האָט זיך שפּרינצע א רגע פארהאלטן, ארומגענומען אסתר־רחלען און הארציק איר אריינגעפּליסטערט אין אויער אריין:
— האָסט טאקע טאלאנט, רחלע!
ווי פארחלומט איז איר אסתר־רחל נאָכגעגאנגען אויף די טרעפּ. ווען זיי זענען פארביי דעם קאָרידאָר ביי דער בינע, האָבן זי ערשט אויפגעוועקט די ערשטע קלאנגען פון דעם ליד, וואָס דער כאָר האָט געזונגען:

אָנגעלאָדן מיט אלדעם גוט...

IV

די „כישופמאַכערין“ אויף די כישוף־ברעטער

1

אין שטוב איז געוואָרן א מהומה: אסתר=רחל האָט דערקלערט, אז זי וויל אָנקומען אין „יידיש=דייטשישן“ טעאטער. די שוועסטער באסיע און רבקה זענען אָנגעשראָקן געוואָרן דורך זייערע מענער: א יונג מיידל אין טעאטער? איר ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? איין שריט — און זי קאָן זיין אויף דער גאס... דער ברודער יאנקל האָט געטענהט: דער טאטע זאָל חס=וחלילה געוויר=ווערן וועגן דעם, קאָן עס אים — די שעה זאָל נישט געשען — פארקירצן די יאָרן. זענען זיך צונויפגעקומען די שוועסטער, שוואָגערס און ברודער ביי קיילען, וואָס האָט צוליב איר שיינער היים געשפּילט די ראָל פון ראש פון דער משפּחה, צונויפגעקומען זיך אויף אן אסיפה, וואָס זאָל באשטימען, וואָס מען דארף טאָן.

אלע אויגן און אויערן זענען געווען געווענדעט צום שוואָגער פולמאן, וואָס איז ארומגעגאנגען ערנסט איבער דער שטוב און געגלעט זיין קורץ=געשוירן בערדל. פולמאן איז פאר זיי געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט. סיי דערפאר, ווייל ער איז א קלוגער יונגערמאן, סיי, ווייל ער איז געבילדעט און דער עיקר, ווייל ער איז רייך. די בערזע און די באנק=געשעפטן זענען אים גוט געגאנגען, און אויף פאָוויע=גאס האָט מען שוין אויף אים געקוקט, ווי אויף א מיליאָנטשיק.

פולמאן האָט לאנג געלאָזט ווארטן אויף זיין מיינונג. ער האָט זיך שטארק געישובט מיט זיך: מען דארף קענען אזוי רעדן און ארגאניזירן, זיי זאָלן אלע זען, אז ער איז נישט קיין קליינשטעטלדיקער, אָפּגעשטאנענער פאנאטיקער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב, פארלייגט איין האנט הינטער דער פּלייצע און וואָגיק ארויסגעזאָגט:

— יאָ, יאָ, קיין צוויי מיינונגגען קאָנען נישט זיין. מען דאַרף רחלען פאַרווערן צו גיין אין טעאַטער, סיידן זי וויל אַראָפּשלעפּן שאַנד אויף איר טאַטנס אַלטן קאָפּ, פּשוט: אים טרייבן אין דר׳ערד אַריין.

ער האָט מיט אַ זאַכלעכן טאָן אָנגעהויבן צו שילדערן, וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ ידיעה וועט מאַכן אין שטעטל, ווי רב אָשר וואַלד־סוחרים משפּחה און דעם רבס משפּחה וועלן צאַפּן בלוט פון אָרעמען טאַטן, ווי קינדער וועלן גאָכלויפן נאָך חיים־יוחנען און שפּעטן פון אים, אַז ער האָט אַ טאָכטער אַ ציגיינערין, אַ קאָמעדיאַנטקע, און ער האָט פאַרענדיקט:

— קיין צוויי מיינונגגען קאָנען נישט זיין.

דערמיט איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די משפּחה, און טאָג נאָך טאָג איז עמעצער פון זיי אַרויפגעקומען צו רבקהן אויפן פערטן שטאָק, אי־בערחזרן דאָס זעלבע אסתר־רחלען.

זי האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זי האָט נאָר געוויינט און געשוויגן.

חדשים זענען אַוועק. דאָס „יידיש־דייטשישע טעאַטער" איז פאַר־מאַכט געוואָרן. לאה, וואָס האָט שוין אינגיכן געזאָלט אויפהערן צו אַר־בעטן אין דער פאַבריק, ווייל זי האָט זיך געגרייט חתונה צו האָבן, האָט אין אַ געוויסן טאָג דערציילט אסתר־רחלען, אַז דער דירעקטאָר גאָלד־פאַדען האָט זיך צעקריגט מיט דער דירעקטאָרין אָלגינסקאַיאַ און אַוועק־געפאָרן פון וואַרשע. די אַקטיאָרן זענען זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן — ס׳איז אויס טעאַטער! הערמאַן האָט עס איר אַלץ געגנוי דער־ציילט. ער ווייסט אַלץ אַזוי גענוי, איר הערמאַן!
ס׳איז אויסגערונען געוואָרן איר חלום!

איר ווייטיק האָט זי געקאָנט טיילן נאָר מיט שפּרינצען. אָבער שפּרינצע האָט געהאַט נישט קיין קלענערן ווייטיק: אויך איר מאַמע איז געשטאָרבן. זי איז איצט געבליבן די איינציקע באַשפּייזערין און דערציערין פון אירע צוויי ברידערלעך. אַזויפיל אייגענע דאגות און צרות. און דערצו נאָך האָט זי געוויטיקט מיט אַלגעמיינע צרות:

אין ציטאַדעל האָט מען אויפגעהאָנגען פיר פירער פון „פּראָלעטאַ־ריאַט"...

שפּרינצע האָט געבעילט די פויסטן און אַ הייליקער פייער פון שנאה האָט געברענט אין אירע אויגן.

— ס'וועט זיי באצאָלט ווערן! פארן בלוט! פארן פיין! בלוטיק באצאָלט ווערן!

שווערע חדשים האָבן זיך געצויגן און ווידער א דערשיטערנדיקער קלאַפּ: געשטאָרבן אסתר־רחלס טאטע. איר טייערער גוטער טאטע. זי איז איצט איבערגעבליבן א קיילעכדיקע יתומה אויף דער וועלט, אָן שום האָפענונג, אָן א זון־שטראַל אין איר לעבן. איר האַלדז האָט מער נישט ארויסגעבראכט קיין איין טאָן פון א ניגון, קיין איין קלאַנג פון גע־לעכטער.

זייער שנעל האָט זיך דער דאָזיקער צושטאַנד אָפּגעשלאָגן אויף איר אויסזען. עס איז אראָפּ די רויטע פארב פון אירע באקן, א בלאַס־קייט האָט פארצויגן דאָס פּנים, דער גלאַנץ פון אירע אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן.

רבקה, דערשראָקן פון אסתר־רחלס מרה־שחורה, האָט אַליאַר־מירט די משפּחה. און ווידער זענען זיך אלע צונויפגעקומען ביי די פּול־מאַנס, כדי זיך צו פארטראכטן וועגן גורל פון זייער יונגסטער שוועס־טער.

פּולמאַן איז נאָכאַמאָל ערנסט ארומגעגאַנגען איבערן צימער, מיט איין האנט פארלייגט הינטער דער פּלייצע און מיט דער צווייטער גע־גלעט זיין קורץ־געשוירן בערדל.

—יאָ, יאָ, קיין צוויי מיינונגען קאָנען נישט זיין. די ארבעט ביים טאבאק מוז איר שאָדן צום געזונט. אחוץ דעם: מען דאַרף זי חתונה־מאכן. קיין צוויי מיינונגען קאָנען נישט זיין.

דאָ זענען שוין אָבער געווען פארשידענע מיינונגען. מילא, וועגן ארבעט, איז האַלבע צרות, כאָטש ס'איז איצט זייער שווער צו געפינען ארבעט. ס'דרייען זיך ארום טויזנטער מענטשן אין וואַרשע אָן ארבעט און אָן פּרנסה. פון די שטעטלעך שטראָמט כסדר א יוגנט, וועלכע ווערט איינגעשלונגען דורך די אַלע־וואַקסנדיקע פאבריקן און וואַרשטאַטן, וואָס וואַרפן פון זיך ארויס די שוין אויסגענוצטע ארבעטער ווי נישט־נייטיק מיסט. אָבער יאַנקל האָט א פריינד, א שירעם־מאַכער, וועט ער פועלן יענער זאָל צונעמען צו זיך אסתר־רחלען. א פּאָר חדשים וועט זי טאַקע דאַרפן זיין אויף דער לער, דערפאַר אָבער וועט זי שפּעטער בע־סער פאַרדינען, ווי אין דער פאבריק, און נישט ארבעטן אַזוי שווער, אין אַזאַ שטויב... אָבער חתונה־מאכן? ס'רעדט זיך אַזוי לייכט אָפּ! דורך די פּאָר יאָר פון איר זיין אין וואַרשע קומט די מויד אין ערגעץ נ״שט, האָט נישט קיין באַקאַנטע בחורים — זאָל מען דורך שדכנים זי חתונה־מאכן? ווער וועט עס באַצאָלן? און נדן? אויסשטייער? א דירה? —

דירות זענען איצט אין ווארשע מיט גאָלד צוגלייך. און ווער וועט עס חתונה האָבן אָן א שטיקל דאך איבערן קאָפּ?

פּולמאַן האָט זיך ווידער ערנסט אוועקגעשטעלט, געטראַכט, געוויגן די אַלע אַרגומענטן, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין גענוג זאַכלעך און געגרונטעט:

— דאַרף מען זי טאַקע קודם־כל צונעמען פון דער אַרבעט ביי די פּאַפּיראָסן. אין א שירעם־וואַרשטאַט וועט זי זיך גיכער באַקענען מיט א יונגנמאַן, א באַלמעלאָכע, אפשר א וואַיאַזשאָר, אפשר א סוחרל פון דער פּראָווינץ. און אז ס׳וועט קומען צו געלט, וועט מען מוזן העלפן. מיר אַלע וועלן העלפן. איך וועל מיט מיין חלק זיך נישט פאַרשעמען... קיין צוויי מיינונגען קאָנען נישט זיין.

אסתר־רחל האָט זיך געזעגנט מיט איר חברטע שפּרינצע און אָנגעקומען אויף דער לער צו א שירעם־מאַכער אויף דער דזיעלנע גאַס.

2

ביי די שירעמס איז טאַקע פרייליכער געווען צו אַרבעטן. אַמאָל האָבן די אַרבעטער א זונג־געטאָן א לידל, פאַרשייטע און אומעטיקע פאָלקס־לידלעך, לידלעך פון יידישן טעאַטער. אסתר־רחל האָט דאָן פאַר־בענקט זיך איינגעהערט אין די מעלאָדיעס און ווערטער. האָט ווער אַמאָל אָנגעהויבן צו זינגען פון „שולמית“, איז זי גאָר לעבעדיק געוואָרן און שטילערהייט מיטגעברומט.

זי האָט שוין פלינק באַוועגט די דראָטן פון די שירעמס, אַרומ־געצויגן זיי מיט סחורה צו דער צופרידנהייט פון מייסטער. דאָס איז געווען א פרייליכער יונגערמאַן, וואָס האָט מיט א פּאָר יאָר צוריק חתונה־געהאַט, גענומען נדן און געעפנט זיך דעם וואַרשטאַט. ער האָט ליב געהאַט א וויץ, א שפּאַס און געהאַלטן זיך מענטשלעך מיט זיינע געזעלן, פון וועלכע איינער האָט מיט יאָרן צוריק מיט אים צוזאַמען געאַרבעט ביי א מייסטער. נאָך א פּאָר חדשים לער האָט שוין אסתר־רחל אָנגעהויבן שוין צו פאַרדינען, א סך בעסער, ווי ביי די פּאַפּיראָסן, אָנגעהויבן צו זאַמלען א קאָפּיקע צו א קאָפּיקע, כדי זיך אביסל צו באַ־קליידן.

צוביסלעך האָט זיך ווידער באַוויזן די פאַרב אויף אירע באַקן, זי איז געוואָרן א שלאַנקע, שיינע, רייפע פרוי. די דאָרפישע קאַנטיקייט פון

אירע באוועגונגען איז פארשוואונדן, און ווען זי פלעגט נאָר אָנטאָן א שטיקל לייטיש מלבוש, האָט זי אפילו אויסגעזען עלעגאַנט.

רבקהן האָט געוואַקסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף איר און א צופרי־דענע האָט זי געזאָגט צום מאַן:

— אונדזער רחלע איז געוואָרן א קראַסאַוויצע!

— שוין ראוי לחופה...

— זי וועט נישט פאַרזעסן ווערן... — האָט רבקה זיך געמאַכט האַרץ.

אָבער אינעווייניק האָט געטיאָכעט: שוין מאַקע צייט אויף אן אמת. ווער פון חיים־יוחננס טעכטער איז צו צוואַנציק יאָר געווען א מויד?

אין אסתּר־רחל האָט וועגן די זאַכן נישט געטראַכט. און ווען דער פרײַלעכער מייסטער האָט זי אַמאָל אין א וויץ פאַרטשעפּעט וועגן דעם, האָט זי שוין צוליב דעם נישט געקאָנט מער קוקן אויף אים. זײַן יעדעס וואָרט האָט בײַ איר אויסגעזען, ווי א פּעטער וויץ אויף איר חשבון. דע־ריבער, ווען מען האָט איר פאָרגעשלאָגן צו אַרבעטן אין א דערבײַיאַיקן וואַרשטאַט פון לעדער־גאַלאַנטעריע — כאָטש לכתּחילה פאַר א קלענערן פאַרדינסט — איז זי גלייך אַריבער אַהין.

בײַ דער לעדער־גאַלאַנטעריע איז געווען נאָך פרײַלעכער ווי בײַ די שירעמס. די אַרבעט איז אויך געווען אינטערעסאַנטער: אסתּר־רחל האָט געמאַכט שלייפלעך און באַפּוצונגען פון לעדער צו דאַמען־שיך, צו בײַטלען. זי פלעגט אויסטראַכטן נײַע פאַסאָנען פון שלייפלעך און באַפּוצונגען, געזוכט פאַרשידענע המצאות און גיך געוואָרן א שם־דבר אין דער בראַנזשע אַלס קינסטלערין אין פאַך. זי האָט שוין זייער לײַ־טיש פאַרדינט און דער וואַרשטאַט האָט בײַ איר געמאַכט גאָלדענע גע־שעפטן. פון אַלע עקן שטאָט פלעגן קומען בײַטלמאַכער, קאַמאַשן־שטע־פּער מיט באַשטעלונגען און קויפן פאַסאָנען. דער מייסטער האָט גע־בענטשט אסתּר־רחלס גאָלדענע הענט.

צווישן די קונים, וואָס זענען געקומען אין וואַרשטאַט אַרײַן, האָט אסתּר־רחלס אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן א קאַמאַשן־שטעפּער פון וואָליע, וואָס אין וואַרשטאַט האָט מען אים גערופן „דער אַרטיסט“.

— פאַרוואָס רופט מען אײַך אַרטיסט? — האָט זי אויף איר שטייגער פּשוט א פרעג געטאָן.

— ווײַל איך שפּיל טעאַטער! — האָט ער א זעלבסטצופרידענער געענטפערט.

— ווו שפּילט איר?

— אין פארשידענע זאלן, מיט ליבהאָבער...
ער האָט דערזען א מאָדנע גלאַנץ אין אסתּר־רחלס אויגן:
— אויב עס וועט זי אינטערעסירן, וועל איך אין זאָגן ווען און ווו מיר וועלן שפּילן, פריילין... ווי איז אינס ווערטער נאָמען?
— רחל האַלפּערן, — האָט זי געענטפערט, אראָפּלאָזנדיק די אויגן.
— און איך היים אברהם־יצחק קאַמינסקי.

3

קאַמינסקי פּלעגט איצט אַלץ עפטער אריינקומען אין ווארשטאט. יעדעס מאָל האָט ער געהאַט עפּעס א וויכטיקן ענין, וואָס האָט אָלעמען אויסגעזען צו זיין נישט גאָר וויכטיק.

די געזעלן און מיידלעך האָבן זיך איבערגעוואונקען פילדייטיק, זיי האָבן געוווסט פאַרוואָס ער קומט אזוי אָפט אריין. דער מייסטער איז אָבער געווען נישט־צופרידן: ערשטנס — שטערט עס טאַקע דער אַר־בעט, אז ס'זעצט זיך אוועק א מענטש צו קיבעצן סתם אין דער וועלט אריין, ציט עס אָפּ די אויפמערקזאמקייט פון דער ארבעט; צווייטנס, האָט מען צווישן די מייסטערס געהאַלטן קאַמינסקין פאַר א געפּע־לעבן מענטש, וואָס דרייט זיך ארום אין וואָליע צווישן פּוילישע ארבעטער, חברט זיך מיט זיי און ווי מען שמועסט אויפן אויער, האָט ער אויך צו טאָן מיט טריף־פּסולע ארבעטער־קרייזלעך, וואָס האָבן זיך ווידער אָנ־געהויבן צו אָרגאַניזירן אין ווארשע און וואָס האָבן זייערע גרעסטע השפּעות טאַקע אויף וואָליע.

קאַמינסקי האָט זיך אָבער ווייניק איבערגענומען מיט דעם מייס־טערס אומצופרידנקייט. פּלעגט אפילו דעם מייסטער פאַרטשעפּען מיט א ווערטל. יענער האָט נאָר אָפּגעברומט אונטער דער נאָז און נישט אנטשלאָסן זיך אָפּן צו ענטפערן.

אמאָל, זיצנדיק אזוי ביז מען האָט פאַרמאַכט דעם ווארשטאט, האָט קאַמינסקי געפרעגט די ארויסגייענדיקע אסתּר־רחל:
— קאָן איך אין באַגלייטן, פריילין האַלפּערן?
— ביטע זייער. איך וווין דאָ נישט ווייט, אויף דער פּאַוויע.

אויפן וועג האָט איר קאַמינסקי דערציילט וועגן זיינע דערפאָלגן, וועגן די ראָלן, וואָס ער שפּילט, פאַרגעזונגען לידלעך. אסתּר־רחל האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. געזעגנענדיק זיך ביים טויער האָט ער זי געפרעגט:

— זי גייען עפּעס אין טעאַטער אַריין, פרייליין האַלפּערן?

— כ'בין געווען מיט פינף יאָר צוריק אויף „שולמית“.

— אַ, אין גאָלדפאַדענס טעאַטער? איך בין דאָרט געווען צענדליקער מאָל.

— כ'בין אייך מקנא! — האָט אסתּר־רחל אויסגעשעפּטשעט. פּלוצלינג איז זי אויפגעהייטערט געוואָרן: — איר ווייסט, כ'בין געווען ביי גאָלדפאַדענען פערזענלעך. כ'האָב געזאָלט אָנקומען צו אים אין כאָר אַריין.

— זי וואָלטן געקאָנט זיין אַ פיינע אַרטיסטקע, — האָט קאַמינסקי איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— כ'וויל זיין, — האָט זי שטיל, אָבער אַנטשלאָסן געענטפערט.

— געדענקט, כ'וועל אייך האַלטן ביים וואָרט! — האָט קאַמינסקי אויסגערופן מיט אַ דראָונג.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט. קאַמינסקי איז געוואָרן ערנסט:

— אָנגע וויצן, אַז ס'וועט זיך עפּעס מאַכן, וועל איך זי האָבן אין זינען.

אסתּר־רחל האָט אים וואַרעם אַ קוק־געטאָן אין די אויגן:

— איך בין שטענדיק גרייט.

ער איז געפּלעפט געווען פון דער רואיקייט און פּשוטקייט פון אירע ענטפערס. ס'האָט אים אַביסל פאַרדראָסן זיין באַרימעריי. לעצטנס זענען די ליבהאַבער־קרייזן אינגאַנצן טויט, נישט מען שפּילט, נישט מען גרייט צו נייע זאַכן. ווי וועט ער אויסזען אין אירע אויגן נאָך אַ צייט, אַז ער וועט נישט קאָנען קומען מיט אַ ידיעה וועגן עפּעס אַ פאָרשטעלונג, אויב זי וועט ביי אים מאָנען? האָט ער שנעל אויסגעקערעוועט דעם שמועס אין אַ ריכטונג, וו ער האָט געקאָנט זיין דער באַלעבאָס פון זיין וואָרט:

— איר גייט אָפט אין פּוילישן טעאַטער?

— כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געווען. כ'פאַרשטיי שלעכט פּויליש.

— אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה. זען אַ סך טעאַטער דאָס איז אַ לערע פאַר מענטשן, וואָס ווילן ווערן אַקטיאָרן. דערצו נאָך דאָס פּוילישע טעאַטער. ווייסן זי וואָס פאַר אַ קינסטלער ס'זענען דאָרט פאַראַן? — האָט ער זיך אָנגעצונדן. — וועלט־קינסטלער זאָג איך אייך!...

— ס'איז מיר אומבאַקוועם צו גיין, נישט קענענדיק די שפּראַך.

—איך וועל אייך נעמען פירן אין פּוילישן טעאַטער. איך ווער נישט מיד צו זען פינף מאָל דאָס זעלבע שטיק. און וואָס זי וועלן נישט פאַרשטיין, וועל איך אייך אויסטייטשן.

— כ'וועל אייך זיין זייער דאנקבאר, — האָט אסתּר=רחל זיך פאַרשעמט.

צומאָרגנס איז קאמינסקי ווידער געקומען אין ווארשטאט אריין:

— נו, פריילין האלפערן, זי האָבן נישט קיין חרטה? כ'מיין, זי ווילן גאָר גיין אין פוילישן טעאטער?

פלעמלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן:

— ווען?

— שבת אין אָוונט. איך וועל צוגרייטן בילעטן.

4

אויפן טעאטער=פלאַץ האָט געהערשט א יום=טובדיקע באַוועגונג. צום הויפּט=אריינגאַנג פון טעאטער זענען צוגעפאָרן רייכע קאַטשן. עלעגאַנטע דאמען און הערן האָבן מיט חשיבות דורכגעשפּאַנט דעם פּאראַדאיינגאַנג. היינט איז געשפּילט געוואָרן שעקספּירס קאָמעדיע „ווי געפעלט עס אייך".

אסתּר=רחל מיט קאמינסקין זענען אריינגעגאַנגען דורך א זייטןטיר און פאַרנומען פלעצער אויפן צווייטן שטאָק.

דאָס טעאטער איז געווען אָן אן ערך גרעסער און רייכער, ווי דער „בוף". די פיר שטאָק האָבן אים געמאַכט מאָנומענטאַל. די רייכע דיוואַנעס, די ריזיקע, קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן און לאָמפּן האָבן אים צוגעגעבן דעם פייערלעכן אויסזען פון א געבעט=הויז.

אויך די שטימונג אין דעם טעאטער איז געווען אן אַנדערע, ווי אין „בוף". דאָרט, ביי דער פאָרשטעלונג פון „שולמית" האָט א וואַרעמקייט געשטראָמט פון יעדן ווינקל און דאָ בלאָזט עס מיט קעלט. איינקוקנדיק זיך אין דעם עולם, וואָס האָט צוביסלעך אָנגעפילט דעם פּאַרטער און די לאָזשעס און גאַנץ שיטערלעך באַזעצט די שטאָקן, האָט אסתּר=רחל באַמערקט די שטייפקייט פון די מענטשן, די אָנגעצויגנקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַגריסט, באַוועגט, גערעדט. ס'איז איר קלאָר געוואָרן דער חילוק: דאָרט זענען געווען פאָלקס=מענטשן, וואָס זענען זיך געקומען אָנזאַפּן מיט שיינקייט; דאָ זענען די פון די הויכע פענצטער, וואָס קומען פאַרטרייבן זייער לאַנגווייל, אָדער זיך באַווייזן צווישן מענטשן.

דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אין דעם אופן, ווי אזוי דער עולם האָט אויפגענומען די געשעענישן אויף דער בינע: געצווימטע גע=

לעכטערס, האנט־פאטשערייען, ווי דורך הענטשקעס. און ס'איז דאָך אזוי שיין געווען, אזויפיל צו זען און צו הערן!

אסתר־רחל האָט אפילו נישט פארשטאנען צו וואָס דאַרף מען די לעבעדיקע שעפסן און דעם פרעכטיקן הירש אויף דער בינע, זי האָט נישט געזען קיין זין אין דער איבערגעטריבענער רייכקייט פון דער אויסשטאטונג — אָבער ווי שיין עס שפילט ראָזאלין! זי האָט מיט א פארכאפטן אָטעם נאָכגעפאָלגט איר יעדע באוועגונג.

— די, — דאָס איז אלעקסאנדרא לידע, — האָט שטיל אריינגע־שעפטשעט קאמינסקי אין איר אויער. — א גרויסע קינסטלערין....

יאָ, דאָס האָט אסתר־רחל געפילט. און דער איידעלער פירשט?

— דאָס איז אנאסטאזי טראפשאָ...

אסתר־רחל אנטציקט זיך מיטן שיינעם רעדן פון ליידנדיקן יאקוב. זיינע ווערטער קלינגען ווי מוזיק.

— דאָס איז דער רעזשיסער באָלעסלאוו לאדנאָווסקי — רוימט איר איין קאמינסקי.

— און דער לץ איז א באגאבטער יונגער אקטיאָר מיעטשיסלאוו פרענקעל.

אלץ איז אזוי שיין, אזוי הארמאָניש, כאָטש זי פארשטייט נישט במעט די ווערטער.

בעתן איבעררייס האָט איר קאמינסקי דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין משך פון אקט, הגם אויך אים איז נאָך נישט אלץ קלאָר געווען.

אין די ווייטערדיקע איבעררייסן האָט קאמינסקי נאָכמער ארויס־געוויזן באהאוונטקייט. ער האָט געקויפט א פראָגראם און לויטן פראָ־גראם אָנגעהויבן אויסצורעכענען די אקטיאָרן, באשרייבן זיי:

— זעען זי, דער פראזשמאָווסקי, וואָס שפילט אָרלאנדאָ, איז דער עלעגאנטסטער ליבהאבער אויף דער פוילישער בינע.

— מעגלעך... ער איז זייער א שיינער מאן... ער האָט אָבער ליב אזוי קאלט... ס'איז נישט די ליבע פון אבשלומען.

אנטציקט פון דער שיינקייט איז אסתר־רחל ארויס פון טעאטער. אָבער זי האָט נישט געטראָגן אין זיך די אויפרודערונג און דאָס פייער, מיט וועלכן זי איז ארויס פון דער ערשטער „שולמית"־פאָרשטעלונג.

זייט דאן האָט זי אָנגעהויבן אָפטער צו גיין מיט קאמינסקין אין פוילישע טעאטערס: אין „ראָזמאיטאָשטשי", אין „לעטני". פון הערן מער די פוילישע שפראך און פון קאמינסקיס איבערזעצונגען האָט זי צוביסלעך אָנגעהויבן אליין צו פארשטיין, וואָס עס קומט פאָר אויף דער

בינע, אליין אָפּשאצן אקטיאָרן. זי האָט שוין אָנגעהויבן צו זאָגן מיינונגען, וואָס עס געפעלט איר און וואָס נישט. נישט איינמאָל האָט זיך אנטוויקלט א הייסער וויכוח צווישן איר און קאמינסקין.

— ווי געפעלט אין באַלעסלאוו לעשטשינסקי? דוכט זיך, אז ער האָט זיך היינט אביסל צופיל אָנגעשטרענגט.

— ער האָט געשפילט מיט... מיט בלוט, — האָט פּלוצלינג אסתר־רחל געגעבן א באצייכענונג, וואָס האָט איבערראשט קאמינסקין.

— פּראזשמאָווסקי איז היינט געווען זייער פיין, אמת?

— ער האָט געדעדט צו געפעלן דעם עולם און נישט צו מאכן גלייבן דעם עולם, — האָט זי געענטפערט.

— יאָ, ער האָט א שוואכקייט צו דעקלאמירן.

— דעקלאמירן? — האָט זיך אסתר־רחל פארטראכט. — איך האָב פיינט דאָס דעקלאמירן.

5

פארשטייענדיק איז אסתר־רחל געשטאנען און געהערט די נייעס, מיט וועלכער קאמינסקי איז אין א געוויסן אָוונט געקומען צו איר:

א גרופּע ליבהאָבער טרעט צו צו רעפּעטירן אברהם גאָלדפאדענס „קאָלדוניא“. דער שול־דירעקטאָר ווייספעלד מיט זיין שוועד, דעם באקאנטן ארטיסט דוד שווארצבארד, האָבן זיך פאראינטערעסירט מיט די ליבהאבער. צו דעם ענין איז צוגעצויגן געוואָרן א דייטש־פּוילישער ארטיסט, וואָס האָט שוין געשפּילט מיט די גרעסטע אקטיאָרן פון דער וועלט, יוליוס אָסקאר. ער איז גרייט מיט זיי אויפצופירן די פאָרשטעלונג. אויב עס וועט געלונגען דורכצוקומען מיט דער דירעקטאָרין פון „עלדאָראדאָ“, דעם אמאָליקן „בוף־טעאטער“ אויף דלוגע 25, — זי הייסט אָלגינסקאיא — וועט עס ווערן אן אמתדיק טעאטער. אייניקע פון די ליבהאבער זענען שוין, קאָן מען זאָגן, אלטע טעאטער־מעיטשן: בעניע אבעלמאן איז א גוטער זינגער, ממש פאר אן אָפּערע; יאנקל ליבערט, דער מיט וועלכן קאמינסקי האָט באקענט אסתר־רחלען אויף א פאָרשטעלונג אין פּוילישן טעאטער, ווען זיי זענען געווען אויף „נקמה“ — האָט שוין נישט איין מאָל געשפּילט און איז א שטענדיקער גאסט אין פּוילישן טעאטער; טיטעלמאן איז א פארטיקער אקטיאָר; שייעלע ראַטשיין טרעט ארויס זייט יאָרן מיט פארשידענע גרופּעס; ארעלע בערמאן האָט נאָך געזונגען אין כאָר ביי גאָלדפאדענען און ער איז א ברודער פון דעם באקאנטן קאָמיקער הערמאן בערמאן — מיט

איין וואָרט: ס'איז א פארטיקע טרופע, מיט וועלכער מען קאָן גיין צום טיש. די צווייטע וואָך הייבן זיך שוין אָן די פּראָבן און ער איז זיכער, אז ווי נאָר מען וועט באקומען דאָס „עלדאָראדאָ"-טעאטער, וועט די פאָרשטעלונג זיין פארטיק.

אסתר-רחל האָט אויסגעהערט קאמינסקיס רייד, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף איר ווי האָגל, אויפגענומען זיין התלהבות און אימפּעט, לסוף געענטפערט מיט א בלאס שמייכעלע:

— זאָל אייך זיין מיט גליק.

קאמינסקי האָט לכתחילה נישט פארשטאנען, וואָס זי מיינט, אויס-געשטעלט אויף איר זיינע קיילעכדיקע אויגן און פּלוצלינג אויסגעשאָסן מיט א הארציק געלעכטער:

— כא, כא, כא! דעם טשוואָק האָב איך גאָר פארגעסן! עס פעלט דאָך אונדז א פּרימאַדאָננע צו דער פאָרשטעלונג... מיר האָבן גע-טראכט וועגן בעטי ווינאָוויטש, וואָס האָט געשפּילט אביגיל ביי גאָלד-פאדענען אין „שולמית"... נו, דעם קאפּעלמייסטערס טאָכטער... ווייזט זיך ארויס, אז זי האָט חתונה-געהאט און איז איצט אויף דער צייט... האָב איך געזאָגט, אז זי קאָנען זיין א גוטע „מירעלע" און הער אָסקאר האָט באפוילן, זי זאָלן קומען אויף פּראָבע.

הענט און פיס האָבן אָפּגענומען ביי אסתר-רחלען. א הייסע כוואַ-ליע האָט א זעץ-געטאָן אין קאָפּ. ס'האָט איר אָנגעהויבן צו שווינד-לען פאר די אויגן.

קאמינסקי האָט זיך דערשראָקן נישט אויף קאטאָוועס:

— וואָס איז אייך פריילין האלפּערן? אפשר אביסל וואסער?

אסתר-רחל האָט זיך אָנגעשפּארט אין א מויער, שווער געאָטעמט.

— ס'איז גאָרנישט, ס'וועט באלד פארביי... ס'האָט מיר א שווינדל געטאָן אין קאָפּ.

ווען זי איז אביסל צו זיך געקומען, האָט זי רואיק געגעבן צו פארשטיין קאמינסקין איר שרעק:

— כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געשטאנען אויף דער בינע. כ'ווייס נישט, צי כ'וועל זיין בכוח עפּעס צו באווייזן... און דאָ, מיטאמאָל, אזא פאראנטוואָרטלעכע ראָל... אין אן אמתער טעאטער-פאָרשטעלונג...

קאמינסקי האָט זיך אויסגעלאכט דערפון:

— יעדע זאך מוז זיין צום ערשטן מאָל אין לעבן! יעדער פון אונדז מוז איינמאָל דורכגיין דאָס פייער. אז נישט וואָלטן דאָך קיין אקטיאָרן נישט געווען און ס'וואָלט קיין טעאטער נישט געווען.

— איך האָב שרעקלעך מורא!

— דאָס איז גוט. מורא איז זייער א גוטע זאך, זי באווייזט אַן ערנסטע באציונג.

ער האָט מיט היץ איר אָנגעהויבן געבן צו פארשטיין, אז די מורא קומט אמאָל צו אקטיאָרן מיט א גרויסן נאָמען און יאָרנלאנגער פראקטיק. מען מוז אָבער זען זי צו באהערשן, דאן קאָן מען ערשט בעסער שפילן. ער האָט איר דערציילט וועגן פאלן, ווען ביי בארימטע ארטיסטן ווערן די קישקעס איבערגעדרייט פאר שרעק איידער זיי גייען ארויס אויף דער בינע... אפשר דערפאר טאקע האָבן זיי שפעטער געקאָנט זיין גרויס אין זייערע ראָלן... ער האָט איר פארזיכערט, אז אָסקאר וועט איר אלץ ווייזן, וואָס זי דארף טאָן. ער האָט געשפילט מיטן וועלט-בארימטן בארניי, מיט די גרעסטע פוילישע ארטיסטן און ער קאָן פון טויטע מאכן ארטיסטן... אויסער דעם האָט ער אליין, קאמינסקי, די זיכערקייט, אז זי האָט א גרויסן טאלאנט. ער זעט פון איר פנים, אירע אויגן, ער הערט עס אין איר שטים. ער האָט קיין איין סעקונדע נישט געצווייפלט, אז זי וועט זיך מיטביידע הענט אָנכאפן אין דעם פאָרשלאָג... אזא געלעגנהייט טרעפט זיך אייגמאָל אין לעבן! דאָס קאָן זי מיטאמאָל מאכן בארימט, מאכן פאר א גרויסער ארטיסטקע!

קאמינסקי האָט זיך אלץ מער אָנגעצונדן רעדנדיק. די רייד זיינע, דאָס פייער, האָבן אסתר-רחלען ארייננגעגעבן זיכערקייט און גלויבן. זי האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו שמייכלען... ווען קאמינסקי האָט נאָך זיין לאנגן מאָנאָלאָג אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערן, האָט זי שוין פיל-שטענדיק רואיק געענטפערט:

— גוט, פאניע קאמינסקי, כ'וועל גיין אויף דער פראָבע... כ'וועל פרובירן...

6

אין זאל פון ווייספעלדס פריוואט-שול אויף דער וואָלינסקי גאס האָט געגרוישט, ווי אין א בינשטאָק. יונגעלייט אין בלויזע קעפּ, מיט ווילעריש-ארויפגעדרייטע וואָנסעלעך און יונגעלייט אין קיילעכדיקע שווארצע היטעלעך האָבן זיך ארומגעדרייט איבערן זאל און אויפן קול־ געדרעדט צווישן זיך. פרויען האָט מען צווישן זיי נישט געזען — זיי זענען געזעסן אין א ווינקל און פון צייט-צו-צייט שטיל געכאפּט א שמועס צווישן זיך. געווען זענען עס א פּאָר יונגע מיידלעך מיט לאנגע צעפּ. זיי האָבן זיך געפילט געקוועלט און ווען עמעצער פון די יונגעלייט

איז נאָענט פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דער ראש־המדברים איז געווען דער יונגער גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, פאַר וועלכן אַלע האָבן דרך־ארץ געהאַט: זיין טאַטע האָט זיך גערעכנט פאַרן עלטסטן יידישן אַקטיאָר אין וואַרשע, ער האָט אַ סך יאָרן נאָך פאַר גאָלדפאַדענען געשפּילט אין יידישן טעאַטער ביי בעללאַה.

גוסטאַוו האָט די יונגעלייט געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גליק: עס דערוואַרטן זיי, אויב עס וועט איצט געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ שטענדיק יידיש־דייטש טעאַטער. זיי קאָנען אויסוואַקסן פאַר גרויסע קינסטלער אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ געניטן אַרטיסט, ווי זיין פאָטער, און מיט דער הילף פון אַזאַ רעזשיסער, ווי יוליוס אָסקאַר. ס'וועט זיך פאַר זיי עפענען אַ וועלט פון דערפאָלג, רום, רייזעס, אַפּלאָדיסמענטן און ליבעס.

אין דער גרופּע האָט זיך צום שטאַרקסטן געקאָכט דער באַוועגלעכער שייעלע ראָטשיין, שייעלע לאַנגעטנמאַכער, ווי מען האָט אים גערופן לויט זיין פּראָפעסיע. ער האָט שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון רייזעס און פון צוריקקומען צופוס אַהיים. ער האָט אַ ביסל געלאָשן דאָס פייער פון יונגן גוסטאַוו און — פאַרבייגייענדיק די מיידלעך — כסדר זיי צוגעוואָרפן פאַרשעפנדיקע בליקן, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי זיי אַ געשטיקט געלעכטער.

דער ערנסטער יאַנקל ליבערט איז געזעסן אין אַ זייט און אָפּט אַ וואָרף־געטאָן מיט זיין געדיכטער טשופּרינע, ווי ער וואָלט וועלן דערמיט באַווייזן, אַז אים גנעמען שוין נישט די מעשהלעך פאַר קליינע קינדער, ער וואַרט אויף עפּעס ממשותדיקס.

ווען אסתר־רחל איז מיט קאַמינסקין אַריינגעקומען אין זאַל איז געווען דער הויך־פּונקט פון געקאָך צווישן דער יוגנט. קאַמינסקי איז באַלד מיטגעריסן געוואָרן. אסתר־רחל האָט זיך באַשיידן אָוועקגעזעצט אין ווינקל נעבן די איבעריקע מיידלעך. זי האָט זיי נישט געקענט. אָבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען קאָנקורענטקעס. האָט זי באַטראַכט די מיידלעך מיט אַ זייטיקן בליק און גאָר גיך זיך באַרואיקט — זיי זענען אויס נישט געפערלעך.

אין זאַל זענען אַריינגעקומען די באַלעבאַטים, ווי יונגוואַרג האָט זיי גערופן: דער אַלטער שוואַרצבאַרד מיט ווייספעלדן. שוואַרצבאַרד האָט אַ דריי געטאָן זיינע געדיכטע, גרויליבע וואָנסן, אויסגעהוסט זיך און מיט אַ געקינצלטער באַריטאָן־שטים אויסגערופן:

— רוע, מיינע הערשאפטן, דער מייסטער יוליוס אָסקאר קאָמט גלייך!

די ידיעה האָט טאקע געווירקט בארואיקנדיק אויפן פארזאמלטן עולם און קודם־כל אָפּגעקילט די היץ פון גוסטאוו שווארצבארדן, וואָס האָט זיך איצט באהאלטן אין שאָטן.

קורץ נאָכדעם איז אריינגעקומען יוליוס אָסקאר, א מיטלוואקסיקער הער אין א שווארצן שלום־ראָק. די אָרלער־נאָז האָט צוגעגעבן א באַזונדערע שארפקייט זיין אויסדריקלעך פּנים. ער האָט מיט א קאלטן בליק באקוקט אלע אָנוועזנדע, א שאר־ארויף געטאָן זיינע לאנגע האָר איבערן הויכן שטערן, פאראַכטן די בריליאנטענע שפּילקע אין ברייטן פלאַזדראָן און מיט א לייבן־שטים אויסדעקלאמירט, טאָקנדיק יעדע זילב:

— יא, מיינע דאמען אונד הערן, וויר ווערדען בעגינען.

אָסקאר האָט דורכגעפירט אן אייגנארטיקן עקזאמען: ער האָט יעדן באזונדער געשמעלט פראגן. וואָס קען ער? צי האָט ער שוין געשפּילט? וואָס, ווען, מיט וועמען? אלע ענטפערס האָט ער זיך פארצייכנט אין א קליין נאָטיץ־ביכל. אן איינמערעס האָט ער ארויסגעוויזן צו ליבערטן. געהייסן אים דעקלאמירן, אויפמערקזאם זיך צוגעהערט און א צופרידענער א שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אויך לענגער אויסגעשמועסט מיט קאמינסקין און אוועקגעזעצט אים נעבן ליבערטן. אבעלמאַגען, וואָס האָט זיך שטייף אוועקגעשטעלט אין א העלדישער פּאָזע, האָט ער געהייסן עפּעס פּאַרזינגען. יענער האָט א נעם־געטאָן טענער, אז די שויבן האָבן א קלונג־געטאָן. אָסקאר האָט געשמייכלט:

— יאוואָהל! זאָנדערבארע מעטאלל! — און געהייסן אבעלמאגען זיך זעצן מיט די פריער אויסדערוויילטע.

דוד שווארצבארד האָט אויפמערקזאם געמאכט אָסקארן אויף זיין זון, גוסטאוו. אָסקאר האָט אויף אים געוואָרפן א בליק און געענטפערט דעם טאטן:

— שיינט מיר צו יונג פיר פעראנטוואָרטליכע ראָללען...

דערנאָך איז ער אריבער צו די מיידלעך.

— ווער איסט פרוילײן האלפּערן?

אסתר־רחל איז מיט א קלאפּנדיק הארץ צוגעקומען צו אָסקארס טישל. ער האָט זי באטראכט פון אויבן־אראָפּ, א קוק געטאָן פון א זייט אויף איר און דאן פאראָרדנט:

— זינגען זי עטוואס פאָר.

זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזונגען דאָס ליד פון „מירע־לע", וואָס קאמינסקי האָט מיט איר איינגעלערנט:

וואָס טויג מיר די שמחה, מיך געמט זי ניט,
אז איך דערמאָן זיך אין דער מינוט...

געזונגען האָט זי רואיק, באהערשט, נאָר ווען זי איז אריבער צום סטראָף:

ווײ איז מיר און ביטער
אז אין דער לוסטיקער שעה,
איז מײן געטרײַע מוטער
אויף מײַן שמחה ניטאָ...

האָט א פלײץ־געטאָן פון אירע אויגן א שטראָם טרערן.

די מיידלעך אין ווינקל האָבן צווישן זיך געמאכט א פּאָר בייסיקע, קריטישע באמערקונגען, די יונגעלייט האָבן אויפגעשפּיצט אויג און אויער און קאמינסקי האָט מיט א טריומפירנדיקן בליק געוואַרט אויף אָסקארס אָפּשאצונג.

— יאוואָהל... קיינע גראָסע שטימע, דאָך... פיל געפיל, אויסדרוק. ניכט שלים. ווירד גיין. אבער די שפּראכע... די שפּראכע... ווירן ווערדען מיססען פיל ארבייטען...

און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבן פון „קאָלדוניא" מיט אסתר־רחל אלס „מירעלע".

7

אָוונט אין אָוונט, גלייך נאָך דער ארבעט, קוים באוויזן עפּעס איבער־צוכאַפּן און אביסל זיך צופּוצן, איז זיך עולם יונגוואַרג צונויפגעקומען ביי ווייספּעלדן אין שול אויף פּראָבן. געווען אייניקע א'מצופרידענע צוליב די קליינע ראָלן, וואָס זיי האָבן געקריגן. זיי האָבן זיך געברוגזט און ארויסגעוויזן ביי דער ארבעט די אומצופרידנקייט — אויף זייער אָרט זענען באלד אָנגעקומען אנדערע און ס'האָבן זיך כסדר געמאָלדן נייע קאנדידאטן. דער דראנג צו שפּילן טעאטער איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט גאָרנישט געפרעגט וועגן באדינגונגען, נישט געטראכט אפילו וועגן דעם, נאָר געלעבט מיט איין געדאנק: וואָס גיכער שפּילן. געווען אזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאלטן פאר גליקלעך, אז מען האָט זיי דערלאָזט אין כאָר, אלס סטאטיסטן, אבי צו זיין אויף דער בינע.

אָסקאר האָט זייער זאָרגפעליק אָפּגעקליבן די קאנדידאטן אויף סטאטיסטן. ער האָט געטענהט, אז אויף דער בינע מוז מען אויסזען

און קאָנען זיך האַלטן, אפילו דעמלט, ווען מען האָט נישט קיין וואָרט צו זאָגן. בכלל איז ער געווען זייער שטרענג אויף די פּראָבן, נישט דורכ־געלאָזט די מינדעסטע קלייניקייט און געמאַטערט דעם עולם ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין מיטן בעסטן פּראָבירן האָט ער געקאָנט איבעררייסן מיט זיין לייבן־שטים:

— וואָס מאַכען זי דאָרט מיט דער האַנד? איסט דאַס איינע בע־וועגונג פאָן איין שאַושפּילער? איין שוסטער־יונגע מאַכט זאָ! גראַציע מוס מאַן אַללעם מאַכן, מיט געשמאַק, זאָ!...

צען מאָל פלעגט ער וויַיזן איין באַוועגונג אַן איבערגעשראָקענעם סטאַטיסט, צי אַ ראַליסט, וואָס האָט זיך געמאַטערט, נישט וויסנדיק ווו אהינצוטאָן די הענט.

אסתר־רחל האָט אויך געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון אָפּ־קארן. ער איז אפילו געווען צופרידן פון איר האַלטונג, פון איר באַנע־מונג, כאָטש זי האָט אַלץ געטאָן זייער פּשוט און נישט געצוואונגען. ער האָט מודה געווען, אַז זי האָט אַן איינגעבוירענע גראַציע. אָבער מען דאַרף עס נאָך אביסל אונטערשטרייכן. פּעסט צודריקן ביידע הענט צו דער ברוסט, מיט אַ קיילעכדיקער באַוועגונג אויסציען די הענט צום הימל:

— זאָ! זאָ! — האָט ער מושטרירט.

נאָר די שווערסטע הלכה איז געווען די שפּראַך.

— דאַס איסט קיינע בינע־שפּראַכע. זאָ שפּריכט מאַן ביי די האַ־לעם!

אסתר־רחלען פלעגט דאָס אונטערטראָגן און זי האָט אפילו גע־וואַגט אַנטקעגנצורעדן:

— אַזוי רעדן פּשוטע מענטשן און איך דאַרף דאָך שפּילן אויף דער בינע אַ פּשוטן מענטש.

— זאָ? — האָט ער דראָענדיק אויסגערופן. — זי וועררען מיר לערנען, ווי מאַן אויף דער בינע שפּריכט?

און ס'איז אַוועק אַ לאַנגע לעקציע וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף רעדן אויף דער בינע. אָסקאַר האָט געטענהט, אַז יעדעס וואָרט וואָס ווערט געזאָגט אויף דער בינע, מוז דערגיין אין די וויַיטסטע ווינקעלער פון זאַל, דערפאַר דאַרף עס געזאָגט ווערן שאַרף און דייטלעך, אָפּגע־טאַקט.

יאָ, דאָס איז ריכטיק, האָט אסתר־רחל געטראַכט. אָבער, אַז אויף דער בינע דאַרף מען רעדן אינגאַנצן אַנדערש, ווי אין לעבן — דערמיט

האָט זי נישט געקאָנט מסכים זיין. אָסקאַר פּלעגט די פּראָזן דעקלאַמירן, אויסשרייען מיט פּאַטאָס און דאָס האָט איר דערמאָנט דעם פּוילישן אַרטיסט פּראַזשמאָווסקי, וועלכן זי האָט אַזוי נישט ליב געהאַט. אמת, פּראַזשמאָווסקי פּלעגט אַלץ טאָן קעלטער פון אָסקאַרן, אָבער ביי ביידן האָט אסתר־רחל געפילט די נישט אמתדיקייט. אומדערטרעגלעך פאַלש האָט ביי איר אויסגעזען, ווען אָסקאַר האָט איר געהייסן רעדן דייטש. זי האָט זיך געווערט קעגן דעם.

קאַמינסקי האָט איר אָבער אויפגעוויזן, אַז אַלע רעדן זיי דאָך אַזוי. זיי מוזן אַזוי רעדן, ווייל מען וועט דאָך שפּילן „יידיש־דייטש־טעאַטער“. אויב מען זאָל נישט פאַרדייטשמערישן די שפּראַך, קאָן מען איבער־רייסן די פאָרשטעלונג אין מיטן, אפילו ווען זיי זאָלן האָבן א דערלויבע־ניש. יאָ, אַז ס׳וועט אויסקומען צו שפּילן אמאָל פאַר א היימישן עולם, אין עפּעס א זאַל, קאָן מען זיך דערלויבן א שפּיל צו טאָן אויף פּראָסט־יידיש — ס׳וועט פאַר די אַקטיאָרן זיין לייכטער און פאַרן עולם ליבער. אָבער אין א טעאַטער — ווי קאָן מען דען אַנדערש? געדענקט זי דען נישט, אַז אפילו ביים גרויסן גאָלדפאַדען איז די שפּראַך געווען פאַר־דייטשמערישט?

מיט א שווער האַרץ האָט אסתר־רחל געפאָלגט אָסקאַרס אָנווייזונגען. אביסל אויפגעלעבט האָט זי גאָר, ווען ס׳איז געקומען צו געזאַנג. דאָ האָט זי פאַרגעסן וועגן די ווערטער — די מעלאָדיע אַליין האָט אויסגעדריקט דעם גאַנצן צער און אומעט פון דער יתומה, וועלכע זי האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן. אָבער ווען עס איז געקומען צו רעדן, אָדער ווען זי האָט געהערט אַנדערע רעדן, איז עס פאַר איר געווען אַן אָפּ־קומעניש.

נאָך פיר וואָכן אַרבעט, בעת וועלכע אָסקאַר האָט נישט איינמאָל געדונערט מיט זיין שטים, געזידלט דעם עולם, גערופן זיי שניידער־יונגען און שוסטער־קעפּ — האָט דאָך עפּעס אָנגעהויבן אַרויסצוקומען פון דעם יונגוואַרג. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו זען א פאָרשטעלונג: געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך פריי באַוועגט און געוווסט, וואָס זיי רעדן; סצענעס, וואָס האָבן שוין געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמת טעאַטער. אָסקאַר האָט דאַן געגעבן צו פאַרשטיין וויספּעלדן, אַז ס׳איז צייט צו מאַכן דערפון א תכלית. וויספּעלד פלעגט אויף גאַנצע טעג פאַר־שווונדן ווערן, צוריקקומען אין אָוונט, א טויט־מידער, בסוד עפּעס דער־ציילן אָסקאַרן. דער ווידער האָט געענטפערט מיט א צענעמען די הענט, ווי איינער זאָגט: וואָס קאָן מען זיך העלפן?

אלע זענען בעת אזעלכע שפּילע געשפּרעכן געזעסן מיט א פּאַר־באַפּטן אָטעם. מען האָט געפילט, אז עס דעצידירט זיך דער גורל פון דער פאָרשטעלונג, פון זייער טעאַטער. מען האָט פאַרשטאַנען, אז די אָלגינסקאַיא מוז שטעלן שווערע באַדינגונגען — אָבער זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל, אבי שפּילן טעאַטער! און טאַקע אין „עלדאָראַדאָ“, וווּ עס האָט מיט א פּאָר יאָר צוריק געשפּילט גאָלדפאַדען אליין.

— מען דאַרף אין יאָר 1892 צוריק אָנהייבן דאָס, וואָס איז איבער־געריסן געוואָרן אין יאָר 1887!

צומאָרגנס איז ווייספּעלד געקומען אַן אויסגעמאַטערטער, א היי־זעריקער און פאַרבייגייענדיק דעם זאָל א וואָרף־געטאָן:

— אין צוויי וואָכן ארום הייבן מיר אָן צו שפּילן אין „עלדאָראַדאָ“.

די פּראָבן זענען אוועק נאָך אייפעריקער. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קאָסטיומען, וועגן גרים. א פיבער האָט ארומגעכאַפּט אַלע באַטייליקטע. אסתּר־רחל האָט בכלל אויפגעהערט צו זען די וועלט פאַר זיך.

אין א פּאָר טעג ארום איז ווייספּעלד געקומען מיט א רוסישן גע־דרוקטן אפיש, וווּ עס ווערט געמאָלדן, אז אין „עלדאָראַדאָ“־טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון אָלגינסקאַיא, הייבט אָן צו שפּילן א „יידיש־דייטש“־טעאַטער אונטער דער רעזשי פון באַקאַנטן דייטשישן קינסטלער יוליוס אָסקאַר. צווישן די אויסגערעכנטע ראָליסטן איז געווען בפירוש אָנגעוויזן, אז די ראָל „מירעלע“ פירט אויס די מאַדמואַזעל האַלפּער.

8

ביז צום טאָג פון דער פאָרשטעלונג האָט אסתּר־רחל געלעבט אין א צושטאַנד פון פיבער. איר ארבעט אין וואַרשטאַט האָט זי געטאָן, נישט טראַכטנדיק וועגן דער ארבעט, און דער מייסטער האָט שוין אָנ־געהויבן אונטערצוברומען:

— אונדזער פריילין רחל איז עפּעס קאַליע געוואָרן. זי הערט נישט אויף צו מאַכן בראַק... ס'ווערט א תּל פון געשעפט...

אהיים פלעגט זי קומען שפּעט ביינאַכט. רבקה, זייט זי האָט דער־זען אסתּר־רחלס נאָמען אויפן אפיש, איז אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אחריות. זי האָט כסדר באַרואיקט די קינדער, ווען אסתּר־רחל איז געווען אין דער היים:

— שטילער זייט! די מומע רחל דאַרף האָבן רו...

אין טאָג פון דער פאַרשטעלונג איז זי פריער אוועק פון דער ארבעט און דער מייסטער, וועלכער האָט זיך געגרייט צוזאמען מיט די געזעלן צו גיין אין טעאטער, האָט איר דאָס מאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט.

אין טעאטער אריין איז זי געקומען מיט צוויי שעה פריער, אָנגעטאָן דאָס שיינע קלייד, אין וועלכן מירעלע באווייזט זיך אויפן געבורטסטאָג און געבליבן זיצן א פארגליווערטע ביים שפיגל. דער אלטער שווארצבארד איז צוגעקומען, האָט איר געוויזן ווי אזוי זיך צו פארקעמען, געזאָגט מיט וועלכע קאָלירן זי זאָל זיך צושמירן און ווי אזוי. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי אָנגעהויבן פאנאנדערצופירן די שמינקע אויפן פנים. קאמינסקי איז אריינגעקומען אין גארדעראָב־צימער, א קוק געטאָן אויפן אויסדרוק פון אסתר־רחלס פנים, האָט ער איבערגעלאָזט א שטילן „גוטן־אָוונט“ און ארויסגעשלייכט זיך פון גארדעראָב.

הינטער די קוליסן איז פול געווען מיט רעש און געפילדער. אָסקאר האָט געשריגן, פארלאנגט אן אנדער שטיקל דעקאָראציע, געקאָמאנדעוועט ביי דער ליכט; ווייספעלד איז ארומגעלאָפן פון דער בינע צו דער אריינגאנג־טיר און צוריק, געריבן זיך די הענט פאר פרייד און צוגעטראָגן אָסקארן די בשורה:

— אויספערקאויפט!

— אבער לאססען זי יעצט דאמיט! — האָט זיך אָסקאר צעבייזערט. — שאוען זי דער רעקוויזיט זאָל זיין אם פלאץ.

ס'האָט זיך דערהערט קלינגען. דאָס לויפעניש איז געוואָרן נאָך נערוועזער. גוסטאוו שווארצבארד האָט א געשריי געטאָן א פארסאָפעטער:

— פריילין האלפערן, אויף דער בינע! מיר פאנגען אן!

אסתר־רחל האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע פארחידושטע אויגן, זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט און מיט שווערע טריט געגאנגען צו דער בינע.

אלע לאָמפן האָבן זיך צעהעלט. אויף דער בינע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט די געסט צום געבורטסטאָג, די איבעריקע ראָליסטן, אסתר־רחל האָט נישט דערקענט ווער ס'איז דער אָדער יענער, זי האָט נאָר געוווּסט, אז דאָס איז איר טאטע, רב אברהמטשע, דאָס — איר שטיפמאמע בתיה, איר שטיפשוועסטער ליזע און דער יונגערמאן איז איר חתן מארקוס. זי האָט געפילט, אז איר שמחה איז פארשטערט, ווייל איר טייערע מאמע איז נישטאָ דערביי.

דער אָרקעסטער האָט א שפיל־געטאָן די אוווערטורע. אָסקאר האָט

נאָך איבערגעשטעלט די גרופּע געסט, פאַראַכטן די פּאָזע ביי איינעם פון די אַקטיאָרן, א לעצטן קוק געגעבן, אויסרופנדיק:

— האַלדז אונד ביין־ברוך! — און שנעל אראָפּ פון דער בינע.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. מירעלע אין דער באַגליי־טונג פון אירע גאַסטגעבערס, גייט אראָפּ פון דער ווערענדע און די געסט זינגען:

צו דיין געבורטסטאָג, צו דיין פרוידע הויטע
האָבן זיך פאַרזאַמעלט דיינע גוטע פריינדע...

די געסט זינגען ווייטער, מירעלע בויגט זיך פאַר זיי... טרערן שטיקן אין האַלדז... ס'איז איר שווער צו ענטפערן אויף די ווונטשן, די שטים שטעקט א פאַרשטייפטע אין דער קעל... אָבער אָט הערט זי איר מע־לאָדיע. זי מוז שוין ענטפערן...

וואָס נוצט מיר די פרוידע, אוך אַללעס גוט,
ווען איך מיך ערינערע אין דיזער מינוט...

און טרערן גיסן זיך פון אירע גרויסע, ליידנדיקע אויגן, הייסע טרער־ן פון אמתן ווייטיק.

א שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויפגעטרייסלט דאָס טעאַטער נאָכן ערשטן לידל.

מירעלע האָט עס נישט געהערט. זי האָט נאָר געהערט די רייד פון די מענטשן אויף דער בינע, זיי געענטפערט מיט געפיל, כאָטש דאָס פאַר־דייטשמערישע לשון האָט איר כסדר געשטערט צו רעדן.

און ווען ס'איז געקומען דער קאָמיסאַר ארעסטירן איר טאַטן אָן א פאַרוואָס, האָט מירעלע אויסגעשריגן מיט די לעצטע כוחות:

— רעטעט מיך! ס'איסט מיר אומוואָהל...

און איז אוועקגעפאַלן.

ווען זי האָט געעפנט די אויגן האָט זי דערזען פאַר זיך אָסקאַרס אָדלער־נאָז, קאַמינסקיס קאָפּ, שוואַרצבאַרדס וואָנסן. אן אומבאַקאַנטער הער איז געשטאַנען נעבן איר, געהאַלטן איר האַנט און געקוקט אויפן זייגער. דער אומבאַקאַנטער האָט א זאָג־געטון צו אָסקאַרן:

— קאָמט צו זיך! — און טאַקע באַלד אָפּגעלאָזט איר האַנט.

קאַמינסקי האָט געשעפּטשעט איבער איר קאָפּ:

— פריילין האַלפּערן, טייערע, בארואיקן זי זיך...

און אָסקאַר האָט א פרעג געטאָן מיט א מינע פון א טריומפאַטאָר:

— נאָ, ווי פילט מען זיך? בעסער, וואס? איך שטאָלצירע! עס וואר פאבעלהאפט! זי זינגט איינע וואהרע קינסטלערין!

ווייספעלד, א פארשוויצטער, אומגעדולדיקט זיך:

— נו, וואָס, מען וועט קאָנען אָנפאנגען דעם צווייטן אקט?

— גלייך, גלייך, — האָט אים אָסקאר בארואיקט, — פריילין האלפערן מוסט זיך דאָך אומציען.

אסתר־רחל האָט זיך אויפגעהויבן, מיט וואקלדיקע טריט אריין אין גארדעראָב־צימער. זי האָט זיך באמיט צו שטארקן, טיף געצויגן דעם אָטעם; שנעל האָט זי אָנגעהויבן איבערצוטאָן דאָס קלייד. ווען זי האָט שוין אָנגעטאָן מירעלעס אָרעם קלייד האָט זי זיך דערפילט אין דעם אזוי היימיש, אז פון קאָפ איז פארביי דער טשאד. זי האָט צעפּאטלט אירע האָר, גענומען און עמער אין האנט אריין און ארויס אויף דער בינע.

9

עלנט פון אלע ביימער ווייט
אויף א בערגעלע גאנץ קליין
וואקסט נאָך גאָר א יונג ביימעלע
אין ווילדן וואלד אליין...

אָסקאר, וואָס האָט זיך די גאנצע צייט ארומגעדרייט הינטער די קוליסן האָט זיך געכאפּט ביים קאָפּ:

— זי זינגט דאָך זשארגאָן! איין דורכפאל!

ער האָט זיך געדריקט די שלייפן, אויסגעבויגן זיך, ווי צום שפּרינגען, דערווארטנדיק, אז א ליאדע רגע וועט זיך דערהערן א פייפעריי פון זאל. אָבער ווען מירעלע האָט פארענדיקט איר טרויער־לידל פון צווייטן אקט האָט אזא שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן זיך דורכגעטראָגן דורכן טעאטער, אז אָסקאר איז שטיין געבליבן א געפּלעפטער.

— וואס איסט דאס? פאסט אָהנע שטיממע... זאָ איינע שאודערליכע שפּראכע... ווארום זינד די לויטע בעגייסטערט?

און אסתר־רחל־מירעלע האָט ווייטער גערעדט איר גרויסן מאָנאָלאָג אויף יידיש, גערעדט פשוט, גיסט דעקלאמירט, ווי אָסקאר האָט זי געלערנט. אין זאל האָט געהערשט א טויטע שטילקייט.

אָסקאר איז צוגעפאלן צו א לעכל אין דער דעקאָראציע, געקוקט אין זאל אריין און דערזען, ווי ווייבער און מענער הייבן די הענט צו די אויגן,

ווישן א טרער. עס האָט זיך געהערט א שטיל ציען פון נעזער אין זאַל. ווו נישט ווו — א געשטיקטער כליפּ... אָסקאר איז געווען איבערראשט און שטיל געפּליסטערט:

— אונפארשטענדליך! אונפארשטענדליך!

די געשפּאנטקייט האָט זיך געפילט ביי אלע אָנוועזנדיקע אויף דער בינע. קאמינסקי איז געשטאנען אין אן אנדער ווינקל, געקוקט אין זאַל אריין דורך א דעקאָראציע־לעכל. מיט א שטראַלנדיק פּנים האָט ער זיך ראַן געוואָנדן צו ליבערטן, וואָס איז געשטאנען נעבן אים.

— הא, וואָס זאָגסטו?

— גרויס! — האָט ליבערט ערנסט געענטפערט.

די סצענעס האָבן זיך געביטן, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ. דער זאַל האָט באַגייסטערט אויפגענומען יעדע סצענע. אזויפיל יאָר האָט שוין ווארשע נישט געהאט געזען קיין יידיש טעאטער, אזויפיל מענטשן זענען היינט געווען בכלל צום ערשטן מאָל אין טעאטער, אז אלץ, וואָס איז געוויזן געוואָרן האָבן זיי אויפגענומען מיט דער גרעסטער דאנקבארקייט. די אקטיאָרן זענען ארומגעגאנגען מיט אויפגעהויבענע קעפּ, געפילט א זיכערקייט אין יעדן טראָט, אין יעדן וואָרט. מען האָט זיך קעגנזייטיק גראטולירט, געווונטשן. אסתר־רחל איז געווען אויסער דעם אלעם. זי איז אינגאנצן געווען פארטאָן אין מירעלע, אין אירע ליידן, אין איר לעבן.

ווען ס'האָבן זיך דערהערט די לעצטע טענער פון פינאַל־ליד:

דער, ווער גראבט איין גרוב פיר יענעם,
דער פאלט זעלבסט היניין...

האָט דער עולם ווידער אָנגעהויבן צו אפּלאָדירן, ווי א שטורם וואָלט זיך צעבושעוועט, געשרייען „בּיס" האָבן זיך צונויפגעמישט מיט א הילכיק קלאפּעריי פון פיס און א פּאטשעריי. דער פארהאנג איז ארויף און אראָפּ און ארויף. די אקטיאָרן האָבן זיך געניגט, ארויסגעשלעפּט אָסקארן, וואָס האָט ערנסט געבויגן דעם קאָפּ און מיט די הענט אָנגעוויזן אויף די אקטיאָרן פון ביידע זייטן. אלע האָבן געשטראַלט. איין אסתר־רחל איז געשטאנען א מידע, א דערשעפּטע און מיט אויסגעליידיקטע אויגן געקוקט העט ווייט, איבער די קעפּ פון עולם.

מען האָט געגעבן ליכט אין זאַל. ענדלעך האָבן זיך איינגעשטילט די אָוואציעס. די אקטיאָרן אויף דער בינע האָבן זיך געקושט, אלע האָבן געדאנקט אָסקארן. ער האָט ווירדיק אָנגענומען די אָנערקענונג און גראטולירט די אקטיאָרן מיט זייער ערשטן דערפאָלג. ווען ער איז צוגעקומען צו אסתר־רחלען האָט ער איר שטארק געדריקט די האנט:

— פאבעלהאפט! פאבעלהאפט! אבער די שפראכע! גאָט, מיין גאָט!

אויף דער בינע ארויף איז געקומען צולויפן א צעשטראלטע די שוועסטער רבקה. אין טעאטער איז זי געווען די איינציקע פון אסתר־רחלס משפחה. זי איז ארויפגעפאלן אויף אסתר־רחלס ברוסט און געהעשעט:

— ווען דער טאטע וואָלט געלעבט, וואָלט ער געהאט נחת פון דיר... רחלע, מיין שוועסטערל!

טרערן האָבן זיך א קייקל־געטאָן פון אסתר־רחלס אויגן. רבקהס ווערטער זענען פאר איר געווען די גרעסטע לויב. דער טאטע וואָלט געהאט נחת...

און זי האָט קלאָר דערזען, אז איצט הייבט זיך אָן פאר איר גאָר א נייַ לעבן.

V

יידישע אַקטערן אויף דער רייזע

1

דאָס „עלדאָראַדאָ“־טעאַטער האָט ווידער אויפגעלעבט. בעיקר האָבן זיך די באַלקאָנען ממש געבראָכן פון פובליקום. אַלגינסקאַיא האָט געשאַרט געלד, ווי אין גאָלדפאַדענס צייטן, אָבער עפּעס האָט זי באַאומרואיקט: בלויז יוגנט האָט זי געזען אין טעאַטער, און די יוגנט איז געווען א פאַר־דעבטיקע — אַרבעטער, בעל־מלאכות. קיין בכבודיקע מענטשן האָט מען נישט געזען.

פון איר האַרץ־פריינד, דעם וואַרשעווער פּאָליצמייסטער, האָט זי זיך דערוווסט, אַז נאָכן צעשלאָגן דעם „פּראָלעטאַריאַט“ האָבן זיך אָנגע־הויבן צו שאַפן נייע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַז גאָר געפערלעך זענען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי אָרגאַניזירן אַרבעטער פון אַלע פעלקער.

— זיי פּאַרזיכטיק מיט דייגע יידעלעך! — האָט ער זי געוואָרנט.

אַלגינסקאַיא האָט זיך דורך אירע משרתים אָנגעהויבן צוצוהערן צו די געשפּרעכן פון פובליקום, באַמיט זיך אויסצוגעפינען ווער עס זענען דאָס די מענטשן. ס'איז איר קלאָר געוואָרן, אַז די מערהייט פון זיי זע־נען גאָר נאָענטע חברים פון די פרישע אַקטיאָרן, וואָס שפּילן ביי איר אין טעאַטער, דאָס זענען אַרבעטער פון די זעלבע פאַבריקן און וואַר־שטאַטן, פון וואַנען עס זענען געקומען אירע אַקטיאָרן. האָט זי אָנגע־הויבן צו זוכן וועגן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן צוביסלעך פון די פאַרדעכ־טיקע אַרטיסטן און דאָס געשעפט זאָל נישט ליידן. זי האָט באַשלאָסן צוטראָגן דעם עולם כסדר נייע סענסאַציעס. ווי נאָר מען האָט איר דער־ציילט, אַז קיין וואַרשע איז געקומען א פיינע יידישע זינגערין פון לעמ־בערג, אננא בריה, האָט זי באַלד מיט איר אָפּגעמאַכט, זי זאָל אויפ־

טרעטן אין „שולמית“, וואָס איז בעתן שותפות מיט גאָלדפאדענען גע־שפּילט געוואָרן אין איר טעאַטער 150 מאָל ביי געפּאַקטע זאַלן.

דאָס האָט קודם־כל געטראָפן אסתּר־רחלען. זי האָט שוין געוואָרפן די אַרבעט ביי דער לעדער־גאַלאַנטעריע, איינגאַנצן זיך איבערגעגעבן דעם טעאַטער. אמת, געצאָלט האָט מען טאַקע ווייניק, אָבער עס איז געווען די פריידע פון שפּילן, זי האָט זיך שוין געפילט ווי אַן אַרטיסטקע.

אסתּר־רחלס דערפאָלג אין „קאָלדוניע“ איז געווען אַ צו גרויסער און די פּאָפּולאַריטעט צווישן דער יוגנט אַ צו שטאַרקע, מען זאָל זי קאָנען שיקן אין כאָר אַריין. האָט זיך זיך אַרומגעדרייט וואָכנלאַנג און נישט געשפּילט. ווער שמועסט נאָך, אַז אָסקאַר האָט כּסדר געקלאָגט אויף איר „שפּראַכע“ און די אַנגאַ בריה האָט גערעדט כּמעט דייטש.

אויך קאַמינסקי און ליבערט האָבן נישט געפונען קיין חן אין די אויגן פון דער דירעקטאָרשע. אירע צוטראָגערס האָבן איבערגעגעבן, אַז מען איז זיי חושד אין נאָענטקייט צו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי טרעפן זיך אָפּט מיט פּוילישע יונגעלייט, רעדן פּויליש — אפשר זענען זיי עם די שרעקלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטן?

ס'איז געלונגען דער אָלגינסקאַיאַ זיך צו פאַרבינדן מיטן יידישן טע־אַטער־דירעקטאָר ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיינע אַקטיאָרן; יוליוס אָסקאַר האָט אַליין אויך אָנגעהויבן צו שפּילן, און די יוגנט האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אסתּר־רחל האָט אין זיך געשטיקט דעם ווייטיק און די באַליידי־קונג. זי וואָלט זיך נישט געשעמט צוריקצוגיין אַרבעטן אין וואַרשטאַט, נאָר אָן טעאַטער האָט זי שוין נישט געקאָנט לעבן.

קאַמינסקי האָט נישט גערוט. ער האָט אסתּר־רחלען דערציילט וועגן דעם דערפאָלג, וואָס יידיש־דייטש טעאַטער האָט אין אַנדערע שטעט. מיט וואַרשע ענדיקט זיך נאָך נישט די וועלט! מען דאַרף נאָר האָבן דרייסטקייט, ריזיקירן, קאָנען איבערטראָגן אַביסל נויט און מען וועט זיך דורכשלאָגן.

רעדנדיק וועגן טעאַטער איז ער פּאַמעלעך אַריבער צו פּערזענלעכע ענינים. ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אייגנטלעך איז ער אַ פרייער מענטש, מיט זיין ערשטן ווייב האָט ער זיך געגט און זאָל נאָר אסתּר־רחל זאָגן „יאָ“...

אסתּר־רחל האָט געשוויגן.

אין אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען צו אסתּר־רחלען מיט אַ שמחה, אַז ער האָט שוין אָפּגערעדט מיט דוד שוואַרצבאַרדן, איבערגערעדט דעם סופליאָר גוטמאַן, וועלכער האָט אַ גרויסן רעפּערטואַר מיט נאָטן... ער

איז שוין דורכגעקומען מיט ליבערטן, אבעלמאנען, ארעלע בערמאן, ראָט־שיין און נאָך א פּאָר יונגע פון „עלדאָראדאָ“... ס'ווערט אָרגאניזירט א טרופּע אונטער זיין, קאמינסקיס אָנפירונג. גוטמאן פּאָרט מאכן שטעט. מאָרגן קאָן מען שוין צוטרעטן צו פּראָבן... זאָל זי נאָר זאָגן „יאָ“...

אסתר־רחל האָט געזאָגט: יאָ.

אין צוויי וואָכן ארום איז פון ווארשע ארויסגעפאָרן א „יידיש־דייטש“־טעאטער אונטער דער דירעקציע פון א. י. קאמינסקי“ מיט דער באליבטער ווארשעווער פּרימאדאָנגע פון „עלדאָראדאָ“־טעאטער, מאדאם רחל קאמינסקא.

אויף די פּלויטן פון שטעטל זאקראָטשים האָבן זיך באוויזן גרויסע, געשריבענע אפישן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די בשורה, אז אין שטעטל, אין דער פייערלעשער־שאָפּע, הייבט אָן אירע גאסטראָלן די בארימטע ווארשעווער טרופּע, וואָס וועט אויף דייטש אויספירן די באליבטע שטיקער פון גרויסן יידישן דיכטער אברהם גאָלדפאדען.

2

זאקראָטשים איז געווען א קליין שטעטל, ווי הונדערטער אנדערע יידישע שטעטלעך אין קאָנגרעס־פּוילן צו יענער צייט: הילצערנע הייז־לעך, וואָס האָבן זיך איינגעבראָכן אונטער דער משא פון שטרויענע דע־כער, גאסן אויסגעפלאסטערטע מיט בלאָטע. דאָס גאנצע עשירות פון שטעטל האָט געשטעקט אין מארק, וואָס איז געווען פארזייט מיט שטרוי, מיט מיסט, מיט פערדערן און שטיקלעך פּאפּיר. אויפן מארק זענען גע־שטאנען די פּאָר געמויערטע הייזער פון די גבירים, מיט גרויסע שוי־פענצטער פון געשעפטן און דער בנין פון מאגיסטראט, ווו עס האָט גע־קיניגט דער בירגערמייסטער. ביי אים האָט עס גוטמאן פאר א פּינפער רובל אויסגעפּועלט די דערלויבעניש אויף יידיש־דייטש טעאטער. אָבער:

— ס'זאָל מיר זיין דייטש! איך וועל שיקן קאָנטראָלירן. איך ווייס שוין, ווי יידישע קאָמעדיאנטן נארן אָפּ...

אברהם יצחק האָט אויך גיך געהאט איינגעלערנט „שולמית“ אויף דייטש און ווו עס האָט אויסגעפעלט א וואָרט, האָט מען זיך ארויסגע־האָלפן מיט פּתחס: אסתר־רחל האָט ווידער פארלוירן דעם חשק צו שפּילן.

אין דער אכסניה, ווו זיי זענען געזעסן, זייענדיק איינגעשטאנען, האָט זיך אלץ גע־טונקען אין רויך און שמוץ. ווען זיי זענען אריין אהין האָט דער בעל־אכסניה א געשריי־געטאָן צום ווייב:

— דינה! באהאלט דאָס געשיר און זילבערוואַרג. קאָמעדיאַנטש׳קעס זענען געקומען!

אסתר־רחל האָט זיך אין גאַס נישט געוואָלט באַווייזן. זי איז געזעסן ביים פענצטער און דורכן פווירהאַנגל אַרויסגעקוקט אויף די גרופּקעלער יונגעלייט און קינדער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַר דער אכסניה קוקן אויף חידושים. די אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעפּוצט אין צילינדערס און פּעלערינעס, גענומען די עלעגאַנטע שטעקעלעך אין די הענט און זיך גע־לאָזט באַקוקן דאָס שטעטל, די פּיירלעשער־שאָפּע און די בינע, אויף וועלכער זיי האָבן באַדאַרפט שפּילן. זיי זענען אָבער גיך צוריקגעקומען אָן קאַמינסקין, שוואַרצבאַרדן און גוטמאַנען, טרויעריק זיך אַוועקגעזעצט אין אַלע ווינקעלעך מיט די צילינדערס אויף די קעפּ און מיט די שטע־קעלעך אין די הענט.

אסתר־רחל האָט זיי אָנגעקוקט. זייער שווייגן האָט איר שוין אַלץ געזאָגט.

א לאַנגע צייט האָט געהערשט א טויט־שטילקייט, לסוף האָט לי־בערט נישט אויסגעהאַלטן:

— ווילדע מענטשן! מען איז אונדז נאָכגעלאָפן, ווי די משוגעים! נאָכגעשריגן „קונצנמאַכערס“!... און דאָס טעאַטער? ס׳איז א שאַנד׳ע פאַר דער קונסט! א חזיר־שטאַל!

ערשט דעמלט האָט אסתר־רחל געפרעגט מיט א מאַטער שמ׳ס:

— וווּ איז אברהם־יצחק?

— געוואָרן אן אינזשיניער... בויט מיטן אַלטן א בינע... — האָט בערמאַן געענטפערט מיט גאַלגן־הומאָר.

ס׳איז שוין געווען פינצטערלעך, ווען אברהם־יצחק איז געקומען צו לויפן מיט א כאַפּטע יונגלעך, א מידער, א צעזאַכמעטער, נאָר מיט א טריומפירנדיק פייערל אין די אויגן:

— שנעלער גיט די זאַכן און קומט אין טעאַטער אַריין. מען דאַרף באַלד אָנהייבן... אויספאַרקויפט!

אַלע זענען פון דער ידיעה צוריק לעבעדיק געוואָרן און א לאָז־געטאָן זיך אין טעאַטער אַריין.

אָנקומענדיק צו דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע“ און דערזעענדיק די בינע, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון גרויסע פייערלעשער־פעסער מיט אויסגעלייגטע ברעטער אויף זיי, האָט אסתר־רחל פאַרמאַכט די אויגן און געלאָזט זיך פירן הינטער די קוליסן — די זייטן פון דער בינע, אָפּגעטיילטע מיט צונויפגעשטוקעוועטע ברעטער פון איבעריקן זאַל. זי

האָט זיך אָן א וואָרט אוועקגעזעצט ביים שפּיגעלע, מעכאַניש זיך צוגע־שמינקט, אָנגעטאָן, און מיט א קלאַנגלאָזער שטים א זאָג־געטאָן:

— פאר מיינסטאַלבן קאָן מען אָנהייבן.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס גרימפּלען פון א פידעלע, וועלכן עס האָט אַקאָמפּאַנירט א פּויק און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

איייניקע אַקטיאָרן האָבן אין די ראָלן אַריינגעלייגט זייער גאַנצן פייער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאר אַזויפיל חדשים נישט שפּילן; אַבעל־מאַן האָט געגומען טענער, וואָס האָבן אָפּגעהילכט ווייט אויסער דער שאָפּע... אסתר־רחל אַליין האָט גערעדט, געזונגען, באַוועגט זיך, כדי אי־בערצוקומען בלויז, כדי וואָס גיכער צו ענדיקן.

ווען דער פוירהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ביים צוריק־אויפ־הייבן האָבן זיך צוזוים־געפּלאָנטערט די שטריק, וואָס האָבן געזאָלט ציען די דעקעס, האָט אסתר־רחל בלויז א וואָרף־געטון צו ליבערטן געצוילטע ווערטער מיט א זיפץ:

— מיין חלום וועגן טעאַטער...

3

אָבער דאָס שטעטל האָט געיובלט. פּאַטשערייען און הוראַ־אויסרופן האָבן באַגלייט די אַקטיאָרן אויפן וועג צו דער פינצטערער אכסניה. דרייסטע יונגעלייט זענען געגאַנגען פּיס־טריט מיט די אַקטיאָרן, געהאָלפן זיי דורכשלאָגן זיך דורך די פינצטערע געסלעך און פאַרבונדן שמועסן מיט זיי.

— די יוגענד פון זאַקראָטשים דריקט אייך אויס איר באַגייסטע־רונג. אַזא טעאַטער האָבן מיר נאָך נישט געזען!...

אַקטיאָרן האָבן זיך געקוויקט מיט די ליבווערטער, די ציינגער האָבן זיך זיי פאַנאַנדערגעבונדן. מען האָט אַריינגעוואָרפן אין די שמועסן ערנסטע רעפּליקעס. בערמאַן און ראָטשיין ווידער האָבן געטריבן קאַ־טאָוועס, געמאַכט וויצעלעך און גוטמוטיק אָפּגעחוזקט פון די יונגעלייט. קאַמינסקי האָט זיי באַלד איבערגעריסן, כאָטש ער אַליין האָט נישט פיינט געהאַט א שטיף־צו־טון, נאָר פול מיט זאָרג פאר זיין טעאַטער האָט ער זיך באַמיט צו זיין ערנסט:

— איך מוז אייך זאָגן, אז איר האָט א גאַנץ וויל פּובליקום, פאַר־שטייען זיך אויף קונסט. נאָר פאַרוואָס איז אַזא דלות אין שטעטל?

די יונגעלייט האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, אז אייגנטלעך לעבט דאָס

שטעטל פון דער לופט. קיין פעסטע פרנסה האָט דאָ קיינער נישט, אחוץ
די פּאָר גבירים. ווער עס קאָן גאָר אַנטלויפט אין די גרעסערע שטעט:
באַלמעלאָכעס, יונגעלייט אָן אַ פּראָפעסיע — מען זוכט גליקן. ס'בלייבן
נאָר די, וועלכע ס'איז זיך שווער צו רירן, האָבן גרויסע משפחות, האָבן
מורא פאר דער פרעמד, זענען ווייניק דרייסט.

די אַקטיאָרן האָבן גיך אָנגעהויבן צו פילן דעם דלות אויף דער איי=
גענער פעל. נישט געקוקט אויף דער באַגייסטערונג פון עולם, זענען די
געשעפטן געוואָרן מיט יעדן טאָג שוואַכער. קיין בעלנים צו גיין אין טע=
אַטער האָבן נישט געפעלט — ס'איז שווארץ געווען דער פלאַץ פאר דער
פייערלעשער=שאָפע פון אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט זען די פאָרשטע=
לונג. אָבער ביים קאַסע=טישל איז געוואָרן אַלץ שיטערער, עס האָבן זיך
אַלץ געמערט די בעלנים צו גיין אָן אַ בילעט, אַריינצוקריגן זיך בגנבה.

אַלע זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף „ציען" פון דאַ=
נען, כל זמן ס'איז נאָך דאָ צו באַצאָלן פאר דער אכסניה. אסתר=רחל
האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין די שמועסן און ווען מען האָט גע=
פרעגט איר מיינונג, האָט זי גלייכגילטיק געענטפערט:

— ס'איז מיר אַלץ איינס.

האָט מען אַרויסגעשיקט גוטמאַנען פאָרויס, צונויפגענומען דאָס
ביסל אָרעמקייט, באַדונגען זיך מיט באַלעגאָלעס און זיך געלאָזט ווייטער
אין וועג אַריין.

אַזוי איז מען געפאָרן פון שטעטל צו שטעטל. ווו נישט ווו האָט אַ
שיין=געטון די זון: אַ ריינער שטעטל, אַ בעסערער זאַל, אַ פיינערע אַכס=
ניה. געווען אַזעלכע שטעטלעך, ווו מען איז בכלל צום ערשטן מאָל גע=
ווען מיט אַ טעאַטער=פאָרשטעלונג, ווו דאָס יונגוואַרג האָט נאָך קיינמאָל
נישט געהאַט אפילו אָרגאַניזירט קיין פורים=שפּילן. און אַזאַ שטעטל איז
דאָס טעאַטער געווען, ווי היוון, וואָס האָט געמאַכט יוירן אַ דערוואַכונג
און אומרו אין שטעטל. פון אָנהייב זענען אויף די פאָרשטעלונגען גע=
לאָפן קליין און גרויס, נאָר צוביסלעך האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן
טיילן: יונגוואַרג און באַלמעלאָכעס זענען געווען באַגייסטערט מיטן טע=
אַטער, נאָכגעזונגען די לידלעך און נאָכגעמאַכט פארשידענע שפּיצלעך.
די יוסטע באַלעבאַטים און פרומע יידן האָבן אָנגעהויבן צו דרייען מיט
דער נאָז: מושב לצים, ס'פארפירט די יוגנט, אפיקורסות, שמד. צווישן
די פּני האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן ווענדן זיך צום איספראַווניק
נאָך הילף, אָבער דאָס טעאַטער האָט זיך שוין דאַן געהוידעט אויף וואָגנס
אין אַ צווייטן שטעטל, איבערלאָזנדיק אַן אומרו און אויפרודערונג ביי
די יידן פון פריערדיקן שטעטל.

געווען שטעטלעך, וווּ עס האָבן שוין געהאַט געשפּילט ספּיעוואַ־קאָווסקי, פּישזאָן און ווייניקער באַקאַנטע דירעקטאָרן מיט זייערע טרו־פּעס. דאָרט האָט מען דאָס טעאַטער אויפגענומען צוגעגרייט, ווער פריינד־לעך און ווער מיט שנאה.

ס'האָט אויך געטראָפן א שטעטל, וווּ מען איז איינגעשטאַנען א פּאָר וואָכן, אָפּט געשפּילט און דער עולם איז געקומען. די אַקטיאָרן פלעגן דאַן אָפּשפּאָרן א פּאָר רובל, געגאַנגען האָפערדיק, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, געגליבט, אז דאָ האָבן זיי געפּאַקט דעם הויפּט־טרעפער:

— א גאָלדן שטעטל, — האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך. — פאַר־וואָס זאָל מען דאָ נישט זיצן כאָטש א פּאָר חדשים? נאָר זיי זוכן גליקן אומרויזערע באַלעבאַטים...

אָבער ווי נאָר ס'האָט געטראָפן א פּאָר שוואַכע טעג האָט מען אָנ־געהויבן צו קלאָגן אויף דער אָנפירונג:

— זיי זענען שוין אַלט, איז זיי שווער זיך צו רירן פון אָרט... ווי לאַנג וועלן זיי אונדז דאָ האַלטן? ביז מיר וועלן שוין נישט האָבן מיט וואָס ארויסצופאָרן? ביז מיר וועלן מוזן פאַרזעצן די פּעלערינעס?...

און מיט גלויבן און האָפענונג האָבן זיך די אַקטיאָרן געלאָזט אויף די וועגענער, זינגענדיק און וויצלענדיק זיך, אין א ניי שטעטל צו זוכן גליקן.

4

די צייט און די וואַנדערונגען האָבן געברענגט מיט זיך נייע דער־פאַרונגען פאַר די אַקטיאָרן, נייע איבערלעבונגען. שטעטלעך, וווּ ס'זענען געווען שוואַכערע געשעפטן, וווּ מען האָט „אָפּגעברענט", האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון זכרון, ווייל ס'האָבן זיך אונטערגערוקט נייע שטעט־לעך, וווּ מען איז בכלל „נישט געקומען צום פּסוק", ווי עס האָט גע־הייסן אויף אַקטיאָריש לשון.

דער געשעפטספירער האָט אָפּגעוואַרט אין אזא שטעטל די אָנקו־מענדיקע טרופּע, אָבל וחפוי ראש און פאַרהאַלטן זיי אויף די וואָגנס:

— מען דאַרף פאָרן ווייטער! מען האָט צוגענומען די דערלויבע־ניש...

האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אז דאָ וועט קיינער נישט העלפן, אז „די רעדער לאָזן זיך נישט שמירן", דאָס הייסט דער איספּראַווניק וויל נישט נעמען אין יד אריין, אָדער פאַרלאַנגט אזוי־פיל, אז זיי זענען עס נישט בכוח צו באַצאָלן, און מען איז געפאָרן ווייטער.

אין אנדערע ערטער האָבן זיך נייע צרות אָנגערוקט: א רב, א קנאי, האָט אויפגעפלאקערט מיט א הייליק פייער, אויסגערופן א חרם אויפן טעאטער, און די אקטיאָרן האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן, כל־זמן ס'האָט זיך געלאָזט ארויסגיין מיט גאנצע ביינער.

אין אזעלכע פאלן האָט מען נישט איינמאָל געמוזט פארלאָזן דאָס שטעטל אין מיטן דער נאכט, ארויסגנבענען זיך אין דער פינצטער; אָפּטמאָל איז נישט געווען צו באצאָלן פאר דער אכסניה, מען האָט גע־מוזט פארזעצן עפּעס א חפץ, און נישט איינמאָל — זיך אליין ביי די באלעגאָלעס, פאָרן „גאלאָזשנים פּלאטיעזשאָם", דאָס הייסט, אז מען וועט קומען אין צווייטן שטעטל וועט מען זיך דאָרט אויסקויפן מיט די ערשטע פּאָר רובל, וואָס וועלן אריינפאלן אין דער קאסע. און אז ס'איז גאָר שלעכט געווען האָט מען זיך בייגאכט געמוזט ארויסגנבענען דורכן פענצטער פון דער אכסניה, שלעפּן פּעקלעך אויף די פּלייצעס און אין דער פינצטערניש לאָזן זיך איבער וועגלאָזע פעלדער און וועלדער פון פּוילן אין עפּעס א צווייט שטעטל.

געוואנדערט האָט מען אָפּט אין געגנטן, וו מען האָט נאָך נישט געהאט געהערט דאָס וואָרט: טעאטער. איבער די שטעטלעך האָט זיך אפילו דאָס אָרעמסטע פּוילישע וואנדער־טעאטער נישט געלאָזט, זיי האָבן דאָרט נישט געהאט בכלל פאר וועמען צו שפּילן. רעכטלעך זע־נען די פּוילישע אקטיאָרן געווען כשר, אָבער מאטעריעל און געזעל־שאפטלעך האָבן זיי זיך געפונען אין אן ענלעכער לאגע ווי די יידן. קא־מינסקי מיט זיין טרופּע האָט געהאַפּט אומעטום צו געפינען אן אָפּ־קלאנג, אומעטום צו קאָנען אויפוועקן וועמען פון דער פארגליווערטקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער פארוואָרפענער פּוילישער פּראָווינץ.

זענען טאקע געווען שטעטלעך, וו ארום די אקטיאָרן האָט זיך גע־זאמלט די גאנצע בעסערע יוגנט, געזעלן, משרתים, און באלעבאטישע קינדער בעלי־חלומות, וואָס זענען נישט צופרידן געווען מיט זייערע היימען, מיט דער וועלט. זיי האָבן זיך נישט געשראָקן פארן רב, דיינים און שמשים, וואָס האָבן געוואָרנט קעגן יעדער מגע־משא מיט די אק־טיאָרן, פארקערט — געפירט מיט די אקטיאָרן שמועסן וועגן קונסט, וועגן טעאטער, וועגן פּאָליטיק. ס'זענען אָבער אויך געווען אנדערע שטעט־לעך, ווי א כמארע פון שווארצע קאפּאָטעס מיט קיילעכדיקע היטע־לעך־ פון אונטער וועלכע עס האָבן ארויסגעהאָנגען ווילד־צעשויבער־טע פאות, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר דער סטאַדאָליע, וו ס'האָט

געזאָלט פאַרקומען די פאַרשטעלונג און געדראָט מיט ארבע מיתות בית־דין, אויב עמעצער וועט אריבערטרעטן די טריפהנע שוועל.

ס'האָט געטראָפן אין א שטעטל, אז מען האָט געשפּילט אין א גרויסן זאַל פון א „פּאָזשארנע קאָמאַנדע", ווו ס'איז שוין געווען אויפגעשטעלט אן איינפאכע בינע און ס'איז געווען צוגעגרייט גרויסע בענק צום זיצן. אין אנדער מאָל האָט מען געמוזט ערשט אויסרוימען א גרויסע שטאל, אָדער סטאָדאָלע, צונויפקלאַפּן א בינע אויף פּעסער, אָדער קאסטנס און אוועקלייגן נישט געהובליעוועטע ברעטער אויף קלעצלעך דער עולם זאָל האָבן אויף וואָס צו זיצן. נישט איינמאָל פלעגן דאן די ארויסגעפירטע בהמות, וועלכע מען האָט געשטערט זייער רו, באַגלייטן די פאַרשטעלונג מיט אן אומעטיקן רעווען, — וואָס האָט פארהילכט דאָס פארשלאָפענע גרימפלען פון פידל און אריינגעריסן זיך מיט קראַפט אין געזאנג פון כאָר אויף דער בינע. אקטיאָרן האָבן זיך געמאכט וויצן דערפון, טיילמאָל געענטפערט מיט ווילדע קלאנגען אויף די קולות פון די בהמות.

אסתר־רחל האָט זיך שוין דערצו צוגעוווינט, נישט נתפעל־געוואָרן פון אזעלכע סיורפריזן.

געווען שטעטלעך, ווו מען האָט געמוזט שטרענג אָפּגעהיט זיין מיטן דייטש, דער פּריסטאוו, אָדער איספּראווניק זאָלן זיך חלילה נישט משעפּען, אז דאָס איז יידיש. אָפטמאָל האָט אָבער די אָפּגעהיטקייט מיט דייטש אויך נישט געהאָלפן — אינמיטן שפּילן איז דער איספּראווניק צו צו דער סאמע בינע, געהייסן אראָפּלאָזן דעם פוירהאנג און, גלייך פאנאנדערגעטריבן דעם עולם. א פּחד האָט דאן ארומגעכאַפּט די אקטיאָרן, ווייל שטענדיק האָט זיך אין דער טרופּע געפונען עמעצער, וואָס האָט נישט געהאט קיין כשרן דאָקומענט, אָדער בכלל געווען אָן דאָקומענטן.

ס'האָט אָבער אויך געטראָפן, אז די נאטשאלסטווע האָט זיך געלאָזט בליטר און טויב מאכן מיט א פּאָר רובל, און געלאָזט שפּילן אויף יידיש. דאן האָט אסתר־רחל ווידער אויפגעלעבט — זי האָט פארגעסן וועגן דער שטאל, אין וועלכן מען האָט געשפּילט, וועגן דעם, אז שוין א פּאָר וואָכן, ווי מען עסט נישט צו דער זעט. אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען מיט מילדע פייערלעך, וואָס האָבן דערוואַרעמט די אקטיאָרן אויף דער בינע און דעם עולם אין זאַל. פון איר מויל האָבן זיך געפּערלט די פּשוטע ווערטער פון גאָלדפאַדענס „מירעלע", אָדער „שולמית", וועלכע זי פלעגט — אליין נישט פילנדיק עס — רעדן אזוי, זיי זאָלן זיין נאָך פּשוטער און אמתדיקער; פון איר האלדז האָבן זיך

ארויסבאקומען צארטע, גלעטנדיקע טענער און אויפשווידערנדיקע שלוכצן. דער גאנצער עולם איז דאן געזעסן פארגאפט. פון דער בינע צום זאל און פון זאל צו דער בינע האָט זיך געטראָגן די זעלבע ווארעמקייט, וועלכע אסתר־רחל האָט געדענקט פון „עלדאָראדאָ“ אין וואַרשע.

5

שטארקער האָט אָנגעהויבן צו קלאפן אסתר־רחלס הארץ, ווען די טרופע איז אויף אירע וואנדערונגען ארייגעפאָרן אין גראָדנער גובער־ניע. דאָ האָט זי געטראָפן געזונטע, פעסט־געבויטע יידן — אזעלכע, ווי אין פאָראָזאָווע. ערדישע יידן, וואלד־מענטשן. זיי האָבן גערעדט מיטן זעלבן לשון, מיטן זעלבן ניגון, ווי מען האָט גערעדט אין פאָראָזאָווע.

דאָס הארץ האָט איר פארקלעמט, ווען זי האָט פאר די דאָזיקע יידן געמוזט רעדן „דייטש“, צעקאליעטשען איר שפראך, אין וועלכער ס'האָט זיך אזוי שיין און אמתדיק אלץ געלאָזט אויסדרוקן. פאר איר האָט זיך די פשוטע פאָלקסשפראך געמיניעט, ווי פיל־קאָלירקער צארטער זייד. ווען אברהם־יצחק האָט גערעדט וועגן דער ליטערארישער שפראך, וועלכע עס האָבן דאן געשאפן די יידישע שרייבער, וואָס זענען די לעצטע יאָרן אויפגעקומען אין א גרעסערער צאָל אין ווארשע, ווילנע, אָדעס, פאָר־געלייענט פון א זשורנאל פראגמענטן פון זייערע ווערק, האָט זי גע־זאָגט א פארטראכטע:

— ס'איז שיין, זייער שיין... ס'שעמערירט ווי אטלאס, גלאנצט, ווי אטלאס... און אונדזער לשון איז זייד, אייזעלער זייד...

אברהם־יצחק האָט נישט פארשטאנען, וואָס איז לויט איר מיינונג בעסער, האָט זי עס אים אזוי אויפגעקלערט:

— אטלאס איז שיין, גרויסארטיק, רייך. ווען מען טוט עס אָבער אָן אויפן קערפער, רייבט עס אביסל און עס קילט פון אָנהייב... זייד גלעט דעם קערפער, נעמט אים ארום מיט א ליבלעכער ווארעמקייט. אונדזער לשון גלעט די נשמה מיט א ווארעמקייט...

זי האָט א פארבענקטע זיך אינערלעך איינגעהערט צו דער מעלאָדיע פון דער שפראך פון אירע קינדער־יאָרן, פארגליכן זי מיט דעם, וואָס עס קומט איר אויס צו רעדן אויף דער בינע און זיך פארקרימט:

— און דיין דייטש, זאָלסטו מיר מוחל זיין, איז קליאַטשע...

אברהם־יצחק האָט זיך געפילט אביסל באלייידיקט פאר זיין „דייטש“,

אין וועלכן ער פלעגט איבערמאכן אלע פיעסן, דערגייענדיק אין דעם צו א מייסטערשאפט. גאנצע טעג פלעגט ער לייענען די ווערק פון געטע, היינע, שיללער, ווו געכאפט עפעס א דייטש ביכל האט ער עס שנעל פארצוקט מיט די אויגן און באלד דערפון ארויסגעכאפט ווערטער פאר זיינע „איבערזעצונגען" — אָבער אסתר־רחלען האָט ער נישט באוויזן צוצורעדן דערצו. זי האָט זיך געכאפט צו רוסישע ביכלעך, נאָכדעם ווי אברהם־יצחק האָט איר געהאָלפן באהערשן די עלעמענטארע יסודות פון דער רוסישער שפראך. אין די רוסישע ביכלעך האָט זי געפונען דאָס, וואָס איז איר צוממיינסטן ליב געווען — דעם צאפל פון דער מענטש־לעכער נשמה, ווי זי האָט עס גערופן. ס'האָט איר דערמאָנט די שפראך פון אירע דאָרף־חברטעס אין פאָראָזאָווע, זייער אויפן רעדן, זייער נשמה־דיקע פארבענקטקייט...

אָט זענען זיי טאקע נישט ווייט פון פאָראָזאָווע: וואָלקאָוויסק, די ער־שטע אויעזדנע שטאָט, ווו מען האָט אסתר־רחלען געשאצט, פון וואנען עס האָט זיך אָנגעהויבן איר וועג פון וואנדערונגען. אנדערש זעט איצט אויס די שטאָט און אירע אויגן.

— גאָט מיינער, וואָס פאר א העק... — האָט זי געפליסטערט, — און ביי מיר אין זכרון איז פארבליבן אזא גרויסע, באוועגלעכע שטאָט... ווי אנדערש מען קאָן קוקן מיט די זעלבע אויגן...

זי רייסט זיך קיין פאָראָזאָווע — א קוק־טאָן אויף די אָרעמע קברים פון טאטע־מאמע, אריינגיין אין דעם פארלאָזטן שטיבל אויפן שול־הויף... אירע חברטעס וּאקסאנע, אָלעסיא — זיי קערן שוין זיין מאמעס פון קינדער און אויסזינגען זייער אומעט אין רויכיקע כאטעס אויפן דאָרף... אדורכשפאצירן זיך איבער די פאָראָזאָווער געסלעך צום טייכל...

— מיר שלעפן זיך ווייניק ארום מיט פורן איבער די שטעטלעך, דארפסטו נאָך אן אומזיסטע האָצקעניש אויף א וואָגן... — האָט אברהם יצחק ניכטערן אָפגערעדט פון דער רייזע. — דערצו נאָך אין אזא צו־שטאנד...

ער איז גערעכט, דער קלוגער מאן אירער. זי פילט בולט ווי עס צאפלט זיך אונטער איר הארץ א ניי לעבן און זי הייבט אָן אלץ מער צו טראכטן וועגן דעם. וואָס וועט זיין — א יונגל, צי א מיידל? ווי וועט עס אויסזען? וואָס וועט דערפון אויסוואקסן? ווי אזוי וועט עס זיך האָדע־ווען אין די פינצטערע אכסניות, אין די ענגע צימערלעך, וואָס מען פלעגט ערגעץ־ווו אָפדונגען ביי א באלעבאָסטע אין א שטעטל?

אָבער באַלד האָבן זי באַרואיקט בילדער פון אירע קינדער־יאָרן, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט פאַר אירע אויגן: דאָס דראַכלע שטיבעלע אויפן שול־הויף, דאָס שטענדיק־רויכערדיקע אייוועלע, די האַרטע שלאָף־באַנק, דאָס אָרעמע שטיקל ברויט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען צו דער זעט... און דאָך האָבן אירע בידנע טאַטע־מאַמע אויסגעהאָדעוועט זיבן קינדער, וואָס זענען זיך פאַנאַנדערגעפלויגן איבער דער וועלט און יעדעס האָט זיך אָנגעהויבן זיין באַזונדער לעבן, זיין משפּחה... וועט זי זיך אויך אַן עצה געבן מיט איר קינד.

זי וועט דעם קינד אויסזינגען די האַרציקע געזאַנגען, וועלכע זי קאָן נישט אויסזינגען אויף דער בינע צוליב דעם קליאָטשע־לשון... דערציילן מעשהלעך וועגן טעאַטער, וואָס איר איז נישט דערגרייכטער טרוים, זי האָט דאָך נישט קיינעם, מיט וועמען זי זאָל קאָנען טיילן אירע געדאַנקען. דער שטענדיק־פאַרטוענער און פאַרהאָרעוועטער מאַן אירער האָט טויזנ־טער געשעפטן אויפן קאָפּ. די קאָלעגן אַקטיאָרן? — יעדער לעבט זיך מיט זיינע דאגות און זיינע חלומות — און זי איז אַליין מיט איר צער, מיט איר בענקשאַפט.

האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי זי איז אַראָפּ פון וואָגן, אָנקומענדיק אין אַ נייַ שטעטל.

זי האָט עס אַ נאָמען געגעבן לאה־שפרה, נאָך דער מאַמען.

6

די טרופּע איז געפאָרן אויף מזרח, אַלץ טיפער אין אוקראַינע. אסתּר־רחל האָט געניאַנטשעט איר קינד, נישט אָפּגעטרעטן דערפון. אין אַ קוי־שעלע איינגעוויקלט איז דאָס קינד געלעגן הינטער די קוליסן, ווען אסתּר־רחל איז אַרויס אויף דער בינע, און אַלע חושים פון דער מאַמען, וואָס האָט אויף דער בינע געדאַרפט אויסדריקן די בענקשאַפט נאָך אבשלו־מען, זענען געווען ביים קליינעם עופהלע. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז אסתּר־רחל איז אַראָפּגעלאָפן אַ צעשראָקענע אין גאַרדעראָב אַריין, ווען לאה־שפרה איז זיך רואיק געלעגן, פאַרקוקט אין אַ לאָמפּ — דאָס האָט נאָך אין זאָל זיך צעוויינט אַ זויג־קינד. אַפּטמאָל פלעגט זיך באַלד אויפהייבן אַ גאַנצער כאָר פון קינדערישע קולכלעך פון אַלע זייטן זאַל.

אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַט צוגעוווינט דערצו, געענטפערט אַמאָל מיט אַ שפּאַס, מיט אַ געלעכטער אויף די קינדערישע קאָנצערטן. יודקע אַדלער, אַ יונגער אַקטיאָר פון ביאַליסטאָק, וואָס איז שטאַרק געווען פאַר־

טאָן אין מוזיק, האָט אָנגעהויבן צו אימפּראָוויזירן מעלאָדיעס פון די קינ־דערישע קוויטשערייען.

אביסל ארבעט מיט די קינדער האָט געהאט דער געשעפטס־פירער, אָבער אים האָבן קיין זוויג־קינדער נישט אינטערעסירט. ער האָט געמוזט היטן קליינע קונדסים זאָלן זיך נישט צו נאָענט צורוקן צו די נאפט־לאָמפּן ביי דער בינע, נישט ארויפדראפּען זיך אויף די ברעטער, האָט ער זיי פון צייט צו צייט געמוזט אוועקטרייבן מיטן פּאַזשארניק.

דער ערנסטער ליבערט איז ארומגעגאנגען א בייזער הינטער די קוליסן:

— לאָזן נישט שפּילן, די קינדער.

אסתר־רחל האָט אים גוטמוטיק בארואיקט:

— מאך נישט דערפון קיין וועזן, יאנקל. דאָס איז דאָך אונדזער צוקונפט.

— א נעבעכדיקע צוקונפט! — האָט זיך ליבערט געעקשנט.

אסתר־רחל האָט אים געטרייסט מיט א טרויעריק שמייכעלע:

— אזוי ווי ס'איז אונדזער טעאטער...

נאָר ביינאכט, אין דער אכסניה, איז זי צוגעשטאנען צו קאמינסקין:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, אברהם־יצחק? ווי לאנג וועט מען זיך אזוי ארומשלעפּן איבער די קליינע שטעטלעך? ס'ווערט דאָך פון אונדז אלע א תל און א תל פון טעאטער...

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן? ווער איז דען בכוח צו שמירן נאטשאל־סטווע אין א גרויסער שטאָט? דאָס איז א געשעפט פאר פישזאָנען, ער קען די מלאכה...

דערביי האָט קאמינסקי באלד ארויסגעשלעפּט דעם שטארקסטן אר־גומענט:

— ווייסט, אז פישזאָן מוז שפּילן אין די גרויסע שטעט דייטש טע־אטער? אפילו נישט „יידיש־דייטש"... דאָרט, אז עס זאָל זיך ביי עמעצן ארויסכאפּן איין יידיש וואָרט, מעג מען באלד לאָזן דעם פוירהאנג.

דאָס האָט זי אויף א צייט בארואיקט.

די געשעפטן זענען אין אלגעמיין געווען גוטע. אין די רוסישע שטעט־לעך איז דער מצב געווען א בעסערער, ווי אין פּוילן. יידישע באלמעלאָכעס און דאָרפסגייער האָבן געהאט פרנסה און זיך געקאָנט פארגינען צו קו־מען אין טעאטער אריין. די שטעטלעך האָבן אויך נישט געליטן אזוי פון דער פינצטערער חסידישער פעסט, ווי אין פּוילן. דער ייד איז דאָ געווען א געזונטער, א ברייטהארציקער, ווי די נאטור ארום, און ליב געהאט

הנאה צו האָבן פון לעבן: א גוטן עס, טאקע מיט א פעסטער כוסה. ער האָט אויך ליב געהאַט צו מאכן א כוסה מיט די אקטיאָרן, זיך געחברט מיט זיי, פארברענגט אין זייער געזעלשאפט.

די מענטשן זענען אסתּר־רחלען געפעלן צוליב זייער פשטות און הארציקייט, זי האָט זיך געפילט היימיש מיט זיי, געשמועסט, ווי מיט נאָענטע מענטשן, אינטערעסירט זיך מיט זייער לעבן, מיט זייערע מיי־נונגען, אויסגעפונען די שיינקייט פון זייער לשון.

אָפטמאָל האָבן זיי זיך באקלאָגט, אז זיי קאָנען נישט האָבן די אמתע הנאה פון די פאָרשטעלונגען, צוליב דעם פארדייטשמערישטן לשון, אין וועלכן מען שפילט. די אקטיאָרן האָבן נאָר געקאָנט ענטפערן מיט צענע־מען די הענט: ס'איז נישט זייער שולד. אסתּר־רחל האָט זיי אָבער גע־וואָלט אנטקעגנקומען און זיך אליין פארשאפן אביסל הנאה.

— היינט וועל איך שפּילן פאר אייך. — האָט זי געזאָגט צו א פריי־לעכן שניידערל, מיט וועלכן זי האָט געוווינט אין שכנות און זיך גע־קוויקט מיט די מתיקותדיקע פאָלקס־לידלעך, וואָס דער שניידער האָט גע־זונגען ביי דער ארבעט.

— אזוי? וועט טאקע היינט זיין אונדזער גאנצע חברה אין טעאטער...

דער שניידער האָט באלד געשיקט א לערן־יונגל צו זייגע חברים אָנ־זאָגן, אז די קאמינשטשיכע וועט היינט שפּילן „עקסטרא".

אין אָווגט איז דער זאַל געווען פול געפּאַקט און די ערשטע רייען זע־נען געווען פארנומען דורך דער חברה באלמעלאָכעס, צווישן וועלכע עס האָט זיך רירעוודיק געדרייט דאָס פריילעכע שניידערל.

באלד פון די ערשטע ווערטער, וואָס אסתּר־רחל האָט ארויסגעזאָגט אויף דער בינע, איז קלאָר געוואָרן, וואָס עס וועט זיין דער „עקסטרא".

אסתּר־רחל האָט גערעדט יידיש, פשוט גערעדט, נאָר מיט אזויפיל נשמה, אזויפיל אויסדרוק, אז פארן עולם האָט זיך אנטפּלעקט א נייע קינסטלערין. ס'איז שוין נישט געווען די זעלבע עלעגאנטע, קאלטע דאמע, וועלכע זיי האָבן געזען אין די פריערדיקע אָווגטן. ס'האָט זיך אויף דער בינע באוועגט א מענטש, וואָס איז זיי געווען היימיש און גערעדט היימיש. די שפּראך און דער טאָן פון איר רעדן האָבן גלייך אָנגעשטעקט די אי־בעריקע אקטיאָרן און דער גאנצער עולם אין זאַל האָט געפילט, אז זיי זענען עדות פון עפּעס א נישט־געוויינטלעכער פאָרשטעלונג אין „יידיש־דייטש"־טעאטער.

אין מיטן צווייטן אקט האָט זיך ביי דער ארייננגאנג־טיר דערטראָגן א פארצווייפלטער געשריי פון געשעפט־פירער:

— א קנעפּל!

אויף דער בינע איז געוואָרן א מהומה, אקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן מיט די צינגער, פארלוירן ס'לשון. דער סופליאָר האָט פון קאסטן ארויסגעשריגן מיט א הייזעריקן קול דייטשישע ווערטער פון טעקסט... מאָמענטאַל האָט זיך דאָס בילד געענדערט, עס איז געוואָרן א נאָרמאַלע פאָרשטעלונג פון „יידיש־דייטש"־טעאטער, מיט פאטעטישע טענער, אסך פּתחס און העלדישע פּאָזיציעס.

די פרימאַדאָננע פון דער פאָרשטעלונג איז ווידער געוואָרן א דאמע, וואָס האָט געקוקט מיט קאַלטע אויגן און מיט א טרוקענער שטים גערעדט הויכע פראָזע.

7

אחוץ לאה־שפּרהן האָט ביי די אַלע צרות אסתר־רחל געהאַט נאָך א טרייסט: די חברים. צוביסלעך, אומבאמערקט האָבן זיי זיך מיט דער צייט צונויפגעגאָסן אין איין משפּחה, און טראָץ די פארשיידענע משונה־דיקייטן פון יעדן איינעם — אסתר־רחל האָט עס גערופן „אקטיאָרישע משוגעתן" — האָבן זיי געפונען א געמיינזאמע חברישע שפּראַך. ס'האָט זיך אויך צווישן זיי געשאַפן א געמיינזאמע שפּראַך אויף דער בינע. זיי האָבן זיך צונויפגעלעבט מיט דער הארציקער פשטות, וואָס האָט אסתר־רחלען אויסגעטיילט פון אַלע פרימאַדאָננעס אין יידיש־דייטש־טעאטער, אין די פאָרשטעלונגען, ווען זיי האָבן געשפּילט אין יידיש. אין אזעלכע אָוונטן זענען אַלע אקטיאָרן מיטגעריסן געוואָרן מיט אסתר־רחלס טאָן און האָבן געשיינט מיט א יום־טובדיקער פרייד צוליב צוויי טעמים: ערשטנס — אָפּגעטאָן א שפּיצל דעם צאר און דווקא געשפּילט אין יידיש! צוויי־טנס — ס'האָט זיך געפילט די ווארעמקייט פון עולם, וואָס האָט געהאַט א ספּעציעלן נחת־רוח פון אזעלכע פאָרשטעלונגען.

זעלטן זענען געווען אזעלכע אָוונטן, אָבער זיי האָבן עס גורם געווען, אז דער רום פון דער טרופּע איז געוואַקסן, האָט איר אָנגעהויבן פאָרויס־צוגיין אין שטעטלעך, ווו די טרופּע איז צום ערשטן מאָל אריינגעקו־מען.

אין טעאטער האָט זיך שוין באוויזן א געמישטער עולם: און אפּטיי־קער און א גרעסער שטעטל, א לערער. עס פלעגן זיך שוין באווייזן יום־טע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן ברייט פארנומען די ערשטע בענק. זענען אָפּט פון שפּילן אזוי צעגומען געוואָרן, אז זיי האָבן נאָך דער פאָרשטע־

לונג איינגעאָרדנט א סעודה פאר דער גאנצער טרופע. ביי א גוט־געדעקטן טיש האָט זיך אזא איינער אוועקגעזעצט אויבן־אָן, ארום זיך פאנאנדערגעזעצט די אקטריסעס, געוויצלט זיך מיטן עולם, געמאכט קאָמפּלימענטן, געטרונקען א כוסה און ארייננגעלאָזט זיך אין שמועסן וועגן טעאטער:

— איך האָב האָלד, פארשטייט איר מיך, יידיש טעאטער. כ'האָב האָלד א יידיש שטיקל, אָבער דער עיקר, מען זאָל זיך קאָנען גוט אָנלאכן. ווייגען הער איך געגוג אין דער היים פון מיין ווייב און קינדער...

— האָט ער פארענדיקט מיט א הילכיק געלעכטער.

אסתר־רחל איז געזעסן שטייף ביים טיש, נישט טועם געווען, מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן און נאָך א קורצער צייט אוועק מיטן אויסרייד, אז זי מוז ארייגגיין צום קינד.

צו דער צייט האָט אסתר־רחל נאָך א פאָרשטעלונג פון „אחשורוש“, אין וועלכער זי האָט געגלאנצט אויף דער בינע אין דער קרוין פון אסתר־המלכה, קוים באוויזן אויסצוטאָן פון זיך די בגדי־מלכות, ווי זי האָט געבוירן די צווייטע טאָכטער.

די הייב־אם, וועלכע איז נאָר וואָס געווען אויף דער פאָרשטעלונג, איז ארויסגעלאָפן מיט א שמחה צו די אקטיאָרן:

— די מלכה האָט געבוירן א טאָכטער!

— מען דארף איר א נאָמען געבן רעגינע, וואָס הייסט אויף לאַטיין מלכה, — האָט ליבערט אונטערגעזאָגט דעם צעטראָגענעם קאַמינסקי.

8

קורץ נאָכן קינד־האָבן האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אריין. אסתר־רחל האָט גלייך אָנגעהויבן צו שפּילן.

כמעט יעדעס יאָר איז די משפחה פארגרעסערט געוואָרן מיט א קינד און אסתר־רחל האָט אָנגעהויבן מער צו טראכטן וועגן די קינדער, ווי וועגן שפּילן טעאטער.

— וואָס וועט זיין דער תכלית? — פלעגט זי טענהן צו קאַמינסקין, — וואָס פאר א פנים האָבן מיר און וואָס פאר א פנים וועלן האָבן די קינדער? מען קוקט דאָך שוין אויף אונדז ווי אויף די ציפּקוסעס...

דער פארגלייך מיט די ציפּקוסעס — די אָרעמסטע יידישע טרופּע, וואָס האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט א סך קינדערלעך איבער דער

מדינה און געווען דער סינאָנים פון דלות אין יידישן טעאַטער, האָט
אברהם=יצחקן א ברי=געטון. טיף אין הארצן האָט ער געפילט, אז אסתר=
רחל איז גערעכט. ער האָט אָבער מורא געהאט צו ריזיקירן מיט גרויסע
שטעט, ווו עס פלעגן עפטער שפילן יידישע טרופּעס, דאָס אוקראַינישע
טעאַטער, — די מאלאָרוסן, ווי מען האָט זיי גערופן — און חדשים=
לאנג אויך רוסישע טעאַטערס. אָבער: זאָל זיין, וואָס עס וויל! ער שטעלט
אלץ אויף דער קאָרט, מען מוז פּרווון אריינפאָרן אין גרעסערע שטעט.

איינציקע מאָל איז געלונגען צו קריגן א טעאַטער אין יעקטערינאָ=
סלאוו, אין כערסאָן און ענלעכע שטעט, ווו מען האָט געקאָנט זיצן א
לענגערע צייט און שפּילן, אויב די גאַטשאַלסטווע האָט זיך געלאָזט
„שמירן“. אסתר=רחל האָט דאן אויפגעלעבט, מיט מער חשק געגאנגען
אין טעאַטער אריין שפּילן, ווייסנדיק, אז זי לאָזט די קינדער איבער אין
א ווארעמער שטוב, אונטער דער אויפזיכט פון א מענטשן.

— זעסטו, אז מען וויל קאָן מען! — האָט זי דאן געזאָגט צו קאַ=
מינסקין — איך פיל זיך איצט א נייער מענטש, כ'האָב פרישן מוט.
כ'וואָלט וועלן שפּילן עפּעס א נייע ראָל, א נייע פּיעסע.

נאָר מיט נייע פּיעסן איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן, מען
האָט זיך געמוזט האלטן ביי די „ביכלעך“, וועלכע קאמינסקי האָט פאר=
מאָגט. און בלויז אין די גרויסע שטעט האָט מען זיך אויך נישט געקאָנט
האלטן, ס'איז ווידער אויסגעקומען צו וואנדערן מיט וואַגנס, אָדער —
אויף די לעבעדיקערע שליאכן — מיט דיליזשאַנסן. דאָס ביסל האָב און
גוטס איז געוואקסן: אייגענע זאכן, די קינדערס זאכן, טעאַטער=קאָסטיו=
מען. איז מען געפאָרן באלאָדן מיט קוישן, קעסטלעך, פּעקלעך, אז פון
דעם בארג פלעגט מען די קינדער נישט ארויסזען.

— ווי די ציגיינער... — האָט זיך אסתר=רחל געוויצלט.

קאמינסקי האָט זיך אויפגעקאָכט:

— וואָס עפּעס, ווי די ציגיינער? דאָס אוקראַינישע טעאַטער פאָרט
דען בעסער? מען שמועסט גאָר, אז זיי זענען אין אן ערגערן מעמד ווי
מיר.

נישט לאנג האָט געדויערט און אסתר=רחל האָט זיך איבערצייגט,
אז אברהם=יצחק איז גערעכט געווען. אין א שטעטל האָבן זיי זיך באגע=
גנט מיט דער פּאָפּולערסטער אוקראַינישער טרופּע פון סאקסאַגאנסקי.
יענע האָבן שוין געהאלטן ביי פארענדיקן די גאַסטשפּילן און גלייך נאָך
זיי האָט אנגעהויבן צו שפּילן קאמינסקים טרופּע. אסתר=רחל האָט געזען
די געזעגענונג=פאָרשטעלונג „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ“ און איבערראַשט גע=
וואָרן פון דער ענלעכקייט, וואָס די פאָרשטעלונג האָט געהאט מיט גאָלד=

פאַדענס פּיעסן: ענלעכע סענטימענטאַלקייט און ענלעכע וויציקייט; אָנ־געזעטיקט מיט מעלאָדראַמע און דורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג. און גע־שפּילט מיט פייער און האַרץ, ווי יידישע אַקטיאָרן שפּילן.

זי האָט זיך באַקענט מיט די אַקטיאָרן, ביי וועלכע זי האָט דערפילט אַ חברישע פריינדלעכקייט: די פּרימאַדאָננע זאַנקאָוויעצקאַיאַ, דער די־רעקטאָר סאַקסאַגאַנסקי, וועלכן זי האָט שפּעטער אָנגערופן „דער אוק־ראַינישער קאַמינסקי“, די אַקטיאָרן קאַרפּינסקאַיאַ, באַרילאַטטי, טאָבי־לעוויטש. איבעראַשט איז זי געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז כמעט אַלע אַקטיאָרן זענען פאַרבונדן מיט משפּחה־פּעדים, אָדער זענען נאָר נאָענטע קרובים.

— ביי אייך איז דאָך נאָך מער משפּחהדיק ווי ביי אונדז! — האָט זי געזאָגט.

— מיר זענען טאַקע אין אַ סך ענלעך, — האָט איר סאַקסאַגאַנסקי געענטפערט. — איר מוזט אייער יידיש פּנים פאַרשטעלן מיט דער מאַס־קע פון יידיש־דייטש, מיר מוזן דאָס אוקראַינישע פאַרדעקן מיט אַ „מאַ־לאָרוסישער“ מאַסקע. איר זענט אָפּהענגיק פון חסד פון גאַטשאַלסטווע, מיר נישט ווייניקער. פאַר אייך זענען פאַרמאַכט אַ סך געגנטן און שטעט, פאַר אונדז אויך. איר האָט גאָלדפאַדענען, וואָס האָט אייך גע־רופן צום לעבן און מיר האָבן קראָפּיווניצקין און די ירושה פון טאַראַס שעווטשענקאָ.

— איר שלעפּט זיך אַרום מיט קינדערלעך מיט אַקס און צופּוס, מיר אויך דאָס זעלבע... — האָט מיט ווייטיק צוגעגעבן די זאַנקאָוויעצ־קאַיאַ.

קאַמינסקי האָט אַרייַנגעוואָרפן אַ וויץ:

— ס׳איז ווי מען זאָגט ביי אונדז: צוויי מתים גייען טאַנצן.

— טאַנצן, טאַנצט מען, אָבער קיין מתים זענען מיר ביידע נישט, — האָט ערנסט געענטפערט סאַקסאַגאַנסקי. — מיר לעבן און מיר האָבן פאַר וועמען צו לעבן. איר זעט דאָך, ווי דער עולם לויפט אויף אונדזע־רע פאָרשטעלונגען. ביי אייך נאָך אפשר מער, ווי ביי אונדז. מיר האָבן פאַר וועמען צו לעבן!

אסתּר־רחלען האָט דערמוטיקט סאַקסאַגאַנסקיס ערנסטקייט און זי האָט געענטפערט אין דעמזעלבן טאָן:

— ס׳איז שוין אפּנים אונדזער מזל אַזוי, דער מזל פון אונדזערע אָרעמע פעלקער. אָבער אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, זאָגט מען ביי אונדז אַ ווערטל. איך פיל, אַז מיר טוען ביידע אַ הייליקע אַרבעט און דאָס דאַרף אונדז שטאַרקן.

הארציק האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעגנט די וואַנדערנדיקע זינגער פון צוויי פעלקער, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן צוזאַמען געלעבט און אַזוי ווייניק זיך געקענט.

9

די באַגעגעניש האָט אסתּר־רחלען געשטאַרקט און באַרויִקט. זי האָט זיך געוויצלט:

— ווען פרייט זיך אַ הויקער? ווען ער זעט אַ צווייטן...

זי האָט איצט מיט הומאָר אויפגענומען אַ סך שווערקייטן, וואָס האָבן איר פאַר דעם פאַרשאַפט יסורים. נאָר איין אומגליק האָט זי צע־טרייסלט אויף אַ לאַנגער צייט.

פאַנאַנדערוויקלענדיק די קינדער, נאָכן אָנקומען אין אַ שטעטל, האָבן פון קישעלע אַרויסגעקוקט אויף איר די פאַרגלייזטע אייגעלעך פון איר יונגסט מיידעלע. דער גיך־געברענגטער רופא האָט בלויז פעסטגע־שטעלט, אַז דאָס קינד איז דערשטיקט געוואָרן.

אַ וואָך צייט איז אסתּר־רחל געזעסן אַ פאַרגליווערטע, נישט גע־רעדט און נישט געוויינט.

אין דעם שטעטל האָט מען שוין נישט געשפּילט.

ביי די ווייטערדיקע רייזעס, אויף וואָגנס און אין באַנען, איז אסתּר־רחל געזעסן איינגעניורעט, אַרומנעמענדיק אירע ביידע טעכטערלעך און ביי דעם מינדסטן טרייסל געקוקט אויף זיי אומרויִק, מיט צעשראָקענע אויגן.

אין אַ געוויסן טאָג איז קאַמינסקי געקומען צו לויפן מיט דער ידיעה:

— מיר פאָרן קיין קיעוו!

קיעוו! די גרעסטע שטאָט אויף אוקראַינע. אפשר וועט מען קאָנען זיצן אַביסל לענגער. די קינדערלעך וועלן אויפלעבן...

— מען זאָל כאָטש קריגן אַ לייטישן האָטעל! אפשר עפּעס אַ מיידל צו די קינדער.

— אַלץ וועט זיין! — האָט זי אַברהם־יצחק באַרויִקט, אַליין נישט גלויבנדיק אין דעם. ווייל קיעוו איז געווען פאַרמאַכט פאַר סתּם יידן און אויך פאַר יידישע אַקטיאָרן.

געשפּילט האָט מען אין סלאָבאָדקע, איבערן דניעפּר, און דאָרט האָט מען אויך געמוזט וווינען אין אַ שטיבל ביי אַ יידישן בעל־מלאכה. דאָס רייצנדיקע קיעוו, די פּרעכטיקע שטאָט מיט אירע טעאַטערס און

האָטעלן, האָט אראָפּגעשיינט פון דער צווייטער זייט דניעפּר און געריצט זיך:

— נישט פאר אייך, יידישע אקטיאָרשטשיקעס!

ס'האָט אָבער פּאָרט געהייסן, אז מען שפּילט אין קיעוו. דאָס האָט פארשטארקט דעם אָנזען פון דער טרופּע. דער רום פון אסתר־רחלען איז זיך שוין געהאט פאנאנדערגעגאנגען צווישן די וואנדערנדיקע ריטער פון „יידיש־דייטש־טעאטער". פון ווייטע געגנטן האָבן געשטראָמט אקטיאָרן, כדי אָנצוקומען אין דער טרופּע. ס'איז געווען וויסמאן, דראגאָוו, וואָס האָבן שוין געהאט א שם אין דער אקטיאָרישער וועלט. ס'האָט געוואָלט אָנקומען פּאָליפּאדע.

ער איז געקומען צופאָרן קיין קיעוו, דערזען אסתר־רחלען שטיין ביי דער קיך און קאָכן, ארומגיין ארום די קינדער, באמערקט, אז זי מוז שוין ווידער זיין אין די „אומשטענדן", האָט זיך אים גאָרנישט גע־גלייבט, אז דאָס איז די פּרימאדאָננע און דירעקטאָרשע. ער האָט גע־ווארט מיט אומגעדולד אויפן אָוונט. אסתר־רחל שפּילט „זליכה" אין „יוסף מיט זיינע ברידער".

זליכה באווייזט זיך אויף דער בינע. פּאָליפּאדע גלויבט נישט זיינע אייגענע אויגן: איז דאָס דיזעלבע מאמע, וועלכע ער האָט ערשט מיט א פּאָר שעה צוריק געזען שטיין ביי דער קיך?... עס איז דערשינען אויף דער בינע די אימפּאָזאנטקייט אליין. עס האָט פון איר געווייעט מיט פערזענלעכקייט. אירע באוועגונגען זענען געווען אזוי געמאָסטן, אז זיי האָבן געווירקט, ווי א כישוף. פון באוואונדערונג האָט ער געפילט, אז די אויגן פילן זיך אים אָן מיט טרערן.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער ארייננגעלאָפן הינטער די קוליסן און געשטאמלט פון באגייסטערונג:

— איך האָב נישט קיין ווערטער... מיין שפּראך איז צו אָרעם... איצט פיל איך, אז טעאטער שפּילן מיינט קונסט... איצט זע איך, אז די פּאָר יאָר, וואָס איך האָב געשפּילט אין פארשידענע טרופּעס, האָב איך געפּטרט צייט...

אסתר־רחל האָט זיך ממש פארשעמט:

— וואָס רעדט איר, גאָט איז מיט אייך.. יעדער יידישער אקטיאָר טוט א הייליקע ארבעט... דינט זיין פאָלק...

זי האָט זיך א רגעלע פארטראכט:

— אויב ער טוט זי ערלעך... אויב ער שפּילט טעאטער, נישט צוליב זיך, נאָר צוליב זיי, — האָט זי געמאכט א ברייטע באוועגונג, ווי זי

וואָלט ארומגענומען דעם גאנצן זאל. — און אויב ער ווייסט נאָר, וואָס ער שפּילט...

דער קיעווער דערפאָלג האָט אָפּגעהילכט אין די טעאַטער־קרייזן פון אוקראינע, ער האָט געעפנט פאר אסתר־רחלען מיט דער טרופּע דעם וועג קיין אָדעס.

אסתר־רחל האָט געשטראַלט. זי האָט געשפּילט אין א ליטויש טעאטער, פאר א סך יידישע פאָלקס־מענטשן, ווי אין ווארשעווער „על־דאָראדאָ". די זעלבע ווארעמקייט, די זעלבע באגייסטערונג, די זעלבע דאנקבארקייט פון עולם. די קינדער אירע האָבן זיך ארומגעשפּילט אין ליטישן צימער פון דער „טעאטראלנאיא גאָסטיניצא".

דאָרט האָט זיך ווידער די משפּחה פארגרעסערט.

ווידער פלעגט בעת א פאָרשטעלונג ליגן הינטער די קוליסן א זויג־קינד און אסתר־רחל איז געלאָפן פון דער בינע כאַפּן דאָס קינד אין די אָרעמס, צודריקן עס צו דער ברוסט:

— אידעלע, מיין קינד!

10

א נייער יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן.

מיטן שפּילן יידיש טעאטער איז געוואָרן לייכטער. די טרופּעס פון פישזאָן, ספּיוואקאָווסקי, סעם אדלער, האָבן כסדר גאסטראָלירט אין גרויסע שטעט. דאָס זענען געווען גאנצע אונטערנעמונגען, מיט א גריי־סער צאָל מענטשן, כאָר, אָרקעסטער, א גרויסן באגאזש פון דעקאָראַ־ציעס, קאָסטיומען. זיי האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען מיט רייכע אויס־שטאטונגען.

קאמינסקי האָט זיך געריסן זיי צו דעריאָגן. מען האָט אים שוין אין די טעאטער־קרייזן פאררעכנט צווישן די אָנגעזעענסטע דירעקטאָרן. ער האָט זיך אָבער געוואָלט פארמעסטן אויף גרויסע זאכן.

געבויט האָט ער זיינע פּלענער אויף אסתר־רחלס טאלאנט און ווירקונג אויפן עולם, אויף איר פעיקייט צו באווירקן די אקטיאָרן. נאָר אסתר־רחל האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. אויף אלע זיינע גרויס־צוגיקע פּלענער האָט זי רואיק געענטפערט:

— דאָס וועט דיך שוין גליקלעך מאכן, אז דו וועסט טראָגן נאָך א פּאָר גאָלדענע ברעליאַנטן אויף דער קייט, אזוי ווי פישזאָן?

— נישט אין דעם האנדלט זיך... איך וויל מאכן א גרוים טעאטער, מיט רייכע אויפפירונגען, א גרויסע טרופע...

— און קייען די זעלבע „דייטשמערישע" קליאַטשעס? נישט וועגן אזא טעאטער האָב איך געחלומט!

די משפחה האָט זיך ווידער פארגרעסערט: א יונגל! אסתר־רחלס פרייד איז געווען אזוי גרויס, אז זי האָט פארגעסן אלע טעאטער־צרות און עגמת־נפשן. אָבער נייע וויטיקן האָבן געווארט אויף דער מאמען.

דאָס קליינע חיימל איז געבוירן געוואָרן מיט עפּעס מאָדנע גרויסע אויגן.

— ער קוקט דאָך ווי א דערוואקסענער מענטש... — האָבן אלע באוואונדערט.

אסתר־רחל האָט באמערקט, אז נישט נאָר ער קוקט — ער איז עפּעס אנדערש, ווי אלע קליינע קינדער. דער אומנאָרמאל גרויסער שארבן פון קינד האָט ביי איר ארויסגערופן א מורא אפשר האָט עס די ענגלישע קרענק. מען איז געלאָפן צו דאָקטוירים, געמאכט קאָנסיליומס און א בארימטער פּראָפעסאָר האָט געשטעלט די דיאגנאָז:

— א נאטור־פענאָמען! דאָס קינד פארמאָגט א מוח פון א רייפן מענטש... ס'וואָלט געקאָנט אויסוואקסן עפּעס א געני!... לאנג קאָן אזא קינד נישט לעבן.

דאָס קליינע חיימל האָט אין א פּאָר חדשים ארום טאקע פארגרע־סערט די צאָל קינדער, וואָס אסתר־רחל האָט איבערגעלאָזט אויף די בית־עולמס. און זי איז ווייטער געפאָרן שפּילן טעאטער.

אן אויפלעבונג איז פאָרגעקומען אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאנד. אומעטום האָבן זיך אָרגאניזירט קרייזלעך, יוגנט־פארבאנדן און שטילערהייט — ארבעטער־פארייגען און פּארטייען. יונגוואַרג פלעגט גרופּנווייז ארומגיין איבער די גאסן און פירן דיסקוסיעס. אין טעאַטער האָבן זיך שטענדיק געבילדעט גרופּעס, וואָס האָבן בעת די איבערררייסן זיך ענג צוזאמענגעדריקט, געטענהט וועגן דער פּאַרשטעלונג און אומבא־מערקט איבערגעגאנגען אויף אנדערע, געפערלעכע שמועסן. אין דער לופט איז געווען א געדיכטקייט, ווי פאַר א שטורעם.

אסתר־רחל מיט איר טרופּע איז צוביסלעך געוואָרן אן אָפטער גאסט אין גרויסע שטעט, אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטויב פון וואנדערן אי־בער קליינע שטעטלעך. די טרופּע איז כסדר געוואקסן, זיך פארגרעסערט מיט נייע כוחות. עס האָבן וועגן איר אָנגעהויבן צו שרייבן די צייטונגען. אקטיאָרן האָבן עפּעס אָנגעהויבן ארייננצוקוקן אין א צייטונג:

— אפשר שרייבט מען עפּעס וועגן אונדז...

נאָר צום וויניקסטן האָט זיך איבערגענומען דערמיט אסתּר־רחל. ציימונגען האָט זי געלייענט אסך, נאָר, אז עס האָט געטראָפן א קאַלטער אָפּרוף וועגן אירס אן ארויסטריט, פלעגט זי זיך באמיען צו איבערצייגן די אקטיאָרן, צו זייער גרויסער פארוווּנדערונג:

— אז ער איז געדעכט דער שרייבער... וואָס באווייז איך דען? מיין צייט איז נאָך נישט געקומען... ס'איז נישט דאָס טעאטער, ווו איך קאָן זיך באווייזן.

זי האָט איר שפּילן דאָן באטראכט פאר אן ארבעט, א נוצלעכע, א נייטיקע ארבעט, אָבער נישט קיין קונסט. פונדעסטוועגן פלעגט זי זיך צו דער ארבעט באציען מיטן גרעסטן ערנסט און ווען עמעצער פון די אקטיאָרן האָט זיך דערלויבט אויף א נישט־געשמאקן וויץ אויף דער בי־נע, אָדער זיך דערלויבט חוזק צו מאכן פון עולם, איז זי געוואָרן אָנגע־צונדן און נישט לויט איר שטייגער זיך אָנגעהויבן צו בייזערן:

— פע! ס'איז פשוט נישט אָרנטלעך! מענטשן צאָלן פאר בילעטן. איר טוט אן ארבעט פאר באצאָלט, דארף מען ארבעטן ערלעך...

עס האָט זיך איר דערביי דערמאָנט, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געווען אויף „שולמית“ ביי גאָלדפאדענען אין טעאטער, האָט זי זיך געבייזערט אויף דעם יונגנמאן, וואָס האָט זיך אויסגע־דריקט:

— זיי ארבעטן גוט, די אקטיאָרן...

זי האָט זיך צעשמייכלט: צייטן בייטן זיך און מיר בייטן זיך מיט זיי.

11

— מאמע! רעגינע האָט מיר א שטויס געטון!... מאמע! אידעלע שטערט מיר!... מאמע!... מאמע...

יעדע רגע האָט זיך געהערט דער רוף פון א קינד און אסתּר־רחל איז גלייך געווען דערביי, שטראָפנדיק מיט א שמייכל, מוסרנדיק, רעדנדיק צו די קינדער, ווי צו דערוואקסענע, שפּילנדיק זיך מיט זיי, ווי א קינד.

צוביסלעך האָבן זיך די אקטיאָרן אין דער טרופּע אזוי צוגעוווינט צו דעם כסדרדיקן רוף „מאמע“, אז זיי האָבן אליין אָנגעהויבן אזוי צו רופן אסתּר־רחלען. אמאָל איז עס געווען אויף נאָכצומאכן די קינדער, אמאָל אין א וויץ און מיט דער צייט איז עס געוואָרן א געוווינהייט, איר נאָרמאלער נאָמען צווישן די אקטיאָרן.

געהאַט האָט עס אויך אַ טיפערן הינטערגרונט אין דער באַציונג, וואָס האָט זיך אומבאַמערקט געשאַפן צווישן די אַקטיאָרן און אסתּר־רחלען. איר שטוב איז שטענדיק געווען אַ היים פאַר דער גאַנצער טרופּע. ווו אַ צרה, אַ האַרץ־ווייטיק, אַ סיכסוך, איז מען געלאָפן צו אסתּר־רחלען נאָך אַן עצה, נאָך הילף.

קאַמינסקי האָט אָנגעהויבן צו פירן די דירעקציע ביד־החזקה און אַקטיאָרן, בעיקר פון די יונגע, האָבן זיך אָפטמאָל געפילט באַליידיקט, באַעוולהט. זי פלעגט זיי בארויִקן, איינשטעלן זיך פאַר זיי ביי קאַמינסקין, אויסגלייכן סיכסוכים, אויסמיידן קריגערייען. נישט אויפגעצווונגען האָט זי מיט דער קראַפט פון איר אויטאָריטעט, פון איר פּאָזיציע אַלס ערשטער כּוח אין דער טרופּע, נאָר איבערציַיגט מיט אַ גוט וואָרט, מיט חכמה, מיט טאַקט. שטענדיק חבריש, שטענדיק פשוט, ווי אַ גלייכע, מיט גלייכע, זי האָט אפילו זעלטן געגעבן עמעצן צו פילן, אַז זי טראָגט מער זאָרג, מער אחריות פון אַנדערע.

איצט, ווען איר לאַגע איז געווען אַ בעסערע, ווען זיי האָבן שוין געפירט מאַטעריעל אַ בכבודיקן לעבן, האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי איר דער סענטימענט צו אַקטיאָרן בכלל, צו אַלע, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט מיט יידיש טעאַטער. זי פלעגט זוכן אַ זכות פאַר זיי. אפילו ווען זיי זענען באַגאַנגען אַ פעלער.

— פון שווילטיק האָט ער עס דען געטאָן? ס'איז דאָך זיין ביטערע אַקטיאָרישע דאָליע! — האָט זי פאַרטיידיקט אַן אַקטיאָר, אויף וועלכן אברהם־יצחק איז געווען אש־להבה.

זי האָט נישט פאַרטראָגן, ווען עמעצער פון איר טרופּע, אָדער פון באַקאַנטע חברים האָט חוזק געמאַכט פון יענע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די קליינע שטעטלעך, דערציילט קוריאָזן וועגן זיי, וועגן זייער שפילן טעאַטער, זייער דלות.

— וואָס איז עס אויף אייך די שמחה? ווי לאַנג איז, וויץ! מיר זענען געווען אין אַזאַ מעמד? און ווער ווייסט, צי מיר וועלן נישט זיין נאָכאַמאָל?.

דערפאַר האָט זי האַרציק געלאַכט, ווען זי האָט איבערגעלייענט שלום־עליכמס נייע זאַך „בערדיטשעווער טעאַטער“. זי האָט עס געלייענט עטלעכע מאָל און רעקאָמענדירט אַלע אַקטיאָרן צו לייענען:

— אָט דאָס איז אמת! נישט קיין חוזק, נישט קיין לצנות, נאָר געלעבטער דורך טרערן! דאָס הייסט געשטראָפט מיט ליבע, ווי אַ מאַמע איר קינד. דאָס איז קונסט!

782 — 7

— ס'איז דאָך אזא פּשוטע שפּראַך... אביסל וויצן... נישטאָ די דער־הויבנקייט, פּאָעזיע, ווי עס פאָדערט זיך פון קונסט, — האָט דערווידערט הערמאַן דער סופליאָר, וואָס האָט אין געהיים געשריבן לידער, האָבנדיק דערפאַר אויסצושטיין צרות פון דעם ביסל לצים אין דער טרופּע.

— קונסט פאָדערט אמת. נישטאָ קיין דערהויבענערע זאַך, ווי דער אמת. און די פּשוטע שפּראַך איז אמת. און זי איז שיין. זי וועט קלינ־גען שיין פאַר יעדן, וועמענס האַרץ קאָן אויפנעמען דעם אמת, — האָט אסתר־רחל זיך געהאַלטן ביי איר מיינונג.

אברהם־יצחק האָט זיך אויך אנטציקט מיט שלום־עליכמס באַשריי־בונג פון „באַדריפּעטשטער טריאַטער", אָבער ער האָט געטענהט, אז ס'איז נאָך צו ווייניק. שלום־עליכם האָט אויסגעצייכנט אויפגעכאַפּט דאָס דרויסנדיקע פון טעאַטער, דעם עולם, דאָס שטעטל, די קאָך־לעפל ארום טעאַטער. מען דאַרף אָבער ווייזן דאָס טעאַטער פון אינעווייניק, די אַק־טיאָרן מיט זייערע צרות.

— וועסט זען, רחלשי, איך וועל אָנשרייבן א קאָמעדיע וועגן יידישע אקטיאָרן אויף דער רייזע, אן אמתע קאָמעדיע פון אונדזער לעבן.

— וועט עס דאָך זיין א טראַגעדיע, — האָט אסתר־רחל בלאָס גע־שמייכלט.

— יאָ, ס'וועט טאַקע זיין א טראַגי־קאָמעדיע, אזוי ווי ס'זענען גע־ווען אונדזערע וואַנדערונגען אין די קליינע שטעטלעך.

א פּאָר נעכט איז אברהם־יצחק געזעסן ביים טיש און געשריבן העפטן.

אין א פּאָר וואָכן ארום איז אויפגעפירט געוואָרן די קאָמעדיע פון א. י. קאַמינסקי „די יידישע אקטערן אינעם קליינעם שטעטל". א טייל עולם האָט הארציק געלאכט און אפּלאָדירט, אנדערע האָבן געדרייט מיט די נעזן:

— א קוקאָלנע קאָמעדיע...

די אקטיאָרן זענען געווען יום־טובדיק דעם אָוונט, זיי האָבן אין פריידן נאָכאמאָל איבערגעלעבט ביטערע מינוטן פון זייער אייגן לעבן.

אסתר־רחל האָט געשמייכלט, ווען אברהם־יצחק האָט א צופרידענער דערציילט וועגן דערפאָלג פון דער פּיעסע. זי האָט אים גראַטולירט מיט זיין דערפאָלג:

— כ'וואָלט שוין אזוי וועלן אליין זען די פאָרשטעלונג.

זי איז נאָרוואָס געלעגן געוואָרן מיט זייער טרייסט נאָכן פאַרשטאָר־בענעם חיימל, מיט יאָסעלען.

12

אין לאנד איז די לופט געוואָרן אַלץ געדיכטער. די לאגע אין טעאטער איז געוואָרן נישט קיין זיכערע.

אסתר־רחל האָט זיך געוואָלט באַזעצן אויף אַן אָרט מיט די קינדער, ערגעץ אין א גרויסער שטאָט. זי האָט זיך נישט געריסן צום שפּילן. האָט זי אָבער מורא־געהאַט, אַז זי וועט מיט די קינדער אָפּגעריסן ווערן פון אברהם־יצחקן אין פאַל פון אומרוען, וואָס האָבן געדראָט א ליאָדע טאָג אויסצוברעכן.

ריכטן קאָן מען זיך אַלץ. מיט א פּאָר חדשים צוריק איז פאָרגעקומען דער שרעקלעכער קישעניעווער פּאָגראָם. א קורצע צייט פריער האָבן זיי געשפּילט אין קישעניעוו: א בליענדיקע שטאָט מיט יידן, וואָס האָבן ליב געהאַט יידיש טעאטער. מען האָט דאָרט געקאָנט אײנשטיין חדשים לאנג. איצט, דערציילט מען, איז די שטאָט אויסגעשטאָרבן. טויזנטער יידן דרייען זיך ארום אבלים.

ענלעכס איז געשען אין האָמעל. ס'איז אומרואיק אין ווילנע, אין ווארשע, וועלכע אסתר־רחל האָט כסדר געהאַלטן פאַר איר היים, כאָטש ס'איז שוין מער ווי צען יאָר, ווי זי איז פון דאָרט אוועק. רואיקער און זיכערער איז אין אָדעס. אין דער ברויזנדיקער פּאָרט־שטאָט האָבן יידן ווייניקער מורא־געהאַט, צוליב דעם גרויסן צופלוס פון אויסלענדער, פאַר וועלכע די צארישע מאכט וועט זיך אפשר שעמען אָפּצושפּילן א פּאָגראָם־ספּעקטאַקל.

אין מאַקע פאַר אסתר־רחלען געווען א גרויסע פרייד, ווען קאַמינסקי האָט גענומען א טעאטער אין אָדעס אויף א גאַנץ יאָר. זי איז מסכים געווען, כדי צו פארלייכטערן דעם מאַן צו פירן דאָס טעאטער, צו שפּילן אַלץ. טויג פארן טעאטער, אַז דער נייער שטערן, די אָפּערן־זינגערין ניעראסלאווסקא, זאָל שפּילן די ערשטע פידל, זאָל זיין „שולמית“, קאָן אסתר־רחל באַשטיין צו שפּילן „אביגיל“. זי טרעט אָפּ „אסתר“ אין „אחשורוש“ און „דינה“ אין „בר־כוכבא“. טרעט אָפּ די דראַמאַטישע ראָלן דער טרילינג, וואָס איז מיט הערמאַן בערמאַנען אָנגעקומען צו זיי אין טעאטער: אסתר־רחל האָט ווי אינגאנצן פארלוירן דעם חשק צו באַווייזן זיך אויף דער בינע, כאָטש מען האָט איצט געשפּילט אין א שיין טעאטער. קאַמינסקי האָט פארגרעסערט די טרופּע, צובאַקומענדיק אַזאַ כוח, ווי סעם אדלער, אַזאַ יונגן זינגער, ווי הערמאַן סיעראַצקי — ער האָט איצט קאָנקורירט מיט די גרעסטע יידישע טרופּעס אין לאַנד.

נאָר צו שטאַרק איז אסתר־רחל געווען באַליבט ביי דער אָדעסער יוגנט, ביי די אַרבעטער און סטודענטן, אַז אַזאַ רעזיגנאַציע זאָל דורכגיין אומבאַמערקט. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו איר אומבאַקאַנטע יונגעלייט מיט טענות פאַרוואָס זי שפּילט אַזוי זעלטן, אָדער פאַרוואָס זי שפּילט צווייטע ראָלן.

— איך בין אַ מאַמע פון קליינע קינדערלעך — האָט זי זיך גוטמוטיק פאַרענטפערט.

— איר זענט אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך מיט קינדער און איר האָט געשפּילט. פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי דערוווּיטערט דווקא אין אַזאַ שטאָט, ווי אָדעס, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע יידישע יוגנט, וועלכע פאָדערט אייך? — האָט מען איר דערווידערט.

זיי זענען פאָרט געווען די יונגעלייט. זי האָט זיך נאָך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון, ווי ווייט זי גייט אוועק פון איר לעבנסטרוים, פון דעם אָרט אין טעאַטער, וואָס זי האָט פאַרנומען באַלד פון איר ערשטן אויפטריט אויף דער בינע. פאַר אירע אויגן האָבן פאַרביי געשוועבט בילדער פון וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ״, פון די הונדערטער שטעטלעך, ווו פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָבן זי געבענטשט פאַר איר שפּילן און זי האָט שטיל אָנגעהויבן זיי צו דערקלערן:

— קוקט אייך צו, מיינע ליבע יונגעלייט, ווער עס קומט היינט אין אונדזער טעאַטער: בכבודיקע באַלעבאַטים, פיין אויפגעפּוצטע מענער און דאַמען, וואָס פינקלען מיט זייערע בריליאַנטן. זיי קומען זיך פאַרווייַלן, הנאה האָבן פון גלאַנץ פון שיינקייט. גיט מען זיי שיינע דעקאָראַציעס, אַ שיינעם כאָר און באַלעט, אַ שיינע זינגערין... וואָס קאָן איך געבן? איך האָב בלויז מיין נשמה, דעם אומעט פון מיין אָרעמער היים אין קליינעם שטעטעלע, די פאַרביטערונג און צאָרן פון די אַרבעטערינס אין דער וואַרשעווער פּאַפּיראָסן־פאַבריק, ווו איך האָב אַמאָל געאַרבעט... דאָס איז נישט קיין סחורה פאַר דעם עולם, וואָס קומט היינט אין טעאַטער אריין...

שטיל זענען געשטאַנען די יונגעלייט און געשלונגען יעדעס וואָרט. אַ געשפּאַנטע פּויזע האָט געהערשט ביז אסתר־רחל האָט פאַרענדיקט:

— מיין צייט איז נאָך נישט געקומען... מיין טעאַטער איז נאָך נישט געקומען...

איינער פון די סטודענטן האָט אַ טרייסל־געטאָן מיט די לאַנגע האָר. ער האָט אַ גלי געטאָן מיט די אויגן, אויסרופנדיק:

— אייער צייט וועט קומען! שוין גאָר אינגיכן! גלייבט אונדז!

אסתר=רחל האָט דערזען אין זיינע אויגן דעם זעלבן אויסדרוק, וואָס אמאָל, ביי איר חברטע שפּרינצע.

— איך גלייב! — האָט זי געענטפערט די יונגעלייט.

מלחמה!

אויף די גאסן שפּאצירן שיכורע אָפיצירן מיט אויסגעשרייען:

— מיט די הימלען וועלן מיר צודעקן די יאפּאָנטשיקעס!

די געשעפטן אין שטאָט זענען אויפגעלעבט. אין פּאָרט הערשט א באוועגונג טאָג און נאכט. טויזנטער יונגע מענטשן גייען אונטערן פייער אויפן ווייטן מזרח, אָבער סוחרים, פּאָדריאטשיקעס, שפּעקולאנטן מאכן דערווייל גאָלדענע געשעפטן. דער פּארטער פון טעאטער און די לאָזשעס זענען נאכט ביי נאכט פול מיט רייכע געסט, די קאסע לייזט כסדר פאר די טייערסטע בילעטן.

דאָס טעאטער מוז ארבעטן אויף דער גאנצער פארע. מען טאָר נישט כאפּן דעם אָטעם. גיעראָסלאווסקא איז נישט בכוח צו זינגען יעדן אָוונט, מען מוז דורכמישן דעם רעפּערטואר מיט דראמאטישע פּיעסן, העלפט אסתר=רחל ארויס. סעם אדלער האָט געברענגט א נייע אמעריקאנער סענסאציע „די אייזערנע פרוי“ — א מעשה מיט באנקירן, באנדיטן — באקט מען אָפּ אין א פּאָר טעג די פּאָרשטעלונג. אסתר=רחל מוז אָפּטאָן אויף דער בינע אלערליי פארברעכנס, וועלכע האָבן זיך איר קיינמאָל אפילו נישט געחלומט. זי שפּילט מיט געוואלד.

גוט איז נאָך, ווען זי קאָן שפּילן „חנהלע די נייטאָרין“, כאָטש א מעשה וועגן אן אָרעם מיידל, וואָס ליידט. איז אָבער די מעשה אזוי אָנגעצויגן, מיט אזויפיל שרעקן, ווי עס פּאסט פאר אן אמעריקאנער שטיקל ארבעט, אז עס מאכט איר קאליע דעם געגום.

די לאגע אויפן פראָנט ווערט אלץ ערגער. אויף דער בערזע הערשט א פּאניק, די געשעפטן ווערן באדראָט... פון דער צווייטער זייט הערט מען שוין דייטלעך דעם ברום פון אומצופרידנקייט פון די אָרעמקייט=קיואַרטאלן. פּאָרט=ארבעטער גייען ארום מיט דראָונג אין די בליקן, געדיכטע וואָלקנס ציען זיך איבערן הימל.

דאָס טעאטער הייבט אָן צו פוסטעווען. קאמינסקי וויל ראטעווען די געשעפטן און טראָגט זיך אריבער פון „גאָווי=טעאטער“ אין „רוסקי=טעאטער“. עס העלפט נישט. דעם עולם ליגט איצט נישט קיין טעאטער אין קאָפּ. מענטשן זענען אָנגעלאָדן.

עס דערנענטערט זיך דער שטורעם.

VI

1905

1

די שלעכטע געשעפטן אין אָדעס האָבן קאַמינסקין געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון זיין גרויסן פאַרנעם. די טרופּע האָט פאַרלוירן אַ סך פון אירע אַטראַקציאָנעלע כוחות. ספּיוואַקאָווסקי האָט צוגענומען די ניעדאָסלאַווסקאַ, סעם אַדלערן, דראַגנאָוון; אַנדערע אַקטיאָרן זענען זיך צעלאָפן צו פּישזאָנען, צו סאַבסייען. ס'זענען פאַרבליבן בלויז איינציקע פון דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס זענען צוזאַמען מיט אסתּר־רחלען אַרויס פון וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ"־טעאַטער און אַ טייל פון יונגוואַרג, וואָס איז אין משך פון די יאָרן וואַנדערונגען צוגעקומען צו קאַמינסקי'ס טרופּע.

ווי שטאַרק אסתּר־רחל האָט נישט איבערגעלעבט דאָס צעשיידן זיך מיט איר אָדעסער רואיק לעבן, איז זי אָבער פון דער ענדערונג אויך געווען אַ ביסל צופרידן. אַ סוף צו דעם אויסערלעכן גלאַנץ און אינערלעכער פּוסטקייט וואָס האָבן זי אַזוי געמאַטערט אין אָדעסער טעאַטער. ווידער שפּילן מיט אַקטיאָרישן האַרץ און נישט מיט פּראַכט פון דער אויסשטאַטונג און הונדערטער עלעקטרישע לעמפּלעך. אסתּר־רחל האָט זיך אין אָדעס צוליב די עלעקטרישע לעמפּלעך שוין אַפילו געהאַט צעווערטלט מיטן רעזשיסער, דעם אַמעריקאַנער סטאַר סעם אַדלער:

— צו וואָס טויגן די לעמפּלעך אומעטום? עס שניידט אין די אויגן און ס'האָט נישט דעם מינדסטן זין. עלעקטרישע לעמפּלעך אויף די ביימער אין וואַלד... ווו האָט מען עס געזען אַזעלכעס ?

סעם אַדלער איז געווען דערפון טיף באַליידיקט:

— איך באַשיין אַ פאָרשטעלונג מיט דער מאָדערנסטער אַמעריקאַנער טעכניק און אייך געפעלט עס גאָרנישט?

— דער עולם קומט אין טעאַטער אַריין גיכער זען די אַמעריקאַנער טעכניק, נאָר די פּיעסע און דעם אַקטיאָר. פרעגט דעם ערשטן בעסטן יידן וועט איר הערן, אַז אים איז ליבער דער שטאַרקער גלאַנץ פון אַק-טיאָרישע אויגן, ווי טויזנט פאַרשידנקאָלירטע לעמפּלעך.

מעם אדלער האָט געהאַלטן נידעריקער פאַר זיין כבוד צו ענטפערן דערויף.

איצט איז מען כאָטש פריי פון אַמעריקאַנער סטאַר מיט זיינע עפעקטן, פון שפּילן דאַרפישע מיידלעך אין עלעגאַנטע טואַלעטן, פון אַלע צוטראַכטענישן, וואָס זענען געווען אויסן בלויז אויגן-פאַרבלענדעניש. מען האָט ווידער געשפּילט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַריינלייגנדיק נשמה אין שפּילן און געווינענדיק די נשמה פון עולם, וואָס איז געקומען אין טעאַטער אַריין.

געוואַנדערט האָט מען שוין בלויז איבער גרעסערע שטעט, לענגער זיך פאַרהאַלטן אין א שטאָט און געטראַכט וועגן א תכלית פאַר די אויסגעוואַקסענע דריי קינדער. רעגינעלע דאַרף שוין גיין אין שול, אינגיכן וועט קומען די ריי אויף אידעלען. מען דאַרף ערגעץ-ווו אויפשטעלן די געצעלטן און זאָגן זיך: דאָ איז מיין היים.

פאַר אסתר-רחלען האָט, ווי א לייכט-טורעם, געשיינט די שטאָט וואָס איז איר צום נאָענטסטן געווען צום האַרצן: וואַרשע!

אויך אברהם-יצחקן האָט געצויגן אין זיין געבורט-שטאָט, אָבער...

— צו וואָס פאָרן קיין וואַרשע, אַז דאָס איז די ערגסטע שטאָט פאַר יידיש טעאַטער? דאָרט איז שווערער צו קריגן א דערלויבעניש צו שפּילן, ווי אין פּעטערבורג.

איז מען ווייטער געפאָרן איבער די שטעט, אָבער דאָך גענטער צו וואַרשע.

אין לאַנד איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אומרואיק.

די צייטונגען האָבן דערציילט וועגן א גרויסן שטרייק פון די אַרבע-טער אין באַקו. דאָס נייע יאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט א שטרייק אין די ריזיקע פּעטערבורגער פאַבריקן.

2

ווי אונטערערדישע אָפּהילכן פון א נאָענטער ערד-ציטערניש האָבן זיך די געשעענישן אָפּגעשלאָגן אין פאַרבייגעפאָרענע שטעט און שטעטלעך. יעקאַטערינאָסלאַוו. מעטאַל-אויזוגס, צוואָרפענע הינטער דער שטאָט. א פייער זעצט פון זיי. און אין די אויגן פון אַרבעטער פלאַמען פונקען.

יעדער באַזונדער טראָגט אַ וואָלקן אויפֿן פּנים. קומען זיי זיך צונויף אין גרופּן, טראָגן זיי שוין מיט זיך דעם אָנזאָג פֿון שטורעם.

אויף די הויפּט=גאַסן איז די באַוועגונג אָפּגעשטאָרבן. אין שאָטן באַהאַלטן זיך גאָראָדאָוואָיס. זעלטן שלייכט זיך אייליק דורך אַ פֿאַרבייגייער. עפּעס הערט זיך דאָס געדיכטע קלאַפּן פֿון רעדער איבער די גאַסן=שטיינער און שנעל=לויפֿנדיקע פֿערדישע קאָפּיטעס: איזוואָשטשיקעס טראָגן מיט אימפּעט אַדורך די צום=טויט דערשראָקענע באַלעבאַטים פֿון שטאָט.

אין די הינטער=געסלעך זאַמלען זיך גרופּנווייז טונקעלע געשטאַלטן: טונקעלע קאַרטוזן, פֿאַררוקט איבער די אויגן, טונקעלע בלוזעס, הענט פֿאַרטונקלטע פֿון קוילן און פֿייער. און צווישן די הענט שאַצירן ליכטיקע בלעטלעך, דינע פּאַפּירלעך געדיכט=באַדעקטע מיט אותיות. די אותיות ווערן שווער צוזאַמענגעשטעלט אין ווערטער, יעדעס וואָרט דרינגט אַריין אין די טונקעלע מענטשן=גרופּן און מאַכט זיי העל אין די אויגן מיט רופֿן צום קאַמף.

— „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט דער מלחמה! זאָל לעבן דער 8=שעהדיקער אַרבעטס=טאָג! ערד פֿאַר די פּויערים! זאָל לעבן די פֿרייהייט!“.

דאָס טעאַטער בעת די פֿאָרשטעלונגען איז געווען אַ שפּיגל פֿון די שטימונגען אין שטאָט: ליידיקע ערשטע רייען. אַפֿילו די פֿאַרברענטע יעקאַטערינאָסלאַווער טעאַטער=גייער, וואָס פֿלעגן נישט דורכלאָזן קיין איין פֿאָרשטעלונג, זענען ערגעץ=ווו פֿאַרשוווּנדן. אין די ווייטע רייען זעען זיך אַביסל קעפּלעך, אָבער מער אַריינגעטאָן אין שמועסן צווישן זיך, ווי אין דער פֿאָרשטעלונג.

— ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן דאָס שפּילן. מיר אינטערעסירן נישט קיינעם, — האָבן אַקטיאָרן הושכּדיק אויפֿגענומען דעם אַרומיקן אומרו.

— ווי אַזוי קאָנען מיר אינטערעסירן? ס'איז אַ צייט ווען מען דאַרף רעדן מיט אַ קלאָרער שפּראַך: פֿאַר די, אָדער יענע. פֿאַר די, וואָס באַהאַלטן זיך אין זייערע קאַמיעניצעס, אָדער פֿאַר יענע, וואָס כאַפּן אויף די פֿלוג=בלעטער אין גאַס. און מיר שטאַמלען. נישט פֿאַר די, נישט פֿאַר יענע. קליאַטשע. יידיש=דייטש. אין אַ צייט פֿון אָדער—אָדער...

אסתּר=רחל האָט זיך ערנסט אַרומגעקוקט און צוגעגעבן, ווי פֿאַר זיך:

— ס'איז דאָך נישט פּשוט: מען שטרייקט. מענטשן וואַרפֿן די אַרבעט, טויזנטער אַרבעטער, צענדליקער טויזנטער... ווילן זיי דען נישט אַרבעטן? זיי לעבן דאָך דערפֿון! הייסט עס זיי שטעלן אַיין זייער לעבן. זיי קעמפֿן: לעבן, אָדער טויט... ווי מיין חברטע שפּרינצע האָט פֿאָרויס=

געזאָגט מיט יאָרן צוריק: עס וועט קומען צו א גרויסן קאמף... א קאמף פאר אָדער—אָדער... אפשר איז שוין איצט דער קאמף?

דערשראָקענע שטימען האָבן געזוכט א פארענטפערונג:

— אָבער מיט וואָס וועט עס זיך ענדיקן? וואָס וועט זיין דער סוף דערפון?

פון אסתר־רחלס האלדז האָט זיך ארויסגעריסן א שעפטש, וואָס האָט דורכגענומען שטארקער, ווי דער מעטאַלענער קלאנג פון איר אָפּגע־נער שטים:

— ס'וועט ווערן א נייע וועלט! די ארבעטער וועלן זיגן! דאָס נייע מוז באזיגן דאָס אלטע, וואָס איז שלעכט! דאָס לאָזט זיך נישט אָפּהאלטן, אָפּשטעלן!

און פּלוצלונג: דער בלוטיקער זונטיק אין פּעטערבורג. מיט אן אָפּשיין פון שריפה האָט זיך צעגאָסן איבערן לאנד דאָס בלוט פון טויזנ־טער אומבאוואָפנטע ארבעטער, צעשאָסענע דורכן צארס משרתים. אן אימה איז באפאלן דעם פּשוטן מענטשן.

— ס'איז א מורא אין גאס ארויסצוגיין! — האָבן אקטיאָרן געצי־טערט אין די אכסניות.

— אין דעם בלוט וועלן זיי אליין דערטרונקען ווערן! — אסתר־רחל האָט פעסט געגלייבט אין דעם. דאָס האָט זי אָנגעלאָדן מיט אן אינער־לעכער רואיקייט און מיט דער רואיקייט האָט זי זיך איצט באמיט צו ווירקן אויף אברהם־יצחקן.

ער, דער שטענדיק־באהערשטער, אליין פלעגט ער אויפנעמען מיט א שמייכעלע אוז חוזק, האָט זיך איצט פארלוירן. דער בלוטיקער זונטיק האָט אים ארויסגעפירט פון גלייכגעוויכט:

— אז ס'איז לית דין ולית דיין... — האָט ער אראָפּגעלאָזט די הענט.

אסתר־רחלס אינערלעכע רו האָט אים געשטארקט, ווידער דערוועקט זיין איניציאטיוו:

— מיר וועלן פאָרן אין די שטעטלעך, קיעווער גובערניע, פּאָלטאַ־ווער גובערניע. אין די שטעטלעך איז זיכער רואיקער. מען מוז דאָך זען ווי עס איז זיך דורכשלאָגן דורך די אומרואיקע טעג...

ס'איז אָבער נישט געווען רואיקער אין די שטעטלעך. דאָס זענען איצט געווען פארוואָרלאָזטע שיפן אן א רודער אויף א צעבושעוועטן ים. דאָס דאָרף האָט זיך גערירט. צום פייער איז דערגאנגען דער רוף פון זיין ברו־דער־ארבעטער. דער פייער האָט אָנגעהויבן צו דערוואכן און די דערפער ארום שטעטל זענען געוואָרן א צעשטורעמטער ים.

זשאנדארמישע און קאָזאקישע אָפּטיילונגען האָבן זיך איילי ג ג׳ טראָגן אויף זייערע פערדלעך איבער די דערפער, וו דער רויטער האָן האָט א קרייע־געטאָן אין פּריצישע פּאלאצן און הויפן. ס׳האָט אויפגע־ציטערט אין זייערע יסודות דער טראָן פון צאר, האָבן נאהייקע און ביקס געאיילט אים צו ראטעווען.

פון אומעטום זענען אָנגעקומען באומרואיקנדיקע ידיעות. א כוואליע פון פּאָגראָמען אין נאָמען פון גאָט און קייסער, מיטן געזאנג פון „באָ־זשע צאריא כראני“, איז מען באפאלן די יידישע אָרעמקייט. אומבא־גרענעצט האָט געהערשט דער אָכראנניק און זשאנדארם. זיי האָבן ז ד ווידער געזעצט רייטן אויפן יידישן פערדל: אפשר אזוי ארום אָפּציען די אויפמערקזאמקייט פון די מפּלות אויפן וויטן מזרח, פארטויבן דעם מעכטיקן אויפברויז פון ארבעטער און פויערים.

א קנויל פון טאבאק־רויך איז געהאָנגען אין פינצטערן צימער פון די קאמינסקים אין דער אכסניה אין ראמני. אקטיאָרן זענען זיך צונויפ־געקומען, כדי צו דאגהן בציבור. אויסגעצויגענע שאָטנס האָבן זיך מאָנאָ־טאָן באוועגט איבער די ווענט, אויסבויגנדיק זיך אין פרעג־צייכנס:

— וואָס טוט מען ווייטער?

— כאָטש נעם און באהאלט זיך אונטער דער ערד! שוצלאָז זענען מיר... — האָבן געקלאָגט עלטערע ווייבער.

—ווי שעפּסן אָן א פּאסטוך אין די לאפּעס פון וועלף, — האָט הערמאן סיעראפּקי פּאטעטיש אויסדעקלאמירט א פראזע פון א היסטאָ־רישער פּיעסע.

— נישט פארצווייפלט, קינדער, — האָט אסתר־רחל זיי בארואיקט.

— מוט פארלוירן הייסט אלץ פארלוירן. ס׳איז נאָך נישט הפקר די וועלט... מען שטעלט זיך דאָך אנטקעגן. וועט מען אָפּשטעלן די באנדיטן. ס׳איז ווי א גוף, וואָר ראנגלט זיך מיט א חולאת. צו שטארק איז דער גוף, די חולאת זאָל אים בייקומען... מען דארף נאָך שטארקער זיך אנט־קעגנשטעלן. אונטערגעבן זיך איז דאָס זעלבע, וואָס צוהעלפן די, וועלכע שלאָגן.

אסתר־רחל האָט בחוש אויפגעכאפּט און פארשטאנען דעם כוח פון די זעלבשוץ־גרופּן, וואָס האָבן זיך כמעט אומעטום געשאפן. צווישן פּשוטע יידן האָט מען שוין אָפן גערעדט וועגן אנטקעגנשטעלן זיך. די יוגנט איז מאסנווייז געלאָפן אין די זעלבשוצן. עס האָט צווישן דער יוגנט געפונען א שטארקן אָפּקלאנג דער רוף פון דער סאָציאל־דעמאָ־קראטישער פּארטיי צו אקטיווער פארטיידיקונג קעגן די פּאָגראָמען, דער רוף פון דער פּארטיי צו דער ארבעטערשאפט ארויסצוטרעטן אין שוץ פ ן

באַפאַלענע יידן. אין די גרעסערע שטעט זענען טאַקע די אַרבעטער פון פאַבריקן צוהילף־געקומען דער זעלבשוץ. אַ מערכּטיקע וואַנט האָט זיך אויפגעשטעלט קעגן די בּוליגאַנעס.

עס זענען שוין דערגאַנגען ידיעות וועגן אַ דעצידירטן נצחון פון ר׳ זעלבשוץ, אונטערשטיצטע דורך אַרבעטער. דאָס האָט דערמונטערט די יידישע יוגנט, וועלכע האָט דערפילט די ברודערלעכע הילף פון פּשוטע רוסישע אַרבעטס־מענטשן. אויף שותּפותדיקע וואַך־פּאָסטנס האָבן זיך אַנטוויקלט לאַנג־שעהדיקע וויכּוחים, דיסקוסיעס, וואָס האָבן אַלץ בולטער אַרויסגעוויזן די געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן און צילן פון די באַפאַלענע פּשוטע יידן און פון די קעמפנדיקע רוסישע אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן באַהערשט די גאַס און די שטעט. יידן האָבן זיך דערפילט זיכערער.

קאַמינסקי האָט ווידער נישט גערוט. געדונגען זאַלן, געפּרוּווט צו אָרגאַניזירן פאָרשטעלונגען. אָבער ווי עפּעס אַן אומרואיקייט, אַ געשריי, האָט זיך די מערהייט יידן ווידער דערשראָקן, פאַרקלאַפּט טיר און לאָדן, באַהאַלטן זיך אין די קעלערס. אין טעאַטער זענען געווען בלויז אַ פּאָר דרייסטע יונגעליים, וואָס האָבן געפּרוּווט באַרואיקן און טרייסטן די אַקטיאָרן. נאָר שפּילן האָט מען שוין נישט געקאָנט.

די אַקטיאָרן האָבן זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געשלייכט דורך אָפּגעשטאָרבענע גאַסן פון טעאַטער אין אַכסניה, באַגלייט דורך די צו־פעליקע באַשיצער.

אַ דערשלאָגענער האָט זיך קאַמינסקי פאַרענטפערט פאַר אסתּר־רחלען:

— כ׳האָב געמיינט אפשר...

— אוי, זאָלסטו מיר געזונט זיין, — האָט אסתּר־רחל געטרייסט.

— אַ וועלט איז אויפגעטרייסלט און דו גערמסט זיך איבער מיט אונדזער אָרעם טעאַטער. ווער ליגט עס איצט אין קאָפּ? די גאַס איז געוואָרן אַ טעאַטער. העלדן פון דער בינע אויף די שטיינער פון די גאַסן...

3

אין דרויסן האָט געקנאַקט אַ ברענענדיקער פראָסט. ווען אַברהם יצחק איז אַריינגעלאָפן אין צימער אַריין מיט אַ צעשפּילעטן פעלץ, אַ דערשוויצטער און געפּאָכעט מיט די צייטונגען.

— וואָס איז געשען? שוין ווידער א נייע גזירה, א נײַ אומגליק? — האָט אסתר־רחל געפרעגט א דערשראָקענע.

— וואַרט, לאָז כאַפּן דעם אָטעם! גוטע נייעס! נא, זע! — האָט ער איר געוויזן אין די אויגן דעם זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטוואָ“.

אסתר־רחל האָט געשלונגען די אותיות:

— „די דײַטשישע אָפּערעטן־טרופּעס דאָס איז, ווי אַלעמען איז באַוווסט, נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער יידישער פֿאָלקס־טעאַטער... דערלאָזן, אז די יידישע טרופּעס זאָלן עקזיסטירן אונטערן נאָמען „דײַטשישע“, הייסט דערציען אין דער יידישער מאַסע א נישט־אַכטונג צום געזעץ, וואָס לאָזט זיך אָפּנאַרן. עס איז צייט וועגן דעם א טראַכט־צו־טאָן און אומקערן דעם דאָזיקן טעאַטער זײַן אייגענעם נאָמען“...

אסתר־רחל האָט נישט געגלייבט אירע אייגענע אויגן. זי האָט עס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט:

— א חלום!

— זע ווייטער! — האָט אברהם־יצחק געשיינט, אונטערדרוקנדיק איר דעם זשורנאַל „טעאַטראַלנאַיא ראָסיא“.

— „די יידישע טרופּע איז איבער עפּעס אין אַדמיניסטראַציע מיטפאַרשטייעניש געצוווּנגען אָפּצונאַרן דאָס געזעץ, אָנרופנדיק זיך „דײַטשישע“ און שפּילנדיק אויף א לעפּיש־ווילדן געמיש פון דײַטש און יידיש. דער פֿאָלקסטימלעך יידישער זשאַרגאָן רעכנט זיך פאַר דער סצענע נישט צענזוראַבל, כאָטש אויף דער דאָזיקער שפּראַך דערשיינען אין רוסלאַנד עטלעכע טעגלעכע צייטונגען און עס רעדן אויף דער שפּראַך פּולקאָם אָפּן עטלעכע מיליאָן רוסישע אונטערטאַנער“...

אסתר־רחל האָט געשטראַלט:

— אפשר וועט מען שוין קאָנען אָנהייבן שפּילן אמת טעאַטער?

— דאָס איז שוין זיכער! זעסט דאָך, עס נעמט זיך אָן פאַר אונדז די רוסישע קונסטלער־וועלט. דאָס רוסישע פֿאָלק האָט זיך א ריר־געטאָן.

אין א פּאָר טעג אַרום איז ער געקומען צו לויפן מיט א נייער פרייד:

— „עס איז אָפיציעל דערלויבט געוואָרן צו עפענען אין רוסלאַנד טעאַטערס, אין וועלכע מען וועט שפּילן אויף יידיש, ווי עס איז געווען ביזן יאָר 1883“.

אסתר־רחל האָט אים אַרומגעכאַפּט און זיך גענומען מיט אים דרייען אין א טאַנץ.

— וואַרט, ס'איז נאָך נישט אַלץ! א בריוו פון ספּיוואַקאָווסקין. נאָך וויכטיקע נייעס: הער, וואָס ער שרייבט!

דורכלויפנדיק די ערשטע פּאָר שורות פון ארויסגענומענעם בריוו, האָט אברהם=יצחק אָנגעהויבן צו לייענען אויפן קול, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט:

— „אין אָדעס האָט זיך אָרגאניזירט א געזעלשאפט, מענטשן מיט געלט, וואָס האָבן באשלאָסן אויפצובויען א יידיש טעאטער. מען שרייבט מיר, אז עס האָבן זיך שוין אונטערגעשריבן יידן אויף פערציק טויזנט רובל... דער באקאנטער יידישער שרייבער, שלום=עליכם, האָט צוגעזאָגט שרייבן פּיעסן פאר דעם נייעם טעאטער און האָבן די אויפזיכט איבערן רעפּערטואר. דער קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדן צו מיר, אז איך זאָל ווערן דער דירעקטאָר פון טעאטער. מען פארלאנגט פון מיר, איך זאָל צוזאמענשטעלן א טרופּע פון די בעסטע ארטיסטישע כוחות, פארשטייט איר דאָך, אז איך וועל זיך אָן מאדאם קאמינסקא, אייך, ליבערטן, ווייסמאגען נישט קאָנען באגיין. דערווייל מאכט נאָך נאטשאלסטווע שוועריקייטן מיט א דערלויבעניש אויף צו בויען. וועט אָבער זיין א דערלויבעניש וועלן מיר ענדלעך קריגן א היים פאר אונדזער וואנדערנדיק טעאטער... טאָ זייט גרייט! איך פאָר דערווייל מיט מיין טרופּע אויף גאסטראָלן קיין פּעטערבורג, וו איך האָף צו מאכן א שיינע פּאָר רובל. בעסטע גרוסן".

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע מאכן פּלענער פאַ'ן נייעם טעאטער, שפּארן זיך וועגן נייע פאָרשטעלונגען, וועגן דעם אופ פון ארבעט.

— שפּילן שלום=עליכמס א זאך!... ער וועט ארויפברענגען אויף דער בינע פּשוטע מענטשן, רעדן וועגן פּשוטע זאכן... דער עולם וועט דאָך אָנקוועלן און מיר וועלן קאָנען פאָרשטעלן לעבעדיקע מענטשן! — האָט אסתר=רחל זיך פארטרוימט.

— שלום=עליכם איז טאקע א גוטער הומאָריסט, אָבער מען ווייסט נאָך נישט, צי ער וועט טויגן פאר דער בינע. זעסט דאָך, „צעזייט און צעשפּרייט" האָט דעם עולם נישט געגומען, — האָט אברהם=יצחק זיך אנטקעגנגעשטעלט.

— אוודאי, אז מען קאָרמעט אים מיט די „סודות פון ניו=יאָרק", „די נקמה פון א פּרוי" מיט לאטיינערן, הורוויטשן און ענלעכע ווערק, קאָן דער עולם נישט פארדייען „צעזייט און צעשפּרייט"... און מיר געפעלט עס דווקא! ס'איז א פיינע לעבנס=זאך, געשריבן מיט א מענטשלעכער שפּראך, לעבעדיקע מענטשן...

באלד איז זי אריבער אויף א נייער טעמע:

— אָבער מיר וועלן מער נישט וווינען אין האָטעל! מיר מוזן גע־
מען א דירה... מיט אן אויסבליק צום ים. פאר די קינדערלעך וועט עס
זיין א פרייד!

שעהן זענען זיי אזוי געזעסן און געמאכט פּלענער וועגן דעם נייעם
לעבן, וואָס וועט זיך פאר זיי אָנהייבן מיטן נייעם טעאַטער.

אָבער ביז צום אויפבויען דאָס טעאַטער איז נאָך געווען ווייט און
דערווייל האָט זיך די ווירקלעכקייט ארויסגעוויזן נישט אין אזעלכע העלע
פארבן, ווי די ידיעות אין די צייטונגען.

אין איין שטאָט, אין א צווייטער, האָט זיך די אדמיניסטראַטיווע
מאכט נישט ווייסנדיק געמאכט וועגן דער דערלויבעניש אויף צו שפּילן
יידיש טעאַטער און מען האָט ווייטער געשטערט.

קאַמינסקי איז געלאָפן צום פּאָליצמייסטער, געוויזן די ידיעה אין
די רוסישע צייטונגען — יענער איז געבליבן נישט גערירט:

—איר ווייזט מיר די אַלערהעכסטע דערלויבעניש, אז מען מעג
שפּילן יידיש, וועל איך אייך גלייבן. מיך גייט נישט אָן, וואָס די שמי־
רערס שמירן אין זייערע צייטונגען...

איז מען אָבער געוואויר געוואָרן, אז פּישזאָן, וועלכער האָט יאָ די
„אַלערהעכסטע דערלויבעניש" אין קעשענע, קאָן אויך נישט שפּילן אין
אַלע שטעט, ווו ער וויל; אז ספּיעוואַקאָווסקי האָט אין פּעטערבורג גופא
געמוזט שפּילן ווידער „יידיש-דייטש", האָט מען באַין-ברירה שלום גע־
מאכט מיטן געדאַנק, אז צו דער דערלויבעניש מוז מען זיין שטענדיק
גרייט צו נעמען די „קליאַטשע אין מויל אריין", ווי אסתּר-רחל האָט עס
גערופן.

4

די זעלטענע פאלן ווען עס איז געלונגען דורכצושמוגלען יידישע פאָר־
שטעלונגען פון קאַמינסקים טרופּע, האָבן דאָך געהאַט זייער בוייטערן
אָפּקלאַנג: די ווירקונג פון אסתּר-רחלס שפּילן אויפן צושויער האָט גע־
האַלטן אין איין וואקסן. דער האָרעפּאַשנער עולם — ארבעטער, משר־
תים, בעל-מלאכות — האָבן אין איר אמתדיקייט פון איבערגעבן געפילן
און איבערלעבונגען, ארויסגעפילט טענער פון אויפריכטיקן פּראָטעסט
קעגן עוולות. דאָס האָט זיך איבערגערופן מיט זייערע אייגענע שטימונגען
און טראַכטענישן. אָפטמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן אוממיטלבאר ארויס־
צוווייזן, אז עס איז אזוי.

ראָוונע, א שטעטל אויף דער חבֿותדיקער וואָלינער ערד.

— א מחיהדיקע שטאָט! — האָבן זיך אקטיאָרן געקוויקט.

די גאַנצע שטאָט האָט געשמעקט מיט סעדער, מיט האָפּן=בעלדער און פון די דאָרטיקע יידן האָט געשלאָגן מיט דאָרפישקייט און געזונטקייט. א סך פון זיי האָבן געארבעט אין דער ביר=ברויעריי, ביי האָלץ, געפירט סחורות און פּאסאזשירן אין די ארומיקע שטעטלעך און דעויפער, פון וועלכע ס'איז קיין ראָווגע געפלאָסן א שלל פּראָדוקטן, וואָס זענען שפעדיק געוואָקסן אויף דער וואָלינער ערד. די שטאָט האָט זיך אנטוויקלט. פאַנאַנדערגעבויט און פאַרמאָגט א סך יידישע בוי=ארבעטער. אין טעאטער האָט דער עולם געריסן אויף זיין פארצווייגענער שפראַך, וואָס האָט געהאט אָן א שיר „יודן", פולברוסטיק געלאכט. ראָוונער יידן האָבן ליב געהאט א פריילעכס און ליב געהאט א טרויעריקס, אויב ס'איז נאָר געווען „מאָראַליש", דאָס הייסט — מיט א גוטן מוסר=השכל. און אז עס פלעגט שפילן די קאמינסקעס, ווי זיי האָבן גערופן אסתר=רחלען, איז דאָס טעאטער געווען פול — קיין שפילקע נישט דורכצוואַרפן.

דעם אָוונט האָט אסתר=רחל געשילדערט די ליידן פון „חנהלע די נייטאָרין" מיט א באַזונדער געפיל. זי האָט אין חנהלעס ליידן אריינגעלייגט דעם וויי פון יידישע פרויען אין יענער אומרואיקער צייט. דער עולם איז געווען גערירט ביז טרערן און אין א געוויסן מאָמענט האָט א בחור אויף דער גאַלעריע א געשריי געטאָן:

— נידער מיט דער אונטערדריקונג!

פון צענדליקער ברוסטן האָבן זיך דערהערט פארשידענע אויסרופן. איינער האָט הילכיק אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן די פרייהייט!

גלייך האָבן הונדערטער שטימען אונטערגעכאַפּט:

— זאָל לעבן די פרייהייט! נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט!

דער געהילפס=רעזשיסער הערמאַן פישער האָט גלייך געגעבן דעם פורהאַנג. קאַמינסקי, א בלאסער אונטער דער שמינקע. האָט אָפּגענומען א ראַפּאָרט פון געשעפטס=פירער, וועלכער האָט געמאָלדן, אז ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי און טרייבט פאַנאַנדער דעם עולם.

דער עולם שטראָמט ארויס אויף דער גאַס מיט אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן די פרייהייט!

אסתר=רחל איז געשטאַנען ביים לעכל פון פורהאַנג און געקוקט אויף די צעפלאַמטע פנימער פון עולם. א ווארעמקייט האָט זי ארומגענומען.

קאמינסקי איז צו איר צוגעלאָפן, וועלנדיק זי אָפּרייסן פון פויר־האנג:

— שנעלער, רחלע, מען דארף לויפן אין האָטעל אריין פארפּאקן די זאכן. אפשר וועט מען נאָך די נאכט מוזן ארויספאָרן פון ראָוונע. אזא אומגליק...

— וואָס איז דער אומגליק?

— כ׳האָב דאָך געהאָפט, אז מיר וועלן זיצן אין ראָוונע א פּאָר וואָכן...

— אונדזערס האָבן מיר דאָ סיווי אָפּגעטאָן.

— וואָס הייסט? — האָט זיך קאמינסקי געחידושט.

— מיר האָבן אויפגעפלאקערט א פייער אין די הערצער פון עולם. וואָס דארף מען מער?

5

די אומרועו האָבן זיך פארשטארקט. ס׳איז שוין געוואָרן א סכנה ארייננצופאָרן אין א שטאָט. אומעטום האָט מען געקאָנט דערוואַרטן א סיורפריז מצד די שווארצמאהדיקע כוליגאנעס. איז אָנשטאָט צו זיצן אין א וואָלינער שטעטל צווישן פרעמדע, האָט זיך די גאנצע טרופּע אראָפּ־געלאָזט „א היים“, קיין ווארשע.

נאָך צוועלף יאָר וואנדערן איז אסתר־רחל צוריקגעקומען צו אי׳ע שוועסטער און ברודער, צו זייערע משפחות, וועלכע זענען דורך די יאָרן אויסגעוואקסן, זיך פארמערט.

ווארשע!... פאָרנדיק מיט א גרויסער, צוויי־פערדיקער דראָזשקע פון וואָקזאל צום האָטעל, האָט אסתר־רחל באוונדערט: ווי די שטאָט איז אויסגעוואקסן, וואָס פאר א שיינע גאסן! די מארשאלקאָווסקע... א לאנגע שורה שטיינערנע ריזן, אויף יעדן הויז פיגורן, באלקאָנען, באפּוּ־צונגען. זי האָט עס נישט געדענקט און אפשר זענען עס נייע הייזער, אויפגעבויט דורך די יאָרן פון איר אָפּוועזנהייט. די טראמווייען, גע־שפּאנטע אין פערד, האָבן זיך געגליטשט אויף די רעדער, קלינגענדיק פריילעך מיט די גלעקלעך. פון אלע זייטן זענען קאָטשן, דראָזשקעס, וואָגנס געפלאָסן, ווי א ריזיקער שטראָם...

וויפל נייע הייזער אויפן וועג! און מען בויט ווייטער, פון פאריזדענע זייטן סטאַרטשען רושטאָוואַניעס. די שטאָט לעבט, די שטאָט וואקסט.

מען איז מיט מזל צוגעפאָרן צו דער דלוגע גאס, אָפּגעשטעלט אין האָטעל קראקאָווסקי. א ברייט פּריציש הויז, מיט גראָב־ווענטיקע, טונ־

קעלע צימערן, לאנגע קאָרידאָרן. ס'וואָרפט אָן אן אומעט. אָבער דאָס איז נאָר אויף דערווייל, ביז מען וועט זיך ארומקוקן, באשליסן...

באלד האָבן זיך אָנגעהויבן צו באווייזן אין האָטעל-צימער די שוועסטער, דער ברודער, די משפחה. ווער צו שטארק פארעלטערט, נישט לויט די יאָרן, ווער בליענדיק, אויסגעפוצט. לויטן פנים און לויט די קליידער האָט שוין אסתר-רחל דערקענט, וועמען זענען די יאָרן שנעל דורכגעלאָפן און פאר וועמען זיי האָבן זיך לאנג געשלעפט. ביי רבקהן האָט מען גלייך געזען איר אלמנהשאפט, כאָטש באגלייט האָבן זי צוויי דערוואַקסענע קינדער. ביי קיילען און דעם שוואָגער פולמאן האָט אלץ געשיינט. זיי זענען געקומען בלויז מיט דער יונגסטער טאָכטער העלענע, ווייל:

— אלעקסאנדער שטודירט, איגנאץ איז פארנומען, לינא איז אין פענסיע, שימאָן האָט לעקציעס...

אסתר-רחל האָט זיך באַמיט שנעל צו אָריענטירן אין דער ענדערונג פון די נעמען: אלעקסאנדער איז מן-הסתם איר קליין ארעלע, איגנאץ — איטשע און אזוי ווייטער... די נעמען רעדן שוין פאר זיך... רבקהס זון הייסט נאָך אלץ אלי, יאנקלס זין הייסן איטשע און אברהם... די טאָכטער האָט נאָך דעם נאָמען האלפערן געביטן אויף ליסקאָווסקא, זי איז שוין א מאמע פון א קליין מאָטעלע...

ענג איז געווען אין דעם גרויסן האָטעל-צימער פון דער אויסגעוואקסענער משפחה. זי האָט דעריבער ווידער ארויסגערוקט איר אלטע טענה:

— מיר מוזן דינגען א דירה. א גרויסע דירה. אָפּטרייסלען זיך פון די האָטעלן... טאקע א היים. פאר זיך, פאר דער משפחה, פאר די אקטיאָרן...

אברהם-יצחק האָט דערויף געענטפערט מיט א טרוקענעם הוסט, וואָס האָט לעצטנס שטארק און אָפט דערמאָנט וועגן דער אסטמע, וועלכע ער האָט אָפּגעשפּאָרט דורך די יאָרן וואנדערונגען.

6

אברהם-יצחק האָט זיך שוין געהאט ארומגערינגלט מיט א שטאב פון געהילפן, מעקלערס, עצה-געבערס, וואָס האָבן געזאָרגט וועגן ביידע זאכן: וועגן א טעאטער און א דירה. איינגיכן האָט ער געדונגען א זומער-טעאטער אין גאָרטן פון „באגאטעלא“. א דירה וועט אויך זיין, א שיינע דירה

אויף לעשטשינסקא גאַס, נישט ווייט פון דער ווייסל, צווישן א סך גוי̇ים און ביימער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פיבערדיקע צוגרייטונגען צו די ערשטע יידישע טעאטער־פאָרשטעלונגען נאָך אזויפיל יאָרן, אין דער יידישסטער שטאָט אין אייראָפּע, אין הארץ פון פוילן. שנעל האָט מען קאָמפּלעטירט די טרופּע — נאָך אזויפיל יאָרן מוז מען זיך אין ווארשע באווייזן אין פולן גלאנץ, — געמאכט רעפּעטיציעס, געמאָלן דעקאָראציעס, צוגעקליבן קאָסטיומען.

פון אלע זייטן האָבן געשטראָמט אקטיאָרן, ס'איז געוואָרן א יאריד פון אקטיאָרן. ס'זענען געקומען אזעלכע, וועלכע מען האָט געקענט פון לאנג, באגעגנט אין משך פון די וואנדער־יאָרן אויף די אומענדלעכע שטחים פון רוסלאנד. ס'זענען געקומען אומבאקאנטע, וועגן וועלכע מען האָט עפּעס געהערט און פריש־געבאקענע אקטיאָרן, אָדער אזעלכע, וואָס האָבן גערעדט וועגן זיך, אז זיי זענען אקטיאָרן.

אסתר־רחל האָט באוואונדערט די שפע:

— ווען איז עס געשען? פון וואנען זענען אויסגעוואקסן אזויפיל נייע אקטיאָרן? מיט וואָס קומען זיי צום טעאטער?

מיט די, וואָס אסתר־רחל האָט דערזען אין זיי א פונק פון טאלאנט האָט זי גערעדט פריינדלעך, געדולדיק, אונטערגעמונטערט, צוגעזאָגט צו געדענקען וועגן זיי. די ארבעט מיט די קאנדידאטן אויף אקטיאָרן איז געפאלן אויף איר, האָט זי די קינדער איבערגעלאָזט אויף די הענט פון איר שוועסטער רבקה און אליין האָט זי זיך ארייגעוואָרפן אין דער ארבעט. די אויסזיכטן זענען געווען די בעסטע. די צוגרייטונגען זענען געווען אין פולן ברען און מיטאמאָל איז אונטערגעקומען א נייע שטערונג...

ס'איז געווען א שיינער פרילינג־טאָג. אסתר־רחל איז ארויס אין גאס צו דערלעדיקן אייניקע ענינים.

פארן אייזערנעם טויער האָט זי באמערקט א שטארקע באוועגונג, נישט ענלעך צו דעם הו־הא פון א וואָכעדיקן טאָג אין ווארשע. יום־טובדיק געקליידעטע ארבעטער האָבן זיך מיט א סודותפולער געשפּאנט־קייט ארומגעדרייט גרופּנווייז. פון אלע זייטן האָט מען געזען פּאָלי־ציאנטן, וואָס האָבן מיט א בייזער שטרענגקייט באפוילן דעם עולם דורכ־צוגיין, פאנאנדערגיין זיך. נעבן דער צוקערניע איז געשטאנען א פּרים־טאוו, ארומגערינגלט מיט א פּאָר רעוואָלווערן. די וואָנסעס זענען ביי אים געווען שטייף ארויפגעדרייט.. די האנט אין א ווייסער הענטשקע איז חשיבותדיק געווען אָנגעשפּארט אויף דער שווערד

— וואָס איז עס היינט פאר א יום־טוב?

זי האָט זיך גלייך דערמאָנט:

— ערשטער מאַי...

זי איז ארויס צום באנק־פּלאַץ. א המון פון טויזנטער מענטשן האָט זיך באוויזן פאר אירע אויגן. א דראָענדיקע אנטשלאָסנקייט האָט זיך געטראָגן פון דער מאסע און א שטילע פייערלעכקייט.

פון טעאטער־פּלאַץ האָט געאיילט אן אָפּטיילונג פּאָליציאַנטן אויף פערד, גלייך נאָך איר — א צווייטע. א קורצע צייט שפּעטער האָט זיך, ווי א וויכער, דורכגעטראָגן א מחנה קאָזאקן אויף פלינקע פערדלעך, מיט שטאַרטשענדיקע פּיקעס — מען האָט נאָר געזען אויף די פערדישע קעפּ איינגעבויגענע קוטשמעס האָר פון די היטלער און פּיקעס איבער זיי. ביי די גאסן־ראָגעס האָבן זיך געשאַפן צעפּן פון פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם פּארקער. פון שכנותדיקע גאסן האָבן אָפּגעהילכט קלאַנגען פון קאָפּיטעס. גלייך האָבן זיך דערהערט שאָסן. א שטארקער הילך פון סאַלוועס. ווידער איינצלנע שאָסן, געשרייען, אויסריפן, וויי־געשרייען און א וויסטער טומל, וואָס האָט אַלץ פאַרטויבט.

7

טעג האָבן זיך געצויגן אין אומזיכערקייט און שרעק. אסתר־רחל איז ארומגעגאנגען א באַטויבטע, נישט געוואָלט ארויסגיין אין גאס. אברהם־יצחק האָט פון שטאָט געבראַכט די נייעס וועגן דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן אין די גרויסע פאבריקן, וועגן אן אַלגעמיינער אויפּרערונג אין דער גאַנצער שטאָט צוליב דער שרעקלעכער בלוט־באָד. פאַרענדיקט האָט ער מיט א זיפץ:

— נו, גיי, שפּיל אין אזא צושטאַנד טעאטער.

אסתר־רחל האָט אָנגעהויבן צו רעדן פאר זיך:

— מען וואָלט אפשר באַדאַרפט שפּילן... דווקא איצט... אָבער נישט אונדזערע פּיעסן... עפּעס אזוינס, וואָס וואָלט א רעד־געטאָן צו די מענטשן מיט אן אנדער שפּראַך...

— כ׳וואָלט א בעלן געווען צו זען, ווער וואָלט עס דיר צענזורירט...

— האָט ער א קוועטש־געטאָן מיט די פּלייצעס.

אסתר־רחל האָט געוווסט, אז ער איז גערעכט. נאָר א געדאַנק האָט זי בסדר געמאַטערט און זי האָט געזוכט פאר אים אן אויסדרוק:

— און אפשר... אפשר קאָן מען אין געוויינטלעכע פּיעסן אויך רעדן

מיט אן אנדער שפּראך? צווישן די ווערטער, וואָס גייען דורך א צוגזור, אריינגעגבן געפילן, וועלכע ווערן נישט צעגזורירט? דער עולם וואָלט עס פארשטאנען... דערפילט...

צוביסלעך איז אין שטאָט געוואָרן רואיקער. קאמינסקי האָט באשלאָסן צו ריזיקירן און צו דערעפענען דאָס טעאטער.

אין די גרויסע שויפענצטער פון געשעפטן אין די יידישע גאסן פון ווארשע האָבן זיך באוויזן אפישן, וואָס האָבן געמאָלדן, אז אין זומער־טעאטער „באגאטעלא" הייבט אָן צו שפּילן א יידיש טעאטער אונטער דער דירעקציע פון א. י. קאמינסקי. ס'ווערט אויפגעפירט דאָס ריזנרי־קע לעבנסשטיק „חנהלע די נייטאָרין" מיט א. ר. קאמינסקא אין דער הויפט־ראָל.

די צענטראלע גאסן פון ווארשע האָבן דערזען פאר זיך א זעלטן בילד: הונדערטער יונגעלייט, אין משונהדיקע מלבושים, אין לאנגע רעק און כאלאטן, מיט קאשקעטעלעך, אָדער קיילעכדיקע שווארצע דיטע־לעך, מענטשן אין אָרעמע ארבעטס־קליידער דאָבן געשטראָמט יום „באגאטעלא", וואָס האָט זיך געפונען א שיינע פּאָר קילאָמעטער פון יידישן צענטער אין ווארשע. געגאנגען איז מען אהין גרופּנווייז, פארנאכט, און צוריקגעגאנגען איז שפּעט ביינאכט א ריזיקער שטראָם מענטשן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געהערט לעבהאפטע שמועסן. צעפלאמטע פּנימער און גליענדיקע אויגן האָבן אויסגעדריקט א גרויסע איבערלעבונג.

פארשפּעטיקטע דורכגייער, איינוווינער פון יענע גאסן, זענען אי־בערראשט געוואָרן פון דעם בילד, זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די האלדז־קלאנגען פון דער שפּראך, וואָס איז פאר זיי געווען אומפארשטענדלעך און נייגעריק געפרעגט איינער דעם צווייטן:

— וואָס איז עס? פון וואנען גייען אזויפיל יידן?

8

ווארשע האָט דערפילט, אז עס לעבט א יידיש טעאטער.

די שטראָמען מענטשן, וואָס זיינען יעדן אָוונט געפלאָסן אין „באגאטעלא" האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם גרויסן אָפּקלאנג, וואָס דאָס טעאטער האָט געפונען.

אסתר־רחל איז קיינמאָל נישט געווען באקאנט מיט דער געשעפט־לעכער זייט פון טעאטער. זי האָט אויך דאָסמאָל נישט געוווסט, ווי אזוי אין קאמינסקין געלונגען צו לאָזן אין באוועגונג אזא גרויסע מאשין, פון

וואגעו ער האָט גענומען געלט דערויף. נאָך א פּאָר פאָרשטעלונגען האָט
זי אָבער באמערקט יעדן אָוונט זיך דרייען אין טעאטער מענטשן, וואָס
האָבן אומעטום אריינגעשטופּט די נעז, געקוקט, געשושקעט, געזאָגט
דעות. פון שמועסן איז איר קלאָר געוואָרן, אז קאמינסקי איז ארומגע-
רינגלט מיט בעל-חובות, שטילע און אָפענע שותפים צום טעאטער.

— פארוואָס האָסטו מיר גאָרנישט דערציילט וועגן דעם, אז דו
האָסט אזויפיל שותפים?

— וואָס איז דיר די נפקא-מינה? דאָס זענען דאָך נישט קיין אק-
טיאָרן. זיי וועלן זיך נישט קריגן מיט דיר איבער די ראָלן...

— דאָס איז טאקע דאָס שלעכטע, — האָט אים אסתר-רחל געענט-
פערט... — דו ווייסט דאָך יאָ, אז איך קריג זיך נישט איבער קיין ראָלן
און ס'גייט מיר נישט אין לעבן, וועלכע ראָל איך זאָל שפּילן; אָבער, אז
זייטיקע מענטשן קומען צו מיר און זאָגן דעות און גיבן מיר נאָך צו פאַר-
שטיין, אז זיי האָבן רעכט צו זאָגן א דעה, ווייל זיי האָבן געגעבן די
מטבע, איז שוין ערגער, ווי ווען אקטיאָרן וואָלטן זיך געמישט... דיינע
שותפים געפעלט נישט, וואָס מיר שפּילן א טרויעריקע זאך: „היינטיקע
צייטן, זאָגן זיי, דארף מען א פרייל‎עכס"... היינטיקע צייטן... וואָס ווייסן
זיי פון היינטיקע צייטן?

— וואָס-זשע קאָן איך זיך העלפן? פארשטייסטו דען אליין נישט,
אז דאָס איז נאָך איבער מיינע כוחות אליין צו פירן א טעאטער?... אָט
האָב איך זיך איצט פארבונדן מיט א פּוילישן שרייבער, א רעזשיסער,
מארק ארנשטיין. ער וועט ברענגען נייע פּיעסן, אליין שרייבן, רעזשי-
סירן... כ'וויל דאָך, אז אונדזער טעאטער זאָל זיין וואָס שענער..

די ידיעה וועגן אָנקום פון א שרייבער, א רעזשיסער האָט אסתר-
רחלען געמאכט פארגעסן די פריערדיקע טענות. זי האָט שוין מיט אומ-
געדולד געוואַרט אויף דעם ערשטן צוזאמענטרעף מיט ארנשטיינען. וואָס
וועט ער ברענגען?

ארנשטיין איז געווען א יונגער, עלעגאנטער מאן, מיט א געדיכטן
שווארצן קאָפּ האָר, ניינעריקע העלע אויגן און א צוגעקלעפּטן שמייכל
צו די פולע ליפּן. ער האָט זייער העפלעך גערעדט צו די אקטיאָרן, אָבער
זיך געהאלטן אביסל שטייפלעך, מיט רעזערוו. ער האָט זיי דערציילט
וועגן זיינע דערפאָלגן אין פּוילישן טעאטער, באריכט זיך מיט זיין
פריינדשאפט מיט באקאנטע פערזענלעכקייטן — דעם טעאטער-דירעק-
טאָר גרובינסקי, דער באקאנטער ארטיסטקע פּשיבילקאַ-פּאָטאָצקאַ, קאַ-
ראָל אדוועגטאָוויטש און דער עיקר — מיטן פּאָפּולערסטן שטערן אויפן
ליטעראַרישן הימל, סטאניסלאוו פּשיבישעווסקי. ער האָט גערעדט א סך,

מיט גלייכווערטלער. וויצן, ווי א פריימדער, גוט־דערצויגענער גאסט אויף א יידישער שמחה.

אסתר־רחלען האָט געערגערט, וואָס די אקטיאָרן שטעלן ארנשטיינען פראגן וועגן פוילישע טעאטער־סענסאציעס, וועגן היגטער־קוליסן־פּליאָט־קעס, האָט זי איבערגעריסן דעם שמועס:

— פאניע ארנשטיין, כ׳האָב געלייענט אייער אייגאקטער „דאס איי־ביקע ליד". צי האָט איר נישט אייערס א גאנצע פּיעסע, אָדער ווייסט איר נישט וועגן אזא פּיעסע אויף דער טעמע?

ארנשטיין האָט א צי־געטאָן מיט א ברעם, אייגגעקוקט זיך אין אסתר־רחלען און דאן מיט דעם העפלעכסטן שמייכל געענטפערט:

— אזא שיינע, עלעגאנטע דאמע, ווי איר, האָט נישט קיין אנדערע פארלאנגען, ווי צו שפּילן מענטשן פון קעלער־שטוב?

— איך אליין שטאם פון די מענטשן, זיי זענען אונדזער עולם און פאר זיי וויל איך שפּילן, — האָט אסתר־רחל קאלט געענטפערט.

— און איך טראכט גאָר מיט אייך אויסצופירן א סימבאָלישע דראַמע, ס׳זאָל זיין מאָדערן, אייראָפּעיש, אין גייסט פון אונדזער צייט.

— איך מיין, אז אין גייסט פון אונדזער צייט איז צו שפּילן פּיעסן, וואָס זאָלן זיין נאָענט אונדזער ארבעטער־עולם, פּיעסן פון זייער לעבן, אָדער וועגן זייער לעבן.

זי האָט גערעדט אלץ זיכערער, קלאָרער ווי דאס וואָלטן געווען גע־דאנקען, וואָס זענען ביי איר אויסגעפאָרמט געוואָרן דורך לאנגע יאַרבַ־טעניישן:

— איך פיל, אז ווען איך קריג א ראָל פון א פשוטער פרוי, אז אר־בעטערין, וואָס זוכט דעם אמתן וועג אין לעבן, וואָלט איך געקאָנט שאפן א לעבעדיקע געשטאלט... איר לעבן קען איך, אין אירע האָפענונגען גלייב איך און כ׳וואָלט געקאָנט מאכן גלייבן דעם עולם אין זיי...

— אָך, אזוי! — האָט ארנשטיין זיך צעשמייכלט. — דער שריפט־שטעלער הער פּרץ אינטערעסירט זיך איצט מיט אזעלכע טעמעס. אפשר האָט ער עפּעס ענלעכס. מיך אינטערעסירן איצט מאָדערנע זאכן.

דערמיט האָט זיך פארענדיקט זייער ערשטער שמועס, צו דער אומ־צופרידנקייט פון ביידע צדדים. אסתר־רחל האָט אָבער זייט דעם טאָג נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען קאמינסקין:

— האָסט שוין גערעדט מיטן הער פּרץ וועגן א פּיעסע?

— כ׳דארף זיך ערשט די טעג טרעפן מיט אים. דו ווייסט דאָך, ווי איך בין פארנומען. מען מוז טראכטן וועגן געשעפט, מען מוז טראכטן

זוו צו שפּילן ווינטער... איידער דו זוכסט זיך ארום איז דער זומער פאַרביי און אין „באַגאַטעלע" וועט נישט זיין מער וואָס צו טאָן.

אסתר=רחל האָט אים געגעבן. זי האָט זיך אָבער געוואָנדן צו איר ברודער=זון, וואָס האָט געהאָלפן אין דער אדמיניסטראציע פון טעאטער:

— אברהמלע, ברענג מיר די זאכן פון יידישן שריפטשטעלער פרץ.

אין א פּאָר טעג ארום האָט ער איר געברענגט א פּאָר ביכער „שריפטן פון י. ל. פרץ".

נאָכמיטאָג, ווען קאמינסקי האָט געאיילט וועגן געשעפטן, האָט אסתר=רחל זיך אוועקגעזעצט ביים פענצטער לייענען. א פּאָר שעה האָט זי זיך נישט אָפּגעריסן פון בוך, ביז רבקה האָט זי אויפגעמונטערט:

— רחלשי, שוין צייט צו גיין אין טעאטער אריין...

אסתר=רחל האָט איבערגעלעבט די דורכגעלייענטע בילדער, ווען די דראָזשקע האָט זי געפירט אין „באַגאַטעלע" צו באווייזן די נישט=געשטויגענע פאסירונגען, וועלכע לאטיינער האָט צונויפגעפירט אין א פּיעסע.

9

די כוואליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך פאנאנדערגעגאָסן איבערן גאנצן לאנד. אין קאמינסקיס שטוב האָט מען געשלונגען יעדעס וואָרט וועגן אָדעס, וועגן דעם אויפשטאנד אויף א מיליטער=שיף, דער פארברידערונג פון מאטראָסן מיט די אָדעסער ארבעטער, די בלוטיקע קאמפן מיטן צארס געטרייע חיילות. יעדע דערמאָנטע גאס, די ברייטע טרעפּ ביים אראָפּגאנג צום ים — דאָס אלץ איז נאָך געווען פריש אין זכרון פון די קאמינסקיס און זיי האָבן ממש געזען אלץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען.

אין לאָדזש, ווו קאמינסקיס טרופּע האָט געזאָלט אריינפאָרן אויף א ריי גאסטראָלן, א שטאָט, וואָס האָט אין פרט פון יידיש טעאטער, אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט ווארשע — זענען פאָרגעקומען פארביטערטע גאסן=קאמפן. די ארבעטער האָבן ארויסגעריסן שטיינער פון די גאסן און פארטיידיקט זיך קעגן דער פּאָליציי, קעגן די קאָזאקן. אויך אין ווארשע זענען יעדע פּאָר טעג פאָרגעקומען נייע שטרייקן, נייע דעמאָנסטראציעס, נייע אומרוען. געווען אָוונטן, ווען מען האָט זיך באדארפט פארטראכטן, צי ס'איז כדאי צו גיין אין טעאטער אריין, צי וועלן אין

אזא אומרואיקער צייט זיך געפינען בעלנים צו גיין אזא מהלך וועג. קא-מינסקי האט שטענדיק געהאט איין ענטפער:

— לאָמיר פּרוּוון.

איז מען געפאָרן אין טעאטער און ס'האָט זיך צונויפגעוויקלט ביי א שטיקל עולם. אברהם-יצחק האָט טריומפירט:

— זעסט, וואָס פאר א דערפאָלג? מען גייט, נישט געקוקט אויף סכנות-נפשות.

אסתר-רחל האָט טאקע נישט פארשטאנען, וואָס ברענגט די מענטשן אין טעאטער אריין.

— וואָס גיט זיי דען דאָס טעאטער? — האָט זי געטראכט — א פּאָר שעה פארוויילונג אין בעסטן פאל... וו ווערן זיי נישט דערציילט די שטיקער, וואָס איינס איז אומגעלומפּערטער פארן צווייטן? יאָ, דאָס ביסל געזאנג, מוזיק, דאָס פרישט אויף אביסל. אָבער ווי קאָן מען עס פארדייען די ווערטער, וואָס זענען אָן א שום טעם און ריח, וואָס איינס קלעבט זיך נישט צום צווייטן?

אמת, אסתר-רחל האָט זיך באמיט אז דאָס, וואָס זי רעדט אויף דער בינע, זאָל האָבן א זין. זי האָט אויך אין דער ריכטונג געווירקט אויף אירע מיטשפּילער. ביי יעדער פראזע, וואָס זי האָט געזאָגט אויף דער בינע, פלעגט זי זיך פארטראכטן, צי רעדן אזוי יידן צווישן זיך, צי באנוצן זיי אזעלכע ווערטער, צי שטעלן זיי אזוי צונויף ווערטער אין זאצן. צוביסלעך פלעגט די פראָזע פון גאנצע פּיעסן געענדערט ווערן, האָט אָנגעהויבן אנדערש צו קלינגען, פשוטער, פארשטענדלעכער. אָבער וואָס טוט מען מיט די אומגעלומפּערטע פּאסירונגען, אויף הילכע די פּיעסע איז געבויט? מען קאָן ארויסווארפן עפּעס א „גס“, אָבער צו ענ-דערן די גאנצקייט האָט זיך אסתר-רחל נישט געפילט בכוח.

ארום טעאטער האָט זיך שוין געהאט געשאפן א שטענדיקער קרייז חסידים, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג, געקענט כמעט יעדע פראזע פון אויסנווייניק, באלד געכאפּט, ווו אן אקטיאָר האָט א טעות געהאט, געמאכט א „בולבע“, ווי מען האָט עס געריפן אויפן טעאטער-לשון. אייניקע פון זיי האָבן שוין ארייגעקוקט הינטער די קו-ליסן, געכאפּט א שמועס מיט אקטארן, וואָס פלעגן ליב-האָבן אָפּצוהוזקן פון די „יאָלדן“. אסתר-רחל האָט אָבער ערנסט גערעדט מיט די מענטשן, אויסגעפרעגט זיי וועגן נייעסן פון שטאָט, שטימונגען, קלאנגען און אויך מיינונגען וועגן טעאטער.

— זעען זי, מאדאם קאמינסקא, — האָט זיך ארויסגערעדט א יונ-גערמאן מיט א קינדיש אָפן פּנים, גרויסע העלע אויגן און שווערע אויס-

געפּראַצעוועטע הענט, — איך קום יעדן אָוונט אין טעאַטער אַריין, ווייל כ'האָב ליב ס'טעאַטער. אָבער איך זאָג נישט, אַז כ'בין צופרידן דערפון.

— פאַרוואָס=זשע קומט איר יעדן אָוונט?

— אפשר דערפאַר, ווייל איך בין ביז=לעצטנס קיינמאָל נישט געווען אין טעאַטער. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען אייך שפּילן און ס'האָט זיך פאַר מיר געעפנט א נייע וועלט. איך בין דאָך פון א קליין שטעטל, פון א חסידישער היים... אין ווארשע ביז איך געוואָרן אן ארבעטער אין א מעטאַל=פאַבריק. מיינע חברים האָבן מיך אָנגעהויבן צו שלעפּן אין פאַריין אַריין, אָנשטאָט אין קלויז. דאַן בין איך ערשט געוואָיר=געוואָרן, אַז כ'בין א מענטש... מען האָט מיר געגעבן ביכלעך צו לייענען און עס האָט זיך מיר געעפנט דער קאָפּ. אַזוי געעפנט, אַז כ'האָב נאָך א פּעסטן צייכן פון ערשטן מאַי... — האָט ער לאַכנדיק געוויזן אויף א קוים=פאַרהיילטער וווּנד צווישן זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר...

— ווי איז מיר! — האָט אסתר=רחל אויסגעשריגן.

— ס'איז גאָרנישט, שוין כמעט פאַרהיילט... — האָט ער געענטפערט.

— איך האָב עס נאָר אַזוי געזאָגט... צום וואָרט... יאָ, וועגן טעאַטער... ווען דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן, האָבן מיך די זעלבע חברים געשלעפּט אַהער. כ'האָב נישט געוואָלט גיין... ס'האָבן מיר נאָך געקלונגען אין די אויערן די דערציילונגען וועגן לצים, קאָמעדיאַנטן, פורים=שפּילער... איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן דעם נאָך ביי מיר אין שטעטל... מיינע חברים איז שווערער אָנגעקומען צו שלעפּן מיך אין טעאַטער אַריין, ווי צום ערשטן מאָל אין פאַריין! — האָט ער זיך ווידער צעלאַכט.

אסתר=רחל האָט מיט אַלץ=וואַקסנדיקן אינטערעס געהערט זיין דערציילונג.

— אָבער איך בין געקומען און ס'איז מיר געפעלן געוואָרן. ס'איז מיר געפעלן דער איינפאַל פון מענטשן צו ווייזן לעבעדיק אויף דער בינע דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט געמוזט טראַכטן ביי זיך אין מוח, זען אין חלום. ווייזן אַזוי לעבעדיק, מען זאָל גלייבן אין דעם און מען זאָל טראַכטן וועגן דעם. און איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן. דערפאַר... דערפאַר...

ער האָט איבערגעריסן און אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט.

— וואָס דערפאַר? זאָגט, שעמט זיך נישט. איך וויל טאַקע וויסן דעם גאַנצן אמת, — האָט אים אסתר=רחל געמוטיקט.

— דערפאר האָט מיר אויפגעהערט צו געפעלן, וואָס איר ווייזט אין טעאטער.

— וואָס געפעלט אייך נישט? ווי מיר שפּילן?

— ניין, כ'מיין, אַז נישט דאָס. איך בין נאָך נישט קיין מבֿין דע־רויף, נאָר מיר דוכט זיך, אַז מען שפּילט גוט. דאָס, וואָס די אַקטיאָרן טוען, באַזונדערס, וואָס זי אַליין טוען אויף דער סצענע, איז אמתדיק. אָבער דאָס, וואָס איר דאַרפט טאָן, איז נישט אמת.

—איר מיינט די פּיעסן?

— יאָ, כ'מיין דאָס, וואָס איר שפּילט... ווער קומט צו אייך אין טעאטער אַריין? אַזעלכע, ווי איך, אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, יונגוואַרג. די שיינע ייִדן קומען דאָך נישט צו אייך. העכסטנס אַביסל הענדלער פון דער האַליע און געוועלביאַזשעס, וואָס זענען נאָך צו ווייניק ריסטאָ־קראַטן, אָדער האָבן נאָך צו ווייניק געלט, מען זאָל זיי אַריינגעמען צווישן די שיינע ייִדן... פאַרוואָס־זשע שפּילט איר נישט זאַכן פאַר אונדז, פון אונדזער לעבן? איר מיינט, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו געפינען ביי אונדז?... אין לאַנד קומט איצט פאָר אַזאַ גרויסער קאַמף, מיר זענען די קעמפער. פון דעם קאַמף איז אָפּהענגיק אונדזער צוקונפט, אייער צוקונפט. פאַרוואָס שפּילט איר נישט וועגן דעם?

—איר זענט גערעכט, — האָט אסתּר־רחל געענטפערט, — דאָס דאַרף מען טאַקע שפּילן.

10

די שפּע פאַר ייִדיש טעאטער אין וואַרשע, דאָס קאָנען קריגן אַ דער־לויבעניש צו שפּילן אָן שטערונגען, אויף וועלכע מען האָט זיך נאָך אָפּט אָנגעטראָפן אין אַנדערע שטעט, האָט צוגעצויגן דירעקטאָרן און אַקטיאָ־רן פון גאַנצן לאַנד. צום טעאטער האָבן זיך צוגעשאַרט פאַרשידענע געלט־מענטשן. מען האָט געזוכט נייע זאַלן און געעפנט נייע ייִדישע טעאטערס אין וואַרשע. אַז פון די פּלענער אויפצובויען אַ ייִדיש טעאטער אין אָדעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם און וואַרשע איז געווען דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען אויסגעהונגערט נאָך ייִדיש טעאטער, האָבן אַלע דאָ געזוכט גליק. מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אויפן מוראַנאָוו, וווּ עס איז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פריער, נאָך פאַר גאָלדפאַדענען, געווען בעללאָהם טעאטער, ס'האָט זיך געעפנט

א גיי טעאטער אויף קרולעווסקע, מען האָט געדונגען א שאַנטאַן אויף כמיעלנע און פארוואנדלט עס אין א יידיש טעאטער.

ווי שוואָמען נאָך א רעגן זענען געוואקסן טרופּעס און אקטיאָרן. גרופּעס יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך צונויפגענומען, אָפּגעקויפט ביי א סופליאָר פון טעאטער א פּיעסע, אָדער געזעסן א פּאָר מאָל אויף א פאָרשטעלונג און פון זכרון צונויפגעשטעלט די פּיעסע, שפּילנדיק זי אין פארשידענע זאלן, ארויספאָרנדיק אויף דער פּראָווינץ. הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך האָבן פארלאָזט זייערע היימען, גענומען אין האנט אריין דעם וואנדער־שטעקן פון יידישן אקטיאָר. א סך האָבן עס געטאָן פּשוט פון נייגעריקייט, ס'האָט זיי געצויגן דער ראָמאנטיזם פון וואנדערן, דאָס ציגיינער־לעבן פון אקטיאָרן. אנדערע האָבן דערמיט רעוואָלטירט קעגן זייערע אָפּגעשטאנענע משפּחות, קעגן דעם פארגליווערטן לעבן ביי זיי אין שטוב, אָדער קעגן דער אויסנוצונג, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען ביי זייערע ברויטגעבער. א סך זענען אָבער פארצערט געוואָרן פון אן אינערלעכן פייער פון טאלאנט, פון דעם דראנג נאָך טעאטער־אויסלעבונג, וואָס איז יאָרנלאנג געלעגן איינגעדרימלט ביי יידישע פאָלקס־מענטשן. די זענען שוין פארבליבן אקטיאָרן ביי אלע שוועריקייטן.

ווארשע איז געוואָרן דער גרויסער יידישער טעאטער־יאריד. ס'זע־נען געקומען עלעגאנטע איבערגעטריבן־אויסגעפּוצטע בארימטע אקטיאָרן, וואָס האָבן געבלישטשעט מיט גאָלד און בריליאנטן, און אזעלכע, וואָס האָבן מער נישט פארמאָגט, ווי די פּעלערינע, צילינדער און לאַק־שטיב־לעטן און אונטער דעם האָבן זיי געטראָגן געלאטעטע שמאטעס. עס זע־נען געקומען זאטע, זעלבסטצופרידענע טעאטער־תקיפים און שטילע, טאלאנטירטע מענטשן, פון וועמענס אויגן און פּנים ס'האָט געווייעט מיט דער מאטקייט פון אָפּטן הונגער. ס'איז געווען א גרויסער קעסל, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעקאָכט טאלאנטן און קאליקעס, גרויסע דירעקטאָרן און אייביקע לא־יוצלחם.

די קאָנקורענץ איז געוואָרן אומגעהויער גרויס און כדי זיך צו האל־טן אויפן פּלאַץ האָט איין דירעקטאָר געזוכט איבערשטייגן דעם צווייטן מיט דער גרויס פון זיין טרופּע, כאָר, אויסשטאטונגען. אין איין פּרט זענען אלע געווען ענלעך צו זיך: רעפּערטואר. כמעט אלע האָבן זיי גע־שפּילט די זעלבע פּיעסן, נאָר אנדערש געשלייערט מיט אקטיאָרן און אויסשטאטונג.

קאמינסקי האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פאר דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן דורך זיין ערשטקייט־רעכט אין ווארשע און ער האָט

זיך פאראייניקט מיט אברהם פישזאָנען, וועלכער איז דאן געווען דער גרעסטער תקיף אין דער יידישער טעאטער־וועלט.

אסתר־רחל איז געווען זייער אומצופרידן פון דעם שידוך, ווייל פישזאָן האָט געהאט א שלעכטן שם צווישן אקטיאָרן צוליב זיין באהאנדלען מענטשן און דער קערן פון זיין טרופע איז באשטאנען פון זיין אייגענער פאמיליע, וועלכע האָט געבילדעט א קליקע, וואָס האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די איבעריקע אקטיאָרן. פישזאָן איז געווען באקאנט פאַרן קעניג פון באלאגאן, וועלכן ער האָט — ווי עס פאסט פאר א קעניג — באשיינט מיט גלאנציקע פלימערלעך פון קאָסטיומען, דעקאָראציעס און סעם אדלערס עלעקטרישע לעמפלעך. נאָר גאָר גרוים איז געווען אסתר־רחלס פאררדרוס, ווען זי איז געוויר־געוואָרן, אז מארק ארנשטיין פירט אויף אין קאָמפּאניעצעס „ערמיטאזש"־טעאטער אויפן מוראנאָוו שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט".

— אָט זעסטו, אברהם־יצחק, כ'האָב דיר געזאָגט, אז מיר מוזן צוגרייטן נייע פּיעסן, האָסטו אלץ קיין צייט נישט געהאט. אלץ געשעפט און געשעפט. וואָס פאר א פּנים האָבן מיר איצט?

— מען ווייסט נאָך נישט, וואָס פארא גליקן קאָמפּאניעצ'ן וועט האָבן דערפון.

— רעדסט שוין ווידער וועגן גליקן... כ'וויל נישט קיין גליקן, כ'וויל שפּילן דאָס, וואָס איז מיר ליב און וואָס זאָל ליב זיין מיין עולם. גיב אליין א טראכט, ווי זעט עס אויס: באקאנטע שרייבער, מענטשן, וועלכע ווייסן, וואָס זיי ווילן, שרייבן פּיעסן און מיר זאָלן שטיין פון דער ווייטנס?

צומאָרגנס האָט אברהם־יצחק געבראכט א נייע ליטערארישע פּיעסע:

— „די מוטער", דראמע אין 3 אקטן פון דוד פּינסקי.

אסתר־רחל האָט גיך געגומען לייענען די פּיעסע און נאָכן איבערלייענען געבליבן זיצן פארטראכט. קאמינסקי האָט פארלאנגט א מיינונג.

אסתר־רחל האָט לאנג געזוכט ווערטער אויף צו ענטפערן:

— ווי זאָל איך דיר זאָגן... ס'איז עפּעס יאָ... ס'איז אינגאנצן אנדערש, ווי די אמעריקאנער שטיקער. פּשוטע מענטשן... אָבער עפּעס... עפּעס דרייט עס זיך ארום אזעלכע נישט־וויכטיקע זאכן... ס'איז א מעשה מיט א מאמע, מיט אירע ווייטיקן, צרות... אָבער ס'איז סתם א מאמע, זי רעדט פאר זיך, נישט פאר אלע מאמעס... און רעדן רעדט זי עפּעס נישט דאָס... נישט ווי א מאמע מיט קינדער... מיר דוכט זיך, אז עס פעלט לעבן אין דער זאך... איך ווייס? נאָר פּרווון דארף מען...

זי האָט ווידער געלייענט דעם עקזעמפּליאַר, אַ פּאָר מאָל אים איבערגעלייענט אין משך פון די נאָענטסטע טעג און לסוף געזאָגט:

— דו ווייסט, אברהם־יצחק, מען דאַרף פּרוּוון מיט דער פּיעסע.

אייניקע טעג שפּעטער איז קאַמינסקי געקומען אַהיים מיט אַ טריומפירנדיקער מינע און פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, געלאַסן געזאָגט:

— כ'האָב היינט גערעדט מיטן שריפטשטעלער דינעזאָן. ער קומט מאָרגן אין טעאַטער אַריין מיט פּרצן.

VII

דינעזאָן און פּרץ

1

יעקב דינעזאָנען האָט אסתר־רחל געהאַלטן פאר אן אלטן באַקאנטן.

געווען איז עס מיט א פּאָר חדשים צוריק.

אויף די ווארשעווער גאסן האָט זיך אויסגעגאָסן א חמימה. א הייסע לופט האָט זיך געכוואַליעט, אז ס'איז שווער געווען דעם אָטעם צו כאַפּן. די געוועלבלעך און ביידלעך פון סאָדע־וואסער זענען געווען באַלאגערט דורך מענטשן. איבער די יידישע גאסן זענען ארומגעלאָפן יינגלעך מיט עמערס, אויסשרייענדיק:

— א קאַלטס און א גוטס! א קאַלטס און א גוטס!

אויגנבליקלעך זענען די עמערס אויסגעליידיקט געוואָרן און די יינגלעך זענען געלאָפן נאָך פרישער סחורה.

אסתר־רחל איז אוועק מיט די קינדער שפּאצירן אין זאקסישן גארטן, אויסקלייבנדיק זיך א באנק אין א שאָטנדיקער אליי. די קינדערלעך זענען ארומגעלאָפן ארום דער באנק, געשפּילט זיך אין יאָגעלעך. די זיגערין איז שטענדיק געווען די עלטסטע, רעגינע, און דאָס האָט זייער פארדראָסן די אמביציעזע אידע, אָבער נאָכמער — דעם קליינעם יאָסעלע, וועלכער האָט, קוים אָפּלויפנדיק א פּאָר טריט, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און פארגאנגען אין געוויין.

אסתר־רחל האָט אויף רוסיש געמאכט געלאסענע באמערקונגען די קינדער זיי זאָלן נישט לויפן אזוי און לסוף אויסגערופן אויף יידיש:

— אוי, געזונט זאָלט איר מיר זיין, כ'האָב דאָך נישט קיין כוח צו אייך!

אויף דער אקעגנאיבערדיקער באַנק איז געזעסן אַן עלטערער הער, מיט א יונג, שמייכלענדיק פּנים. דער הער האָט הנאהדיק געקוקט אויפן ארומלויפן פון די קינדער און אייניקע מאָל זיך אפילו אויפגעשטעלט פון באַנק, כדי צו העלפן אויפהייבן זיך דעם קליינעם יאָסעלע.

ווען אסתר־רחל האָט ארויסגעזאָגט די פּאָר יידישע ווערטער, האָט דער הער א קוק־געטאָן אויף איר מיט שמייכלענדיק־פרעגנדיקע אויגן, צוגעגאנגען און פארנויגנדיק זיך געפרעגט אויף יידיש:

— קאָן מען זיך אוועקזעצן אויף דער באַנק?

— ביטע זייער, אויב עס וועט אייך נאָר נישט ארן דאָס ארומלויפן פון די קינדער, — האָט אסתר־רחל אים צודיקגעשמייכלט.

— זע איך דען אוים אויף א מענטשן, וואָס האָט נישט ליב קיין קינדער?

דער הער האָט א ווײַלע געשוויגן, באטראכט אסתר־רחלען, די קינדער...

— איר רעדט זייער שיין יידיש.

— כ'רעד, ווי א פּשוטע יידישע פרוי.

— הלוואי וואָלטן א סך יידישע פרויען אזוי גערעדט, וואָלט אונדזער יידיש געהאט אן אנדער פּנים... — האָט א טרויער פארצויגן דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן. — מיין נאָמען איז דינעזאָן.

— און איך הייס קאמינסקא.

דינעזאָן האָט זי אָנגעקוקט מיט א וואקסנדיקער נייגעריקייט:

— זענט איר עס אפשר די ארטיסטקע אסתר־רחל קאמינסקא?

— יאָ.

— בין איך אוודאי צופרידן אייך צו באקענען. איך בין א יידישער שרייבער.

— א שרייבער?... יעקב דינעזאָן?

— דערזעלבער.

אסתר־רחל האָט זיך לעבהאפט א קער־געטאָן פּנים־אל־פּנים צו אים:

— זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב זיך באלד נישט געכאפּט ווער איר זענט. ס'איז מיר באמת א כבוד זיך מיט אייך צו באקענען.

דינעזאָן האָט זיך פארויטלט, ווי א חתן־בחור:

— וואָס רעדט איר, וואָס! א כבוד גאָר... אזא באקאנטע ארטיסטקע... גלייבט מיר, אז פאר מיר איז עס אן אמת פארגעניגן די הייַנטיקע באַגעגעניש. כ'האָב נאָך ליידער נישט געהאט קיין צייט צו זיין ביי אייך אין טעאטער. שטארק פארנומען. חוץ דעם איז עס אזוי ווייט. שווערלעך פאר אן אלטן יידן...

זיי האָבן זיך צעשמועסט. דינעזאָן האָט איר דערציילט וועגן זיין פריינדשאפט מיט גאָלדפאדענען, וועגן זייערע באַגעגענישן, וועגן די בריוו, וואָס ער קריגט פון גאָלדפאדענען, וועגן דער ביטערער דאָליע, אויף וועלכער עס קלאָגט איצט דער „פאָטער פון יידישן טעאטער“. אסתר־רחל האָט דערמאָנט, ווי מיט קנאפע צוואנציק יאָר צוריק איז זי געווען מיט א וויזיט ביי גאָלדפאדענען, געוואָלט אָנקומען צו אים אין טעאטער. דאן אריבערגעגאנגען צו אירע איצטיקע טעאטער־זאָרגן, צו איר זוכעניש פון נייע פיעסן, נייע געשטאַלטן.

זיי האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט און דינעזאָן האָט צוגעזאָגט איני־גיבן צו קומען אין טעאטער אריין. אָבער א גאנצן זומער איז ער נישט געווען.

איצט קומט ער. אוודאי פרייט עס אסתר־רחלען. אָבער עס פּלאָ־טערט איר דאָס הארץ ביים געדאנק, אז עס וועט אויך קומען דער גרוי־סער פּרץ, אין וועמענס ווערק זי איז שוין געווען אזוי פארליבט און פון וועלכן זי האָט אזויפיל דערוואַרט.

2

דעם אָוונט איז אין „זשארדען ד'היווער“, דער בודע אויף במיעלנע גאַס, וו ס'האָט געשפּילט דאָס יידישע טעאטער פון פּישזאָן־קאמינסקי, געווען א גרויסע אויפלעבונג. די בילעטערן האָבן אָפּגעהיטן דריי פּלע־צער אין דער ערשטער ריי, קיינער זאָל זיי נישט פארנעמען. יידן, וואָס האָבן געהאט א טבע צו פארנעמען נישט זייערע ערטער, האָבן זיך גע־קאָכט אויף דער גזרה:

— הער נאָר די נייעס? מען טאָר נישט פארנעמען די פּלעצער... וואָס איז, וועלכער פּריץ דארף עס קומען?

— נישט פּריץ, נאָר פּרץ.

— אה! — און די יידן האָבן זיך מיט דרך־ארץ אָפּגערוקט פון די ערטער.

דער דירעקטאָר פּישזאָן איז ארומגעגאנגען מעשה־באַלעבאָס און בסדר אכטונג געגעבן ס'זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. ער איז טאקע גע־ווען דער איינציקער באַלעבאָס אויפן פּלאַץ, ער האָט באדארפט אויפנע־מען די געסט, ווייל קאמינסקי האָט געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג. פּישזאָן האָט אפילו נישט געהאט די זיכערקייט, צי מען דארף מאכן אזא טאראראם ארום א שרייבער — האָט ער זיך דאָך אליין געהאַלטן

פאר א שרייבער... זיין „כל מקדש" און אנדערע לידער זענען ארום אין א באזונדער בוך, מיט זיין פּאָרטרעט פון פּאָרנט... אָבער פאר שלום־בית מיטן שותף איז ער מסכים געווען א גלאנץ צו־טאָן מיט זיינע ברי־ליאנטן לכבוד די שרייבערישע געסט.

הינטער די קוליסן איז געווען אן אמתע סומאטאָכע. די אקטיאָרן, אָנגעטוענע פריער, ווי געווייגטלעך, האָבן נערוועז ארומגעשפּאנט. דער גע־הילף־רעזשיסער הערמאַן פישער, האָט אָן א פּאַרוואָס קוויטשיק געשריגן אויף די בינע־ארבעטער. יעדער האָט געפילט, ווי ס'וואָלט געלעגן אויף אים א באזונדערע פאראנטוואָרטלעכקייט.

אסתר־רחל איז געזעסן ביי זיך אין גארדעראָב פיבערדיק געמאכט מיט די פינגער, ווי זי וואָלט געקייקלט א שטיקל ברויט צווישן זיי און נישט צוגעהערט זיך צום ארומיקן טומל. אברהם־יצחק, וועלכער איז אויך ארומגעגאנגען א נערוועז־אויפגעהייטערטער, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר איר מ'של:

— זעסט דאָך אויס, ווי דו וואָלסט גאָרנישט געווען צופרידן מיטן גאסט...

— דארף מיך פרץ זען צום ערשטן מאָל גראָד אין אזא פיעסע, אין אזא ראָל...

געשפּילט האָט מען דעם אָוונט לאטיינערס א היסטאָרישע אָפּע־רעטע, וואָס איז פאר אסתר־רחלען געווען אן אָפּקומעניש. וויפל זי האָט נישט געדרייט און איבערגעדרייט די ווערטער האָט זי אלץ געפילט, אז ס'איז נישט דאָס...

הערמאַן פישער האָט אויפגעפּראלט די טיר פון גארדעראָב:

— פרץ איז שוין געקומען!

אברהם־יצחק האָט ארויסגעקוקט אין זאל און געזען, ווי פישזאָן פירט צו מיט גרויס חשיבות א דאמע מיט צוויי הערן אין דער ערשטער ריי. ער האָט דערקענט דינעזאָנען און לויט די באשרייבונגען האָט ער פארשטאנען, אז דער מאַן מיט די פריצישע וואָנסן, מיט דער גרוילעכער צעשויבערטער טשופּרינע, מוז זיין פרץ.

פרץ האָט זיך ארומגעקוקט איבער דער גרויסער, אומהיימלעכער בודע, באמערקט, ווי אלע אויגן זענען צו אים געווענדט, א צופרידענער א שמייכל־געטאָן אונטערן וואָנס און אוועקגעזעצט זיך נעבן זיין באַגלייַ־טערין, זאָגנדיק איר עפּעס אויפן אויער.

אברהם־יצחק איז צוגעלאָפן צו אסתר־רחלען, וועלכע איז געשטאנען פארטראכט אין די קוליסן:

— וואָלסט כאָטש א קוק־געטאָן וואָס פאַר אן אינטערעסאנטער מאַן ער איז, ווי ווירדיק ער האַלט זיך.

— זאָל מען שוין אָנהייבן! — האָט אסתר־רחל אומגעדולדיק געענט־פערט.

די פאָרשטעלונג איז געגאנגען נערוועז, ניט גלייך. אָט האָבן זיך אקטיאָרן צעשריגן מער, ווי געווײנטלעך, אָט זענען זיי אראָפּגעפאַלן פון טאָן, אז די ווערטער זייערע זענען פארפאַלן געוואָרן צווישן די ערשטע רייען פון ריזיקן זאַל. א סך מענטשן האָבן מער געקוקט אויף פּרצן, ווי אויף דער בינע. פּרץ האָט זייער קענטלעך רעאגירט אויף דער פאָרשטע־לונג. הילכיק געלאַכט ביי אייניקע קאָמישע סצענעס, אפילו ביי פּוסטע וויצן; אומגעדולדיק זיך געוואָנדן מיט א באמערקונג צו דינעזאָנען בעת א געשמאַקלאָזער סצענע אָדער ביי מעלאָדראמאַטישע מאָמענטן, ווען איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן א שטאַרק כליפּעניש. נאָך נאָכן פאַלן פון פּוירהאַנג האָט ער יעדעס מאָל לאַנג אפּלאָדירט, הויך אויפהויבנדיק די הענט.

די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט. די אקטיאָרן האָבן געוואַרט הינטער די קוליסן, געטריבן פון אומגעדולד צו הערן, וואָס פּישזאָן וועט דערציילן וועגן דעם איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג אויפן גרויסן גאַסט.

— ביטע, ביטע, דורך דאַנען! — האָט זיך געהערט פּישזאָנס הויי־זעריקלעכע שטים.

די ערשטע איז געגאַנגען א דאַמע מיט קענטיקע שפּורן פון שיינ־קייט אויפן פּנים, וואָס האָט שוין אָבער פארלוירן דעם טוי פון פרייש־קייט. זי האָט פריינדלעך געשמייכלט צו די אקטיאָרן און באגריסט זיך מיטן קאָפּ, ווען פּישזאָן האָט פאָרגעשטעלט:

— מאַדאַם פּרץ.

נאָך איר איז אריין א צעשמייכלטער פּרץ אליין, פּאַכענדיק מיט די פּאָלעס פון זיין שוואַרצער פּעלערינע. ער האָט געדריקט די האַנט פון יעדן אקטיאָר און א לענגערע ווײַלע פארהאַלטן אסתר־רחלס האַנט:

— איר זענט פאר מיר אן איבערראשונג, מאַדאַם. איר אימפּאָנירט מיט אייער האַלטונג און רעדט אזא מחיהדיקן יידיש, אז עס האָט צע־וואַרעמט אזא אַלטן יידן, ווי איך.

— ביטע, ביטע אין גאַרדעראָב, — האָט פּישזאָן זיך באַמיט אי־בערצורייסן די שטילקייט, וואָס איז געוואָרן נאָך פּרצעס ווערטער.

פרוי פּרץ, באַגלייט דורך דעם שמייכלענדיקן דינעזאָן און העפּ־לעך שמועסנדיקן קאַמינסקי, איז אוועק אין דער ריכטונג, וואָס איז אָנ־געוויזן געוואָרן דורך פּישזאָנען. די אקטיאָרן האָבן געבילדעט א שפּאַלער,

דורך וועלכן ס'איז דורכגעגאנגען אסתר־רחל מיט פרצן. פרץ האָט גע־רעדט:

— כ'האָב ליב טעאטער. יידיש טעאטער האָב איך גאָר שטאַרק ליב, אָבער איך האָב עגמת־נפש דערפון... איר האָט טאַלאַנטירטע אַק־טיאָרן, באמת פעיקע מענטשן, אָבער איר שפּילט אזעלכע אומגעלומ־פּערטע זאכן, אז עס איבלט... וואָלט איר כאָטש געשפּילט גאָלדפאַדענען. ער איז טאקע נאַיוו, אָבער פאָלקסטימלעך. פּרימיטיוו און אפשר דער־פאר הארציק. און ער איז מעלאָדישער פון אנדערע אָפּערעטן־שרייבער... ער איז אין א געוויסער מאָס נאציאָנאַל, ביי אלע זיינע פעלערן.

אסתר־רחל האָט געשלונגען פּרצעס יעדעס וואָרט. הערנדיק אים, האָבן געשוועבט פאר אירע אויגן בילדער פון זיינע ווערק, ס'האָבן פאר איר אויפגעטויכט שמועסן פון זיינע פּשוטע יידן אין די „רייזע־בילדער" און זי האָט אָן א שפור פון קאָמפּלימענטן־מאכעריי א זאָג־געטאָן:

— איך וואָלט וועלן שפּילן אייערס א זאך.

פּרץ האָט זיך א צופרידענער צעלאכט. פונקען האָבן א שפּריץ גע־טאָן פון זיינע אויגן. מיט שפּאסיקן טאָן האָט ער געענטפערט:

— איך שרייב אָבער נישט קיין זאכן, וו עס טרעטן אויף עלע־גאנטע דאמען... ווי וועט אזא רייצנדיקע דאמע, ווי איר, וועלן שפּילן מיינס אן אָרעמע פאָלקס־פרוי?

אסתר־רחל האָט זיך געפילט דערפון אביסל באַליידיקט:

— איך שפּיל נישט קיין דאמען... איך זוך נישט אויף דער בינע צו באווייזן זיך פאר א ליאַלקע... איך זוך די נשמה פון מענטשן.

פּרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, א נייגעריקן קוק געטאָן אויף אסתר־רחלען:

— דאָס פרייט מיך... ס'פרייט מיך זייער... איך זוך אויך אין מיי־נע ווערק אָפּצושפּיגלען די נשמה פון מענטשן... פון יידישן פאָלקס־מענטש.

דאן האָט ער ווידער מיט א הילכיק געלעכטער ציגעגעבן:

— איך געפעלט מיר אלץ מער. רב יאנקל! — האָט ער א רוף־געטאָן צו דינעזאָנען, — האָסט, דוכט זיך, נישט געהאט קיין טעות.

אסתר־רחל האָט ווייטער געשפּינען איר פריערדיקן געדאנק:

— איך קען אייערע ווערק, דערפאר האָב איך עס געזאָגט.

פּרץ האָט אויפגעשיינט מיט א קינדערישער פרייד:

— איר האָט געלייענט מיינע זאכן? איר לייענט ביכער? דאָס פרייט מיך פאר אייך... און פארן יידישן טעאטער... אפשר הייבט זיך

שוין אָן א נייע צייט פאַרן יידישן טעאַטער? — האָט ער צו זיך א ברום געטאָן.

אסתר־רחל האָט זיך אַלץ מער אָנגעצונדן:

— איך גלייב אין דעם! דאָס איז מיין גרעסטע האָפענונג! דערפאַר זוך איך איצט נייע פּיעסן, נייע געשטאַלטן... איך זוך מיין געשטאַלט...

— האָט זי אַביסל פאַרחלומט געענדיקט.

פּרץ האָט צוגעוויפגעדריקט די ברעמען, ווי ער וואָלט וועלן אויספּאָרשן דאָס פאַרבאהאַלטענע הינטער אירע ווערטער:

— וואָס זוכט איר?... וואָס האָט איר שוין געפונען, מאַדאַם?

— איצט האָב איך „די מוטער" פון פּינסקי.

— „די מוטער"? אהא... נו, נו, געפעלט עס אייך?

— ס'איז מיר שווער צו זאָגן... ס'איז דאָ אין דעם עפּעס נייעס, פּשוטס, מענטשלעכס, נישט ווי אין אונדזערע פּיעסן... אָבער עס פעלט אין דעם... ס'איז מיר שווער צו באַצייכענען וואָס... ס'איז נאָך אַלץ נישט די פּיעסע, וואָס איך זוך...

פּרץ האָט א שאַר־געטאָן מיט דער האַנט אין זיין צעשויבערטער טשופּרינע, פאַרטראַכט זיך און א זאָג־געטאָן: אַנטשלאָסן:

— גוט, כ'וועל אייך געבן מיינעם אן איינאַקטער... פון יידישן פאָלקס־לעבן, פון דער יידישער אָרעמקייט... וועגן דער נויט פון יידישע פרויען... וועט איר צופרידן זיין מיט אזא זאַך?

— יאָ! — האָט אסתר־רחל פריידיק געזאָגט.

— רב יאַנקל! — האָט פּרץ הויך א רוף־געטאָן דינעזאָנען, — כ'האָב צוגעזאָגט דער מאַדאַם קאַמינסקא „די שוועסטער".

דינעזאָן האָט צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

3

פּישזאָן איז געזעסן אין דער ערשטער ריי אן אָנגעכמוּרעטער, דעם שטעקן מיט דער גאָלדענער גאָלקע געהאַלטן צווישן די פיס און מיט דער האַנט געקלימפּערט די גאָלדענע ברעליאָקן, וואָס האָבן באַדעקט די דיקע קייט אויף זיין וועסטל. יעדע פּאָר מינוט האָט ער געגעבן א טיפן זיפץ און פאַרענדיקט:

— מממאַ!

אויף דער בינע איז שוין געגאַנגען די לעצטע פּראָבע פון „די שוועסטער".

קאמינסקי איז געשטאַנען אין ווינקל און כסדר געביטן דעם אָבּ־יעקט פון זיין אָבסערוואַציע: אַבּיסל געקוקט אויף דער פּראָבּע און אַבּיסל אויף זיין שותּף. ווען מען האָט שוין געענדיקט פּראָבירן איז ער צוגע־גאַנגען צו פּישזאָנען און מיט געמאַכטן מיטגעפיל געפרעגט:

— וואָס איז, פּאַניע פּישזאָן? וואָס זענט איר אַזוי פאַרזויערט? די געשעפטן גייען שלעכט?

— אַוודאי וועלן זיי אינגיכן גיין אין דר'ערד אַריין, אַז מען וועט שפּילן אַזאַ נודעכץ! געהערט אַ מעשה: אַ דיווערטיסמענט צום וויינען! וויניק וואָס די דראַמע אַליין וועט דעם עולם איינשלעפערן, נאַ דיר נאָך אַזאַ דיווערטיסמענט!

קאַמינסקי האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט:

— מיר גיבן דאָך אַ גאַנצן ליטעראַרישן אָוונט, קאָן מען אים נישט פאַרענדיקן מיט אייער „קול־מקדש"... האָט ער אַ שטאָך־געטאָן פּיש־זאָנען.

— וואָס טויג מיר אייער ליטעראַטור! דער עולם בעט עס ביי אייך? גיט זיי אַ לידל, אַ טענצל, וועלן זיי די פינגער לעקן... און איך, אַלט פערד, לאָז נאָך אַריינשלעפּן מיינע ווייבער אין דעם נודעכץ... עי, דער אַפּיש וואָלט נאָך נישט געווען אָפּגעדרוקט שטראָפט מיך גאָט, אויב איך וואָלט עס געלאָזט שפּילן!

אָבער דער אַפּיש איז שוין געווען אויסגעקלעפּט און ער האָט אָנגע־זאָגט דעם וואַרשעווער עולם, אַז אין „זשאַרדען ד'היווער" וועט די טרו־פּע פון פּישזאָן־קאַמינסקי שפּילן צוויי „ליטעראַרישע פּיעסן" אין איין אָוונט — „די מוטער" פון פּינסקי און „די שוועסטער" פון פּרץ.

אסתּר־רחל האָט די גאַנצע וואָך פון פּראָבן געפיבערט. אין די נעכט האָט זי געחזרט דעם טעקסט, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיך אַי־נערלעך איינגעהערט צום קלאַנג פון די פּראָזע. ביי טאָג האָט זי זיך איינ־געבעטן ביי די אַקטיאָרן, זיי זאָלן אַבּיסל לענגער פאַרבלייבן אויף פּראָ־בּע. די אַקטיאָרן האָבן אויף אַן אָפּקומעניש ווידער איבערגעחזרט די ווערטער, בויגנדיק דאָס אויער צום סופליאָר, וועלכער האָט זיך שיין דעם האַלדז אויסגעריסן, אונטערזאָגנדיק זיי אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. אויף אסתּר־רחלס פאַרצווייפלונג האָבן זיי געענטפערט בארויקנדיק:

— וואָס האָט איר מורא, מיר וועלן נישט קענען די פּאָר ווערטער? וו'טשאָם דיעלאָ, מען וועט נישט אַריינפאַלן אין דער מוזיק?

„די מוטער" איז גאָר געגאַנגען גלאַטיק. אסתּר־רחל האָט דאָרט געהאַט אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט צוויי אירע פּאַרטנערן: מיט לי־

בערטן, וואָס איז שוין אַזוי געווען צונויפגעשפּילט מיט איר, אַז זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, געלייענט זיך פון די אויגן; און מיט איר קליינער פאַרטנערין, דער 6־יעריקער אידעלע, וואָס האָט געשפּילט איר אייניקל, סיאָמקע. גלייך נאָך דער ערשטער פּראָבע האָט אידעלע אַזוי באַהערשט דעם טעקסט און גערעדט מיט אַזאַ אַקטיאָרישער זי־כערקייט, אַז אברהם־יצחק האָט זיך גערייצט מיט די אַקטיאָרן:

— נו, לערנט זיך פון איר, באַהעלפערס!

אָבער די גרעסטע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן ביי די פּראָבן פון „שוועסטער". אירע צוויי שוועסטער, די בראַגינסקאַ און וויערא זאַס־לאַווסקאַ, זענען באַלד אויף דער ערשטער פּראָבע געווען זיכער, אַז זיי זענען שוין פאַרטיק מיט די ראָלן. די בראַגינסקאַ האָט נאָכגערעדט דעם סופליאָר און געמאַכט העוויות פון אַ בעסאַראַבער פּויערטע; זאַסלאַוו־סקאַ האָט, מיט אַ פאַרשייטקייט פון אַן אָדעסער באָסיאַטשקע, גע־הנדלט זיך אין נחמה. זי האָט איר פאַרטנער לעמקאָפּן, נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, פאַרלאַכט און אַרומגעקאָקעטירט אים. אַ באַזונדערע פּיין איז פאַר אסתּר־רחלען געווען איר סצענקע מיט אַרקאָ, וועלכער האָט אין „משהן" נישט געטראַכט אפילו צו געבן דעם פעלדשער־יונג, וואָס האָט פאַרפירט לאהן, נאָר אַ שיינעם ווילן־יונג, וואָס וויל געפעלן די מיידלעך אין טעאַטער.

אסתּר־רחל האָט זיך ביי זיי געבעטן רחמים:

— ס'איז דאָך אַ זאַך פון אַ גרויסן יידישן שרייבער... דער וויטיק פון אָרעמע יידישע פאָלקס־מענטשן... גיט אַביסל נשמה... דער הער פּרץ וועט דאָך אליין זיין אויף דער פאָרשטעלונג...

— ווען איך אים אפשר נישט געפעלן ווערן? — האָט זאַסלאַווסקאַ קאָקעטירט. — איר מיינט טאַקע, אַז פּרץ האָט פיינט אַ שיין מיידל?

אסתּר־רחל האָט פאַרביסן די ליפּן. זי איז שוין גרייט געווען צו זאָגן קאַמינסקין, אַז מען דאַרף נישט שפּילן דעם איינאַקטער, זיך אַנט־שולדיקן פאַר פּרצן. באַלד האָט זי זיך אָבער אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק. זי האָט דערזען פּרצס איראָנישן בליק, דעם שמייכל אויף זיינע וואָנסעס; זיך פאָרגעשטעלט דעם שטילן פאַרדרוס אין דינעזאָנס מילדע אויגן און זי האָט זיך מיט נאָך מער אייפער גענומען צו דער אַרבעט איבער איר לאהן.

די ליידן פון דער דאָזיקער פרוי, די פאַרשטייסענע צווישן פאַר־שטויסענע, פילט זי אין זיך. זי שטעלט פאָר זיך אַליין אין דער לאַגע פון לאהן. זי מאָלט זיך אויס: זי איז אַ דינסט ביי רב אָשר וואַלד־סוה־

אין פּאַראָזאָווע... דער גיהנום אין זייער רייכער שטוב... פון אלע זייטן קומען צו איר טענות פון די ווייבער און עס ציען זיך גיריקע בליקן פון די מענער... רב אָשר אליין קריכט צו איר ביינאכט, ווען זי פאלט אוועק א טויט־מידע אויף איר געלעגער אין קיך... זי קילט זיך דאָס הארץ, אויספּרעסנדיק אלע פינף פינגער אויף זיין פעטער באק... משה האָט זי אָפּגענארט, פארפירט? ער האָט געזוכט א שטראל פון פרייד אין זיין פארפינצטערט לעבן, און קאָן זי נאָך מוחל זיין. ווען ער וואָלט געהאט א בעסער לעבן, וואָלט ער אפשר אויך פאר איר בעסער געווען. אָבער ווי? רב אָשר, די אָשריכע, דאָס גאנצע גאליקע געזינדל זייערס — מיט זיי מוז זי זיך אָפּרעכענען... זי וועט עס איצט טאָן אין לאהן.

א שאָד, וואָס פרץ האָט נישט געוואָלט קומען צו קיין פּראָבע. אפשר וואָלט ער באווירקט די אקטיאָרן, זיי געגעבן צו פארשטיין,... אזוי מוז זי איצט אליין, מיט אלץ, וואָס האָט זיך איר אָנגעזאמלט נאָך פון די קינדער־יאָרן, א רעד טאָן דורכן מויל פון לאהן, באווייזן אירע ווייטיקן און פיין, אויפשיידערן די רב אָשרס, זייערע זינדלעך און איידעמלעך. זי וועט באווייזן דאָס נשמה־בילד פון אן אָרעמער יידישער פרוי און אויפטרייסלען דערמיט דעם עולם, וועלכער פארמאָגט נאָך אביסל געוויסן, ביי וועמען דאָס הארץ איז נאָך נישט איינגאנצן פארפעצט געוואָרן.

4

דעם אָוונט האָט זיך אין דעם ריזיקן, קאלטן זאל פון „זשאַרדען ד׳היווער“ פארזאמלט א קליינער עולם. סך־הכל זענען געווען באזעצט די ערשטע פּאָר רייען און א קליין ביסל מער עולם אויף דער גאלעריע.

ה. ד. נאָמבערג האָט זיך ארומגעדרייט מיט א גרופּע לאנג־האָריקע יונגעלייט, וואָס האָבן אלע געטראָגן אזעלכע אויסגעבונדענע שווארצע שלייפן, ווי ער און ענלעכע בערדלעך. ער איז געווען דער קלענסטער צווישן זיי, זענען אלע געגאנגען מיט אראָפּגעבויגענע קעפּ רעדנדיק צו אים, אָדער הערנדיק אים און ער האָט געהאלטן ארויפגעריסן דעם קאָפּ. נח פּרילוצקי האָט באקוקט די ליידיקע בענק אויפן פּארטער און מיט א נערוועזן צוק א ווינק־געטאָן צו נאָמבערגן:

— ס׳איז א גוטער סימן. ס׳וועט מסתמא זיין היינט א רעכטע פאַרשטעלונג...

קאמינסקי האָט זיך ארומגעדרייט אין פּאָיע און מיט דערוואַרטונג געקוקט אויפן ארייַנגאנג. פישזאָן איז געשטאנען ביי דער קאסע און בייז

געקלימפּערט מיט די ברעליאָקן. ער האָט זיך אפילו נישט גערירט פון אָרט, ווען קאמינסקי איז ארויסגעלאָפן פון טיר און אריינגעקומען צוריק מיט פרצן, פרוי פרץ און דינעזאָן. פישזאָן האָט גרויסמוטיק פארנייגט דעם קאָפּ פאר די געסט און קאמינסקי האָט זיי צוגעפירט צו דער ערשטער ריי, ווו עס האָבן געוואַרט אויף זיי פלעצער, אָפּגעהיט דורך גנאָמבערגן און זיינע באגלייטער.

פרץ האָט מיט א שארפן בליק באקוקט די ליידיקע רייען, א שמייכלגעטאָן, דערזעענדיק אביסל קעפּ אויף דער גאלעריע, אוועקגעזעצט זיך, פארלייגנדיק א פוס אויף א פוס און פארווארפנדיק דעם קאָפּ. דינעזאָן האָט שטילערהייט גערעדט מיט גנאָמבערגן, וועלכער האָט זיך נערוועז געדרייט אויף זיין אָרט. פרוי פרץ האָט עפּעס געפרעגט ביי איר מאַן, ער האָט א קער־געטאָן צו איר דעם קאָפּ, געענטפערט מיט איין וואָרט און ווידער זיך פארקוקט ארויף, צום פּאָרטאַל פון דער בינע, ווו עס הייבט זיך אָן דער פורהאנג.

דער פורהאנג האָט זיך ערטערווייז געקנייטשט און אויסגעבויגן, געריסן פון אומגעזעענע הענט. דער לעצטער קלונג — אין זאל איז געוואָרן פינצטער און ס'דערטראָגט זיך דער קרעכץ פון ארויפגייענדיקן פורהאנג.

אסתר־רחל האָט אָנגעטאָן אויף זיך די הויט פון דער אלמנה רחל לעווין, זיך אריינגעצויגן אין די וויכוחים מיט די קינדער, געמאטערט זיך מיט די הוילע פראזן, וועלכע דער מחבר האָט איר אריינגעלייגט אין מויל. זי האָט זיך זיי באמיט צו באלעבן, מיט הארץ, מיט געפיל און איז געווען נישט צופרידן פון זיך. אָט לעבט זי, דוכט זיך, אמתדיק אדורך אלץ, וואָס דארף זיך אָפּשפּילן אין דער דראמע און דאָך קלינגט עס פרעמד, דאָס וואָס זי רעדט. דאָס זעלבע פילט זי ביי ליבערטן און אפילו איר אידעלע, וואָס איז איצט סיאָמקע, רעדט עפּעס נישט, ווי א קינד. עס שאפט זיך ביי איר דער איינדרוק, אז אלע אויף דער בינע רעדן מיט די זעלבע ווערטער, דאָס וואָס זי זאָגט, קאָנען גרייליך זאָגן אנדערע און פארקערט.

עס פארענדיקט זיך ענדלעך די דראמע פון דער מוטער. ווייניק הענט פאטשן, אָבער מיט אסך אייפער. הילכט עס אָפּ אין פוסטן זאל, ווי שטורמישע אפּלאָדיסמענטן. בולט זעט זיך פאר די אקטיאָרן אויף דער בינע א באוועגונג פון הענט אין דער ערשטער ריי. אסתר־רחל גיט א קוק אין דער ריכטונג פון פרצן, וועלכער פאטשט אָן אויפהער, שיקנדיק איר א פריינדלעכן שמייכל. זי אָטעמט לייכטער אָפּ.

שנעל מוז זי אראָפּוואַרפן פון זיך די מוטער און אריין אין דער הו ט פון לאהן. זי טוט איבער דאָס קלייד, ווישט אָפּ די שטריכן פון איר

פנים און פארקוקט זיך לאנג אין שפיגל. אידעלע וויל הערן פון דער מאַמען א גוט וואָרט וועגן איר דעביוט, גלעט זי אסתר־רחל איבערן קעפל:

— זייער גוט, מיין קינד, אויסגעצייכנט...

זי פארקוקט זיך ווידער אין שפיגל, דאן פארמאכט זי די אויגן און זיצט אזוי אומבאוועגלעך ביז ס׳לויפט אריין פישער:

— מאמע! מיר גייען ווייטער! איך גיי אין קאסטן אריין!

אין זאל הערשט א געשפאנטע שטילקייט. די בראנינסקא—מירל רעדט מיט איר אברהמעלען וועגן דער יאָרצייט פון זיין טאטן, דעם שוחט. פרץ צופט נערוועז די וואָנסן, גיט זיך א דריי אויף דער שטול, דינעזאָן קוקט צו אים מיט בעטנדיקע בליקן... נאָמבערג גיט א צי דעם הויכן אקסל אין דער ריכטונג פון פרילוצקין... עס פילט זיך א באומרואיקונג אין די ערשטע רייען. מען באמערקט אפילו ניִשט, ווי אסתר־רחל באוויזט זיך לאנגזאם אויף דער בינע, שטעלט זיך אוועק ביי א בוים, איינטוליענדיק זיך אין א פאטשיילע. א פויזע. דער עולם איז שטיל. און אין דער שטילקייט דערהערט זיך אסתר־רחלס טיפע שטים:

— וואָס איז ער עס אנטלאָפן?

צוויי שטראָמען פליסן פון דער בינע: א מילדער, ווארעמער שטראָם פון לאהם מידקייט און פיין און א שארפער, קאלטער שטראָם פון מירלס האסטיקע רייד. די שוועסטערן אמפערן זיך צווישן זיך. דער מילדער שטראָם פון לאהם רייד ווערט אלץ האסטיקער:

— טרעט... טרעט... מיט די פיס... אויפן הארץ... אויף דער נשמה... אז אלע טרעטן...

דער שטראָם הייבט אָן צו ברויזן:

— היינע פרומאקעס זענען בעסער?... ווילסט ווישן? ווילסט? הער. צאפ דיין שוועסטערס בלוט!...

פרץ דערפילט, ווי עס ווערט אין לעבן פארוואנדלט זיין רעמארקע.. „מיט שטייגנדיקער אויפרעגונג און היציקן אָטעם" עס בריען מיט האם די ווערטער:

— רב יאָקעלע... קאצענע אויגן... א ברענענדיקער אָטעם... די פאות קריכן מיר אויפן הארץ ארום, ווי ווערים...

א שווידער גייט דורך איבערן זאל:

— נאָר אין אים האָב איך מיר ס׳הארץ געקילט! אן איינפאָר־הויז מיינט ער? אלע פינף פינגער...

אסתר־רחל שטעמפלט מיט אירע פינגער די באק פון רב אָשר וואלד־סוחר. און ווען זי ענטפערט אויף מירלס טענות:

— מיין כפרה די וועלט...

שפּייט זי אויף דער וועלט פֿון רב אָשר, פֿון די גאָט־סטראַפֿטשעס, פֿון די אויסגעפּאַשעטע פּיאַווקעס, וואָס זויגן דאָס בלוט פֿון אַזעלכע דינסטמיידלעך, ווי לאה.

יעדעס וואָרט וואָס אסתר־רחל ברענגט אַרויס דריקט עפּעס אויס, אַ געפֿיל, אַן איבערלעבונג און צווישן די ווערטער דריקן אירע אויגן און דאָס פּנים נאָכמער אויס, ווי אין די ווערטער.

מירל אַנטלויפֿט פֿון איר. לאה באַנעמט, אַז איר שוועסטער איז געגאַנגען צו יענער וועלט, אויף וועלכער זי שפּייט, איידער צו איר, פֿאַלט זי אַוועק אויף דער באַנק. די הויכע שלאַנקע אסתר־רחל ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ צוזאַמענגעצויגענעם קנויל פֿון לאַהס ווייטיק און פֿאַרדרוס.

מיט איר פֿאַרפֿירער, משהן, טענהט זי זיך שוין נישט אויס מיט דעמזעלבן האַס, וואָס איז געווענדעט צו רב יאָקעלען. אים באַדויערט זי נאָר. זי, די געפֿאַלענע, ווערט דורכגענומען מיט עקל דערפֿון, וואָס ער איז נאָך נידעריקער געפֿאַלן...

— און דאָס האָב איך ליב געהאַט... דאָס!

זי שרייט אויס צו אים ממש באַפֿעלעריש:

— גיי!

זי זעט נישט קיין אויסוועג פֿאַר זיך, זי האָט נאָך נישט דערזען דעם אויסוועג פֿאַר זיך און פֿאַר נחמהן, דערפֿאַר זאָגט זי יאושדיק:

— אונדזער וועג גייט משופּע אַראָפּ... משופּע אַראָפּ...

עס פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג, וואָס שליסט אָפּ דאָס בילדל פֿון דער טראַגעדיע פֿון שוועסטער, פֿון אָרעמע יידישע פֿרויען, וועלכע גייען אַראָפּ אויפֿן דעק פֿון לעבן.

אַ כוואַליע האָט אַ פֿלייץ־געטאָן פֿון די ערשטע רייען און פֿון דער גאַלעריע צו דער בינע. צום ערשטן מאָל האָט מען אויף דער יידישער בינע אין וואַרשע דערזען אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן. צום ערשטן מאָל האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם דער הייסער אָטעם פֿון פּרצן, דער כוח פֿון זיין וואָרט.

— בראַוואָ קאַמינסקאַ! בראַוואָ פּרץ! — האָט מען געהאַלטן אין איין שרייען, ווען דער פֿאָרהאַנג איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ.

אסתר־רחל האָט אַ קוק־געטאָן אויף פּרצן. ער האָט איר אַרויפֿגעשיקט האַנט־קושן. קאַמינסקי איז צו צו פּרצן און ממש מיט כוח געשלעפּט אים אויף דער בינע. פּרץ וויל נישט גיין. פֿרוי פּרץ און דינעזאָן עצהן אים נישט צו עקשענען זיך. פּישזאָן איז פֿאָרויסגעלאָפֿן, טראָגנדיק דעם צילינדער אויפֿן קאָפּ, געמאַכט אַ וועג פֿאַר פּרצן. אסתר־רחל איז

ארויס אין די קוליסן, דערלאנגענדיק אים א בוקעט בלומען, וועלכן מען האָט איר נאָרוואָס ארויפדערלאנגט אויף דער בינע. פּרץ האָט ארויס־געריסן א בלימל, געגומען דאָס שטענגל אין מויל אריין און קייענדיק עס ארויס אויף דער בינע צווישן די אקטיאָרן, מיט קאמינסקין, פּישזאָנען אין פּישערן, וואָס האָט זיך געהאלטן פאר א הויפּט־בעל־שמחה, ווייל ער האָט סופלירט דעם אקט.

לאנג האָבן זיך נישט איינגעשטילט די אָוואציעס. קאמינסקי האָט צוגעטראָגן פּרצן א לאָרבער־קראנץ. פּרץ האָט געקייט דאָס בלימל, גע־דרייט זיך, ווי מען וואָלט אים אָנגעטאָן אין ענגן קאָסטיום, געניינט זיך פארן עולם, פאר די אקטיאָרן און מיט קינדישער באוואונדערונג זיך פארקוקט אין אסתר־רחלס פארטרערטע אויגן.

ווען דער פורהאנג איז צום לעצטן מאָל געפאלן, האָט פּרץ מיט א געלעכטער ארויסגעוואָרפן דאָס בלימל פון מויל, שטארק געדריקט אסתר־רחלס האנט און איבערגעלאָזט אויף איר א הייסן קוש.

צום ערשטן מאָל האָט אסתר־רחל דערפילט דעם טעם פון אמתן קינסטלער־גליק.

זי האָט פאר פּרצן געשפּילט פּרצס א פּיעסע.

5

די טעג, ווען עס איז געשפּילט געוואָרן די „ליטעראַרישע פאָרשטע־לונג" האָבן זיך — צוליב „די שוועסטער" — פארוואנדלט פאר אסתר־רחלען אין אן אמתן יום־הדין. זי איז ארומגעגאנגען א פארטיפטע אין זיך, צעגלידערט אין געדאנק יעדן מאָמענט אויף דער בינע, געזוכט א נייע פארב, א נייעם אויסדרוק פאר דער טראגעדיע פון דער אָרעמער יידישער פרוי. יעדן אָוונט איז זי צו דער פאָרשטעלונג געקומען מיט דערמזעלבן ציטער.

ווען די לעבנסלוסטיקע זאסלאווסקא האָט זיך געמאכט א וויץ אויף דער בינע, האָט אסתר־רחל זי געבעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— וויראָטשקא, טייערע... אויב נישט צוליב פּרצן, בעט איך אייך... טוט עס מיר צוליב... איר מאכט מיך קראנק מיט אזעלכע וויצן.

— איר האָט דאָך אליין געזען, ווי דער עולם האָט געלאכט!

— און איך קאָן נישט לאכן, ווען איך זע טריפן בלוט פון א וואונד... די „שוועסטער" דאָס איז דאָך אן אויפגעדעקטע וואונד פון אונדזער לעבן. פארשטייט איר דען דאָס נישט?

זאסלאווסקא האָט מאַקע נישט פאַרשטאַנען. עס האָט אויך נישט פאַרשטאַנען פּישזאָן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין גרונט צו זיין צופרידן מיט די סבאָרן, וואָס די „ליטעראַרישע" פאַרשטעלונג האָט געבראַכט. קאַמינסקי האָט זיך וויניק דערמיט איבערגענומען און אויף די טענות פון זיין שותף האָט ער, ווי זיין שטייגער, קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— נישט קיין גרויס אומגליק. דאָס איז דאָך עפּעס פאַר דער נשמה, מעג עס אונדז קאָסטן אַביסל... יום־כּיפּור לאָזט איר זיך דען נישט קאָסטן פאַר א שטיקל עולם־הבא?

פּישזאָן האָט א מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און גדלותדיק אוועקגעשפּאַנט פון שותף, בלאַנקענדיק מיטן צילינדער און גאָלדענעם הענטל פון שטעקן.

אסתר־רחלען האָט קאַמינסקי אפילו נישט דערציילט וועגן די צוזאַמענשטויסן, נישט געוואָלט איר אָנטון קיין קרענקונג. ער האָט גערעדט וועגן רושם, וואָס די פאַרשטעלונג מאַכט, פאַרגעלייענט איר נח פּרילוצקיס רעצענזיע:

— „פּראַכטפול, מיט גרויסער אינטואיציע און טיפער שטימונג האָט אַדורכגעפירט איר ראָל די יידישע רוזע, פרוי קאַמינסקא, וועלכע האָט געגעבן א לעבעדיק געשטאַלט פון דער אומגליקלעכער און דערהייבענער אין איר אומגליק לאה"...

— הערסט? די „יידישע דוזע"! מען פאַרגלייכט דיך צו דער גרעסטער קינסטלערין אין דער וועלט! — האָט קאַמינסקי געיובלט.

— יאָ, אברהם־יצחק, דאָס דאַרף מען געדענקען און נישט פאַרשעמט בלייבן... — האָט זי אים ערנסט געענטפערט.

דערביי האָט זי געטראַכט וועגן דעם שותפות מיט פּישזאָנען. דאָס האָט זי בסדר געמאַטערט. ביי פּישזאָנען איז דאָס טעאַטער זיין „געשעפט". קאַמינסקי איז א שותף צום געשעפט. און וואָס עס וועט נישט טויגן פאַרן געשעפט, אַנטקעגן דעם וועט זיך פּישזאָן אַנטקעגנשטעלן. נו און איר חלום וועגן טעאַטער? איר חלום צו באַווייזן אויף דער בינע אזא געשטאַלט, ווי איר חברטע שפּרינצע? ווייזן אין פאַרשידענע בילדער און געשטאַלטן די ליידן פון דער יידישער פרוי.

נאָמבערג האָט געזאָגט וועגן „די שוועסטער":

— „פּרץ האָט דאָ אָנגעטאַפּט דעם פינצטערן, שרעקלעכן באָדן, וואָס הייסט „נויט"... עס באַאומרואיקט און וועקט דאָס געוויסן: אָט וואָס פאַר א פאַראַנדקעס עס הערשן ביי אייך! נידעריק, מיאוס, פאַרדאָרבן, אומענטשלעך... דער פונדאַמענט, אויף וועלכן די זאַך איז געבויט, איז וואָר,

א שטיק לעבנסוואַרהייט... אויף דעם וועג קאָן אונדזער טעאַטער געפינען דעם וועג צום האַרץ פון פאָלק!"...

ווי־זשע פאַרט עס זיך מיט פישזאָנס „געשעפט"?...

דער ליבער דינעזאָן האָט איר געבראַכט גרוסן און קאָמפּלימענטן פון פּרצן. נאָכן אַריינטראַכטן זיך גוט, זעט ערשט פּרץ, וואָס פאַר א מייסטערשטיק זי האָט געשאַפן אין לאהן.

— איר ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך איך בין, וואָס הער פּרץ איז אַזוי צופרידן... — האָט זי זיך גערוויטלט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דינעזאָן געזאָגט, — קומט אַריין מיטן הער קאַמינסקי שבת פאַרמיטאָג צו סעמאַדיני אין צוקערניע, וועט איר ביי א גלעזל טיי נאָך עפּעס הערן.

ביי א טישל זענען שוין דאָרט געזעסן: פּרץ, דינעזאָן, נאָמבערג, אַש און אביסל יונגוואַרג, וואָס האָט זיך געריבן צווישן שרייבער. דינעזאָן האָט באַמערקט אַריינקומען די קאַמינסקים און פריינדלעך זיי פאַרבעטן מיט דער האַנט צוצוקומען צו זייער טישל. פּרץ האָט זיך אויפגעשטעלט, א גלאַנץ־געטאָן מיט די אויגן און גאַלאַנט זיך באַגריסט מיט אסתּר־רחלען. דאָס יונגוואַרג האָט גלייך פאַרמירט א טישל אין שכנות, רעדנדיק וועגן עפּעס הויך און היציק. ביי פּרצעס טישל איז מען דערוויילע געזעסן און געפירט א געמיטלעכן שמועס סתם אין דער וועלט אַריין. אָבער ביים שכנותדיקן טישל האָט זיך דער שמועס פאַנאַנדערגעפלאַקערט. דינעזאָן, וועלנדיק אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון שכנותדיקן טישל, צו וועלכן פּרץ האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן איראָנישע בליקן, האָט פון דער העלער הויט א זאָג־געטאָן:

— די מאַדאַם קאַמינסקא האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל זייער שטאַרק שפּילן דיין דראַמע פון חסידישן לעבן...

אברהם־יצחק האָט פרעגנדיק א קוק־געטאָן אויף אסתּר־רחלען, זי האָט געעפנט פאַרחידושטע אויגן אויף דינעזאָנען, נאָר פּרץ האָט עס נישט באַמערקט, אָנצינדנדיק זיך:

— טאַקע? באמת? כ'וועל זיין זייער צופרידן דערפון! איך האָב אַליין געצווייפלט, צי דאָס איז שטאָף פאַר אונדזער טעאַטער... איך האָב א העברעיִשע דראַמע „חורבן פון צדיקס הויז!", וויל רב יאַנקל כ'זאָל עס איבערמאַכן אויף יידיש... נו, גוט, כ'וועל עס מאַכן און אייך אי־בערגעבן.

— איר ווייסט גאָרנישט ווי גליקלעך איך וועל זיין, אויב מיר וועלן עס קאָנען שפּילן! — האָט זיך אסתּר־רחל אָנגעכאַפּט. — כ'ווייס אַפילו

נישט, צי ס'איז דאָרט דאָ א ראָל פאר מיר, אָבער ס'איז מיר אלץ איינס, אבי צו שפּילן אייערם א גאנצע פּיעסע.

דער שמועס איז איצט אריבער אויף טעאטער־ענינים און פּרץ האָט אָנגעהויבן צו אימפּראָוויזירן אָפּשאצונגען:

— „די מוטער" מאכט אן איינדרוק... האָט שטארקע, זייער שטאר־קע מאָמענטן און דאָך איז אין אלגעמיין דער איינדרוק נישט אזוי שטארק, ווי ער האָט געקאָנט זיין. שולדיק איז נישט דאָס שפּילן. איר האָט די ראָל געשפּילט מייסטערהאפט. דער פעלער שטעקט אין סטיל... אלץ דאָ־רט דאָך אין דער זאך זיין אומגעווייינטלעך און דאָ רעדט די גאנצע פאמיליע וואָכעדיק. קיין איינציק מעטאלענער קלאנג, קיין טיפער אויסדרוק. אפשר וואָלט מען נאָך געקאָנט רעטן די דראמע. די אקטיאָרן טאקע — מיט באוועגונגען. און אפשר טאקע ענדערן די שפּראך.

אסתר־רחל האָט א דערשטוינטע אָנגעקוקט פּרצן.

— כ'מיין ערנסט, — האָט ער ווייטער גערעדט, — נישט אלץ, וואָס דער מחבר שרייבט, מוז זיין הייליק... איר דארפט אליין ארויספּילן, דאָס וואָס לייגט זיך אייך אויף דער צונג. אָט האָט דאָך לאטיינער ביי אייך באקומען א מענטשלעכע שפּראך. מאכט נישט איים, אז מען ענדערט אמאָל פּינסקין, אָדער ווען עס איז, אויב ס'איז נייטיק און אויב צום גוטן. איך ווייס נאָר איינס: עס דארף אויסזען, אז איר פילט מער און טיפער, ווי פּינסקי גיט עס אייך אין די ווערטער. סיי איר, סיי די קינדער.

פּרץ האָט זיך פארטראכט, ווי ער וואָלט נישט באמערקט די גע־זעלשאפט. פלוצלינג האָט ער אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער:

— איך האָב זיך דערמאָנט... דאָס אייניקל סיאָמקעלע. ס'איז אייער טעכטערל? זי שפּילט דאָך ווי א גאנצע אקטריסע. גוט געשפּילט, זייער גוט... א וואונדער־קינד!

אברהם־יצחק האָט, א צופרידענער פון קאָמפּלימענט, צוגעגעבן:

— כמעט געבוירן געוואָרן אויף דער סצענע...

פּרצן איז איינגעפאלן:

— א וואונדער־קינד געבוירן אויף דער סצענע... דאָס איז גוט, דאָס געפעלט מיר... א גוטער איינפאל...

באלד האָבן זיינע אויגן אָנגעהויבן צו וואנדערן איבער די קעפּ פון די ארומיקע. ער האָט זיך ווידער פארטראכט:

— פון „די שוועסטער" בין איך נישט שטארק צופרידן... נישטאָ דער טאָן, די אטמאָספער. נישט אזוי האָב איך געזען די געשטאלטן. אָבער איר, מאדאם קאמינסקא, איר האָט מיך באגייסטערט. איר האָט געשפּילט לאהן, אזוי ווי איך האָב זי געזען. אויב נישט נאך העכער...

די קאָנקורענץ אין די וואַרשעווער טעאַטערס איז כסדר געוואַקסן.
עס האָבן גלייכצייטיק געשפּילט דריי טעאַטערס, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד
געביטן די „סטאַרן“, געביטן די אַקטיאָרן, געזוכט איינס דאָס צווייטע
איבערצושטייגן מיט סענסאַציעס. יעדעס לוידיקע בענקל אין ריזיקן זאַל
פון „זשאַרדען ד'היווער“, באַזונדערס אין א שבת־יום־טוב־טאָג, האָט פּ ט־
זאַן געהאַלטן פאַר געלט אַנגעווירן פון דער קעשענע. קאַמינסקי האָט גע־
מוזט נאָכגיין דעם שטאַרקערן שותּף, מיטגיין מיט אים אין שפּאַן. ער
האָט זיך נאָר באַמיט צו פאַרהיטן אסתּר־רחלען פון אַריינגעצויגן ווערן
אין פּישזאָנס פּאַרביקע מאַכערייקעס.

אין שטוב האָט שטענדיק געהערשט א גרויסע באַוועגונג. אַלעמאָל
האָט מען דאָרט געקאָנט טרעפן א פּאָר אַקטיאָרן, וואָס זענען זיך ווע־
גן
עפּעס געקומען באַקלאָגן צו דער מאַמען, אָדער סתּם זיך דורכשמועסן.
עס האָט אויך אָנגעהויבן אַרויפצוקומען דינעזאָן, וועלכער איז צוגעצויגן
געוואָרן פון דער היימישקייט, וואָס האָט געהערשט ביי די קאַמינסקיס
אין שטוב, מיט אים פלעגט אסתּר־רחל שטענדיק שמועסן וועגן טעאַטער,
אַמאָל זיך אַפילו באַקלאָגן אויף עפּעס. דינעזאָן האָט אַרויסגעפילט דעם
ווייטיק, וואָס האָט זי געפּייניקט און גוטמוטיק זי געטרייסט:

— נעמט זיך נישט צום האַרצן. ס'וועט זיך ענדיקן אייער שותּפות מיט
פּישזאָנען. ס'איז דאָך קוים ערשט א פּאָר חדשים, ווי דאָס טעאַטער האָט
אָנגעהויבן אַרבעטן פריי... זאָל עס זיך אַביסל באַפעסטיקן, זאָל דער עולם
דערפילן דעם טעם פון עפּעס בעסערס, וועט איר זען, ווי אייער שטער
וועט אויף אַן אמת אויפלייכטן.

— ליבער פריינד! — אַליין נישט באַמערקנדיק עס, האָט אסתּ־
רחל אַזוי אָנגעהויבן צו רופן דינעזאָנען. — גלייבט מיר, אַז מיר גייט
נישט וועגן די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, וועגן אָוואַציעס נאָך א פּאָר־
שטעלונג. איך וויל נאָר טרעפן צום האַרץ פון עולם. איך וויל אים אי־
בערגעבן, וואָס מיין האַרץ פילט, וואָס איז אָנגעזאַמלט ביי מיר אין דער
נשמה...

— איר טוט עס, מיין טייערע, איר טוט עס!

— ווי אַזוי קאָן איך עס טאָן, אַז איך האָב נישט מיט וואָס צו
קומען צום עולם? דאָס וואָס איך פיל און טראַכט, קאָן ווערן לעבעדיק
אויף דער בינע, אויב דער מחבר וועט אָנשרייבן א פּיעסע, א ראָל, וואָס
זאָל אַריינגעמען מיינע געפילן. יידישע שרייבער קומען דאָך פון די זעלבע
שטעטלעך, פון די זעלבע אָרעמע היימען, וואָס איך. נישט שווי־זשע פיל

זיי נישט אזוי? פארוואָס שאפן זיי נישט פאר דער בינע פיעסן פון אמתן לעבן?

— איר ווייסט דאָך, פּרץ ארבעט פאר אייך איבער זיין חסידישע דראמע...

— רביים. רבנים... איך קען זיי נישט. זיי האָבן אנדערש געטראכט, אנדערש געפילט, מיט אנדערע חלומות געלעבט, ווי מיר פשוטע מענטשן.

דינעזאָנס שטערן איז פארוואָלקנט געוואָרן.

ער האָט ווידער פארקערעוועט דעם שמועס אויף לויפנדיקע טעאַטער־פראגן, פארענטפערט פּרצן, פארוואָס ער קומט אזוי זעלטן אין טעאטער אריין... ער האָט עגמת־נפש פון דעם מין טעאטער...

— איך פארשטיי עס אויסגעצייכנט, — האָט אסתר־רחל געענטפערט. — איך קום אויך אין טעאטער, נאָר ווען איך מוז. און אז כ'וויל זיך אָפּפרישן, גיי איך אין פּוילישן טעאטער.

— און וועגן אייער טעאטער טראכט איר גאָרנישט? איר גרייט גאָר־נישט קיין נייע זאכן, אין וועלכע איר זאָלט זיך באווייזן?

— מיר דארפן די טעג קריגן די פיעסע „כאסיע די יתומה" פון יעקב גאָרדין. מען האָט אונדז געשריבן, אז עס איז גאָר א גרויסאַרטיקע פיעסע און א ראָל ווי געבוירן פאר מיר. אפשר טאקע...

— וועל איך שוין זיכער מיטשלעפּן פּרצן, ווען איר וועט שפילן די יתומה... פּרץ האָט, דעם אמת געזאָגט, נישט שטארק ליב די אמעריקא־נער סחורה. אָבער אפשר איז עס טאקע עפּעס רעכטס?... איך ווינטש עס אייך פון גאנצן הארצן.

7

„כאסיע די יתומה" איז אלע אקטיאָרן געפעלן געוואָרן. יעדער האָט געזען א ראָל פאר זיך. ווי נאָר מען האָט די פיעסע איבערגעלייענט, איז געוואָרן א מלחמה ווער עס זאָל זי שפּילן.

פישזאָן האָט געקלאפּט מיטן שטעקן:

— שטראָפע מיך גאָט, אויב די ראָל איז נישט ספּעציעל געשריבן פאר מיין ווייראָטשקען!

קאמינסקי האָט רואיק ארגומענטירט:

— א דראמאטישע ראָל, ווי אָנגעמאָסטן פאר אסתר־רחלען.

נאָך לאנגע רינגענישן איז געבליבן, אז ביידע זאָלן גלייכצייטיק גרייטן די פיעסע. דערנאָך וועט מען שוין זען.

צו דער אַרבעט איז מען צוגעטראָטן באַזונדער, יעדער פֿאַר זיך, יעדער בײַ זיך און שטוב און געגרייט די פֿאָרשטעלונג מיט פֿולע צוויי ראָלן=באַזעצונגען. אסתּר=רחל האָט זיך צוגעקליבן פֿאַר אירע פּאַרטנערין אַקטיאָרן, מיט וועלכע זי האָט יאָרנלאַנג געשפּילט צוזאַמען: ליבערט, ווייסמאַן, יערמאָלינע, סיעראַצקי און מיט ברען זיך גענומען צו די פּראָבן. שעהנלאַנג איז זי געזעסן איבערן עקזעמפּליאַר און געפֿונען אַלץ נײַע פֿאַרבן, אַלץ נײַע קלאַנגען פֿאַר איר ראָל. זי האָט אין דער פֿאַנטאַזיע אַריבערגעטראָגן כאַסיען פֿון קאַראַטשיקראַק קיין פּאַראַזאָווע. וואָס מער זי האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין דער ראָל, אַלץ בולטער האָט זי געזען אין כאַסיעס פֿאַרגאַנגענהייט אירע אייגענע יונגע יאָרן, אירע זוניקע טעג מיט די פּויערישע חברטעס. אָט לויפֿט זי אַרום מיט אָקסאַנע, מיט אָלעסיאַ... ווי צוגעטראָפֿן האָט עס גאָרדין מיט כאַסיעס חברטע, אָקסאַנע אַכרימענקאָס; און די ווײַנענדיקע איוועס — זי האָט זיך ווידער דערזען בײַם טײַכל הינטער פּאַראַזאָווע, ווי זי באַהאַלט זיך אונטער זייערע אַראָפּהענגענדיקע צווײַגן, זי האָט זיך אין געדאַנק אַריבערגעטראָגן אין פּאַראַזאָווער פּײַזאַזש, אַז אָטעם=געטאָן מיטן פֿרייען אָטעם פֿון די פֿעלדער, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך צוואַנציק יאָר לעבן... ווען זי האָט דערהערט מאָטיע שטרײַכלס ווערטל:

— אוי, דלות, דלות...

האָט זי דערזען זיך, רחלע די שיקסע, ווי זי לאָזט זיך אַרוים אין דער ברייטער וועלט אַריין צוליב דעם דלות, וואָס האָט זי געטריבן פֿון דער היים. אַזוי איז זי אָנגעקומען צו די טראַכטענבערגס אין שטוב אַריין גיכט אין עפּעס אַ צוגעטראַכטער ראָל, נאָר זי אַליין, מיט אירע געדאַנקען און געפֿילן פֿון פֿאַר צוואַנציק יאָר. ווײַטער האָט זי שוין בלויז באַדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע, ווי אַזוי וואָלט זי געהאַנדלט, ווען עס געשעעט מיט איר דאָס, וואָס מיט כאַסיען. דעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע האָט זי באַדאַרפֿט צו געבן אין גאַנג פֿון דער האַנדלונג.

די אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט איר פּראָבירט, האָבן גלײַך דערפֿילט דעם ציטער, מיט וועלכן אסתּר=רחל איז צוגעטרעטן צו דער ראָל, צו דער פּיעסע און גיך זיך איבערגענומען דערמיט. זיי האָבן דערפֿילט, אַז פֿון דער פֿאָרשטעלונג קאָן אַרויסקומען עפּעס גורלדיקס פֿאַר זיי.

צום שטאַרקסטן האָט אויף אסתּר=רחלען געווירקט דער פֿאַקט, וואָס אין דער פּיעסע שפּילט זיך אָפּ אַ קאָנפֿליקט צווישן צוויי וועלטן — דער וועלט פֿון דלות און עשירות. אין גאַנצן לאַנד איז נאָך פֿאָרגעקומען דער גרױסער צווישן די צוויי וועלטן אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם, האָט

אסתר־רחל דורך כּגס־ען באקומען א מעגלעכקייט צו זאָגן א וואָרט אין דעם געראנגל.

ווען אסתר־רחל מיט איר גרופּע איז שוין געווען פאַרטיק צום שפּילן, האָט נאָך וויערא זאַסלאַווסקא נישט געהאַלט ביים אָנהייב, באין־ברירה האָט פישזאָן, סאַפּעגדיק און וואָרטשענדיק, געמוזט מסכים זיין אויף אסתר־רחלס אויפטריט אין „כאַסיע".

צו דער פּרעמיערע איז קיין גרויסער געדראַנג ביי דער קאַסע נישט געווען. די פּרנסה־געבער פון פישזאָנען, די פעטע יידענעס פון דער האַליע, האָבן צווישן זיך ווי אָפּגערעדט:

— ווייניק יתומות האָבן מיר, דאַרף מען נאָך גיין אין טעאַטער אריין ווייגען צוליב א יתומה...

זיי זענען טאַקע נישט געגאַנגען. געקומען זענען אסתר־רחלס געשוווירענע חסידים, דער מעטאַל־אַרבעטער מיטן קינדיש אָפּענעם פּנים, — וואָס פלעגט אליין נישט דורכלאָזן אסתר־רחלס א פאָרשטעלונג — און זיינע חברים. געקומען זענען יונגען יונגעלייט מיט לאַנגע האָר און מיידלעך פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. די גאַנצע ריי ווייטערדיקע בענק פון לאַנגן „זשאַרדען ד׳היווער" איז געווען געדיכט באַזעצט מיט יונגוואַרג.

פישזאָן איז געשטאַנען ביי דער קאַסע, געשמייכלט סאַרקאַסטיש און געריצט זיך מיט קאַמינסקין:

— מען קאָן פיין האָבן פּרנסה פון זיי...

קאַמינסקי האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערן און געשפּאַנט געקוקט צו דער אריינגאַנג־טיר. דיגעזאָן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט היינט קומען מיט פּרצן. די בילעטן האָט מען געשיקט צו פּרצן אהיים... עס דערהערט זיך טאַקע א דראָזשקע־רסקע:

— טפּררררר! סטוי!

קאַמינסקי לאָזט זיך צו דער טיר. עס קומען אריין פּרץ מיט רינעזאָגען אין דער באַגלייטונג פון נאָמבערגן, רייזענען און א גאַנצער קאָמפּאַניע יונגוואַרג, וואָס יעדער האָט געטראָגן א ברייטן, שוואַרצן הוט, ווי פּרץ, אָדער קיילעכדיקע שוואַרצע היטעלעך.

פּרץ האָט מיט א לייכטן נויג פון קאָפּ געענטפערט אויף פישזאָנס שטייפער באַגריסונג, א פריינדלעכן בליק־געטאָן מיט די אויגן צו קאַמינסקין און אריין מיט זיינע באַגלייטער אין זאַל אריין. ער האָט דערזען די ליידיקע ערשטע רייען, האָט ער א צי־געטאָן די ברעם מיט א פראַגע צו דינעזאָנען, וואָס האָט אים מיט אויגן אָנגעוויזן אויף די פולגעפּאַקטע ווייטערדיקע רייען, פון וועלכע עס האָט זיך דערטראָגן א

שאָרד, ווי אויף צו באַגריסן פּרצן. ער האָט עס אויפגענומען מיט אַ פריילעך פּייערל אין די אויגן און ברייט זיך אוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, אַרויפקוקנדיק איבער דער בינע.

8

דער טאַטע, מאָטיע שטרייכל, האָט כאַסיען אַרויסגעשלעפּט אויף דער בינע. זי איז אַרויסגעקומען אין דעם פעטער טראַכטענבערגס רייכן זאַל — אַ געזונטע, דאָרפישע מויד מיט רויטע באַקן, ווי איר מומע פריידע באַצייכנט זי — אין קאָמיש גרויסע שטיוול, מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ, מורא־האָבנדיק אַ קוק צו־טאָן אַרום זיך, פאַרבלענדט דורך דער ליכט אין זאַל. צוביסלעך קוקט זי זיך אַרום, באַטראַכט מיט גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן דעם זאַל, די מאָדנע אויסגעפּוצטע מענטשן און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער... דאָס געלעכטער הילכט אָפּ אין טעאַטער, ווי גלעקלעך ביי שליטנס אויף דאָרפישע ווינטער־וועגן און עס ענטפערט אַן עכאָ פון הונדערטער געלעכטערס...

פּרץ צעשמייכלט זיך ברייט, רוימט איין דינעזאָנען:

— די נאַטור לאַכט... פילסט דעם אָטעם פון דאָרף...

אסתר־רחלס כאַסיע אָטעמט טאַקע מיט נאַטור־קינד. זי פילט די גבירישע חוזק־בליקן און ענטפערט אויף זיי מיט הוזק. זי הייבט אַליין מער אָן צו אַנען איר העכערקייט איבער די שטייפע, אָנגעצויגענע קרובים. און ווען זי ענטפערט:

— יעדער איז אַ חכם ביי זיך אויפן סמיטניק...

האָט אַ כוואַליע פון צושטימונג אַ פלייץ־געטאָן צו דער בינע פון די ווייטע בענק.

ווען כאַסיע וויל אַנטלויפן פון די פרעמדע קרובים, זי איז זיי מוחל זייער עשירות און צוגעזאָגטע גליקן, וויל צוריק צו אירע פעלדער, צו איר טייכל און ווייגנדיקע אייוועס — האָט זי שוין מיט זיך הונדערטער הערצער, וואָס קלאַפּן אין איין ריטם מיט איר. נאָך דעם טאַטנס איבערציינגנדיקע ווערטער וועגן איר גורל ביי דער שטיפמאַמע, באַרואיקן זי גיך, זי מוז זיך אונטערגעבן...

— אוי, דלות, דלות...

אַ שטראָם פון באַגייסטערטע האַנט־פּאַטשערייען גיט זיך אַ טראָג צו דער בינע. איבערן שטראָם הויבן זיך פּרצס צוויי הענט, ווי זיי וואָלטן וועלן דערגרייכן אַרויף, אויף דער בינע.

דער פוירהאנג גייט ארויף. דאָס נייגן זיך פון די אקטיאָרן האָט היינט א באזונדערע חשיבות: זיי פילן, אז זיי געפינען דעם וועג צום עולם.

די פאַרשטעלונג וואקסט אָן. אסתר־רחל כישופט אויס פון זיך די צארטסטע טענער אין איר שמועס מיטן טאטן. איר דערמאָנונג וועגן דאָרף, קלינגט ווי א ליד. אָבער באלד קומט ווידער ארויס איר שטילער חוזק, וואָס שטעכט די באלעבאטים, ווי שארפע גאָרלען. דער גאנצער זאל חוזקט מיט איר מיט פון דעם לעפישן ליבעראל טראכטענבערג, פון דער גאליקער מומע פריידע, פון דער פוסטער קאראַלינע און פון דעם שלימזלדיקן אדוואָקאט מארק. עס פילט זיך: ס'איז זייער טאסיע, זי זאָגט דאָס, וואָס זיי טראכטן, נאָר שענער נאָך, שטארקער, איבערציי־גנדיקער.

ווען די בייזע מומע בינדט טאסיען ביי די צעפ צום בעט און פיי־ניקט זי, דערטראָגט זיך אן אויסרוף פון די וויטערע רייען:

— לאָזט אָפ! נידערטרעכטיקע!

דעם זאל גייט דורך אן עלעקטרישער שטראָם. אברהם רייזען קוועטשט מיט די אויגן, וועלנדיק באהערשן די טרערן. ער שעמט זיך, צי פרץ האָט עס נישט באמערקט. אָבער פון פרצעס גרויסע אויגן קייק־לען זיך פולע, לייכטנדיקע טרערן.

ווען דער פוירהאנג פאלט, שמייכלט פרץ א פארשעמטער. ער פאר־ענטפערט זיך פאר די באגלייטער:

— זי האָט מיך אויף אן אמת גערירט, די טאסיע.

ער פרווט צו מאכן א וויץ וועגן זיין סענטימענטאלקייט, און ווען דער געלאסענער דינעזאָן שמייכלט איראָניש אונטער דער נאָז, ענט־פערט פרץ מיט א הילכיק געלעכטער:

— נו, שויז, ביסט צופרידן... זי איז גוט! אויסגעצייכנט... דיין ליבלינג.

און מיט שעלמישע פונקען אין די אויגן,ווארפט ער צו דינעזאָנען אונטערן וואָנס:

— זי געפעלט מיר אויך, רב יאנקל!

אסתר־רחל איז אראָפ פון דער בינע, וואקלענדיק זיך אויף די פיס. צום ערשטן מאָל, זייט איר דעבוט אין „עלדאראדאָ“, האָט זי נעהאט דאָס געפיל, אז זי פאלט אין אָנמאכט אויף דער בינע. ס'האָט זיך איר געדוכט, אז דאָס אלץ, וואָס זי האָט נאָרוואָס געשפילט, האָט זי אויף אן אמת איבערגעלעבט: די דערנידערונג און פיין פון א דינסט ביי גבירים.

שלייכנדיק זיך איז זי אריין אין גאַרדעראָב־צימער און אוועקגעפאַלן אויפן בענקל.

די גאַרדעראָבערין האָט גאָרנישט באמערקט און זיך געפּאָרעט ביי די קליידער.

— מאַדאַם קאַמינסקאַ, איצט וועט איר ווידער אָנטאָן דעם קאָס־טיום פון דער כּאַבלושקע? — האָט זי געפרעגט אין אַ געמיש פון רו־סישע און יידישע ווערטער.

אסתר־רחל האָט אַ קוק־געטאָן אויף איר דאָרפישן קאָסטיום, עס האָבן איר אַ מינוט־געטאָן מיט רעגנבויגן־פאַרבן די בענדער און זי האָט זיך העל צעשמייכלט. גיך האָט זי פאַרלאָכטן דעם צעשמירטן גרים אונטער די אויגן, אָנגעטאָן דאָס דאָרפישע קלייד און איינגעבונדן די סטענגעס אין די האָר. אַן איבערלעך צעשטראַלטע איז זי אַרויף אויף דער בינע.

זי האָט אַ־סגעבויט דאָס טייכל פון די סטענגעס, ארומגעשטעלט מיט ביימער פון בלומען־טעפּ און געלאָזט זיך אויף די כוואַליעס פון חלום. ווען וולאַדימיר האָט איר געוואָלט צעשטערן דעם חלום מיט זיינע רייד, האָט זי מיט אַזאַ ציטער אַ זאָג־געטאָן:

— שווייג!

אַז אַ וואַרעם ווינטל האָט ארומגעכאַפּט דעם עולם.

זי האָט זיך געשפּיגלט אין דער שיינקייט פון דער אימאַגינירטער נאַטור. און צו איר אַרויף האָבן געקוקט אַ פּאָר גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן, פּרצס אויגן. זיינע ליפּן האָבן שטיל אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט:

— פּאָעזיע!..

דינעזאָן האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט און שטיל צוגעשטימט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ.

כאַסיעס חלום איז באַלד צעשטערט געוואָרן דורכן אריינרייסן זיך פון דער ברוטאַלער וואָר: דער טאַטע מיט זיין אָפּגעריבענעם פּוס און אייביקן דלות, דער משפּחהס באַליידיקטע גבירשאַפט. דאַן האָט כאַסיע אויפגעברויזט. מ־ט אַ געדעמפּטער שטים האָט זי אָנגעהויבן צו וואַרפן בייסיקע, גליענדיקע ווערטער. זי איז אַלץ מער געוואַקסן מיט איר רע־וואָלט, ביז זי האָט מיטן גאַנצן כוח פון באַליידיקטן שטאָלץ אויסגערופן:

— עס זענען דאָ גענוג בעלנים אויף אומזיסטע קנעכט און אומ־זיסטע דינסטן... אַזעלכע בעלי־טובות זענען דאָ ווי מיסט!

דאָס טעאַטער האָט זיך צעכוואַליעט. מען האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פּיס. מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן פון די ווייטסטע רייען אַן אויסרוף:

— נידער מיט דער אונטערדריקונג! זאָל לעבן די פרייהייט!

דער אויסרוף איז אונטערגעכאפּט געוואָרן דורך הונדערטער העל־דזער און ס'האָט א ברויז־געטאָן צו דער בינע א הייסער שטראָם פון קאמפּס־גייסט, פון רעוואָלוציאָנערן געמיט.

פישזאָן איז א פּאַרציטערטער צוגעלאָפן צו דער טיר און אָנגעהויבן אויפן קול צו שרייען:

— ששא! ספּאָקאָינא! — אָבער זיין שטים איז פארפאלן געוואָרן ביי דער טיר.

פּרץ האָט אויפגעריסן די אויגן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די הינ־טערשטע רייען, ווידער געקוקט אויף דער בינע. ער איז באגייסטערט געוואָרן דורך דעם איינהייטלעכן ריטם פון ביידע. אנטשלאָסן האָט ער א זאָג־געטאָן צו דינעזאָנען:

— דאָס הייסט טעאטער! אזוי דארף ווירקן דאָס קינסטלערישע וואָרט!

דאָסמאָל, נאָכן פאלן פון פורהאנג, איז אסתר־רחל געשטאַנען א שטראַלנדיקע אויף דער בינע און טיף־פאַרנייגט דעם קאָפּ מיט דאַנק־באַרקייט. זי איז געווען גליקלעך.

אברהם־יצחק האָט געקוקט אויף פישזאָנען מיט איראָנישע שפּיז־לעך אין די אויגן. ער האָט חוזק געמאַכט פון פאַררייסענעם שותף זיינעם און טריומפירט: איצט האָט ער דערזען די אמתע אסתר־רחל אזוי, ווי ער האָט זיך זי באַגעזעגנט אין משך פון יאָרן.

9

— איך האָב דערזען אין אייך א גרויסע קינסטלערין! — האָט פּרץ געזאָגט אסתר־רחלען בעת זייער נאָענטסטער באגעגעניש. — רב יאַנקל איז געווען גערעכט מיט זיין אַגיטאַציע פאַר אייך...

און ווענדנדיק זיך צו קאמינסקין האָט ער זיך געוויצלט:

— איר האָט נישט וואָס צו זיין אייפערזיכטיק. אונדזער יאַנקל זוכט בלויז נשמות....

דינעזאָן האָט פאַרלעגן געשמייכלט און וועלנדיק ווענדן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג, האָט ער אָנגעהויבן:

— איך האָב געהערט, אז ביי יעדער פאָרשטעלונג פון נאַסיע ווערט מאדאם קאמינסקא אזוי וואַרעם אויפגענומען דורכן עולם...

— און מען דאַרף צוגעבן, אז מען קומט מאסנווייז צו יעדער פאָר־שטעלונג, — האָט קאַמינסקי פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט, האָבנ־

דיק דערביי אין זינגען פישזאָנס זויער פּנים.

פּרץ איז געווען שטארק אויפגעלייגט:

— דאָס איז גוט! דערפון בין איך צופרידן. אפשר איז דאָס אַ בייער קער ביי אונדזער ווערטן פּובליקום? ווייל גאָרדין שטייט שוין אויף דער גרענעץ פון שונד און קונסט...

אסתר־רחל האָט פארוונדערט איבערגעפרעגט:

— שונד?..

— נו, נענטער צו קונסט... אָבער איגנאַנצן פון מעלאָדראַמע קאָן ער נישט אוועק. ס'פעלט אים די מאָס. ער ווייס נישט ווו און ווען צו ענדיקן... אָט האָט איר ביי אים העכערע ראָמאַנטישע ליריק אין דריטן אקט פון כאסיע. מאכט ער עס קאַליע מיטן פערטן. איר, מאדאם קאַמינסקא, שטארבט טאקע זייער גוט, אָבער ווייגען פון אייער טויט וויינט איין וולאדימיר... איך האָב געגעגעצט... זייט מוחל מיין אויפריכטיקייט, אפילו איר קאָנט נישט מיט אייער גאַנצן טאַלאַנט רעטן אזא שלעכטן פערטן אקט... אפשר איז עס גוט פאר אמעריקע, וואָס האָט א פאַרדאָרבענעם געשמאַק. מיר וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אָן פערטן אקט. קינסטלעריש געגומען איז עס, ווי כאסיעס פאָטער זאָגט: „אוי, דלות, דלות". ער האָט טאלאנט גאָרדין, עס פעלט אים אָבער מאָס... — האָט פּרץ פאר זיך איבערגעחזרט.

אסתר־רחל האָט שטיל אָנגעהויבן צו רעדן, ווי פאַרענטפערנדיק זיך:

— איך רעד זיך נישט איין, אַז איך פאַרשטיי ליטעראַטור און איך וויל זיך נישט שפּאַרן מיט אייך... אָבער לויט מיין פּראָסטן שכל איז עס די בעסטע יידישע פּיעסע, וואָס איך האָב ביז איצט געשפּילט. עס זענען לעבעדיקע מענטשן, רעדן פּשוטע רייד און, דוכט זיך, קלוגע רייד... איר האָט דאָך געזען, ווי אַזוי עס האָט געטראָפן דעם עולם אין פּינטל אריין!

— דאָס יאָ, דאָס איז אַ גרויסע זאַך אַזוי צו באַווירקן די צושויער... אָבער איך מיין, אַז דאָס איז מער אייער פארדינסט, אייער גאָרדינס. איר זענט אריבערגעוואקסן גאָרדינען, כאָטש איר פּילט עס נאָך נישט... די לאָגיק פון היינט, מיט די קליינע אינטערעסן, קליינע טוגענדן און פאַרברעכנס, איז אַ שמאָל פעלד פאַרן דיכטער, פאַרן קינסטלער... דער דיכטער דאַרף אויסחלומען דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשען...

— דאַרף זיך דער קינסטלער דערווייטערן פון לעבן? — האָט זיך אסתר־רחל געחידושט.

— ניין... דאָס נישט... אָבער דאָס פאָלק און זיין לעבן האָט נאָך דאָס מאַטעריאַל נישט געגעבן...

— אונדזער לעבן האָט נאָך נישט געגעבן דאָס מאַטעריאַל? — האָט אסתר־רחל נישט געקאָנט פאַרשטיין.

דינעזאָן האָט זי מיט א שמייכל בארואיקט:

— נעמט זיך נישט איבער. אונדזער פרץ רעדט לויט דער שטימונג. איצט פילט ער אזוי, זאָגט ער אזוי.

פרץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרטראַכטעניש:

— הא?... ניין, אפשר האָט איך זיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט. איך מיין, אַז אונדזערע קינסטלער קאָנען נאָך נישט אַרויסהייבן דאָס מאַטעריאַל פון לעבן. זיי קאָנען נאָך נישט שאַפן קיין ווערק, ווו יעדעס וואָרט האָט זיין ווירקלעכע באַדייטונג, יעדער זשעסט איז נאַטירלעך און וואָר... כ'מיין סצענישע ווערק... ווו די, וואָס באַוועגן זיך אויף דער בינע, זענען לעבעדיקע מענטשן, נישט שפּרעכנדיקע מאַנעקינען... ס'זאָל זיין וואָר, לעבן און גלייכצייטיק דערהויבן זיך צו אייביקע פראַגן...

— ווו נעמט מען אזעלכע פיעסן־שרייבער? — האָט זיך אברהם יצחק אריינגעמישט.

— ס'זענען דאָ... איז נישט קיין יידישע. ס'איז נישט קיין אומגליק, אז מען שפּילט איבערזעצטע פיעסן. בעסער איבערזעצטע קונסט איידער יידישע שונד... איבסען, גאָרקי.

— מיר נעמען זיך איצט טאקע צו גאָרקיס „נא דניע“... איך האָב שוין איבערזעצט די פיעסע... — האָט קאמינסקי צוגעגעבן מיט א באַהאַלטענעם שטאָלץ.

— איר האָט איבערזעצט? ווען? — האָט פרץ זיך פאַראינטערעסירט.

— די לעצטע וואָך.

— אין איין וואָך? שנעל. צו שנעל... גאָרקי... יעדעס וואָרט האָט זיין באַדייט, זיין פאַרב... ס'איז הויכע קונסט...

— כ'האָב זיך באַמיט עס זאָל אַרויסקומען צום בעסטן, — האָט זיך קאמינסקי פאַרענטפערט.

— מיר ווילן זען... מיר וועלן זען... — האָט פרץ געברומט אַנטקעגן די וואָנסן.

— נו, און די אַקטיאָרן? זיי וועלן זיך אן עצה געבן, שילדערנדיק דאָס לעבן, ווי עס ווערט אונדז קינסטלעריש פאַרטייטש דורך גאָרקין?... איך האָב גרויסע ספקות...

— מיר האָבן אויסגעקליבן די בעסטע באַזעצונג... מען וועט אַרבעטן מיט לייב און לעבן... האָט קאמינסקי זיך באַמיט אָפּצווווענדן פרצס ספקות.

— מאדאם קאמינסקא שפּילט? — האָט דינעזאָן געפרעגט.

— איר וועט זי זען אין גאָר אַ נייער געשטאַלט! — האָט קאמינ-סקי אונטערגעשטראָכן — זי שפּילט וואסיליסא.

— אינטערעסאנט... אינטערעסאנט... — האָט פּרץ געמורמלט — וואסיליסא... אַ שלאַנג, אַ שלעכטע, אַ גייציקע... איר וועט קאָנען זיין אַ שלאַנג?

— איך וועל זוכן אין איר דאָס גוטע... איך וועל זיך באַמיען צו באַווייזן, פאַרוואָס זי איז געוואָרן אַ שלאַנג.

— בין איך שוין מאַקע נייגעריק אויף דער פאָרשטעלונג... דאָס וועט זיין אייער פייער-פּראָבע... די פייער-פּראָבע פון יידישן אַקטיאָר — האָט פּרץ פאַרענדיקט.

פּרצעס ווערטער האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אסתּר-רחלען דעם חשק צו אַרבעטן איבער דער ראָל פון וואסיליסא. די וואָג, וועלכע פּרץ האָט צוגעגעבן גאָרקיס פּיעסע, האָט זי אָנגעפילט מיט אַחריות פאַר דער פאָרשטעלונג. זי האָט פון פּרצעס ווערטער פאַרשטאַנען, אַז שילדערנדיק די מענטשן „אויפן לעצטן שטאַפּל", האָט גאָרקי אַרויסגע-הויבן דאָס אייביקע, וועגן וועלכן פּרץ האָט גערעדט. דערמיט האָט זי זיך באַמיט צו באַגייסטערן אַלע אָנטיילנעמער פון דער פאָרשטעלונג. געהאָלפן האָבן איר שטאַרק אין דעם ליבערט, וואָס האָט געשפּילט פּאַטינען, קאַמינסקי, וואָס האָט געשפּילט דעם באַראָן און יוליוס אַס-קאַר, וועלכער האָט אָבער, ווי זיין שטייגער איז, גערעדט דייטש.

צו לאַנג אַרבעטן איבער דער פּיעסע האָט מען נישט געקאָנט. די פּראָבן פלעגן איבערגעריסן ווערן, ווייל עס האָט געפעלט געלט אויף צו באַצאָלן די גאַזשעס פון די אַקטיאָרן. מען האָט געמוזט וואָס גיכער אַרויסלאָזן די פּרעמיערע, ווייל די אַקטיאָרן האָבן געדראָט מיטן פּאָ-פּולערסטן וואָרט פון יענעם יאָר: שטרייק.

אסתּר-רחל האָט אַזש געוויינט פון פאַרדרוס, וואָס די פּרעמיערע דאַרף פאָרקומען אין אַזאַ שטימונג. ס'איז אָבער נישט געווען קיין ברי-רה. ווען נישט, איז געהאָנגען אין דער לופט די סכנה פון פאַרמאַכן דאָס טעאַטער.

„די פייער-פּראָבע", ווי פּרץ האָט אָנגערופן די פאָרשטעלונג, איז אַדורך אין אַ שווערן נערוון-צושטאַנד. ווי צולהכעיס זענען צו דער פּרעמיערע אויך געקומען די האָליע-געסט, וואָס האָבן צייטנווייז אויפן קול געגענעצט. די שטימונג האָט אַביסל געראַטעוועט דער עולם פון די הינטערשטע רייען, וואָס האָט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן געהויבן דעם מוט פון די אַקטיאָרן. אָבער אסתּר-רחל איז אַלץ געווען נישט זי-

כער, וואָס פאַר אַ פּנים די פאַרשטעלונג האָט, ביז פּרץ האָט זיך גיכער באַוויזן הינטער די קוליסן און מיט זיין געוויינטלעכער ברייטקייט און פייער אויסגערופן:

— בראַוואָ! בראַוואָ! ס'איז גוט! איר האָט באַוויזן, אַז איר האָט די פעיקייט צו לעבן אין אַלע סטרעפן, צו עסן ברויט פון אַלע אויווגס... אייער גרעסטער פאַרדינסט: ס'איז געווען רוסיש, עכט רוסיש... מאַדאַם קאַמינסקאַ, איר האָט גוט פאַרטיידיקט וואַסיליסען! איר האָט מיך איבערצייגט, אַז דער איינציק ווירקלעך שוואַרצער כאַראַקטער אין שטיק איז דער אַלטער קאָסטיליעוו... אַז ער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ שלאַנג... איר זאָגט טאַקע, אַז ס'איז נישט אייער „כאַראַקטער צו בעטן רחמנות ביי עמעצן", האָט איר נישט אויסגעבעטן, נאָר אויסגעשפּילט רחמנות פאַר וואַסיליסען... בראַוואָ, בראַוואָ! יידישע אַקטיאָרן, איר האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע!

שטילערהייט האָט ער געזאָגט צו אסתּר־רחלען:

— זאָגט אייער מאַן, אַז גאָרקין טאָר מען נישט איבערזעצן אין אַ וואָד־צווייַ. אייניקע ערטער זענען ווי אַ ריבאייזן... ממש צום אַרויס פלאַצן מיט געלעכטער.

קאַמינסקי האָט זיך גייגעריק צוגערוקט, וועלנדיק הערן גענוי פּרצעס ווערטער.

— און די בלעכענע באָרד, פּאַניע קאַמינסקי, מעגט איר איבערבייטן...

און פּרץ האָט פאַרענדיקט אויפן קול צו אַלע:

— נו, עולם, כ'וועל אייך די טעג שוין איבערגעבן מיין נייע דראַמע „דער נסיון". מאַדאַם קאַמינסקאַ, מיט אייך וועל איך גענוי אַרומרעדן, ווי אַזוי צו פאַרטיילן די ראָלן, ווי אַזוי אויפצופירן די זאַך. איך זע, אַז מען מעג זיך אויף אייך פאַרלאָזן!

און געזעגנדיק זיך האָט ער אויסגערופן:

— פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, וואָס ס'איז נישט געקומען דאָס רעכטע פּובליקום פאַר גאָרקיס „נא דניע"... גאָרקיס פּובליקום וועט ערשט קומען צו אייך...

10

גראָבע קנאָספּן האָבן געגרינט אויף די צווייגן פון די ביימער אין זאַקסישן גאָרטן, פון דער בלאָטיקער ערד אויף די קלאָמבן האָבן שוין געדיכט אַרויסגעקוקט פרישע גרינע גרעזעלעך. אסתּר־רחל איז געזעסן

אויף אַ באַנק און מיטן עק שירם געצייכנט הירעראָגליפן אויף דער ערד.

עלף אַזייגער דאַרף פאָרקומען די לייען=פּראָבע פון פּרצעס „נסיון“, אָבער אסתר=רחל האָט זיך אויפגעכאַפּט קאַיאָר — נאָך דעם שווערן שבתדיקן טאָג פון צוויי פאָרשטעלונגען — און נישט געקאָנט איינזיצן אין דער היים.

אָן אומרו האָט זי געטראָגן צוליב דער אחריות, וואָס פּרץ האָט אויף איר אַרויפגעלייגט... מען מעג זיך אויף איר פאַרלאָזן!... אַ נייע וועלט, נייע מענטשן, נייע געדאַנקען — צי וועט זי עס אויפנעמען, דערפילן, פאַרשטיין?

פּרצעס אַ דראַמע! זי האָט קלאָר אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט און וואָג פון דער געשעעניש, וואָס שטייט פאַר זייער טעאַטער. צי וועלן זיי זיין דערוואַקסן דערצו? די משפּחה פּישזאָן... און טאָקע זי אַליין...

ס'איז דאָך אָבער שוין אַ באַשלאָסענע זאַך! מען מוז צוזאַמענעמען אַלע כוחות, כדי אויסצוהאַלטן דעם אמתן נסיון, וואָס שטייט זיי פאָר.

זי האָט אַ קוק=געטאָן אויף דער גאָלדענער קויל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ קייטל ביי איר אויפן בוזעם: אַ פערטל עלף... ס'איז אַפילו נישט ווייט אויף כמיעלנע 9, אַ פאָר מינוט גאַנג, נאָר פריער זיין שאַדט קיינמאָל נישט.

געלאַסן האָט זי דורכגעשפּאַנט דאָס שטיקל וועג ביזן טעאַטער, פאַרטיפט אין אירע מחשבות. אויף די גאַסן האָבן שפּאַצירט יום=טובדיק אויסגעפּוצטע מענטשן, פון קאָשטשאָל פון הייליקן קרייץ האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין אַ גרויסער עולם, דער באַר אַקעגנאיבער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ביר=טרינקער, אָבער די מיט גאַס איז געווען אָן באַוועגונג, זעלטן איז פאַרביינעפאָרן דורך איר אַ דראָזשקע.

דערפאַר האָט אין טעאַטער געזשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק. איין אַברהם פּישזאָן איז געזעסן אָן אַ זייט פון טומל אָנגעכמורעט, מיטן צילינדער אויפן קאָפּ... ער איז געווען אין כעס אויף זיין שותף, וואָס שלעפּט אים אַריין אין אַזעלכע ווייניק=צוזאָגנדיקע געשעפטן. אַברהם=יצחק האָט זיך דערפון נישט גענומען צום האַרצן און רואיק איינגעטענהט מיט מישע פּישזאָן, וועלכער האָט כלומרשט געהערט קאַמינסקין און געוואָרפן כישוף=שמייכלען צו אַלע אַקטיאָרן, באַזונדערס צו די אַקטריסעס, בלאַנקענדיק מיט זיינע פּערלדיקע ציין. ליבערט האָט זיך ערנסט באַמיט אין עפּיזט איבערצוצייגן דאָקטאָראָוון און וויערא זאַסלאַווסקי האָט זיך געלאָזט הערן מיט איר הילכיק געלעכטערל. צווישן אַלע איז אַרומגעלאָפן דער שווערלייביקער און לייכט=באַוועגלעכער הערמאַן פּי=

שער, וועלכער האָט וועגן אַלץ פריער געוווסט און צו אַלץ צוגעגעבן זיין וואָרט.

אַריינקומענדיק אין טעאַטער אַריין האָט זיך אסתר־רחל באַגריסט מיט א לייכטן נויג פון קאָפּ און געזעצט זיך אָן א זייט אקעגנאיבער דעם אַלטן פּישזאָן. זי האָט באַטראַכט דאָס טומלדיקע לעבהאַפטע געזינדל אויף הער בינע און ס'איז איר נאָך שווערער געוואָרן אויפן הארצן, ווי אַזוי וועלן די נישט־געצווימטע הייז־קעפּ אויפנעמען פּרצעס נייע זאַך. זי געדענקט דאָך פאַלן, ווען אַקטיאָרן האָבן אַזוי מקבל־פּנים געווען די לייענונג פון א פּיעסע, אז דער מחבר האָט נישט געוווסט, ווו צו אנטלויפן... צי וועלן זיי כאָטש האָבן די מאָס דרך־ארץ פאר פּרצן?

דער צופאָר פון א דראָזשקע צום טעאַטער האָט באַרואיקט די געמיטער. אברהם־יצחק האָט שנעל געאיילט צו דער אַריינגאַנג־טיר. ס'איז אָנגעקומען פּרץ.

ער איז אַריין, דאָס מאָל נישט באַגלייט דורך קייגעם, פרײנדלעך א שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ פאר אן אלגעמיינער באגריסונג און צוגעגאַנגען צו אסתר־רחלען. זיינע אויגן האָבן יונגטלעך געגלאַנצט. אין זיין גאַנג, אין יעדער באוועגונג, האָט זיך געפילט א באזונדערע אויפגעלייטע רונג. א טרייסל־טוענדיק דעם כתב־יד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט פּרץ הויך א פרעג געטון:

— נו, מאַדאַם קאַמינסקאַ, וועלן מיר צוטרעטן לייענען אין א גוטער שעה?

אלע האָבן זיך פייערלעך פאַנאַנדערגעזעצט, דער לוסטיקער מישא פּישזאָן האָט אויפגעהערט צו כישופן מיט זיינע שמייכלען, באַרואיקנדיק מיטן בליק די זאסלאַווסקא.

פּרץ האָט מיט די אויגן ארומגענומען אלע ביים לאַנגן טיש, א רייב געטאָן זיך דעם שטערן, פאַרטיפט די פינגער אין דער טשופּרינע און אָנגעהויבן ווי פאר זיך:

— כ'האָב מיט א פּאָר יאָר צוריק אָפּגעדרוקט אין העברעיש א דראַמע „דער חורבן פון צדיקס הויז“... ס'זענען געדאַנקען... געדאַנקען וועגן חסידות, וועגן מענטש, וועלט... וועגן אמונה און ספקות... וועגן פירער און פאָלק... וועגן קדושה און שווינדל... נשמה און תאווה... געדאַנקען...

א שטילקייט האָט געהערשט אויף דער בינע. דער עולם האָט אויפגעכאַפּט פּרצעס אָפּגעהאַקטע ווערטער, זיך באַמיט זיי צו בינדן אין פּראָזע, וואָס זאָלן זיין פאַרשטענדלעך. אַן ערנסטקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף די בינימער. פּרץ האָט זיך פארקוקט אין איין ווינקל:

— אָבער דאָס טויג נישט... אָפּגעריסענע געדאַנקען דערגייען צו יחידים... איך וויל דערגיין צום פאָלק. כ'וויל, מיין וואָרט זאָל דערגיין צום פאָלק... איר קאָנט אָנטאָן ווערטער אין פלייש און בלוט... וויל איך מיינע געדאַנקען און ווערטער אייך איבערגעבן, זיי זאָלן ווערן לעבעדיק... זיי זאָלןווירקן... האָב איך די זאַך באַאַרבעט אין יידיש... געענדערט, צוגעשריבן.... ס'איז מיין ערשטע גרויסע זאַך פאַר דער בינע... כ'וויל עס איבערגעבן אין אייערע הענט...

אַ געדיכטע שטילקייט איז געהאָנגען איבער דער בינע. פּרץ האָט זיך איינגעהילט אין דער שטילקייט, פאַרמאַכט די אויגן... ביידע הענט האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן טיש, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן; באַלד אָבער האָט ער אויפגעריסן די אויגן, געעפנט דאָס שער־בלעטל פון כתב־יד און אָנגעהויבן צו לייענען:

...אַ בילדל פון ראש־השנה אויף אַ רבישן הויף. עולם גייט צו תשליך, מען דערציילט זיך וווּנדערלעכע מעשיות וועגן רבינס ניסים... אין דעם רבינס סוכה שפּילט זיך אָפּ אַ שרעקלעכע זאַך: דעם רבינס אייניקל גייט אַוועק אויף גליטשיקע וועגן מיטן טריפהנעם אַפּטייקער... דער רבי פאַרשילט זיין אייניקל, וואָס ענטפערט אים עזותדיק. זי וואַרפט אים פאָר פאַר אַלע אין די אויגן, אַז ער — דער רבי — איז אַ שווינדלער, אַז ער פאַרשפּרייט פינצטערניש... זי וויל אַוועק אין דער ליכטיקער וועלט, וועלכע עס עפנט פאַר איר דער אַפּטייקער... עס פילט זיך דער אונטערגאַנג פון צדיקים הויז, וואָס ווערט אונטערגעגראָבן דורכן יונגן דור...

פּרץ האָט געלייענט הויך און דייטלעך. ערטערווייז האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער אויסצוזינגען אַ ניגון, וואָס האָט אומהיימלעך אָפּגעקלונגען אין ליידיקן זאַל; ערטערווייז ווידער האָט ער אָנגעהויבן צו שליידערן אָפּגעהאַקטע ווערטער, ס'איז שווער געווען צו כאַפּן דעם פאָדעם פון געדאַנק. די שטים זיינע איז דאַן געוואָרן פאַרשטיקט אין האַלדז, הייזעריקלעך, דער קאָפּ איינגעגראָבן אין די אַקסלען... פּלוצלינג: אָבער האָט ער שאַרף אַרויפגעוואָרפן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די הענט און אָנגעהויבן צו לייענען מאַט, קלאַנגלאָז כמעט, כדי עס זאָלן באַלד ווידער אָנהייבן צו פליסן קלינגענדיק־אַרויסגעזאָגטע ווערטער, לייכט־אַקצענטירטע זאַצן, אַ חסידישער ניגון.

אייניקע סצענעס, וואָס זענען קאַרג געווען אָנגעלאָדן מיט וואָרט, האָט פּרץ אויסגעבריטערט מיט פויזעס, אויסגעפילט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, מיט אַ הויב פון קערפּער, מיט אַ בלישטש פון די

אויגן, אויסשפּילנדיק די סצענעס. אַזוי האָט ער כמעט אָן איבעררייס אַ בערגעלייענט אַלע פיר אַקטן, פאַרענדיקט מיטן אויסגעשריי:

— דו שווייגסט אויך? שווייגסט? גאַ-אַ-אָט!...

און אַ מידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אַלע זענען שטייף געזעסן, מורא-האָבנדיק מיט אַ באַוועגונג איבערצורייסן די געדיכטע שטילקייט. ס'האָט זיך גאָר צייטנווייז געהערט דאָס פאַרשטיקטע סאָפּען פון אַלטן פישזאָן.

אסתּר-רחל האָט אויך געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. אויף איר אָנגעשטרענגט פּנים האָט זיך אָנגעזען די אינטענסיווע אַרבעט פון מוח.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן פּרץ אַליין. ער האָט אָנגעקוקט די אָנוועזנדיקע. אין זייגע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די מידקייט נאָכן לייענען. נאָר באַלד איז די מידקייט פאַרטריבן געוואָרן דורך לוסטיקע פייערלעך:

— נו, לאָמיר הערן, וואָס איר טראַכט וועגן דעם?

אברהם פישזאָן האָט זיך איצט פאַרגונען אַ העכערן סאָפּע צו טאָן. קאַמינסקי האָט פאָרזיכטיק אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַן אָריגינעלע זאַך, אַ דיכטערישע זאַך... פּאָעזיע! אַזעלכעס איז נאָך אויף דער יידישער בינע נישט געווען... אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס פעלט די גאַנצקייט... ס'זעט אויס, ווי אָפּגעריסענע אַקטן, וואָס זענען שוואַך פאַרבונדן צווישן זיך...

פּרץ האָט אָנגעכמורעט די געדיכטע ברעמען און אַ צופּ-געטאָן די וואָנסן. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דער יונגער מישאַ פישזאָן, וואָס האָט געלויכטן מיט זיין עלעגאַנץ און שיינקייט:

— און וואָס טראַכט איר, הער פישזאָן?

מישאַ פישזאָן האָט זיך פאַרלוירן, געדעקט די פאַרלוירנקייט מיט אַ ברייט שמייכעלע און באַמיט זיך פאָרזיכטיק צוצוקלייבן ווערטער:

— איך... איך... זעט איר... דאָס „סכּרידישע“ לעבן איז מיר ווייניק באַקאַנט... איך פאַרשטיי זיך מער אויפן אייראָפּעישן...

פּרצעס אויגן האָבן אַ שניט געטאָן מיט בייזע בליקן. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס זיין ווערק האָט נישט אַרויסגערופן אַ באַלדיקע באַגייסטערונג ביי די אַקטיאָרן. ער איז אַליין נישט געווען זיכער מיט דער רייפקייט פון זיין ווערק. עס האָט אים אָבער פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ יונגער, עלעגאַנטער יידישער אַקטיאָר, וועלכער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענט, קאָן רעכט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „חסידישע“. ער האָט מיט שטויגונג אַ קוק-געטאָן אויף אסתּר-רחלען, וועלכע האָט זיין קוק-

באטראכט ווי א פראַגע צו איר. א טיפער קנייטש האָט זיך געלייגט צווישן אירע ברעמען:

— הער פּריץ! זוכט נישט ביי אונדז קיין מבינות אויף אייער ווערק. מיר זענען פּראָסטע מענטשן, וואָס פילן מער, ווי פארשטייען. מיר דארפן טאקע לערנען דאָס פאָלק, אָבער מיר אליין דארפן ערשט געלערנט צו ווערן... לערנט אונדז, הער פּריץ. מיר וועלן אייך פאָלגן. מיר ווען געבן פון זיך אלץ, וואָס מיר פארמאָגן, גיט איר אונדז אייער געדאנק... אפשר איז מיין מאן גערעכט, אז סצעניש פעלט עפּעס דער זאַך... ווען מיר עס צוזאַמען זיך באַמיען צו פאַרריכטן, אויב איר וועט אונדז ווען העלפן...

פּריץ האָט זיך פארטראכט. אויטאָמאטיש האָט ער געבלעטערט דעם כתב־יד, דאן געריסן א ריס־געטאָן די וואָנסן, א פלאָשע־געטאָן מיט דער האנט די האָר... ער האָט זיך שארף א קער־געטאָן צו אסתר־רחלען, טיף אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. פרייליכע פונקען האָבן זיך ווידער צעשפילט אין זיינע שווארצאפלען און אויפגעהייטערטער האָט ער געזאָגט:

— מיר ווען צוזאַמען זיך באַמיען?... גוט, איך וועל פּרווון... גענומט איבער די פּיעסע, מאדאם קאמינסקא. איך וועל אייך העלפן. כ'וועל קומען צו רעפּעטיציעס, אויב איר וועט רעפּעטירן נאָכמיטאָג... פאָרמיטאָג ווען מיינע מתים מיך נישט לאָזן! — האָט ער צוגעגעבן מיט א ווייץ אויפן חשבון פון זיין ארבעט אין דער גמינע.

11

קיינמאָל האָבן נאָך די אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער אַזוי ערנסט נישט געארבעט איבער א פּיעסע, ווי יענעם ערב־פּסח. ס'איז געווען די ערנסטע צייט פון סעזאָן — „מען איז בודק־חמץ די קאַסע", האָבן זיך לצים געוויצלט — איז מען גאנצע טעג אָפּגעלעגן אין טעאטער און רעפּעטירט.

אסתר־רחל האָט זיך באמיט זיי געבן צו פארשטיין דעם אינהאלט פון יעדער פראזע, פון יעדן וואָרט. די ווערטער האָבן זיך אָבער שווער געלייגט אין מוח. מען איז נישט געווינט געווען צו אַזעלכע אָפּגעהאַקטע זאצן, איינצלנע ווערטער. אסתר־רחל האָט נישט געהאט דערפאר צו זיי קיין טענות, זי האָט זיי פארשטאנען און פארענטפערט.

— וואָס זענען זיי, נעבעך, שולדיק... אַז מען האָט זיי דערצויגן אויפן לשון פון לאַטיינער און הורוויטש...

זי האָט אפילו זיך אליין נישט געוואגט צו זאָגן, אז דער גאָלדפאַדען־און גאָרדין־רעפּערטואר, איז אויך געווען א שוואכע צוגרייטונג צו פּרצן. דער מיינדסטער געדאנק איז דאָך דאָרט באַגלייט געוואָרן מיט קאָמענטארן און ארויסגעפירט געוואָרן מיט הקדמות. די פילאָזאָפיע איז נישט געווען פיל העכער, ווי די טראַכטענישן פון א דורכשניטלעכן בית־מדרש־פילאָזאָף, וואָס האָט א לעק־געטאָן אביסל דברי־חול. און דאָס איז שוין פאַר דער מערהייט אַקטיאָרן געווען אַ סך. זיי האָבן זיך אַ דאַנק דער פילאָזאָפיע פון די פּיעסן באַטראַכט פאַר וועלט־חכמים, ציטירט זי אָפט, ווי אן אנטפּלעקונג פון זייער מוח. און דאָ קומט פּרץ מיט זיינע קאַרגע, שטרענגע רייד, ווו אונטער געציילטע ווערטער באַהאַלטן זיך גרויסע געדאנקען, טיפע געדאנקען, ווו רמזים דאַרפן רעדן, אָנשטאָט זאָצן, ווו יעדעס וואָרט דריקט אויס א שטימונג — עס דאַרף אָפּטמאָל אויבערדריקן אן אַנדער מיין, ווי דער געוויינטלעכער זין פון וואָרט... אין סתם א פּיעסע קאָן מען זיך ארויסהעלפן: גיט מען צו א וואָרט, ביז מען כאַפּט דעם סופליאָר, וואַרפט מען אריין א וויץ. און דאָ שטייט אסתּר־רחל מיט אַ שטרענגער וואַכזאַמקייט, שטעלט אָפּ ביי יעדן איבעריקן וואָרט, אָדער ביי א נישט דערזאָגט וואָרט:

— פאַרגעסט נישט, ס'איז פּרץ...

— אָבער, אז איך פאַרשטיי נישט די ווערטער, וועט דער עולם אוודאי נישט פאַרשטיין!

— איז ערגער פאַר אונדז... פונדעסטוועגן גיט עס אונדז נישט קיין רעכט צו ענדערן פּרצן... ער פאַרשטייט דאָך יאָ, וואָס ער וויל דערמיט זאָגן, ער וואַרפט נישט קיין ווערטער אויפן ווינט... געדענקט, ס'איז פּרץ...

אויף יעדער נאָכמיטאָג־פּראָבע איז פּרץ אליין געקומען. מען האָט אויפסניי אָנגעהויבן איבערצומאכן סצענעס. א חנאהדיק שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים ווען ישראל דער גבאי האָט געפּרווט משפּיע זיין דעם אלטן צדיק:

— אזוי... אזוי... דריק אויף אים... דערדריק אים...

ישראל אטאקירט מיט דעם צדיקס אבות, מיט מלאכים און פון זיי קריכט ארויס: דער הויף, חסידים, געשעפטן, ישראלס תקיפות און מאכטגיריקייט; דער אלטער צדיק רעדט וועגן נשמה, ספקות, פּיין און פון די ווערטער פילט זיך ארויס שקיעה, אונטערגאַנג, אומגלויבן.

— דאָס איז עס... דאָס וויל איך... — מורמלט פּרץ.

אָבער אָט קומט ישׂראל אריבער צו יהונתנען, און שטוב פֿון זיין שווער דעם מתנגד, פּרץ הייבט אָן צו ציען מיט די ברעמען, דרייען זיך אויפֿן בענקל. פּלוצלינג רייסט ער שאַרף איבער:

— גיין, ס'טויג נישט... ס'איז נישט דאָס... אפֿשר בין איך שולדיק. לאָמיר איבערמאַכן די סצענע...

ער שלעפּט אַרויס דעם טעקסט פֿון פֿישערס הענט, ענדערט, שלייפֿט, שרייבט ווידער צו. די אַקטיאָרן שטייען אַנגעצויגן, שמועסן זיך דורך אין דער שטיל. אַ געשפּאַנטע רואיקייט, וואָס דעקט דעם קוים באַהערשטן געוויין־אויסברוך. פֿישער שרייבט אויף גיך איבער די געענדערטע סצענעס און די אַקטיאָרן הייבן אָן איינצולערנען פֿון דאָס ניי.

פּרץ קאָנטראָלירט גלייך די טעקסטן, וואָס ווערן איבערגעשריבן דורך פֿישערן און ציט ארויף די ברעמען מיט פֿאַרוואונדערונג: איין טעקסט ווערט איבערגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות. אַ פֿרעגנדיקער בליק צו אסתר־רחלען.

— ער קען נישט לייענען קיין יידיש... — רוימט אים אסתר־רחל איין אויפֿן אויער.

פּרץ ציט מיט די אַקסלען. ער איז אויסער זיך:

— ממע! יידישע קינסטלער!

ער קוקט שוין שאַרף־פֿאָרשנדיק אויף די איבעריקע אַקטיאָרן. אָבסערווירט, ווי אַזוי ווער עס לייענט דעם טעקסט, ווי עס קומט עמעצן אָן, וואָס עס דריקט אויס זיין פּנים ביים איבערלייענען. אַזוי קוקנדיק, באַמערקט ער, ווי איינער פֿון די אַקטיאָרן קוקט אין טעקסט, ווי אַ האָן אין בני־אדם. באַלד כאַפּט ער אויף פֿישערס צוגעדריקטע שטים און הערט, ווי פֿישער סופֿלירט יעדעם וואָרט דעם אַקטיאָר.

— וואָס איז דאָס ווידער?

— ער קען בכלל נישט לייענען... — ענטפֿערט אסתר־רחל.

— אָרעם, אָרעם יידיש טעאַטער. —

פּרץ האָט דערזען דעם צער אין אסתר־רחלס אויגן, האָט ער צוגעגעבן, ווי וועלנדיק איר פֿאַרגיטיקן:

— און אַזוי רייך אין טאַלאַנטן...

די פּראָבן זענען געגאַנגען אַלץ גערוועזער. אַלץ עפּטער איז פּרץ געקומען מיט ענדערונגען — צוגעשריבן, אראָפּגענומען, אסתר־רחל האָט אים געפּרוווט צו דערווייזן:

— דאָס קאָן נאָך ערגער מאַכן... זיי וועלן פּלאָנטערן... נישט באַוויזן צו באַהערשן דעם נייעם טעקסט...

— איך זע דאָך אָבער, אַז אזוי טויג נישט... מוז מען ענדערן... היינט געפעלט עס מיר נישט... אַז מען דאַרף קאָן איך צען מאָל ענדערן איין זאַך.

— אויפן פּאַפּיר לאָזט עס זיך לייכט מאַכן. מענטשן, אַקטיאָרן מוזן זיך איינלעבן... איבערלעבן... ס'קאָן ביי זיי ווערן אַ צעמישעניש.

— וואַרט, איך וועל זיי אַליין וויַיזן, ווי אזוי עס צו מאַכן...

פּרץ איז אַרויף אויף דער בינע, געגעבן צו פאַרשטיין דעם אַקטיאָר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און איבער האָט געזען, אַז יענער קוקט אויף אים מיט טעמפּע, נישט-פאַרשטייענדיקע אויגן, האָט ער זיך אַליין באַ-מיט אָפּצושפּילן די סצענע. זיין באַוועגלעכע פיגור, וואָס האָט — טראָץ דער פולבייבלעכקייט — זיך אויסגעצייכנט מיט עלאַסטישקייט און יונגט-לעבן חן, איז געוואָרן האַמעטנע, נאָר די שטים האָט אומגעהויער גע-ווירקט. אינטאָנאַציעס האָבן געהאַט אַ קלאַנגפולע פאַרביקייט און אַן אויסדרוק, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט פייער-שפּריצן פון די אויגן. דעם אויסדרוק האָבן אַקטיאָרן אפילו זיך באַמיט אויפצוכאַפּן צוזאַמען מיט די אינטאָנאַציעס, ס'איז אָבער אַרויסגעקומען בלויז נאָכמאַכעניש.

פּרץ האָט זיך באַמיט פאַר די אַקטיאָרן צו אילוסטרירן דעם אי-נערלעכן געראַנגל פון אַלטן רבין, די ספקות פון זיין זון, די אויפברויזן פון אייניקל. דאָס תקיפות און די האַרצלאָזע קעלט פון ישראל דעם גבאי. אַרויסגעקומען איז ביי אים עפּעס אַנדערש, ווי ער האָט געטראַכט און ביי די אַקטיאָרן — עפּעס אַנדערש, ווי פּרץ האָט געוואָלט. אסתר-רחל האָט זיך באַמיט זיינע געדאַנקען געבן צו פאַרשטיין די אַקטיאָרן אויף זייער שפּראַך, אויסגעטייטשט זיי מיט פּרימיטיוו-טעבנישע באַצייכענונ-גען. האָבן זיך צוביסלעך אָנגעהויבן צו באַוויַיזן פאַרגאַנצטע סצענעס, בעת וועלכע פּרץ האָט אויפגעלויכטן. אין אזא מאָמענט האָט ער מסכים גע-ווען צו לאָזן די פּרעמיערע. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפיש. נאָכדעם האָט פּרץ ווידער אָנגעהויבן איבערצואַרבעטן און ענדערן גאַנצע סצענעס...

12

דער 26 אַפּריל 1906 איז געווען דער יום-טובדיקסטער טאָג אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע.

צום „זשאַרדען ד'היווער" האָבן געשטראָמט מענטשן, וואָס האָבן נאָך ביז דאַן אפילו נישט געהאַט געזען די דאָזיקע גרויסע, אומהיימלעכע בו-דע. די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט איז געווען אין קאָמפּלעט. פּרצס פריינד

און שונאים, פאַרערער און קעגנער. אפילו דער שמאַלצער נחום סאָקאָ־לאָוו, וואָס האָט געפירט אַ שאַרפן וואָרט־ און פעדער־געפעכט מיט פּרצן, האָט זיך מטריח־געווען אין דער באַגלייטונג פון זיין סוויטע. ער האָט מיט נייגיר געקוקט אויפן פאַרביקן עולם און שטילערהייט געמאַכט איראָנישע באַמערקונגען צו זיינע באַגלייטער.

די לעצטע רייען זענען פול געפּאַקט געווען מיט די שטענדיקע באַ־זוכער — די וואַרשעווער אַרבעטער־יוגנט. אין די מיטלסטע רייען האָט מען געזען אַ געזעצטן, באַלעבאַטישן עולם, צעוואָרפן האָבן זיך גע־שוואַרצט אַסך קיילעכדיקע היטלעך. שטילע שמועסן האָבן זיך געטראָגן צווישן די בענק, ביז ס'איז אָנגעקומען פּרץ מיט אַ גרויסער מחנה באַ־גלייטער. זיין גאַנצע משפּחה איז געווען, דינעזאָן, נאָמבערג, יונגע שריי־בער, קאַנדידאַטן אויף שרייבער און פאַרערער פון פּרצן. פּרץ איז אַרומ־געגאַנגען אַ יום־טובדיק אויפגעהייטערטער איבערן פאַיע, שמייכלענדיק זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע, פריינדלעך געענטפערט אויף באַגריסונגען. די אויגן זיינע האָבן געוואָרפן פונקען אויף רעכטס און אויף לינקס.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען בעל־מחשבות, וואָס האָט כסדר פאַ־ראַכטן די ברילן און באַמיט זיך אין עפּעס צו איבערצייגן נח פּרילוצקין, וועלכער האָט אים היציק געוואָלט דערווייזן דאָס פאַרקערטע. גרופּקעלעך מענטשן זענען געשטאַנען ביי די ווענט, אַרומגעדרייט זיך אינמיטן פאַיע. אַלע האָבן געשפּאַנט געוואַרט אויף דעם נייעם, וואָס דאַרף זיך באַווייזן פון יענער זייט פאָרהאַנג.

פאַר אסתּר־רחלען אין דער טאָג געווען אַ תּענית, קיין ביסן איז ניִשט אַדורך דורך איר קעל. זי האָט געפיבערט מיט די איבערלעבונגען פון דעם רבינס אייניקל, לאה, מיט איר בונט קעגן דער הערשאַפט פון זיידן און דעם פּחד פון אורזיידעס — דער גאַנצער קייט צדיקים, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג צו דער זון. נאָר יעדע רגע האָט זי זיך אַליין גע־מוזט אַרויסרייסן פון אירע איבערלעבונגען. דער אַקטיאָר איז ניִשט גע־ווען אַזוי אָנגעטאָן, יענער איז געווען שלעכט געשמינקט. זי האָט כסדר געזען עפּעס אַנדערש, ווי זי האָט זיך אויסגעמאָלן אויף די פּראָבן, איר נערוועזיטעט האָט דעריבער אָנגעהויבן נאָכמער צו שטייגן.

אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל, ווען ס'איז אַרויף דער פאָרהאַנג און ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געשטאַלטן. שפּיל און שטי־מונגספול זענען אָפּגעשפּילט געוואָרן די ערשטע סצענעס, אַ נייער אָטעם האָט געהויכט פון דער בינע. עס דערגייט צו דער דראַמאַטישער סצענע צווישן זיידן און אייניקל. פון אסתּר־רחלס מויל הייבן אָן צו פאַלן שאַרפע באַשולדיקונג־ווערטער קעגן דער חסידישער פינצטערניש און רבישער

מאַכט. אין זאַל האָט עמעצער אַ שטאַרקן הוסט=געטאָן. באַלד האָבן זיך דערהערט פון פאַרשידענע בענק שאַרפע הוסטנדיקע ענטפערס. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויף די סקריפענדיקע בענק.

די אַקטיאָרן זענען געוואָרן נערוועז. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זייערע ווערטער דערגייען נישט אין זאַל אַריין. זיי האָבן געהויבן דעם טאָן, אַריינגעפאַלן אין געשרייען. די אויפרעגונג אויף דער בינע איז געשטיגן. מען האָט אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן די ווערטער. דער סופליאָר האָט זיך אַליין שטאַרקער געלאָזט הערן, מען האָט אים שוין געהערט אין גאָר ווייטע רייען אין זאַל.

אסתר=רחל האָט גלייך געפילט, אַז די פאָרשטעלונג גייט אַראָפּ פון טאָן. זי האָט זיך באַמיט עס צו טושירן, זענען אירע ווערטער פאַרפאַלן געוואָרן אויף דער בינע. נישט פילנדיק עס, האָט זי זיך געלאָזט באַאיינפלוסן פון אַלגעמיינעם טאָן, אַריינגעפאַלן אין מעלאָדראַמישע טענער. דאָס האָט זי נאָכמער געערגערט, אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט.

אַ קעלט האָט זיך געטראָגן פון זאַל צו דער בינע. די אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר שטימונגס=פויזעס, צו כאַפּן די רייד, אונטערשטרייכן ווערטער — וואָס האָבן זיי אויסגעזען צו זיין שוואַך — מיט איבערגעטריבענע העוויות, מיט קרימעניש פון פּנים, דרייען מיט די אויגן.

די קאַלטקייט פון זאַל איז גאָרנישט קלענער געוואָרן אין לויף פון די אַקטן. די פאָרשטעלונג איז דורכגעפאַלן.

פּרץ איז אין דער באַגלייטונג פון זיין פאַמיליע, אַרויסגעלאָפן פון טעאַטער גלייך נאָכן פאַלן פון לעצטן פירהאַנג. זיין ברייטע פעלערינע האָט געפאָכעט מיט צוויי שוואַרצע פליגל. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער ערשטער אָנגעטראָפענער דראָזשקע, קוים אָנגעיאָגט דורך זיינע מקורבים, אַ וואָרף געטאָן דעם דראָזשקאַזש:

— צעגלאַנאַ!

און קיין וואָרט מער נישט אַרויסגעזאָגט דורכן גאַנצן וועג.

אסתר=רחל האָט געפילט, אַז די פאָרשטעלונג איז פאַרדינט דורכגעפאַלן. זי האָט זיך אָבער גלייך געגריבלט אין די סיבות, וועלנדיק דערגיין, צוליב וועמענס שולד דאָס איז געשען. מיט פאַרדרוס האָט זי געריסן דעם זוים פון אַ נאָז=טיכל, פון וועלכן ס'זענען גיך פאַרבליבן צעוואָרפענע צויטן.

צומאָרגנס האָט פּישזאָן טריומפירנדיק מקבל=פּנים געווען קאַמינסקין אין טעאַטער:

— נאַ, לייענט!

צענדליקער דראָונג=בריוו, אונטערגעשריבענע: „אַ גרופּע יידישע יונ=

געליים" „חרדים", „חסידים", „דעם רבינס מענטשן", „אמתע יידן", „פרומע יידן" — האָבן אָנגעזאָגט, אז אויב מען וועט זיך דערוועגן ווײַטער צו שפּילן די פּיעסע, וועלן זיי פּאַנאַנדערטראָגן דאָס טעאַטער... זיי וועלן נישט דערלאָזן צו אַזאַ חילול־הקודש.

אהיימקומענדיק מיט א שווער געמיט האָט ער שוין געטראָפן דינעזאָנען, וועלכער האָט זיך באַמיט צו בארואיקן אסתר־רחלען. ער איז געקומען אין פּרצס נאָמען צו צונעמען ביי איר די פּיעסע.

— אסתר־רחל האָט זיך געווערט:

— מיר וועלן נאָך פּרובירן... זאָל דער הער פּרץ נאָכאַמאָל איבעראַרבעטן... ער האָט איצט געגוי געזען די פעלערן, אפשר קאָן ער עס פאַרבעסערן...

דינעזאָן האָט מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ס'איז נישט קיין פראַגע פון פאַרבעסערן... מיר האָבן אַלע אַ טעות געהאט. איך האָב געמיינט, אז עס איז גוט פאַרן טעאַטער, ווייל עס איז געשריבן אין א טעאַטער־פאָרם... איר האָט געמיינט, אז עס איז גוט פאַר אייך, ווייל פּרץ האָט עס אָנגעשריבן... און פּרץ האָט געמיינט, אז איר וועט קאָנען דערזאָגן דאָס, אויף וואָס ער האָט נאָר געגעבן רמזים... איז דער שידוך נישט געלונגען... ווייזט אויס, נאָך נישט די צייט פאַר פּרצן אין טעאַטער און פאַר אונדזער טעאַטער צו פּרצן...

קאַמינסקי האָט נאָך פאַרשטאַרקט דינעזאָנס ארגומענטן:

— און אונדזער עולם... איר ווייסט, וואָס פאַרא דראָונג־בריוו מיר האָבן דערהאַלטן?

— כ'וויס, כ'וויס... פּרץ האָט זיך שוין אויך גענוג אָנגעהערט... די באַלעבאַטים אין דער גמינע האָבן שוין געזאָגט אַ וואָרט... ער איז שרעקלעך אויפגערעגט...

אסתר־רחלס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— איך וואָלט זיך דערפאַר מאַקע נישט דערשראָקן... איך וואָלט זיך נישט אונטערגעגעבן.

א ווייטיקלעך שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן אויף דינעזאָנס פּנים:

— איר זענט נאָך יונג... אייער בלוט קאָכט נאָך שטאַרקער... אָבער מיר, אַלטע, מיר פאַרשטייען: די צייט איז נאָך נישט געקומען...

VIII

דער שטערן שיינט אויף

1

דער דורכפאַל פון „נסיון" איז פאַר פּישזאָנען געווען אַ טריומף.

— אַז זיי פאַרטרייבן דעם עולם פון טעאַטער מיט זייער ליטעראַטור, די פאַרפעדערטע קעפּ! — האָט ער שוואַרץ אויף ווייס אויפגעוויזן די אַקטיאָרן.

פּישזאָנס אַלע אָנגריפן איז אויסגעשטאַנען קאַמינסקי. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרהיטן אסתר־רחלען פון שמועסן מיט פּישזאָנען. אַברהם־יצחק האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועט עס זיך נישט לאָזן, ס'וועט מוזן קומען צו אַן אויסברוך און ער האָט דעריבער שטילערהייט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט זאַנדבערגן אין לאָדזש.

יצחק זאַנדבערג, דער לאָדזשער דירעקטאָר, האָט געהאַט אויף אַברהם־יצחקן אַ בייז האַרץ נאָך פון יענע יאָרן, ווען זאַנדבערג איז גע־ווען אַן אַקטיאָר ביי קאַמינסקין. ער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקן סענ־טימענט פאַר אסתר־רחלען, וועלכע האָט זיך דאַן אָנגענומען פאַר אים און ער האָט שטאַרק געגלייבט אין אסתר־רחלעס טאַלאַנט. ס'האָט אים דעריבער נישט געאַרט, וואָס די לעצטע אויפפירונגען פון „ליטעראַרישע פּיעסן" האָבן „נישט געבליצט", לאָדזש קאָנען זיי דווקא יאָ געפעלן. זיין טעאַטער איז נישט די וואַרשעווער בודע.

דורך דעם קנאַפּ יאָר, וואָס זאַנדבערג האָט געפירט דאָס גרויסע טעאַטער אויף קאָנסטאַנטינער גאַס, האָט זיך דאָס טעאַטער טאַקע געהאַט דערוואָרבן אַ שם. סיי ביים לאָדזשער עולם, סיי ביי די אַקטיאָרן אין גאַנצן לאַנד. זאַנדבערג אַליין איז באַוואַקסן מיט פעדערן. זיין וואָרט איז געווען אַ קאָנטראַקט, ווייל ער האָט אַלץ געטאָן, כדי צו האַלטן וואָרט.

אויסער דעם האָט ער איינגעפירט אין טעאַטער אַן אייזערנע דיסציפּלין און ס׳האָט געהערשט אָרדנונג, נישט געקוקט אויף דער גרויסער טרופּע מיטן כאָר און אָרקעסטער. ער האָט געזוכט אין זיין טעאַטער אַריין גוטע אַקטיאָרן, צוציענדיק זיי מיט שיינע גאַזשעס, וועלכע ער האָט געצאָלט. די פאָרשטעלונגען האָט ער געגעבן רייכע, שיינע אויסשטאַטונגען, באַמיט זיך איבערצושטייגן אַלע יידישע טעאַטערס אין פּוילן.

— ער האָט געטראָפן מיטן טאַטן! — האָבן זיך אַקטיאָרן געוויצלט, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז לאָדזש איז אַ גוטע שטאָט.

דאָס איז טאַקע ריכטיק געווען: לאָדזש איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע צענטערס פאַר יידיש טעאַטער. די שטאָט איז געוואַקסן, ווי אויף הייוון. ס׳איז געווען נאָך די קריטישע טעג פון יוני 1905, ווען די לאָדזשער ארבעטער האָבן געבויט באַריקאַדן אין די גאַסן פון שטאָט, ווען לאָדזש איז געווען איין גרויסער ווולקאַן. הונדערטער אַרבעטער זענען פאַרשיקט געוואָרן, אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסות. ס׳איז צעקלאַפּט געוואָרן דער פירנדיקער רוקנביין פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אַ חוץ דעם האָבן פאַרשטאַרקטע וואַכן פון פּאָליציי, געהיים־אַגענטן, שפּיצלעס און פּראָוואָקאַטאָרן, געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל נישט געשטערט ווערן די רו פון פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים.

נאָך דער מפּלה, וואָס ניקאָלאַיס גענעראַלן און אַדמיראַלן האָבן געליטן ביי פּאָרט־אַרטור האָט זיך איצט ווידער סטאַביליזירט דער ריזיקער רוסישער מאַרק און דער ווייט־מזרחדיקער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר דער לאָדזשער פּראָדוקציע: זענען געשאַפן געוואָרן אַלץ נייע פאַבריקן און פאַבריקלעך, וואָס האָבן געזוכט אויסצונוצן די קאָניונקטור.

פון די אַרומיקע שטעטלעך האָט די יוגנט אָנגעהויבן אַלץ מער צו ציען קיין לאָדזש, ווי זי האָט אַמאָל געהאַט געשטראָמט קיין וואַרשע. באַלעבאַטישע יונגעלייט מיט נדן האָבן זיך איינגעקויפט עטלעכע וועבשטולן, געדונגען אַ כאַטע אויף באַלוט, ווו די הילצערנע הייזלעך האָבן זיך אַרויפגערוקט איינס אויפן אַנדערן איבער די שמוציקע, נישט געפּלאַסטערטע גאַסן. יעדעס באַלעבעסל מיט אַ פּאָר וועב־שטולן האָט זיך אין זיין דמיון שוין געזען אלס קאָנקורענט פון פּאָזנאַנסקין, אָדער שייבלערן און דערוויל זיך אויסגעלערנט באַלעבאַטיש אויסצונוצן אַנדערע קליינשטעטלדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן מאַסנוויין געשטראָמט קיין לאָדזש נאָך אַרבעט. די יונגעלייט ווידער זענען די ערשטע צייט געווען צופרידן פון אַ פינצטער ווינקל אין אַ באַלוטער כאַטע, פון דער שווערסטער האָרעוואַניע ביי דער וועב־שטול, אבי פּטור צו ווערן דעם הונגער און די האָפּע־

נונגלאָזיקייט, וואָס האָט געהערשט אין די קליינע, אָפּשטאַרבנדיקע שטעטלעך.

פון ווייטערע מקומות, פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, זענען קיין לאָדזש אָנגעקומען הונדערטער יונגעליים, וואָיאַזשאָרן און בוכהאַלטאָרן, משכילים, וואָס האָבן שוין א נאָש־געטאָן פון אביסל וויסן. זיי האָבן זיך גיך איינ־געבירגערט אין דער וואַקסנדיקער שטאָט, אַראָפּגעבראַכט די משפחות, פאַרנומען דירות אין די גאַסן אַרום פּיאָטרקאָווער, ווו עס זענען כסדר געוואַקסן געמויערטע הייזער, געבויטע אויף גיך, אָן וואַסער און לופט — דער עיקר: די באַלעבאַטים זאָלן וואָס גיכער קאָנען זען פּראָצענטער פון זייערע אַריינגעלייגטע רובלס.

לענגאויס דער פּיאָטרקאָווער און גאָוואָמייסקע זענען געוואַקסן גע־וועלבער און געוועלבלעך. די מערהייט פון זיי זענען געווען אַ קעמערל די גרויס, דער קונה האָט זיך קוים געקאָנט אויסדרייען אין אַזאַ געוועלבל, אָבער מיט סחורה איז עס געווען אָנגעשטאָפּט פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט. אַרום די געוועלבער האָט געהערשט אַ באַוועגונג פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט: סוחרים, שפּילעטערן, מעקלערס. די משרתים האָבן אַרומגעהאַוועט אומאויפהערלעך, געשלעפּט סחורות פון אַלע ווינ־קעלער, באַוויזן מוסטערן.

די פּיאָטרקאָווער גאַס האָט אויסגעזען ווי איין ריזיקער מענטשן־שטראָם, בוואַליעס פון קעפּ, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך בעיקר געזען קיילעכדיקע, שוואַרצע היטעלעך. אין די אָווגטן האָט אַ גרויסער טייל פון דעם שטראָם א פלייץ־געטאָן צו זאַנדבערגן אין טעאַטער אריין.

זאַנדבערג האָט פאַרשטאַנען, ווי אזוי אריינצוציען די מענטשן און ווי אזוי זיי צו פאַרהאַלטן פאַר זיין טעאַטער: מען דאַרף כסדר געבן עפּעס נייעס, מיט עפּעס איבעראַשן, איבערשטייגן דאָס פריערדיקע. ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז אסתר־רחל מיט איר נייעם רעפּערטואַר, וועט זיין אַ גוטע אָפּוועקסלונג נאָך דער „היסטאָריע", אין וועלכער זאַנד־בערג אליין האָט זיך געפילט צוממיינסטן היימיש.

אברהם־יצחקן איז נישט לייכט אָנגעקומען צו פועלן ביי אסתר־רחלען אַ הסכמה אויף די גאַסטראָלן אין לאָדזש. ווידער פאַרלאָזן וואַרשע, אָפּרייסן רעגינען פון דער שול, אַרומשלעפּן אידעלען און יאַסעלען אָן אַ היים — ניין, זי וויל נישט!... אברהם־יצחק האָט געפּרווט אויף פאַר־שידענע אופנים: זאַנדבערג גיט זייער גוטע באַדינגונגען, לאָדזש איז גע־וואָרן א בעסערע טעאַטער־שטאָט, ווי וואַרשע... דאָס טעאַטער איז א פּאַלאַץ, נישט ווי די וואַרשעווער בודעס. די קינדער וועלן זיך נישט דאַרפן אַרומ־

שלעפן, זיי וועלן בלייבן אין דער היים מיט רבקהן... פון לאָדזש איז דאָך אַ קאַצן־שפּרונג קיין וואַרשע, סך־הכל דריי שעה רייזע...

— ווידער זיין אָן אַ היים! — האָט אסתּר־רחל געזיפצט.

דאָ איז שוין אַברהם־יצחק ארויס מיטן שטאַרקסטן אַרגומענט: זי מעג פאַרגעסן וועגן אַ וועלכן נישט איז ערנסטן פּרווו, אַזוי לאַנג ווי פּישזאָן וועט זיין זייער שותּף.

דאָס האָט געווירקט. זיי זענען געפאָרן אויף גאַסטראָלן קיין לאָדזש.

2

דער פורהאַנג איז געפאַלן נאָכן לעצטן אַקט. אסתּר־רחל האָט זיך אַ דערשעפּטע אויפגעהויבן פון כאַסיעס טויטן־בעט און זיך געשטעלט אין דער מיט בינע צווישן דעם אַנסאַמבל, גרייט צו פאַרנייגן זיך. זי האָט נאָך שווער געאָטעמט נאָך דער אָנשטרענגונג, לייכט אויסגעווישט די אויגן. שטראָמענווייז זענען די טרערן געפלאָסן פון כאַסיעס אויגן אין לעצטן אַקט. זי איז זיי נישט געווען בכוח צו באַהערשן. דער פאַרדרוס קעגן די רייכע קרובים איז ביי איר געווען אַזוי שטאַרק, אַז פון מויל האָבן זיך איר געריסן אַנדערע ווערטער ווי גאָרדינס, שווערע שטראָף־ווערטער, וועלכע זי האָט געמוזט מיט אַלע כוחות דערשטיקן אין זיך. אָבער דעם זין פון די נישט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָט זי אַריינגעלייגט אין כאַסיעס אויסגעשריי, אַז זי וויל נישט קאַראָלינע זאָל צונעמען איר קינד און אויסהאָדעווען זיך אַ נייע דינסט פאַר די גבירישע קרובים אויף מאַטערניש, פּלאָגן, דערנידעריקונג... דערנאָך האָבן זי שוין איינגעוויגט מאָטיע שטרייכלס ווערטער וועגן ביימעלע, וואָס איז זיך פריי געוואָקסן אין פעלד... אירע הענט האָבן זיך אַראָפּגעהאָנגען, ווי די צווייגן פון ווייַנענדיקע איוועס, ס'האָט זי איינגעוויגט דאָס מורמלען פון טייכעלע...

איצט איז זי צוביסלעך צו זיך געקומען. זי האָט געהערט די בראַוואָס פון יענער זייט פורהאַנג, טיף אָפּגעאָטעמט און געגעבן אַ צייכן דעם געהילף־רעזשיסער.

דער פורהאנג איז אַרויף. הונדערטער פאָר הענט האָבן זיך גיך געכוואַ־ליעט. פון הונדערטער מיילער האָבן זיך געטראָגן התלהבותדיקע אויסרופן:

— בראַוואָ, קאַמינסקאַ, ביס!

אזוי אָן אויפהער, מינוטנלאַנג, האָבן געדויערט די אויסרופן און פּאַטשערייען. אסתּר־רחל האָט זיך אָנגעהויבן אויפמערקזאַם איינצוהערן אין דעם פילהונדערטמיילערדיקן קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זאַל.

זי האָט דערפילט עפּעס עגלעכעס דערצו, וואָס זי האָט איבערגעלעבט מיט קנאַפּע פופצן יאָר צוריק אין „עלדאָראַדאָ“, בעת איר ערשטער פאָר־שטעלונג. זי האָט זיך דערפילט איינס מיט דעם דאָזיקן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַטער, איינע פון די הונדערטער צעפלאַמטע פּנימער, וואָס האָבן צו איר אַראָפּגעשייגט פון די באַלקאָנען ביז אַרויף צום פּערטן שטאָק.

אירע אויגן זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גלעזערנעם גלאַנץ און אַ ליכטיקער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף איר מיד פּנים. נישט־פילנדיק עס אַליין האָט זי שטאַרק צונויפגעדריקט די הענט און דאָן זיי אויסגעצויגן אין ביידע זייטן זאַל, ווי זי וואָלט אויסגערופן צו אַלע:

— איך בין אייערע! אייערע!

נייע מינוטן־לאַנגע אָוואַציעס האָבן געענטפערט אויף דער באַוועגונג. דער זאַל איז שוין געווען העל־באַלויכטן מיט דער פולער ליכט, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסבאַגלייטן דעם עולם פון טעאַטער און אסתר־רחל האָט נאָך אַלץ געזען פאַר זיך צעשטראַלטע פּנימער, גיך־באַוועגנדיקע זיך הענט.

זאַנדבערג איז געשטאַנען הינטער די קוליסן. אַן אָפענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין ברייט פּנים. ער האָט צופרידן געריבן די הענט:

— מאַדאַם קאַמינסקאַ, איך גראַטוליר אייך. איר האָט איינגענומען לאָדזש!

— לאָדזש האָט מיך געפאַנגען! — האָט אַ ציטער פון פרייד אַ קלונג־געטאָן אין אסתר־רחלס מידער שטים. — לאָדזש האָט מיר געגעבן איינעם פון די שענסטע אָוונטן אין מיין לעבן.

— אין ערגעץ וועט איר נישט געפינען אַזעלכע טעאַטער־פּאַטריאָטן, ווי אין לאָדזש! — האָט זאַנדבערג שטאָלצירט מיט זיין שטאָט.

זייער גיך האָט זיך אסתר־רחל איבערצייגט, אַז זאַנדבערג איז גע־רעכט.

ס׳האָט לאַנג ביי איר געדויערט דאָס אויסשמינקען, איבערטאָן זיך, און פונדעסטוועגן, ווען זי איז אַרויס פון הינטער די קוליסן אויף דער גאַס אַרויס, איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרגאַפטע, צודריקנדיק צום ברוסט דעם בוקעט בלומען, מיט וועלכן זי איז אַרויס: צענדליקער יונגעלייט און מיידלעך האָבן געוואַרט די גאַנצע צייט און זי מקבל־פּנים געווען מיט אַ „הוראַ“, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין טויער. אסתר־רחל האָט זיך אָנגע־הויבן צו נייגן אין אַלע זייטן און געפּליסטערט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— איך דאַנק אייך! מיינע טייערע! אַ דאַנק!

— זאָל לעבן די קאַמינסקאַ! — האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער אויס־

דוף פון א יונגער מענער־שטים. באלד איז זי אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך צענדליקער שטימען פון אַנדערע:

— זאָל לעבן אונדזער קאַמינסקאַ!

— אייערע! אייערע! — האָט אסתּר־רחל געפּליסטערט, אַנטקעגנ־טראָגנדיק זיי דעם שיין פון פרייריקע טרערן.

זי האָט דורך די טרערן זיך באַמיט צו באַטראַכטן די פּנימער פון די אַרומיקע: יונגעלייט און מיידלעך — זיכער פון די וועבער־שטולן, פון מאַשינען, פון וואַרשטאַטן. אַ גאַנצן טאָג זיך מן־הסתּם געבויגן אונטערן יאָך פון שווערער אַרבעט. ענלעכע פּנימער צו די, וועלכע זי האָט טאָג־טעגלעך געזען אין דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק, אין די וואַרשטאַטן, וווּ זי האָט געאַרבעט... ווי ענלעך ס'איז דאָס מיידל צו לאהן! דער יונגערמאַן — צום בלאָנדן וואַרשעווער מעטאַל־אַרבעטער, יענער — צו אַ שניידער־געזעלן אין אַן אוקראַיניש שטעטל... און דאָס — שפּרינצע! אינגאַנצן שפּרינצע! דאָס פייער אין די אויגן, אַנטשלאָסנקייט אין די מויל־קנייטשן — שפּרינצע מיט צוואַנציק יאָר צוריק!...

אסתּר־רחל האָט זיך געדרייט אומבאַהאָלפן, נישט געוואָלט צו עמעצן בלייבן אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, אָבער דאָס יונגוואַרג האָט כּסדר געבילדעט אַ ראָד אַרום איר. האָט זי געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער נאָענטסטער גרופּע, פאַנאַנדערגענומען די בלומען פון בוקעט און צעטיילט אויף בלינד די בלומען. דער קרייז אַרום איר איז געוואָרן אַלץ ענגער, צעהיצטער, יעדער האָט געוואָלט זיין וואָס נענטער צו אסתּר־רחלען. דער שטראָם פון יונגוואַרג האָט, איינשלינגענדיק אסתּר־רחלס באַגלייטער, אַלע אַוועקגעטראָגן אין דער ריכטונג פון האָטעל.

3

— ס'איז גרויס! גרויס! דער גרעסטער שלאַגער! אָבער יעדע וואָך מוזט איר שטעלן אַ נייע פּיעסע, — האָט זאַנדבערג איינגעטענהט אין קאַמינסקין. — איך קען מיינע לאָדזשער, גלייבט מיר. פאַראַן ביי אונדז יונגעלייט און פּרייליגס, וואָס גייען יעדע וואָך אין טעאַטער אַריין. שטאָם־געסט... טעאַטער איז ביי זיי, ווי ביי אַ פרומען יידן אַ שול, אמת. פּרוווט אָבער דעם יידן צו ווייזן אַ וועג, אַז מען קאָן נישט גיין אין שול אַריין, אַז מען קאָן א פּאָר מאָל דורכלאָזן האַווענען קאָן ער זייער גיך פאַרלירן זיין עולם־הבא, בכלל אויפהערן צו דאַווענען... אַזוי איז מיט אונדזער עולם. גיט אים נישט יעדע וואָך אַ נייע פּיעסע, קאָן ער אויפהערן צו גיין אין

טעאַטער אַריין. אַז ער וועט גאָר איינמאָל זאָגן אַ שבת: „ע, דאָס האָב איך שוין געזען!“ קאָנען מיר אים בכלל פאַרלירן פאַר א קונה. גיט נייע סחורה, פאַניע קאַמינסקי, וועלן גיין די געשעפטן.

קאַמינסקי האָט געהאַט די זעלבע מיינונג, וואָס זאַנדבערג, אָבער אסתר־רחל האָט זיך געפּרוווט אַנטקעגנשטעלן.

— יעדע וואָך אַ פּיעסע? ווי קאָן מען עס צוגרייטן, צוגויפשפּילן זיך מיט די אַקטיאָרן? אַז די פאָרשטעלונג וועט נישט קלאַפּן, די אַקטיאָרן וועלן זיין רוי אין די ראָלן, וואָס פאַר אַ פּנים וועלן זיי האָבן?

— דער עולם קומט זען אייך, מאַמע, נישט די אַקטיאָרן, — האָט זאַנדבערג אָפּגעפּסקנט.

זענען טאָג־טעגלעך געגאַנגען פיבערדיקע פּראָבן. אסתר־רחל איז געווען שטרענג, פאַרלאַנגט, אַז די אַקטיאָרן זאָלן קענען די ראָלן, זיי זאָלן וויסן וועגן זיי זענען און וואָס זיי טוען אויף דער בינע.

— דערלאַנגט נישט קיין פּראָזע, קינדער, נאָר שפּילט, שאַפט גע־שטאַלטן.

די אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקען צווישן זיך:

— אַ מאַמע? צו אונדז איז זי אַ שטיף־מאַמע. קאַטאָרגע האָבן מיר ביי איר.

אסתר־רחל איז געווען אויסער זיך, ווען מען האָט עס איר איבער־געגעבן.

— ס'טייטש! איך טו עס דאָך פאַר אייער טובה־וועגן. איר זאָלט אויך האָבן אַ פּנים אויף דער בינע.

זי האָט אָבער געפילט, אַז ס'האָט ווייניק ווערטן פון זיי איבער־צייגט. אַ וואַנט פון אומצופרידנקייט וואַקסט. די שטימונג איז אַ פאַרסמטע צווישן די אַקטיאָרן. דאָס האָט זי געמאַכט נאָך נערוועזער. זי האָט אָנגע־הויבן צו ליידן פון שטאַרקע קאָפּ־ווייטיקן. קאַמינסקי האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— ס'לוינט זיך אַזוי איבערצונעמען! וועלן זיי נישט טויגן אין די ראָלן, א האגה מיר... כ'גיי זיך מיט זיי משדך זיין אויף אייביק?

— אָבער ווי קאָנען מיר שפּילן גוט, ווען אַלץ אַרום וועט זיין שלעכט?

— אַז מיר וועלן האָבן אַן אייגענע טרופּע, וועלן מיר זיך דאָרט פירן, ווי אונדז וועט געפעלן.

— אוי, אברהם־יצחק! — האָט זיך אסתר־רחל געטראַכט, — ס'ציט דיך שוין ווידער צו ווערן באַלעבאָס, דירעקטאָר, פירן אַ טעאַטער! ווייניק צרות האָסטו שוין געהאַט דערפון, ווייניק שונאים זיך פאַרשאַפט?... נאָר דאָסמאָל ביסטו אפשר גערעכט, מאַן מיינער! מען דאַרף טאַקע

האָבן אַן אייגענע טרופּע, כדי צו קאָנען שפּילן אַזוי, ווי מען וויל... אַזוי ווי מען דאַרף... — האָט זי פֿאַרענדיקט די טראַכטעניש, אַליין נאָך נישט האָבנדיק די זיכערקייט, צי מען דאַרף טאַקע אַזוי, ווי זי וויל.

אינגיכן האָט זי זיך איבערצייגט, אַז נישט די ערגערגישן אין טעאַטער זענען געווען די איינציקע סיבה פֿון אירע קאַץ־וויטיקן, פֿון די שלאָפֿלאָזע נעכט, אַז אויך אברהם־יצחק מאַטערט זיך מיט שלאָפֿלאָזיקייט, האָט שטאַרקער אָנגעהויבן צו הוסטן, שטיקט זיך אָפּט.

— אַ שרעקלעכע לופֿט ביי אייך, פֿאַניע זאַנדבערג...

— דאָס איז לאָדזש, — האָט זאַנדבערג געלאַכט דערפֿון. — מיר באַגייען זיך אָן קאַנאַליזאַציע, אָן גרינס. דאָ זוכט מען נישט קיין פֿרישע לופֿט, דאָ זוכט מען צו מאַכן אַ רובל!

— אָבער ווי קאָנען מענטשן לעבן אין אַזאַ לופֿט?

— איר זעט דאָך! — האָט זיך זאַנדבערג שטאַרק צעלאַכט און פֿאַרגאַנגען אין אַן אַסטמאַטישן הוסט.

אסתּר־רחל האָט עס טאַקע געזען, נאָר זי האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען. אַזאַ גרויסע שטאָט און מענטשן זאָלן אַזוי טאָג־טעגלעך איינעטעמען אין זיך סם!

זי האָט די פֿראַגע אָנגעהויבן צו שטעלן אַקטיאָרן, סתם באַקאַנטע און יעדער האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אָדער זיך אַרויס־געדרייט פֿון אַן ענטפֿער.

געענטפֿערט האָט נאָר דער בוכאַלטער גרינבערג, פֿון וועלכן די גאַנ־צע טעאַטער־וועלט האָט געהאַלטן: „אַ ייד אַ חכם“, אַ ווילער ייד... און גלייכצייטיק מורא געהאַט צו זיין צופֿיל אין זיין געזעלשאַפֿט: מען שמו־עסט, אַז ער איז אַ „פּאָליטישער“, ביי דער פּאָליציי אויפֿן אויג.

גרינבערג, אַ ליטווישער ייד, וואָס איז געוואָרן אַ לאָדזשער תּושב און געהערט צו זאַנדבערגס שטאָם־געסט, אַ ליבהאָבער פֿון אַקטיאָרן. וואָס האָט אין די פֿרייע מינוטן ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען אין זייער געזעל־שאַפֿט, האָט עס אַמאָל, ביי אַ גלעזל טיי, געגעבן צו פֿאַרשטיין אסתּר־רחלען:

— אַזאַ גרויסע שטאָט אָן וואַסער, אָן אַ טייך... פֿון אַלע הייזער פֿליסט אַראָפּ דער שמוץ אין די אָפֿענע רינשטאָקן. פֿון די פֿאַבריקן פֿליסט אָפּ דער סם פֿון כעמיקאַליען, פֿאַרבן. פֿון די פֿאַבריק־קוימענס טראָגט זיך אַ רויך איבער דער שטאָט און העלפֿט נאָך צו צו דעם ריח־ניחוח.. אָט האָט איר זיך די לאָדזשער לופֿט.

— דאָס איז דאָך אָבער אַ שרעקלעכע זאַך. דאָס קאָן אַרויסרופֿן עפּידעמיעס, קראַנקהייטן. ווי האָט עס זיך אין אונדזערע צייטן פֿאַנאַנ־

דערגעבויט אזא ריזן־שטאָט, אָן די נויטיקסטע באַקוועמלעכקייטן, אז מענטשן זאָלן קאָנען עטעמען?

— אַזוי פירט זיך די וועלט, מאַדאַם קאַמינסקאַ. לאָדזש וואַקסט, ווייל די פּאַבריקן וואַקסן. די פאַבריקן, דאָס הייסט: סחורה, אויף וועלכער עס וואַרט אַ ריזיקער, נישט־געזעטיקטער אַפּזאַץ־מאַרק. געפינען אַ וועג צום אַפּזאַץ־מאַרק, פאַרכאַפּן אַן אָרט אויף אים, דאָס הייסט: מאַכן קאַפּיטאַלן. די לאָדזשער פאַבריקן, הייזער, גאַסן, דאָס אַלץ איז געוואַקסן, כדי צו מאַכן קאַפּיטאַלן. געלט, דאָס איז אזא זאַך, וואָס שלעפּט אריין אין אימפּעט. וואָס שנעלער, וואָס גיכער רייכער ווערן, מאָרגן קאָן עס אויסכאַפּן דער קאָנקורענט. גייט א ווילדער געיעג נאָך געלט. א שאָד אַ רגע. נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן באַקוועמלעכקייטן, געזונט. דאָס געלט וואַרט. כאַפּ עס, אַז נישט וועלן אַנדערע צוכאַפּן.

— לאָמיר זאָגן: אַזוי טראַכטן די פּאַבריקאַנטן, די גרויסע סוחרים. זיי זענען דאָך אָבער קליין אין צאָל. און די יידן פון קליינע געוועלבלעך, די האַנטווערקער, משרתים, אַרבעטער... פאַר זיי ליגט דאָך נישט דאָס געלט אויף דער גאַס... — האָט אים אסתר־רחל דערווידערט.

— די פון די קליינע געוועלבלעך חלומען, אַז זיי וועלן ווערן גרויסע סוחרים. אויך זיי ווילן וואָס מער אַריינכאַפּן. ווער שמועסט נאָך, אַ יונגערמאַן האָט אַ פּאָר וועב־שטולן, פילט ער זיך שוין מעשה פאַבריקאַנט... אי, די משרתים, האַנטווערקער, אַרבעטער? זיי זוכן דאָס שטיקל ברויט. דאָ קאָנען זיי אים לייכטער געפינען. אין די שטעטלעך זייערע איז ער נישטאָ... וואָס זאָלן זיי טאָן? זיי האָבן דען א ברירה זיך אויסצוקלייבן?

אין זיין שטים האָט געקלונגען א טיפער מיטגעפיל צו די אלע, וואָס האָבן נישט קיין ברירה. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, ער האָט איצט גערעדט געפּרעסטער און געדעמפטער:

— זייט איר שוין געווען אויף באַלוט? ניין? אַ שאָד! גייט אויף טשיקאַוואָסט אהין און קוקט אייך צו, ווי מענטשן לעבן. די האָר שטעלן זיך קאַפּויער, איר הערט? אָן גוזמא...

ער האָט געפּאָרשט אויף אסתר־רחלס פּנים דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער. דאָס, וואָס ער האָט אויסגעלייענט אין אירע אויגן, האָט אים געגעבן קוראַזש ווייטער צו רעדן שטיל, כמעט פליסטערנדיק.:

— קוקט אויף די באַלוטער הייזקעס און באַקוקט אייך פּאָזנאַנסקיס פּאַלאַץ, אַ שטייגער. אָט האָט איר אַ בילד פון לאָדזש. אויף באַלוטער שוויים זענען אויסגעוואַקסן די לאָדזשער פאַבריקן און פּאַלאַצן... באַלוטער שוויים שמעלצט זיך איבער אין גאָלד. אין די רינשטאָקן פּליסט טאַקע געסרחה, אָבער אין די קאַסעס פון די פאַבריקאַנטן און סוחרים

פּליסט גאָלד. וואָס מער שוויים, אַלץ מער גאָלד. איז ווידער די זעלבע מעשה: ווער דאַרף דאָ וואַסער? שוויים דאַרף מען...

מוראשקעס זענען אַסתר־רחלען א דורך איבערן לייב. זי האָט בולט דערפילט די לופט פון דער פּאַפּיראָסן־פאַבריק, דערזען פאַר זיך די אויסגעלאָשענע פּנימער פון אירע הברטעס... אין גרינגבערגס ווערטער האָט זי געהערט זייער טרוקענעם הוסט... ס'האָט אָנגעהויבן אויפצוואַקסן פאַר אירע אויגן אַ שווידערלעך בילד פון אַ גאַנצער שטאָט, וואָס הוסט, צענדליקער טויזנטער...

— שרעקלעך! — האָט זי געזאָגט.

— האָס הייסט קאַפּיטאַליזם! — האָט איר שטיל געשעפּטשעט גרינ־בערגס שטים. — קאַפּיטאַליזם און זיינע וועלפישע געזעצן, מאַדאַם קאַמינסקאַ.

4

— מיר הייבן ווידער אָן צו שפּילן אין וואַרשע און אָן פּישזאָנען! — האָט אַברהם־יצחק זי דערפרייט מיט אַ בשורה. — מיר וועלן אָנהייבן אין „זשאַרדען ד'היווער“, אָבער עס זענען דאָ אויסזיכטן צו קריגן דעם „עליזעום“ אויף קאַראָווע גאַס, וועט מען קאָנען שפּילן טעאַטער, ווי מיר ווילן. אַ טרופּע וועט זיין, ווי דו האָסט ליב: סאָניע עדעלמאַן, ווייסמאַן מיט דער יערמאַלינע, ראַפּעל, ס׳עראַצקי, לאַנדוי, אַ פּאָר יונגע אַקטיאָרן. וועגן צוויי פון זיי דערציילט מען ניסים: זאַסלאַווסקי און זשעלאַזאָ. גאָר גרויסע טאַלאַנטן. מאַרק מייערסאָן האַלט פון זיי אַ וועלט. און דו ווייסט דאָך, ער איז אַ מבין אויף עפּעס גוטס... אפשר וועט אויך צוקומען יאַנקל ליבערט. כ'זאָג דיר: אַן ערשטקלאַסיקע טרופּע!

די אויגן האָבן זיך איר צעפינקלט. די נעמען פון די אַקטיאָרן, וועלכע אַברהם־יצחק האָט אויסגערעכנט, האָבן זיך באַלד ביי איר אין מוח פאַרוואַנדלט אין פאַרשידענע געשטאַלטן, אין ראָלן, וואָס זיי האָבן געהאַט געשפּילט מיט איר. זי האָט דערזען פאַר זיך אַ גוטע טרופּע, גאַנצע אַקטיאָרן, מיט וועלכע זי וועט קאָנען געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. זי האָט גלייך אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן וועגן רעפּערטואַר, וועגן נייע יידישע פּיעסן, איבערגעזעצטע פּיעסן...

— מיר מוזן איצט קומען מיט עפּעס נייעס... מיר מוזן דעם וואַרשע־ווער עולם געבן אמת טעאַטער, נייע פּיעסן, אַן אַנדער מין שפּילן...

— אַלץ וועט זיין! — האָט אַברהם־יצחק געענטפערט מיט אַ זיכער־

קיים, — כ'וועל באַשטעלן ביי שרייבערס, אַליין איבערזעצן, מען וועט ברענגען פון אַמעריקע... זאָרג ניש; קיין שטאָף וועט נישט פעלן.

מען האָט אַנאַנסירט אין לאָדזש די געזעגענונג=פאַרשטעלונגען, וואָס האָט ווידער צרויסגערופן אַ געקאָך צווישן די טעאַטער=חסידים. יעדער איז געלאָפן צו אַ פּאָר מאָל זיך געזעגענען מיט זייער ליבלינג. אסתר=רחל ווידער, הערמאָגענדיק זיך אין די רייד פון גריגבערגן, איז אוועק זיך געזעגענען מיט די שמאָלע געסלעך פון באַלוט.

אין שטויב און בלאָטע האָבן זיך געשפּילט אויסגעדאַרטע, אָפּגעריסענע קינדער. קיין סכנה איז עס נישט געווען, ווייל זעלטן ווען האָט זיך אַ וואָגן געקאָנט דורכשלאָגן דורך די בערגלעך און גריבער אין די שמאָלע געסלעך. פערד האָבן זיך קוים דאָ געקאָנט דורכשלעפּן טריט נאָך טריט, כדי נישט אויסצודרייען די פיס אָדער איבערדרייען דעם וואָגן. איבעריקנס: ווייניגער מיט פערד האָבן דאָרט נישט געהאַט וואָס צו זוכן. דעם באַלוטער טראַנספּאָרט האָבן באַפרידיקט האַנט=וועגעלעך, געשלעפּטע דורך מענטשן.

די דושנעקייט פון דער לאָדזשער לופט איז אין באַלוט פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די קוימענס פון איינגעהויקערטע הילצערנע הייזלעך, פון די רויכערדיקע קיכן, וועלכע האָבן זיך דורך די אָפענע פענצטער געפונען אַ וועג גלייך אויף דער גאַס אַרויס. שטיקער סאַזשע זענען אַרומגעפלויגן אין דער לופט און פלאַסטעווייז זיך געלייגט אויף די פּנימער פון די קינדער. אסתר=רחל האָט געזען פּאָר זיך גרויסע, ליידנדיקע קינדערשע אויגעלעך, אָדער פרייליכע, שקאָציש=פאַרשייטע, אומרואיק=זוכנדיקע. די מערהייט אייגעלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון גרויסע קעפּלעך אויף דינע העלדזעלעך... גרויסע בייכעלעך, אויף קרומע, דינע פיסעלעך... די קולות פון די אַרומלויפנדיקע קינדער האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די געוויינען פון די קינדערלעך אין די וויגן, מיטן איבערגערופן זיך פון די מאַמעס, מיט געשרייען:

— משהלע, אהיים גיי! רבקהלע, ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? יאַנקעלע, גיב אַכטונג אויפן קעפּעלע! שרהלע, וויג אַביסל צו דאָס קינד...

די קולות האָבן זיך צונויפגעפּרעסט אין איין האַרמידער, וואָס האָט זיך געטראָגן הויך איבערן שטויב פון גאַס, ווי קנוילן רויך, וואָס זענען אַרויף צום גרוי=שוואַרצן הימל.

הונגעריקע אויגן האָבן געקוקט אויף איר מיט אַזאַ צער און אַזויפיל תחנונים, אַז זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרלוירענע, נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. די קינדער זענען דרייסטער געוואָרן, אָנגעהויבן צו צופּן ביים קלייד. זי איז שטיין געבליבן און מיטן גאַס אַרומגערינגלט מיט צענד=

ליקער באַשעפעניש, וואָס האָבן גערעדט צו איר מער מיט די אייגעלעך, ווי מיט זייערע געשרייען און רופן.

— זיי וועלן צערייסן די דאַמע, די ממזרים! — האָט אַ פרויען קאָפּ אַרויסגערעדט דורך אַ פענצטער צו דער שכנטע.

— אוי, ס'איז דאָך די קאַמינסקין, פון יידישן טעאַטער, כ'זאָל אַזוי געזונט זיין! — האָט זיך געכאַפּט אַ יונגע פרוי און גיך אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

זי האָט אָנגעהויבן מילד פאַנאַנדערצוטרייבן די קינדער.

— קומט, מאַדאַם קאַמינסקאַ, איך וועל אייך אַרויספירן פון דאַנען.

אסתר־רחל האָט מיט אַ וואַרעמען בליק אָפּגעדאַנקט דער אומבאַקאַנטער פרוי און נאָכגעגאַנגען נאָך איר.

— פון וואַנען קענט איר מיך, מיין ליבע פרוי?

— ס'איז גוט! כ'האָב אייך גלייך דערקענט! איך האָב אייך געזען אין אַלע ראָלן.

— איר... איר גייט אָפט אין טעאַטער אריין?

— אַוודאי גייען מיר... מיין מאַן איז אַ וועבער, האָרעוועט אַ גאַנצע וואָך שווער און ביטער, פרישט מען זיך אָפּ שבת אין טעאַטער. פאַרן טעאַטער ווערט ביי אינדז אָוועקגעלייגט יעדער וואָך די פּאָר קאָפּיקעס. ווי פאַר דירה־געלט...

זי האָט זיך אַליין צעלאַכט פון איר וויץ:

— גאָר פון די פּאָר קאָפּיקעס האָבן מיר מער הנאה, ווי פון דירה־געלט... — האָט זי צוגעגעבן, אַגוויינדיק מיט אַ טרויעריק שמייכל אויף די אַרומיקע הייזלעך.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך.... — האָט אסתר־רחל זיך קוים באַהערשט.

— דאָס געפעלט מיר! איר דאַנקט אונדז? — האָט די פרוי הייסער גערעדט. — דאָס דאַנקען מיר אייך, פון גאַנצן האַרצן פאַר אייער נשמה, וואָס איר עפנט אונדז אויף דער בינע...

אסתר־רחל איז נאָכגעגאַנגען פאַרטראַכט.

זיי זענען שוין אַרויס פון די שמאָלע געסלעך אויף אַ ברייטער גאַס. אין אַ כאַלופּע זענען געשטאַנען אַ פּאָר וועב־שטולן. פליקנע פינגער האָבן געשפּילט אויף די פעדים, ווי אויף צאַרטע סטרונעס פון אַ האַרפע. פון אָפענעם פענצטער האָט זיך געטראָגן דאָס ליד:

דאָס פעלד איז אונדז ליב,
די ליכט אין דער שטוב

ס'לעבן איז אומגעזונט,
דאָס דערציילט איך אַלצדינג,
אייער אייגענע לונג,
אַז זי באַקומט נעבעך די קראַנקע וווּנד.

פּלאַקער פּייערל, פּלאַקער,
קנאַק אונדז פרייליך צו.
לייכט אונדז צו ביז אינדערפרי...

— איר הערט? די באַלוטער וועב־שטולן זינגען לידער פון יידישן טעאַטער... די באַלוטער וועבער שלאָגן זיך אַרויס דעם משאָד פון זייערע קעפּ מיט פאָרשטעלונגען פון יידישן טעאַטער... פאַרגעסט אונדז נישט... קומט צו אונדז נאָכאַמאָל...

— אייך פאַרגעסן? דאָס איז דאָך נישט מעגלעך... — מיט א וואַרע־מען האַנט־דרוק האָט אסתר־רחל געדאַנקט און געזעגנט זיך מיט דעו נאָענט־געוואָרענער אומבאַקאַנטער. — איר גיט אַ זין מיין שפּילן... איר באַרעכטיקט אונדזער טעאַטער.

5

דער סעזאָן אין וואַרשעווער „זשאַרדען ד'היווער" האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס פּאַראַד. אויף די אַפישן און אין די רעקלאַמעס האָט מען אויסגעטיילט דעם אויפטריט פון „דער באַרימטער קינסטלערין, דעם ליבלינג פון וואַרשעווער עולם", אסתר־רחל קאַמינסקאַ. דער עולם האָט געקוקט אויף דער אויסטיילונג, ווי אויף אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אומצופרידן זענען דערפון געווען א פּאָר אַקטיאָרן און בעיקר — אַקטרי־סעס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס טעאַטער האַלט זיך נישט ווייניקער אויף זיי. די טרילינג איז אָפן אַרויסגעטראָטן מיט טענות צו קאַמינסקין:

— „מירעלע אפרת" שפּיל איך דאָך און אסתר־רחל שפּילט „מאַכ־ליע" מעג מען מיר דאָך אויך אַביסל שטאַרקער רעקלאַמירן...

נאָר מער פון אַלץ האָט די רעקלאַמע פאַרדראָסן אסתר־רחלען:

— צו וואָס טויג דער אַמעריקאַנער בלאָף? ס'ברענגט אַריין ביי־בלויז צווישן די אַקטיאָרן און איך אַליין פיל זיך שלעכט דערמיט... אַז מען רעקלאַמירט מיך אַזוי, וועט דאָך דער עולם פאַרלאַנגען פון מיר ביי־זונדער... לאָמיר בעסער שפּילן ערלעך טעאַטער, אָן דער שרייענדיקער רעקלאַמע.

דער טרילינגס טענות זענען אברהם־יצחקן גוט אַריין אין קאָפּ און ער האָט אָנגעהויבן זייטיקע שמועסן אויף דער טעמע:

— אַ טעאַטער קאָן הײַנט נישט עקזיסטירן, אויב עס פֿאַרמאָגט נישט איין שטערן. דער עולם דאַרף וויסן, אַז ער קומט זען ד ע ם אַ ק ט י אָ ר, אָדער ד י אַ ק ט ר י ס ע. דאָס איבעריקע איז ווייניק וויכטיק.

— אַז איין שטערן לײַכט איז גוט פֿינצטער אַרום... אויפֿן הימל שײַנען אַסך שטערנס, אויף דער בינע דאַרפֿן שפּילן אַסך גוטע אַקטיאָרן.

— טאָ ווער־זשע וועט שפּילן מאַרק קאַרנגווייץ?

— אַ גוטער אַקטיאָר דאַרף עס שפּילן, אַז נישט מאַכט ער קאַליע די איבעריקע.

— דאַרף דאָך אַ גוטער אַקטיאָר וועלן שפּילן שלעכטע ראָלן. זעסט דאָך: ליבערט פֿאַרלאַנגט זײַנע ראָלן, ראַפּעל וויל נישט אָפּטרעטן פֿון זײַנע... גיב ווײַסמאַנען נישט צו שפּילן די ערשטע קאָמיקער, גייט ער אַוועק פֿון טעאַטער. אָדער טו אָן טיעראָצקין אַ באָרד... און זאַסלאַווסקי, מײַנסטו, וועט לאַנג וועלן עמעצן אונטערשפּילן? אַז ווי נאָר אַ יונגער אַקטיאָר האָט אַ שטיקל דערפֿאָלג, וויל ער באַלד דעם אויבן־אָן. סײַ מיט ראָלן, סײַ מאַרקעס, אָדער גאַזשע.

אסתר־רחל האָט געוווסט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אמת, אָבער בשום אופֿן נישט געוואָלט שלום מאַכן דערמיט:

— לאָמיר זוכן אַ וועג, אַז אַלע זאָלן זײַן צופֿרידן. וועל איך הײַנט שפּילן אין איין פּיעסע די הויפּט־ראָל, זאָלן אַנדערע שפּילן אין אַנדערע פּיעסן.

— ווי איך זע, האָסטו אַ גרויס פֿאַרגעניגן פֿון שפּילן „מאַכליע“?

— וואָס שאַרט עס מיר? איך פֿיל זיך נישט ערגער דעם אָוונט, ווען די טרילינג נעמט אַלע פֿוירהאַנגען... פֿאַרקערט, מאַכליען פֿיל איך בעסער, ווי מירעלען!

— פֿאַרן געשעפֿט טויג עס אָבער נישט.

— אַבי ס'איז גוט פֿאַר דער פֿאַרשטעלונג.

אַברהם־יצחק האָט זיך אָבער נישט אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן. בײַ יעדער געלעגנהייט האָט ער צוריק אָנגעהויבן דעם שמועס אויף דער טעמע:

— כ'פֿאַרשטיי נישט, ווי מען קאָן עס נישט וועלן שפּילן אַזאַ ראָל, ווי „מירעלע“?

— אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת, איז אַזאַ מירעלע גלוסט זיך מיר גאָרנישט צו שפּילן! מיר דוכט זיך, אַז ס'איז פֿאַלש, אינגאַנצן פֿאַלש!... וווּ האָסטו געזען אַזאַ ייִדישע מאַמע אין מײַן גראָדנער גובערניע? ס'איז דאָך טאַקע, ווי חנה־דבורה זאָגט: ס'דרייט זיך אַרום אַ גראַפֿיניע פּאַטאַצקאַ, וואָס רעדט ייִדיש... איך קאָן נישט אַזוי...

— געפעלט דיר שוין גאָרדין אויך נישט?

— ווער רעדט וועגן גאָרדינען? ער האָט באַשאַפן די פּיעסע. די פּיעסע איז גוט. דאַרף קומען דער אַקטיאָר און לעבעדיק מאַכן די געשטאַלטן אין דער פּיעסע. אויסערלעכער גלאַנץ? ניין, דאָס מאַכט נישט לעבעדיק קיין געשטאַלט. דאָס קאָן נאָר שאַפן אַ שיינעם פּאָרטרעט, וואָס באַוועגט זיך און נישט קיין לעבעדיקן מענטש. מען דאַרף אַריינדרינגען אין דער נשמה פון יעדער געשטאַלט, נאָר אַזוי אַרום קאָן מען זי לעבעדיק מאַכן.

זי האָט זיך אַ רגעלע פאַרטראַכט און דערנאָך צוגעגעבן — שטיל, ווי דערמאָנענדיק פּרצס ווערטער:

— אַפּילו ווען מען דאַרף אַביסל ענדערן גאָרדינען...

— האַ־האָ! — האָט זיך אברהם־יצחק אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער, — הייסט עס ווידער הפקר אויף דער בינע! יעדער אַקטיאָר וועט זיך מאַכן רעדן אין אַ פּיעסע, וואָס ער וויל...

— ניין, נישט דאָס מיין איך. דאָס שלעכטס ביי אונדז אין טעאַטער נעמט זיך דערפון, וואָס אַקטיאָרן גיבן צו וואָס זיי ווילן און ווען זיי ווילן. אַבי צו האָבן אַ לייכטן דערפאָלג ביים עולם, אַרט זיי נישט, צי עס פּאַסט פאַר דער ראָל, אָדער נישט... און איך מיין, אַז דער אַקטיאָר דאַרף געפינען ביים מחבר דעם אמת פון זיין ראָל... אָדער ריכטיקער: ער דאַרף אין דער ראָל, וואָס דער מחבר האָט אָנגעשריבן, אַריינלייגן דעם אמת פון לעבן... וואָס האָט גאָרדין געוואָלט פאַרקערפּערן אין מירעלע אפרת? אַ גראַפיניע פּאָטאָצקאַ? ניין, ער האָט געוואָלט פאַרקערפּערן אַ מאַמע, די אייביקע ליידן פון אַ מאַמע. אי, זי איז אַ נגידותטע? דאָס איז אַ ביי־זאַך, אַ דעקאָראַציע. און איך וויל נישט שפּילן קיין דעקאָראַציע. באַווייזן די איבערלעבונגען פון דער מאַמע כ אָ ט ש זי איז אַ נגידותטע, דאָס קאָן זיין אינטערעסאַנט. דאָס איז מענטשלעך. אַזאַ מירעלע וואָלט איך געשפּילט.

— דאַרף מען, הייסט עס, באַשטעלן פאַר דיר ביי גאָרדינען אַ נייע מירעלע אפרת.

— ניין, מען דאַרף נישט קיין נייע. מען דאַרף נאָר אַנדערש איבער־לייענען די אַלטע.

און נאָך אַ רגע האָט זי פאַרענדיקט דעם שמועס אַנטשלאָסן:

— אויב עס וועט מיר אַמאָל אויסקומען צו שפּילן מירעלע אפרת, וועל איך דיר באַווייזן וואָס איך מיין.

6

ווי אַן איינשפּריצונג פון פריש בלוט איז פאַרן טעאַטער געווען יוליוס אַדלערס צוריקקומען פון אַמעריקע.

פאַר אסתר=רחלען איז דאָס געווען אַ מאַמישע פרייד: דאָס איז דאָך דאָס זעלבע שלאַנקע ביאַליסטאָקער ייִנגעלע יודקע, וואָס איז אין די ערשטע יאָרן פון זייערע וואַנדערונגען מיטגעפאָרן מיט זיי איבער די פאַרוואָרפענע שטעטלעך, פאַרטרעטנדיק אָפטמאָל אַ גאַנצן אָרקעסטער. איצט האָט זי דערזען פאַר זיך אַן עלעגאַנטן מאַן, וואָס איז געקומען צופאָרן מיט אַ בילד=שיינער פרוי, מיט רייכע טשעמאָדאַנעס און מיטן פאַרנעם פון אַ וועלט=קינסטלער. אסתר=רחלען האָט אַביסל געקלונגען קאָמיש דער זעלבסטזיכערער טאָן, מיט וועלכן ער האָט גערעדט וועגן טעאַטער, זיין אָנשטעל און פּאָזע, זי האָט אָבער גלייכצייטיק הנאה געהאַט, ווי אַ מאַמע, וואָס זעט, ווי דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן!

קאַמינסקי ווידער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן טשעמאָדאַן פּיעסן, וואָס אַדלער האָט מיט זיך מיטגעברענגט. דאָרט האָט געזאָלט זיין אַן אוצר: נייע פּיעסן פון גאָרדינען, געשריבן ספּעציעל פאַר קעני ליפּצין.

— אויב אזוי, — האָט קאמינסקי געטראַכט, — דאַרפן עס דאָך זיין ראָלן פאַר אסתר=רחלען.

דעם וואַרשעווער עולם האָט מען צווישן געטאָן מיט דער הילף פון פאַרגרעסערטער רעקלאַמע, אַז דאָס טעאַטער „זשאַרדען ד'היווער" איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די באַרימטע קינסטלער פון אמעריקע יוליוס און עמיליע אַדלער. עס גרייט זיך אַ גרויסער „ליטעראַרישער" רעפּערטואַר, אין וועלכן עס וועט דערשיינען „אונדזער גרויסע קינסטלערין אסתר=רחל קאַמינסקאַ צוזאַמען מיט די געסט און אַן ערשטקלאַסיקער טרופּע פון די בעסטע קינסטלער פון דער ייִדישער בינע"... די טרופּע איז רייך געווען נישט נאָר אין אַקטיאָרן, זי האָט אויך געהאַט אַ שפע פון רעזשיסערן, ווי די רעקלאַמע האָט געמאָלדן: אברהם=יצחק קאַמינסקי, יוליוס אַדלער, הערש ווייסמאַן און הערמאַן פישער.

אסתר=רחל האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— צו וואָס דער אמעריקאַנער בלאָף?

הערמאַן פישער, דער סופליאָר און אינספּיציענט, וואָס האָט זיך צוליבן סופלירן געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער פּערזאָן אין טעאַטער און צוליב דער אינספּיציענטור זיך גערופן „רעזשיסער", האָט מיט זיין חניפהדיק טענדערלע געזשומעט:

— חאָס רעדט איר, מאַמע, אַ לעבן אויף אייך! גאַנץ וואַרשע גייט באַדראָם. ס'וועט זיך טון חושך. די רעקלאַמע האָט אויפגערודערט די שטאָט...

— איז ווי צום טעאַטער, אויב עס דאַרף געראַטעוועט ווערן דורך אַזאַ רעקלאַמע.

יוליוס אַדלער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז נישט אומזיסט איז ער געווען אַ שיינע פּאָר יאָר אין אַמעריקע. האָט ער אַריינגעבראַכט וויפל געלט ס'איז נאָר געלונגען צו קריגן פון די „פינאַנסיסטן", וועלכע האָבן זיך שטענדיק געדרייט אַרום טעאַטער; געמאַכט אַ פּרעכטיקע אויסשטאַטונג, דעקאָראַציעס, קאָסטיומען; גענומען אַ גרויסן כאָר, אָרקעסטער און אַ גלאַנץ־געטאָן מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך, אין וועלכע ס'איז אַמאָל געווען אַזוי פאַרליבט סעם אַדלער.

אסתּר־רחל האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן פאַרן וואַרשעווער עולם אין אַ גייער ראָל, ניי לויטן כאַראַקטער און סביבה פון דער האַנדלונג; אַדלער האָט אויסגעפירט גרילפּאַרצערס „מעדעאַ", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פאַרן יידישן טעאַטער דורך גאָרדינען. דעם גאַנצן חוש זיינעם האָט אַדלער אַריינגעלייגט אין דער אויסשטאַטונג, כאָר און אָרקעסטער.

אסתּר־רחל איז נישט מסכים געווען דערמיט:

— אפשר וואָלסטו זיך אַביסל מער אָפּגעגעבן מיט די אַקטיאָרן, מיט די ראָלן? דער כאָר וועט נישט פאַרדעקן די צרות, אויב הערמאַן פישער וועט דאַרפן אונטערהאַלטן די גאַנצע פאָרשטעלונג פון סופליאָר־קאַסטן. די אַקטיאָרן ווייסן דאָך נישט רעכט, וואָס זיי רעדן און וואָס זיי טוען אויף דער בינע...

— דעמס אָלרייט... ס'וועט זיין גוט! — האָט זי אַדלער באַרויקט.

אָבער ס'איז נישט געווען גוט. אויף דער בינע האָט געהערשט תוהו־ובוהו, וועלכן ס'האָט נישט געקאָנט פאַרדעקן דער כאָר מיטן אָרקעסטער. אסתּר־רחל האָט זיך געצאַפּלט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס אירע פּאַרטנ״אָרן רעדן, לסוף זיך אַליין פאַרלוירן, נישט וויסנדיק, וואָס זי טוט אויף דער בינע.

דאָס האָט זי שוין אויסגעלערנט זיין עקשנותדיק ביי די פּראָבן פון „קרייצער סאָנאַטע". זי האָט פאַרלאַנגט מער און ערנסטערע פּראָבן מיט די אַקטיאָרן. כאָטש פאַר איר אַליין איז „עטיע" געווען אַ נייע ראָל, האָט זי פונדעסטוועגן געפונען צייט און געדולד זיך אַריינצומישן אין דער רעזשי, דעליקאַט אונטערוקן עפּעס אַ געדאַנק אַדלערן, הבריש אויפמערקזאַם צו מאַכן אַנדערע אַקטיאָרן אויף פאַלשע טענער, פאַלשע באַוועגונגען. באַזונדערס האָט זי זיך געשראָקן פאַר ווייסמאַנען און יערמאַלינע,

זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין שאַרזש, נישט אָנהייבן צו מאַכן קיין קאָזשעלקעס. אָבער ס׳איז געווען אַן אומזיסטע שרעק. אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיט איר געשפּילט אַ לענגערע צייט, האָבן זיך גענוג שוין געהאַט איבערגענומען מיט אירע טענער, איר אופן פון שפּילן. ס׳איז שוין געוואָרן אויך זייער אופן. וועגן אברהם־יצחקן, וואָס האָט געשפּילט רפאל פרידלענדערן, איז שוין אָפּגערעדט. יוליוס אַדלער אַלס גרעגואַר און עמיליע אַדלער אַלס ציליע האָבן זיך פון אָנהייב טאַקע נישט אַריינגעפּאַסט אין אַלגעמיינעם טאָן, זיי האָבן אָבער אין די ווייטערדיקע אַקטן אַזוי אימפּאָנירט מיט זייער אַמעריקאַנישקייט, אַז דאָס האָט שוין אַלץ געדעקט. צום בעסטן האָט זיך אסתר־רחל צוזאַמענגעשפּילט מיט איר קליינער אידעלע, וואָס האָט געשפּילט אַלבערטן. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק און אסתר־רחל האָט אָנגעקוואָלן דערפון.

„קרייצער סאָנאַטע“ איז געוואָרן אַ פאָרשטעלונג, פון וועלכער אסתר־רחל איז טיילווייז געווען צופרידן. דאָס האָט זי אַליין דערהויבן און אָנגעוואַרעמט. מיט די צאַרטסטע טענער האָט זי אַרויסגעבראַכט עטעם אומגליקלעכע ליבע. נישט מיט ווערטער, אירע אויגן האָבן גערעדט וועגן דעם. אַ מענטשלעכע פשטות האָט געשטראַלט פון איר אין די סצענעס, ווען זי איז געווען די אומגליקלעכע, געפּייניקטע פרוי פון גרעגואַרן און די צעווייטיקטע מאַמע פון אַלבערטן. אַלץ אין איר איז געווען געצוימט, געהעמט, באַהערשט, נאָר אַ וואולקאַן־אויסברוך איז געוואָרן איר שרעקלעכע נקמה איבער איר מאַן און פאַרדאָרבענער שוועסטער.

יוליוס אַדלער האָט זיך געחידושט נאָך דער פאָרשטעלונג:

— זע, מיליע, אַזוי אַנדערש, ווי בערטאַ קאַליש און אַזוי גרויס... גרויס!

אַפילו פּיינשמעקער האָבן געהאַלטן:

— מילא, די פּיעסע, ווי די פּיעסע. אַביסל רוסישע נשמה, אַמעריקאַנער עפעקטן, קלעזמערישע וויצן, צונויפגעשמאָלצן אין אַ יידישן טאָפּ... אָבער געשפּילט... גרויסאַרטיק!

— ס׳איז אַ פאָרשטעלונג, ווי עס פּאַסט פאַר דער קאַמינסקאַ. זי איז גרויס און ציט אַלע אַרויף מיט זיך. דאָס איז איר כוח.

7

אַדלער האָט געוואָלט באַווייזן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אַמעריקע. קאַמינסקי האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן:

— ס׳איז גוט פאַרן געשעפט.

— ס'איז אָבער שלעכט פאַרן טעאַטער. — האָט אסתּר־רחל דער־ווידערט.

— וואָס אַרט עס דיך, זאָל זיך אַדלער דערוויַיל דורכלופטערן זיַין „שטילע חתונה“, „משוגעים־הויז“, „ישיבה בחור“ און דו גרייט זיך צו דער „שחיטה“.

אין דער „שחיטה“, אין אסתּרקען, האָט אסתּר־רחל ווידער דערפילט אַ נאָענטן מענטש. דעם גאַנצן צוזאַמענשטויס צווישן אָרעם און רייַך, צווישן די קבצנישע כּלי־קודש און די גבירישע תּקיפים האָט זי איבער־געלעבט מיט אַלע חושים. די זאַך האָט זיך איר נישט פאָרגעשטעלט ווי אַ דראַמע פון אַן אָרעם מיידל, וואָס ווערט פאַרקויפט צו אַן אויסגעלאַ־סענעם אַלטן, נאָר ווי אַ בילד פון פּייַן און נויט אין אַ יידיש שטעטל. זי האָט פאַר די אויגן ווידער געהאַט פאַראַזאָווע מיט רב אשר וואָלף־סוחרס דרוק אויף דער שטעטלדיקער אָרעמקייט. צי האָט זי דען נישט געקאָנט ווערן אַזאַ אסתּרקע, ווען רב אשר וואָלט געהאַט בצלאַל ראַפּאָפּאָרטס שוואַכקייטן?

— זיי טרינקען זיך פאַר אייַך און איר האַלט דאָ אין איין חתונה־האָבן!... — רופט אויס אסתּרקע צו רב בצלאַלן.

זי האָט דערזען פאַר זיך פאַראַזאָווער באַטראַקעס, פון וועמענס שוויים און מי רב אשר איז רייַך געוואָרן, זי האָט דערזען די צוויי וועלטן, וואָס ראַנגלען זיך אין איין וועלט און דאָס איז געוואָרן פאַר איר דער שליסל צו דער פּיעסע און צו דער ראָל פון אסתּרקען.

לייענענדיק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די פּיעסע, האָט אסתּר־רחל דערפילט, וואָס עס איז פאַלש אין איר און געשטראָכן אויסדרוקן, זאַצן גאַנצע. ס'האָבן אָנגעהויבן אויפצוטויכן פאַר איר אַלע געשטאַלטן פון דער האַנדלונג, גאַנצע סצענעס און ווען עס איז ענדלעך באַשטימט געוואָרן, אַז מען טרעט צו צו די פּראָבן פון דער „שחיטה“, האָט זי שוין געקענט די גאַנצע פּיעסע פון אויסנווייניק און געהאַט פאַר זיך אַ בילד, ווי די זאַך וואָלט באַדאַרפט אויסזען אויף דער בינע.

אין טאַקע באַלד אויף דער ערשטער פּראָבע געקומען צו אַ צוזאַ־מענשטויס צווישן איר און אַדלערן, ווען אַדלער האָט באַוויזן אַן אַקטריסע:

— איצט גייט איבער אַהער און זעצט זיך.

אסתּר־רחל האָט אים אָפּגעשטעלט:

— פאַרוואָס זאָל זי עפּעס דאָ איבערגיין און אַוועקזעצן זיך?

— אַזוי איז עס געשפּילט געוואָרן ביי דייוויד קעסלער און קעני ליפּצין.

— איצט שפּילן מיר דאָך, דאַרפֿן מיר געפֿינען אַן אייגענעם ענטפֿער ווו צו גיין און ווען זיך אַוועקצוזעצן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ערנסטע פּראָבן. אסתּר=רחל האָט געגעבן די אַקטיאָרן צו פֿאַרשטיין, וואָס זי פֿילט און זעט אין יעדער ראָל, אין יעדער סצענע. די אַקטיאָרן האָבן גאָר גיך געכאַפּט, וואָס זי מיינט און געשמאַק זיך גענומען אַרבעטן איבער די ראָלן. ס'זענען אַוועק קוים אַ פּאָר פּראָבן און פֿאַר פֿישערן איז געבליבן נאָר פֿון צייט=צו=צייט צו באַשטעטיקן:

— אַהאַ! ריכטיק!

די אַקטיאָרן האָבן שוין זיין הילף נישט באַדאַרפֿט.

אַדלער האָט איינ'קע מאָל פּראָטעסטירט:

— דאָ פֿעלט דאָך אַ פּראַזע, וואָס דייוויד קעסלער פֿלעגט שטענדיק זאָגן!

— דייוויד קעסלער איז טאַקע אַ גרויסער קינסטלער, אָבער אברהם=יצחק קאַמינסקי דאַרף עס נישט זאָגן. — האָט אסתּר=רחל רויִק געענטפֿערט. — ס'איז אַן איבעריקע זאַך. און וואָס איבעריק טויג נישט.

— מאָריס מאָשקאָוויטש האָט עס געמאַכט אַזוי... — האָט אַדלער געוויזן אַ סצענע.

— און הערש ווייסמאַן וועט עס מאַכן אויף זיין שטייגער, — האָט אסתּר=רחל געמוטיקט ווייסמאַנען.

8

אין דעם אומהיימלעכן „זשאַרדען ד'היוער" האָט אַן אָטעם=געטאָן פֿון דער בינע מיט אמתע מענטשלעכע ליידן, מיט אמתע איבערלעבונגען. אסתּר=רחלס אסתּרקע איז געוואַקסן פֿון אַקט צו אַקט אויף די אויגן פֿון עולם. אָט איז זי די צניעותדיקע יידישע טאָכטער וואָס קאָן אַזוי האַרציק און געהיים ליב האָבן דעם אָרעמען שמואל=יאָסל און גלייכצייטיק אונטערגעבן זיך דעם ווילן פֿון אירע עלטערן, וואָס מאַכן זי ביגוואַלד התונה צום גביר רב בצלאל; אָט פֿאַרוואַנדלט זי זיך אין דער איינזאַמער, פֿאַרפּייניקטער פֿרוי, וואָס טראָגט אונטער איר ברוסט אַ קינד פֿון אַ מענטשן, וואָס איז איר פֿרעמד, צווישן מענטשן און ווענט, וואָס זענען איר פֿרעמד, דערווידער און פּיינטלעך צו איר; אָט וואַקסט זי אויס צו דער רעוואָלטירנדיקער פֿרוי, וואָס וואַרפֿט איר מאַן ביטערע אמתן אין די אויגן אריין, וואָס דערזעט זיינע אומרעכטן נישט דווקא לגבי איר, נאָר לגבי מענטשן, פֿון וועמענס שוויים און בלוט ער מאַכט אַ פֿאַרמעגן. און ווען בצלאל זאָגט:

— ווען דו ווערסט בייז, ביסטו נאָך א גאַנץ שיין ווייבל...

דערזעט דער עולם פאַר זיך נישט די קערפּערלעכע שיינקייט פון דער פרוי, וועגן וואָס עס טראַכט דער אויסוואורף בצלאל ראַפּאָפּאָרט, נאָר די נשמה־דיקע שיינקייט פון דעם מענטשן, וועלכער האָט מוט צו הייבן די שטים קעגן דעם, וואָס קאָן זי יעדע רגע צעקוועטשן. פון אסתרקעס ברוסט רייסט זיך אַרויס די פּראָטעסט־שטים פון הונדערטער פּשוטע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין זאַל, וועלכע טראַכטן און פילן דאָס זעלבע, וואָס די אָרעמע פרוי אויף דער בינע. עס ווערט וואָר דער חלום פון א קינסטלער: זיין שטים ווערט די שטים פון פאָלק.

אזוי וואַקסט אויס פון אַקט צו אַקט די געשטאַלט פון אסתרקען און ווען זי ברעכט זיך צוזאַמען אין לעצטן אַקט, ווייסט דער עולם, אַז דאָס קומט נישט פון איר שוואַכקייט, נאָר צוליב דער איבערמאַכט פון געוואַלד. עס פאַלט די פרוי אין קאַמף, ווייל ס'זענען נישט גלייך די כוחות. אָבער זי קעמפט העלדיש, זי ראַנגלט זיך ביזן סוף, ביזן שרעקלעכן נקמה־אַקט איבער דעם אונטערדריקער.

בעת אסתרקע בלייבט אַליין מיט אירע געדאַנקען אין לעצטן אַקט און ראַנגלט זיך מיט די פּיינלעכע מחשבות, האָט דער עולם ממש דערזען, ווי זי גייט אַראָפּ פון זינען. הונדערטער האַלב־אָפענע מיילער און אָנגעשטרענגטע בליקן האָבן באַגלייט יעדן ריר פון איר פּנים, יעדן בליץ פון אירע אויגן און אַזוי־פיל מיטפילנדיקע הערצער האָבן געקלאַפּט אין איין טאַקט מיט אירע ליידן. ווען דער פירהאַנג איז געפאַלן האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געהערשט אַ שטילקייט אין זאַל, איבערגעריסן פון אַלע זייטן דורך אַ געשטיקט כליפּען. פּלוצלינג האָט זיך, ווי אַ וואָלקנברוך, דורכגעטראָגן אַ כוואַליע פון האַנט־פּאַטשערייען, וואָס האָבן אויפגעריסן די שטילקייט:

— בראַוואָ, בראַ—אַ—וואָ, קאַמינסקאַ!

לאַנג האָט נאָך אסתר־רחל געמוזט איינשטילן דאָס כליפּען אין איר ברוסט, ביז זי האָט געקאָנט אַרויפציען אויף איר פּנים דאָס שמייכעלע צום פאַרנייגן זיך.

9

— אַ גרוס אייך פון פּרצן, פּאַניע קאַמינסקי, — האָט דינעזאָן פאַרהאַלטן אַברהם־יצחקן. — כ'האָב נאָרוואָס באַקומען פון אים א בריוו פון זאַקאָפּאַנע. זעט, ווי ער געדענקט אָן אייך: ער האָט דאָרט עפּעס געפונען אַ ביבל וועגן ביבלישע קליידער מיט אַ גענויער באַשרייבונג, ווי

די קליידער האָבן אויסגעזען. דאָס ער אייך זיך דאָס איינצושאַפן. ער שרייבט, אַז עס קאָן אייך צונויף קומען פאַרן טעאַטער.

— אַ דאַנק. איצט וועט עס אפשר טאַקע צונויף קומען. מיר נעמען איבער אַ נייַ טעאַטער.

— וועלכן טעאַטער? און ווער זענען עס די מיר?

— כ'האָב זיך פאַראייניקט מיט ראַפּעלן און וויסמאַנען. אַלס שותף האָבן מיר צוגענומען דעם דרוקער הער עפּעלבערג און געדונגען אַ שיין טעאַטערל, דאָס „עליזעום" אויף קאַראַווע גאַס. געגנג שוין די בורע אויף במיעלגע. „עליזעום" איז אַן איננטים טעאַטערל און מיר האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ ריין ליטעראַריש טעאַטער.

— וואָס הייסט אַ „ליטעראַריש טעאַטער"?

— נו, מיר וועלן שפּילן ליטעראַרישע פּיעסן, אַזוי ווי אין פּעטער־בורג ביי ניעקראַסאָווא־קאָלטשינסקאַיאַ... גוט שפּילן. אָרנשטיין ווערט ביי אונדז אַנגאַזשירט אַלס שטענדיקער רעזשיסער.

— און אַדלער גייט אַוועק?

— פאַר אים איז אַ ריין ליטעראַריש טעאַטער נישט קיין געשעפט. ער זוכט צופיל צו פאַרדינען. פאַרט ער קיין לאָדזש. אָבער אחוץ אים בלייבט די גאַנצע טרופּע און מיר אַנגאַזשירן נאָך צו פרישע, טאַלאַנטירטע כוחות.

— און מיט וואָס וועט אונדז דערפרייען די מאַדאַם קאַמינסקאַ?

— זאָל עס נאָך בלייבן צווישן אונדז: זי גרייט זיך איצט צו שפּילן „מירעלע אפרת".

— אָ, דאָס וועט זיין אינטערעסאַנט. איך בין זיכער, אַז זי וועט אונדז באַווייזן עפּעס נייעס אין דער ראָל... נו, מיר וואַרטן מיט אומגעדולד...

די געשווירענע וואַרשעווער טעאַטער־פּאַטריאָטן האָבן טאַקע מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער סענסאַציע. לאַנג פאַר דער פּרעמיערע זע־נען פאַרגעקומען הייסע וויכוחים. די ביז איצטיקע „מירעלע אפרת", די טרילינג, האָט געהאַט אַסך חסידים, וואָס האָבן קלאָר אויפגעוויזן:

— ווי קומט די קאַמינסקאַ צו דער ראָל פון מירעלע? זי האָט דאָך נישט דער טרילינגס הויכן טאָן, איר גרעפישע האַלטונג, איר שטאָלצ־קייט! די קאַמינסקין קאָן שפּילן אומגליקלעכע יתומות, צעבראָכענע נש־מות, אָבער נישט אַזאַ מאַיעסטעט, ווי מירעלע אפרת...

אסתר־רחלס חסידים האָבן געהאַט ווייניק וואָס צו ענטפערן. ס'איז דאָך פאַרט אמת: די קאַמינסקאַ האָט פיינט פּאָמפּע, פּאָזע, אָנגעצויגנ־קייט אויף דער בינע. ווי אַזוי קאָן מען שפּילן מירעלע אפרת אָן דעם אַלעם? איז זיי נישט מער געבליבן, ווי צו פאַרטיידיקן זיך:

— אַט גייט שוין די קאַמינסקין שפּילן אַזאַ מירעלע, ווי די טרילינג!... פֿאַרלאָזט אייך אויף איר, זי האָט שוין מן־הסתם געפֿונען עפּעס נייעס אין מירעלע...

טיילווייז האָבן זיי טאַקע געטראָפֿן. זי האָט נאָך נישט געפֿונען דאָס נייע, אָבער זי האָט עס געזוכט. שעהנלאַנג איז זי יעדן טאָג געזעסן איבערן עקזעמפּליאַר פֿון דער פּיעסע און פֿאַרטיפֿט זיך אין יעדער שורה. זי האָט אַלץ דרייסטער אָפּגעוואָרפֿן, וואָס זי האָט געהאַלטן פֿאַר איבעריק, אויסגעשטראָכן גאַנצע שטעלן פֿון גאָרדינען. זי האָט געזוכט אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר דעם מענטשן, וואָס זי האָט געזען אין מירעלע: נישט די גרעפֿין, נאָר די מאמע. טראָט נאָך טראָט האָט זי אויסגעשיילט פֿון די אָנגעהויפֿטע, איבעריקע סצענעס און זאַצן, פֿון דער צעגאָסענער באַרעדעוודיקייט פֿון גאָרדינס טעקסט — איר אויסגעחלומטע געשטאַלט פֿון דער פֿעסטער, קלוגער פֿרוי און האַרציקער מאַמען.

זוכנדיק די שטריכן צו איר מירעלען, האָט זיך אסתּר־רחל אַזוי פֿאַרגעסן, אַז עס איז פֿאַר איר פֿאַרביי אומבאַמערקט דער גרויסער טומל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַרום דער דערעפֿענונג פֿון נייעם טעאַטער מיט דער „ליטעראַרישער טרופּע“. פּינסקים „יאנקל דער שמיד“ איז געווען די אויפֿטריט־ראָל פֿאַר ראַפּעלן און אסתּר־רחל האָט זיך מיט דער ראָל פֿון טאַמאַרע נישט שטאַרק אָפּגעגעבן. פֿאַרנומען די חושים מיט מירעלע, האָט זי פֿאַר טאַמאַרען געמיינט אָנצווענדן אַ שאַבלאָן, פֿאַר וועלכן זי האָט גענומען איר באַליבטע כאַסיע. די זעלבע געזונטע, דאָרפֿישע מויד, נאָר נישט אַוועקגעריסן פֿון איר סביבה, אַ פֿעסטערע אין כאַראַקטער און מער אַנטשלאָסענע; אַזוי טראַכטנדיק וועגן שאַבלאָן, האָט זי אָבער צוביסלעך געפֿונען אויך פֿאַר דער ראָל נייע שטריכן, נייע טענער, וואָס זענען צו איר געקומען, נישט פֿאַרטראַכטערהייט, אַליין אויסגעוואַקסן פֿון דער האַנדלונג. איז טאַקע געווען פֿאַר איר אַ גרויסע איבערראַשונג ווען זי האָט דערהערט מיינונגען, אַז איר טאַמאַרע וואַקסט איבער יאנקלען, און ראַפּעלס אויפֿטריט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אירס אַ נייעם טריומף:

— כ'פֿאַרשטיי גאָרנישט מיט וואָס מען ווערט עס אַזוי נתפּעל... כ'האָב דאָך נאָר ערלעך אָפּגעשפּילט אַ געוויינטלעכע ראָל, — האָט זי אויפֿריכטיק געענטפֿערט אויף די באַגריסונגען און גראַטולאַציעס.

— אין דעם ליגט טאַקע אייער גרויסקייט, מאַדאַם קאַמינסקאַ, — האָבן פֿיל איר געענטפֿערט.

— גרויסקייט! דאָס וואָרט האָט זי לעצטנס זייער אָפֿט געהערט וועגן זיך. געהערט עס פֿון מענטשן ווי פּרץ; געהערט עס פֿון פּשוטע ייִדישע

אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן זי באַשאָנקען מיט זייער ליבע און צוטרוי.

דעם צוטרוי טאָר זי נישט אַנטוישן. זי שטייט איצט ווידער פאַר אַ פּייער־פּראָבע: „מירעלע אפרת".

איין וועג איז דאָ: וואָס פּשוטער, וואָס מענטשלעכער שפּילן די ראָל, אָפּוואַרפן אַלע פּאָזעס און קונצן, יעדן אויסערלעכן גלאַנץ און אויפגעבלאָזענעם פּאַטאָס. נשמה, עכטע געפילן און איבערלעבונג — דאָס וועט זיין דאָס נייע, מיט וועלכן איר מירעלע וועט זיך באַווייזן.

10

— ס'טייטש! מיר זענען דאָך אַלע געשפּילטע! ס'איז דען נישט בעסער אַייעקצוגעבן די צייט אויף פּראָבן פון אַ נייער פּיעסע? — האָבן זיך אַקטיאָרן געקאָכט, ווען זיי זענען געוווירגעוואָרן, אַז עס הייבן זיך אָן נאָרמאַלע פּראָבן פון „מירעלע אפרת".

— „מירעלע" איז אַ נייע פּיעסע, — האָט אסתר־רחל רואיק געענטפערט.

אַקטיאָרן האָבן געצווינגן מיט די אַקסלען:

— די מאַמע האָט אָנגעהויבן צו רעדן, ווי אַלע פּרימאַדאָנגעס...

פונדעסטוועגן האָט אויך אויף זיי געווירקט די נייגעריקייט, מיט וועלכער דער עולם האָט געוואַרט אויף דער נייער מירעלע און דער ציטער, מיט וועלכן אסתר־רחל איז צוגעגאַנגען צו דער אַרבעט איבער דעם.

באַלד אויף די ערשטע פּראָבן האָט אסתר־רחל אָנגעוואָרפן אַ נייעם טאָן:

— יערמאָלינע, טייערע, ווייסמאַן, איך בעט אייך! פאַרגעסט, אַז איר זענט קאָמיקער. זייט בלויז לעבעדיקע מענטשן אויף דער בינע. וואַרפט אַוועק איינגאַנצן די אַלטע קונצלעך און קאָזשעלקעס... איר וועט האָבן נישט ווייניקער דערפאָלג.

אסך מאָל האָט זי עס נישט באַדאַרפט איבערחזרן. ווייסמאַן האָט באַלד פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ער איז שוין געווען געוווינט צו רעספּעקטירן די צו גרעלע פאַרבן דורך אַזויפיל יאָרן שפּילן מיט אסתר־רחלען און ער האָט אויך געצווימט יערמאָלינעס נייגונג צו שאַרזש. סצענעס, וועלכע מען איז ביז איצט געוווינט געווען צו מאַכן, זענען באַזייטיקט געוואָרן, און גאַנצע פון די פּראָבן זענען געבוירן געוואָרן נייע סצענעס, וואָס זענען נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסן פון דעם אַלגעמיינעם טאָן און האַנדלונג.

— שאַפּיראָ, ליבינקער, נישט אַזוי שטייף! פּשוטער... שלמון איז אַ ייד אַ משרת, נישט קיין עקאָנאָם ביי אַ גראַפּין... און איר לאַנדוי, אַביסל ווייכער. מען דאַרף נישט אַזוי פיל שפּילן... און וואַרעמער. געדענקט, אַז יאָסעלע איז אַ באַליבטער און ליבנדיקער זון.

יעדער האָט אויסגעהערט די באַמערקונגען, ווער עס האָט זיי אויפגענומען פריער, ווער שפּעטער. אָבער שוין די ערשטע טעג אַרבעט האָבן באַוויזן, אַז „מירעלע אפרת" ווערט טאַקע אַ בייע פּיעסע.

אסתּר־רחל אַליין האָט אויף די ערשטע פּראָבן נאָך נישט געשפּילט. ערטערווייז האָט זי זיך נאָר אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר פראַזן, געזאָגטע אין אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ באַוועגונג, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט איר אויפפאַסונג פון דער געשטאַלט.

— אַזוי וועט רעדן מירעלע אפרת? אַזוי רעדט דאָך אַ פּשוטע יידישע מאַמע, — האָט מען זיך אָנגעהויבן צו שושקען אין די טעאַטער־קרייזן.

די אַקטיאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט צעטומלטע. ס'ערשטע מאָל אין זייער פּראַקטיק האָבן זיי באַדאַרפט נישט לערנען די ראָלן, נאָר פאַרגעסן דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט. אסתּר־רחל האָט פאַרלאַנגט אַרויסצוואַרפן גאַנצע שטיקער, גאַנצע סצענעס. איז עס איר שווער געווען דורכצוזעצן אין די ערטער, וווּ זי איז נישט אויף דער בינע, האָט זי עס מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט געטאָן אין אירע סצענעס, וווּ זי האָט איבערגעהיפּערט גאַנצע שטיקער און געגעבן רעפּליקעס, וואָס האָבן געצוווּנגען די אַקטיאָרן צו גיין ווייטער. די אַקטיאָרן זענען געוואָרן נערוועז:

— דער עולם וועט דאָך זאָגן, אַז איך האָב פאַרגעסן די ראָל... אַז איך טויג נישט אין דער ראָל...

— אויב עס וועט עפּעס נישט טויגן, וועל איך זיין די שולדיקע... פאַר אייך און פאַרן עולם... — האָט אסתּר־רחל געענטפערט אויף אַלע טענות.

עס האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן אברהם־יצחק, וועלכער פלעגט געוויינטלעך האָבן צוטרוי צו זיין פרוים סצעניש עקספּערימענטן:

— פּרוביר כאָטש אין טאָן, אַז נישט וועלן מיר נישט וויסן, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט...

— כ'פּרוביר נישט אין טאָן, כ'בין אַליין מיט אים נישט זיכער... נאָר פון מאָרגן אָן וועל איך פּרובירן.

צומאָרגנס האָבן די אַקטיאָרן לכתּחילה געמיינט, אַז אסתּר־רחל

מאַרקירט אַלץ, זי שפּילט נאָך נישט. פּשוטע באַוועגונגען, פּשוטע מיגע־ערטערווייז נאָר אביסל שטאַרקער געהויבן דעם טאָן. אָבער די אינערלעכע אַנגליונג פון אירע ווערטער, טריט, באַוועגונגען, דער אויסדרוק פון פּנים, דער שמייכל, אומעט, פייער און מידקייט, וואָס האָבן זיך געביטן אין אירע אויגן; די פאַרעלנטערטקייט אין טאָן, וועלכע האָט זיך געפילט פון אַקט צו אַקט — דאָס האָט קלאָר געמאַכט, אַז אַזוי שפּילט טאַקע אסתר־רחל מירעלע אפרת. און ווען זי האָט אין לעצטן אַקט די סצענע מיט איר אייניקל שלמהלען אָפּגעשפּילט אַזוי, ווי זי וואָלט גערעדט מיט אידעלען אין דער היים, נאָר אין טאָן האָט זיך געפילט אַ פּאָר צענדליק יאָר פאַרגאַנגענע לעבן, האָט אַן אומזיכערקייט באַהערשט אַלע אַקטיאָרן:

— כ'וויים? מיר וועלן זען.. ס'איז שווער פאָרויסצוזאָגן: אָדער ס'וועט זיין אַ גרויסער טריומף, אָדער אַ גרויסער דורכפאַל...

11

גרויס איז געווען די שפּאַנונג ביים עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַטער בעת דער פּרעמיערע. שוין די ערשטע ווערטער, ווען ס'איז אויפגעגאַנגען דער פאָרהאַנג, האָבן עדות געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַן אַנדערע פאָרשטעלונג, ווי די ביז איצטיקע מירעלעס. אַ שושקעניש איז געוואָרן אין זאַל ווען נחומטשיע מיט חנה־דבורהן האָבן נישט נאָכגעמאַכט די געוויינטלעכע קאָזשעלקעס, וועלכע די טעאַטער־גייער האָבן שוין געקענט פון אויסנווייניק, ווייל זיי זענען נאָכגעמאַכט געוואָרן דורך אַלע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין פריערדיקע צוויי קאָמישע ראָלן. אָבער געוואַרט האָט מען אַלץ אויף מירעלען, מיט וואָס וועט זי אַנדערש זיין?

דער אָרקעסטער שפּילט דעם טוש. זי קומט אַרויס.

— איז דאָס מירעלע?

נישטאָ די גרעפישע שטאָלצקייט. אַ וואַרעמער, היימישער שמייכל איז צעגאָסן אויף איר פּנים. פון אָנהייב פילט זיך אַ ציטער אין איר שטים און אַן איינדרוק, ווי די פיס וואָלטן איר זיך אונטערגעבויגן. עס פילט זיך, ווי עס וואָלט איר פאַרפעלט אָטעם. אָבער באַלד באַהערשט זי זיך און מען זעט דייטלעך: זי רעדט אַנדערש, גייט אַנדערש, קוקט אַנדערש, ווי די טריליגנג. זי פאַרבלענדט נישט מיט איר גלאַנץ באַלד

ביים ערשטן אויפטריט, אָבער עפּעס ציט זיך פון איר אַ וואַרעמקייט אין זאַל אַריין.

שטילע, געדעמפּטע טענער. אַן אַנדער אויסדרוק האָבן איצט די ווערטער, אַן אַנדער באַדייט באַקומען זיי. נו, און די אויגן!...

— קוק, קוק, ווי די אויגן זאָגן אַלץ! — הערט זיך אַ שטיל שעפּטשען אין זאַל.

אַ נייע מירעלע, אַ נייע פאָרשטעלונג.

דער עולם ווערט צוביסלעך אַריינגעצויגן, מיטגעריסן. אָבער נישט בלויז מיט דער נייקייט. עס רעדט צו אים די אמתדיקייט פון דעם נייעם. אָנשטאָט זיך אַנטציקן, הייבט מען זיך אָן איבערצוגעמען. מען קוקט געשפּאַנט נאָך יעדער באַוועגונג, נאָך יעדן אויסדרוק פון פּנים:

— כי באו מים עד נפש... דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביז איבערן האַלדז...

דאָס שטילע זינגען פון תהילים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפּליסטערטן שמועס פון מירעלען מיט זיך אַליין, מיט דער וועלט. אָנשטאָט דעם געוויינטלעכן האַרצרייסנדיקן געוויין, מיט וועלכן די סצענע פלעגט פאַרענדיקט ווערן, האָט זיך געהערט קוים אַ כליפּ, וואָס האָט געקלונגען, ווי אַ ווײ־געשריי פון דער ווייטן, ווי אַ ווײ־געשריי פון דער טיפעניש פון מענטשלעכן האַרץ. ווי אַ שטורמישע כוואַליע האָט עס אַ פלייץ געטאָן איבערן זאַל, אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון הונדערטער הערצער, אַרויסגערופן ביי זיי דעם זעלבן שטילן כליפּ, דאָס זעלבע קלאַפּן פון האַרץ...

— אָט דאָס הייסט ממעמקים!

— אומפאַרגלייכלעך! גרויס! געניאַל! — האָט מען געהערט אין פאָיע בעתן אַנטראַקט.

די חסידים פון דער טריליגג זענען אַרומגעגאַנגען פאַרלוירן.

— דאָס איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש... מען דאַרף עס גאָרנישט פאַרגלייכן... אַז ס'איז גאָר אַ נייע זאַך...

ס'האָט געזשומעט אין בופעט, ווי אין אַ בינשטאָק:

— אַן אמתע יידישע מאַמע!

אין דעם קרייזל פון שרייבער און אינטעליגענץ איז אויך געגאַנגען העפטיקע דיסקוסיע.

— דאָס איז נישט גאָרדין! דאָס איז שעקספּיר!

— אַ גרויסע קינסטלערין! אַ גיגאַנטישער טאַלאַנט!

אברהם־יצחק איז געשטאַנען אין אסתר־רחלס גאַרדעראָב, געלאָזט גרויסע קנוילן רויך פון פּאַפּיראָס און גערייצט זיך:

— נו, האָסט מיך נישט געוואָלט פאָלגן... מירעלע איז נישט קיין ראָל פאַר דיר...

אסתר־רחל האָט זיך א מידע אויסגעווישט דאָס פנים, טיף אָפּגע־עטעמט:

— יאָ, די מירעלע איז מיין ראָל... אפשר מיין בעסטע ראָל...

782 — 13

IX

פעטערבורגער נעכט

1

„די „ליטעראַרישע טרופּע“ אין „עליזעום“ האָט זיך אין אַ קורצער צייט אויסגעאַרבעט די מאַרקע פון אַ גוט, קינסטלעריש טעאַטער. אַפילו אין די ליטעראַרישע קרייזן, צווישן די שרייבער און זשורנאַליסטן, ווו מען האָט די ערשטע צייט חוזק געמאַכט פון דעם אומגעלומפּערטן נאָמען פון דער טרופּע, האָט מען גיך געביטן די באַציונג. יעדע פּרעמיערע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס און יעדע פאָרשטעלונג איז טאַקע געווען ערנסט און געוויסנהאַפט צוגעגרייט. עס איז אינגאַנצן אויסגעריימט געוואָרן פון טעאַטער די האָפּקע און דער באַלאַגאַן.

אַן אַקטיאָר פון דער „ליטעראַרישער טרופּע“ איז געוואָרן אַ חשובער אַקטיאָר. בלויז דער פאַקט, אַז ער האָט געשפּילט אין „עליזעום“, האָט שוין באַדייט, אַז דאָס איז אַ גוטער, ערנסטער אַקטיאָר. זיין נאָמען האָט זיך גלייך געבונדן מיט אסתּר־רחלס נאָמען, ווייל דער עולם האָט נישט אָנערקענט די אָפיציעלע פירמע פון טעאַטער, פאַר אים איז עס געווען „קאַמינסקאַס“ טעאַטער. דער עולם האָט דערזען אין דער קאַמינסקאַ די גשמה פון טעאַטער, די צענטראַלע פּערזענלעכקייט.

אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן שלום־צו־מאַכן דערמיט. מען האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אסתּר־רחלס אַ וואָרט, אַ באַמערקונג און אַליין עפּעטער זיך איבערצייגט, ווי ריכטיק, ווי טרעפלעך עס זענען אירע באַמערקונגען.

— ווי קאָנט איר פילן דעם פּאַרטנער, אַז איר זעט נישט זיינע אויגן אויף דער בינע? — האָט אסתּר־רחל כסדר אונטערגעשטראָכן. — מען

קאָן נישט גוט שפּילן, נישט אינטערעסירנדיק זיך דערמיט, וואָס עס טוט דער פּאַרטנער.

די דאָזיקע באַמערקונגען האָבן געצווּנגען די אַקטיאָרן זיך צו פֿאַרטראַכטן.

— דער גרעסטער אַקטיאָר איז נישט בכוח צו מאַכן אַ גוטע פֿאָרשטעלונג, אויב עס וועלן זיך אַרום אים דרייען באַהעלפֿערס, — פֿלעגט אסתּר־רחל שמועסן מיט די חברים אירע, — בלויז גרויסע אַקטיאָרן וועלן נישט אָפּשפּילן קיין גוטע פֿאָרשטעלונג, אויב זיי וועלן זיך נישט צוזאַמענשפּילן, נישט רעדן אויף איין שפּראַך... אַז יעדער שפּילט פֿאַר זיך איז נישטאָ קיין אמת אויף דער בינע און אָן אמת קאָן נישט זיין קיין גוטע פֿאָרשטעלונג.

אסתּר־רחלס גערעדנקען און ווערטלעך וועגן טעאַטער האָבן אָנגעהויבן קורסירן צווישן די אַקטיאָרן, ווי כּללים פֿון זייער קונסט. זי האָט קיינעם נישט אויפֿגעצוווּנגען אירע מיינונגען, נאָר מיט ביישפּילן איבערצייגט אין זייער ריכטיקייט. אַזוי אַרום איז אין דער „ליטעראַרישער טרופּע" אויסגעוואַקסן אַ נוסח פֿון רעדן, פֿון שפּילן, פֿון באַוועגן זיך אויף דער בינע. מען האָט נישט קאָפּירט אסתּר־רחלען — דערצו זענען געווען צו רייפֿע אַקטיאָרן, אייניקע אַפּילו פֿון זיי — שטאַרקע און בולטע אינדיווידואַליטעטן. מען האָט זיך אָבער אַריינגעפֿילט אין דעם אמת פֿון אירע ריי־, פֿון איר שפּילן, פֿון איר באַציִונג צו דער בינע, צו דער ראָל פֿון טעאַטער און אַקטיאָר.

— אַ שליח־ציבור מוזטו זיין, קינד מיינס, — האָט זי געלערנט אַ יונגן אַקטיאָר, באַנוצנדיק איר טאַטנס באַליבטע ווערטער.

די אַקטיאָרן האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו פֿילן די וויכטיקייט פֿון אסתּר־רחלס גלויבן, אַז אַן אַקטיאָר איז אַ שליח־ציבור, אַ פֿאָרשטייער און דער־ציער פֿון עולם. דאָס האָט געהאָלפֿן צו דער שאַפֿונג פֿון איינהייטלעכן טאָן אין טעאַטער, פֿון דעם „קאַמינסקאַ־נוסח", ווי מבֿינים האָבן עס גערופֿן. און האָט זיך עמעצער געפּרוווט אַרויסרייסן פֿון דעם נוסח, האָט עס געווירקט, ווי אַ גרילץ.

דער כּוח פֿון אסתּר־רחלס נוסח איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט צוגעגעבן אַן אַנדער אויסזען אַפּילו די פּיעסן, וואָס האָבן זיך ווייט נישט אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פֿון „ליטעראַרישן" רעפּערטואַר. אסתּר־רחל האָט באַוויזן צו פֿאַרמענטשלעכן מיט איר „גיטעלע" ליבינס „צעבראָכענע הערצער", אָפּשוואַכן די מעלאָדראַמאַטישע טענער פֿון דער גאַנצער פֿאָרשטעלונג. מיט איר „פֿאַניע" האָט גאָרדינס „אמתע קראַפֿט" באַקומען אַן אַנדער פּנים, טראָץ דעם, וואָס ראַפֿעל האָט זיין „ד"ר גאָלדוויי־

זער" געשפּילט לויטן שניט, וואָס יוליוס אַדלער האָט געבּרענגט פון אַמעדיקע. אָבער באַוויזן זיך אין איר אַקטיאָרישער גרויסקייט האָט זי ווידער אַלס „בערטאַ" אין גאָרדינס „אומבאַקאַנטע".

ס'איז; וואָס אַן אמת, שוין נישט געווען קיין נייע פּיעסע און נישט קיין נייע ראָל פאַר איר. זי האָט נאָך געשפּילט די פּיעסע מיט יוליוס אַדלערן. אָבער אין משך פון די פאַר חדשים האָט זי די פּיעסע און די ראָל אַזוי איבערגעקאָכט אין זיך, ווי זי האָט עס שוין אַמאָל געהאַט געטאָן מיט „מירעלע אפרת". און כאָטש געשפּילט האָבן כמעט די זעלבע אַקטיאָרן, אַחוץ די אַדלערס, אויף וועמענס אָרט עס זענען איצט געווען די ראַפּעלס, און אברהם־יצחקן, וועמענס ראָל ס'האָט איצט געשפּילט לאַנדוי — האָט זיך באַקומען גאָר אַ נייע פאָרשטעלונג. אסתר־רחל האָט געפונען די שפּראַך פון דער פּיעסע אויסערן טעקסט. זי האָט אַלץ דרייסטער אָנגעהויבן אַרויסצוואַרפן זאַץ; פון גאָרדינען, רעדוצירן זיין נאַיווע פילאָזאָפיע, אָפּטעמפן די מעלאָדראַמאַטישע פּאַרשפּיצטקייטן פון טעקסט און פון דער האַנדלונג. זי איז דערגאַנגען דעם גרויסן סוד פון קאָנען שווייגן אויף דער בינע. קאָנען רעדן דורך שווייגן, דורך אַ בליץ פון די אויגן, אַ צוק פון אַ ברעם, אַ ציטער פון די ליפּן, אַ באַוועגונג פון דער האַנט, אַ דריי פון קערפּער. זי האָט די מיטלען נישט אויסגענוצט אין דער פאָרם פון טעכנישע קונצלעך — זי האָט דורך זיי אַרויסבאַקומען דעם אויסדרוק פון טיפסטער איבערלעבונג, פון אינערלעכן אמת. זי האָט אַליין געלערנט:

— איר מוזט אויפריכטיק גלייבן אין דעם, וואָס איר טוט און רעדט אויף דער בינע!

האָט זי נישט געקאָנט בשום אופן גלייבן אין מחברס ווערטער, זענען די ווערטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און אויף זייער אָרט איז געקומען די שפּראַך פון די אויגן. יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט אויף דער בינע האָט געמוזט האָבן אַ זין און וואָג. ס'איז אַרויסגעבּרענגט געוואָרן אין געדעמפּטע טענער, מיט האַלב־טענער. און האָט אסתר־רחל אַמאָל אַ געשריי־געטאָן אויף דער בינע, איז שוין אַ שוידער אַדורך דעם זאַל.

נאָך יעדער גוטער פאָרשטעלונג האָט אסתר־רחל געשטראַלט. פון יענער זייט פורהאַנג האָבן זיך נאָך געהערט אַפּלאָדיסמענטן, נאָר זי האָט שוין געקושט אידעלען, וואָס האָט געשפּילט אין דער פּיעסע, געדריקט די הענט פון די אַקטיאָרן:

— איך דאַנק אייך אַלע... מיר האָבן היינט געגעבן אַ גוטע, ערלעכע פאָרשטעלונג... אַ דאַנק, קינדער!

— צום געזונט, מאַמע! — האָבן אַקטיאָרן צופרידן געענטפערט.

דער נאָמען „מאַמע" איז אַלץ מער געוואָרן צוגעוואַקסן צו איר. שוין נישט בלויז אַלטע חברים — אַלע אַרום האָבן זי אַזוי גערופן. מען האָט שוין נישט געהערט „מאַדאַם קאַמינסקאַ", „אסתּר־רחל", „דירעק־טאָרשע"... דער נאָמען „מאַמע" האָט זיך אַפילו פאַנאַנדערגעטראָגן צווישן עולם.

— אָט איז די מאַמע! — האָבן שמייכלענדיקע אָנגעוויזן אויף איר פאַרבייגייענדיקע טעאַטער־גייער, ווען מען האָט זי דערזען.

און ווען ס'איז אַמאָל געפאַלן די פראַגע פון אַ נישט־אָריענטירטן:

— וועלכע מאַמע?

האָבי אַסך פאַרוווּנדערטע בליקן באַקוקט דעם פרעגנדיקן:

— נו, די מאַמע... אסתּר־רחל קאַמינסקאַ.

2

אסתּר־רחלען איז דער נאָמען מאַמע זייער ליב געווען. זי האָט אַפילו צו אַקטיאָרן, עלטערע פון איר, געהאַט אַ מאַמיש געפיל. אָבער זיין אַ מאַמע, האָט זי געוווּסט, איז נישט נאָר אַ פאַרגעניגן, ס'איז אַ גרויסע אחריות. די אחריות פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

צייט האָט זי געהאַט ווייניק. יעדן אָוונט האָט זי געמוזט שפּילן. איצט האָט זי געוואָלט שפּילן אויך. מיט יעדער פאַרשטעלונג האָט זי פאַרפּעסטיקט דאָס, וואָס זי האָט שוין געהאַט געפונען אין דער געשטאַלט, אָדער זי האָט געפונען אַ נייעם שטריך, אַ נייעם מאָמענט. עס האָט זי נאָר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט איצט אַזוי וועלטן די געלעגנהייט צו גיין אין פּוילישן טעאַטער, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט צוליב זיינע גרויסע אַקטיאָרן און צוליב דעם פיינעם טאָן פון די פאַרשטעלונגען. איצט האָט זי כמעט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט די קינדער. רעגינעלע איז שוין אַ גאַנצע פרייל'ן, גייט אין פּאַנסיאָן, איז זי נישט אַזוי להוט אויף דער מאַמעס צערטלערייען; אידעלע איז כמעט כסדר מיט איר. זי שפּילט אין דער מערהייט פּיעסן, רעכנט זיך ממש פאַר אַ מיטגליד אין דער טרופּע. זי האָט אַ דערפאַלג, וועלכן ס'איז איר מקנא נישט איין אַקטיאָר מיט אַ נאָמען... אָבער דאָס קליינע יאָסעלע, וואָס לויפט אַרום ווי אַ קאַראַפּוזיק איבער די צימערן — ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַ שפּיל־טאָן מיט אים, אַ פּריי־טאָן זיך מיט זיינס אַ חכמהלע?

און נאָך פון איין זאַך האָט זיך אסתּר־רחל נישט געקאָנט אָפּזאָגן: פון לייענען. מיט פּויליש, איז איר נאָך אַלץ שווער געווען, האָט זי גע־

שלונגען רוסישע און יידישע ביכער, ביז שפעט אין דער נאַכט געלעגן מיט ביכל.

זי איז פון די ביכער געוואָרן דאָס, וואָס זי האָט נישט באַקומען אין שולן. די ביכער האָבן ביי איר אַרויסגערופן נייע געדאַנקען, אויפגעדעקט נייע שטריכן פון מענטשן, נייע זייטן פון לעבן. נישט איינמאָל האָט זי אָנגערעגט אַריינצוברענגען אַ נייעם טאָן אין אַ ראָל, אַ נייעם שטריך אין אַ געשטאַלט, אַרויסגערופן ביי איר דעם חשק צו שאַפן נייע געשטאַלטן.

אַמאָל האָט זי נאָך געבלאָנדזשעט. מאַרק אַרנשטיין האָט זיך באַמיט זי איבערצייגן, אַז זי געפינט זיך אויפן וועג צום מאָדערנעם טעאַטער, וועלכן אַרנשטיין האָט געזען אין די ווערק פון פשיבישעווסקין, פון סטרינדבערגן, און זיינע אייגענע ווערק.

— איר פאַרשטייט: די קונסט דאַרף רעדן דורך וויזיעס, דורך סימבאָלן. איר דערהויבט זיך צו סימבאָלן. איר האָט אָבער נישט קיין אייבקייטס־שטאָף. די פיעסן טויגן נישט... אָט וועט איר זען, ווי איר וועט אויפשיינען אין מיין „ווילנער בעל־הביתל“.

נאָר זי האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט אַרנשטיינען, אַזוי ווי כעת זייער ערשטער צוזאַמענאַרבעט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אַרנשטיין האָט פון איר פאַרלאַנגט זי זאָל שפּילן, כדי צו דעקן די אמתע געפילן:

— „יאָ“ דאַרף אויסדריקן „ניין“... דער אמת איז נישט אין ערדישן, נאָר אין איבערערדישן... בכלל איז נישט וויכטיק דער אמת, נאָר דער רוף פון בלוט.

ביי אסתר־רחלען איז פון אַזעלכע געדאַנקען געוואָרן אַ מיש־מאַש אין קאָפּ. און ביי אַרנשטיינען פלעגן זיך געדאַנקען בייטן מיט דער שטימונג:

— קונסט דאַרף געבן די עטערישקייט פון דער נאַקעטער נשמה און גלייכצייטיק אַ פיזישן גענוס. קונסט הייסט געניסן... און גענוס איז דער זין פון לעבן...

אַז עס איז אַ מאָדע אויף אַזעלכע געדאַנקען, האָט אסתר־רחל געוווּסט. זי האָט עס געפילט פון אַנדרייעווס זאַכן, בעיקר פון אַרציבאַשעווס. אָבער צו איר האָט די מאָדע נישט גערעדט.

— אַרנשטיין קומט דאָך פון דער גרויסער וועלט, פון פוילישן טעאַטער. ווייסט ער דאָך מסתמא בעסער... לאָמיר פּרוּוון... — האָט איר אַבֿרהם־יצחק איינגערעדט.

אסתר־רחל איז געווען זיכער, אַז אין „ווילנער בעל־הביתל“ בלאָנ־

דזשעט זי. דעריבער האָט זי געשטוינט ווען פּרץ האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן:

— אייער לאה איז גוט! דאָס הייסט... איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט.

— זייט אויפריכטיק, פּאַניע פּרץ, איר מיינט עס טאַקע? ווייל איך ביז הײַנט נישט צופרידן...

— ניין, איך מיין עס אויפריכטיק, איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט... אַ, איר זענט איבערגעטריבן אין דער ראָלע? ווי קאָן דען זיין אַנדערש? ס'איז זיך זייער שווער צו האַלטן אין אַ ראָלע, וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָליסטיש־דעקאַדענטיש... עס שלאָגן זיך דאָ אַלערליי ליטעראַרישע פאַרמען... מאַסנהאַפט ווילד־פרעמדע מאָטיוון... דאָס זענט איר שוין נישט בכוח צו ראַטעווען... אָבער איר שפּילט מייסטערהאַפט!

די שמועסן מיט פּרצן זענען פאַר אסתּר־רחלען נאָך אַלץ געווען יום־טובדיקע מינוטן. זי האָט אויפגעכאַפּט זיינע בליץ־געדאַנקען וועגן טעאַטער, געזוכט צו פאַרגלייכן איר טעאַטער־ווירקלעכקייט מיט פּרצס טרוימען וועגן טעאַטער. פּרץ איז מיט איר געווען אויפריכטיק:

— גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאַטער נישט זיין. אַ טעאַטער איז אַ בית־המקדש, ווו קיין פעלערהאַפטע זאַך, קיין בעל־מום, טאָר נישט אריינקומען. און אין יידישן טעאַטער איז נאָך דאָ אסך בעל־מומים.

אסתּר־רחל האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נעמט עס זיך נישט צום האַרצן! — האָט זי פּרץ באַרואיקט. — זעענדיק דעם פאַרשריט, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה.

און קושנדיק אסתּר־רחלס האַנט, האָט ער צוגעגעבן:

— צו אייער מדרגה, מאַדאַם קאַמינסקאַ, צו דער הויכער מדרגה פון אייער קונסט.

פּרצס ווערטער האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין איר דאָס אחריות־געפיל פאַרן טעאַטער, פאַר דער „ליטעראַרישער טרופּע“, פאַר איר טעאַטער.

— ווי אַזוי קאָן נישט זיין קיין בעל־מום, — האָט זי זיך געטראַכט, — אז איינער פון די יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך אַ טעאַטער, דער רעפּערטואַר, איז איין גרויסער מום? גאָרדין איז דאָך שוין דאָס בעסטע. מיר מוזן נאָך אַנקומען צו ליבינען, צו זיינע פאַרשיידענע „אומגליקלעכע מוטערס“, „געבראָכענע הערצער“ און „שרעקלעכע נק־

מות" וואָס זאָל מען טאָן? מיט וואָס זאָלן מיר אָנפילן די רעפּערטואַר־בלויזן?

זי האָט זיך באַמיט צו רייניקן די מעלאָדראַמעס. אָנשטאָט ביליקן שאַרזש האָט זי געזוכט צו געבן דינע איראָניע, אָדער שאַרפן סאַרקאַזם; אָנשטאָט האַרצרייסנדיקן געוויין — קוים אַ שטיל כליפּען. אָבער דאָס, וואָס איז פון גרונט אויס פאַלש געווען, איז זי נישט בכוח געווען צו מאַכן אמתדיק.

אסתר־רחל האָט געפילט, אַז אויב מען זאָל ווייטער אַזוי ציען, וועט עס זיין סוף־כל־סוף אַראָפּשלעפּן פון דער מדרגה, וועלכע זיי האָבן מיט אַזויפיל מי און האַרצווייטיק דערגרייכט די לעצטע יאָרן. האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער היימישער וואַרעמקייט, פון די באַקוועמלעכקייטן פון „עליזעום", פון זיצן אויף איין אָרט און לאָזן זיך אויפסניי אין וואַנדער־וועג. נאָר דאָס מאָל שוין נישט מיטן דלות פון די אַמאָליקע וואַנדערונגען, נאָר אַלס באַרימטע „ליטעראַרישע טרופּע" מיטן שטערן פון יידישן טעאַטער, אסתר־רחל קאַמינסקאַ בראש.

3

אין די שטעט פון פוילן איז שוין פאָרויסגעגאַנגען דער גוטער נאָמען פון דער „ליטעראַרישער טרופּע" און אסתר־רחלס רום. האָבן אויף די וואָקזאַלן אין די שטעט פון טורגע אָנגעוואַרט דעלעגאַציעס מיט בלומען און באַגריסונגען, געשפּילט האָט מען אין די בעסטע טעאַטער־זאַלן און די פאָרשטעלונגען זענען אומעטום געווען אויספאַרקויפט פון פאָרויס. אין די קלענערע שטעט פלעגט שוין קומען אין טעאַטער אַריין כמעט די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען אַזאַ זעלטנקייט אין וואַרשע. דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן האָבן געזוכט זיך צו דערנענטערן צו די אַקטיאָרן, פאַרברענגען מיט זיי ביי אַ גלעזל טיי, שמועסן וועגן קונסט־פּראָבלעמען. אַקטיאָרן האָבן כסדר געהערט וועגן זיך, אַז זיי זענען קינסטלער און זיי האָבן שוין איצט געגלייבט אין דעם. דאָס האָט צוגעגעבן חשיבות זייער האַלטונג, זייערע ארויסזאָגונגען, עס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן ביי זיי דער טאָן פון ציגיינערישן הפקר.

אַלע ביליקן זענען שטענדיק געווען געווענדעט צו אסתר־רחלען, אַלע אויערן אָנגעשפּיצט אין איר ריכטונג, נאָר זי האָט זיך זעלטן אָנגערופן מיט אַ וואָרט און באַמיט זיך צו זיין אין שאָטן. האָט זי זיך אָבער שוין יאָ אַריינגעמישט אין אַ שמועס, אַ דיסקוסיע, איז איר וואָרט געווען באַראַכט און האָט געצוונגען זיך צו פאַרטראַכטן.

— ווי פשוט די קאַמינסקאַ איז — האָבן זיך געחידושט נייע באַקאַנטע.

— אַזאַ איז זי שוין, אונדזער מאַמע, — האָבן אַקטיאָרן געענטפערט.

פון שטאָט צו שטאָט זענען צוגעקומען טויזנטער נייע ליבגדיקע קינדער פון דער „מאַמען פון יידישן טעאַטער". און אַט קומט מען ווידער קיין לאָדזש, מיט וועלכער מען האָט זיך געזעגנט מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק.

נישט קיין לייכטער ביסן איז איצט געווען לאָדזש. יוליוס אַדלער איז פון וואַרשע געפאָרן אהין און אָפּגעשפּילט אַלע פּיעסן, וואָס ער האָט געברענגט פון אמעריקע, כמעט אַלע ראָלן אסתר־רחלס האָט אָפּגעשפּילט עמיליע אַדלער.

דער לאָדזשער עולם האָט אָבער באַשאָנקען אסתר־רחלען מיט קרעדיט נאָך צוליב אירע פאַריקע גאַסטשפּילן. און איצט האָט ער געזען, אַז מיט רעכט: „מירעלע אפרת" האָט אויפגערודערט לאָדזש, נישט ווייניקער ווי וואַרשע. די „שחיטה" האָט דער עולם אויפגענומען, ווי אַ נייע פּיעסע צוליב אסתר־רחלס אסתרקע. „דער אומבאַקאַנטער" האָט אויפגעטרייסלט דעם עולם. „סאַפאָ" האָט ארויסגערופן הייסע דיסקוסיעס.

די טעמע פון שמועסן אין דער שטאָט זענען געווען די גאַסטשפּילן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע" און „די מאַמע". אין דעם שרעקלעכן מענטשן־געדרענג אויף פּיאָטרקאָווער גאַס, ווען די גאַנצע גאַס האָט אויסגעזען ווי איין שוואַרצע מאַסע, וואָס האָט זיך לייכט געכוואַליעט אין אַלע ריכטונגען, האָט איר אין טומל געקאָנט הערן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם. לאַנגע שמועסן האָט מען געפירט אין קאַוויאַרניעס, מילך־האַליעס, רעסטאָראַנען. דורכגעוואָרפן האָט מען זיך מיט איינדרוקן אין די וואַרשטאַטן און ביי די וועב־שטולן אויף באַלוט.

אין אַ באַלוטער הילצערן הייזל האָט אַ יונגע פרוי מיט פרייד דערציילט איר מאַן, דעם וועבער, וואָס איז בייגאַכט געקומען אַ טויט־מידער פון דער אַרבעט:

— איך האָב שוין בילעטן אויף שבת אויף „קרייצער סאָנאַטע"... קוים געקריגן...

— איז גוט, גוט... אָבער איצט גיב מיר עפּעס צום עסן, אַז נישט וועל איך נישט דערלעבן ביז שבת... — האָט דער מאַן געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

די פרוי האָט זיך פלינק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און באַלד איז געשטאַנען דאָס באַשיידענע מאָלצייט אויף דעם ווייסן, געלאַטעטן

ט'שטוך. ער האָט איילִיק געשלונגען דעם אָונט־ברויט און זי איז געזעסן פאַרקוקט פאַר זיך, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. אַ דין שמייכעלע האָט געבלאָנדזשעט אויף אירע ליפּן:

— כ'האָב געוווּסט, אַז זי וועט האַלטן וואָרט, די קאַמינסקין. זי איז ווידער צו אונדז געקומען... נאָך שענער און גרעסער ווי פריער.

דער מאַן האָט מיט אַ פול מויל צוגעבאָמקעט:

— הממם!...

— ווי מיינסטו, חיים, — האָט זי אויפגעוואַכט, — איז דאָ נאָך אַזאַ גרויסע קינסטלערין, ווי אסתּר־רחל קאַמינסקאַ?

ער האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט אין די געראַנקען געוויגן און געמאָסטן:

— ניין, ס'איז נישטאָ!

— אויף דער גאַנצער וועלט?

— פאַר אונדז איז זי די גרעסטע אויף דער גאַנצער וועלט. ווייל זי איז אונדזערע.

— יאָ, אונדזערע, — האָט זי געענטפערט ווי אַ ווידערקול.

4

— אַ גליק האָט אונדז געטראָפן: לאָדזש איז באַגייסטערט! — האָט זיך ראפּעל געקאָכט. — ס'איז נישט קיין תּכלית ארומצושלעפּן זיך איבער פּוילישע שטעט... מיר מוזן זיך באַווייזן אין פּעטערבורג, דאן וועלן מיר וויסן, אַז מיר זענען געמאַכטע מענטשן..

— כ'האָב גאָרנישט בדעה צו ווערן אַן אימפּעראַטאָרסקאַיאַ אַקטריסע... כ'וויל זיך גאָרנישט באַווייזן פאַרן קייזערלעכן הויף, — האָט זיך אסתּר־רחל געוויצלט.

— „פּריטשאָם זדיעס" קייזערלעכער הויף? מיר האָרפן די פּעטערבורגער פּרעסע, די פּעטערבורגער מבינים.

— די לאָדזשער וועבער און די וואַרשעווער גאַליאָרקע זענען שלעכטע מבינים?

— הייסט עס פּעטערבורג האָרף מען איבערלאָזן פאַר ספּיוואַקאָווסקין? מיר וועלן זיין אַ טרופּע בלויז פאַר דער פּראָווינץ...

אויף אברהם־יצחקן האָט אַזאַ אַרגומענט זייער שטאַרק געווירקט. די שותּפים זענען געקומען צו אַ הסכּם אָן אסתּר־רחלס וויסן. עפּעלבער איז געפאָרן קיין פּעטערבורג און פון דאָרט טעלעגראַפירט:

— געדונגען דאָס טעאַטער פון דער קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ. מען מאַכט שוין רעקלאַמע.

די טעלעגראַמע האָט עלעקטריזירט די טרופּע. מען האָט באַשלאָסן אויף שנעל צו ענדיקן די גאַסטראָלן אין לאָדזש און אַרייַנכאַפּן זיך קיין וואַרשע, כדי זיך ווי געהעריק צוגרייטן פאַר פּעטערבורג.

פון דעם גאַנצן ענין פּעטערבורג האָט אסתּר־רחלען אימפּאָנירט איינס: שפּילן אין קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס טעאַטער! וויערא קאָמיסאַר־זשעווסקאַיאַ איז איינע פון די גרעסטע קינסטלערינס, וואָס רוסלאַנד פאַר־מאָגט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פירנדיק אָרט אין קייזערלעכן „אַלעקסאַנדרינסקי“־טעאַטער, ווייל ס'איז איר קינסטלעריש נישט געווען צום האַרצן די אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. זי האָט געהאַט דעם מוט צו גרינדן אַ טעאַטער אין פּעטערבורג ביי אַזאַ שווערער קאָנ־קורענץ פון קייזערלעכע און פּריוואַטע טעאַטערס; צונויפגעשטעלט אַן אַנסאַמבל פון קינסטלער אַזעלכע אומצופרידענע, ווי זי, כדי צו שפּילן אַזוי ווי עס ווילט זיך שפּילן. אסתּר־רחל האָט געזען אין קאָמיסאַרזשעוו־סקאַיאַס האַנדלונג אַן ענלעכקייט צו איר אייגענער שטרעבונג אין טעאַ־טער. זי האָט געוואָלט זען די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אויף דער בינע, רעדן מיט איר, הערן אירע געדאַנקען וועגן טעאַטער.

פּעטערבורג! די רעזידענץ פון צאַר. די קאַלטע שטאָט, פון וואַנען עס ציען זיך אַלע פעדים, וועלכע פירן אַן מיטן גרויסן לאַנד, מיט צענד־ליקער מיליאָנען לעבנס. די שטאָט, ווו עס געפינען זיך שפּרינגפעדערן פון דעם גרויסן מעכאַניזם פון אונטערדריקונג, אין וועלכן עס איז איינגע־קלעמט די ריזיקע אימפּעריע. די שטאָט, פון וואַנען עס זענען אַרויס די פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן שווער געמאַכט דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן, אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער; די שטאָט, ווו עס איז געבוירן געוואָרן די גזרה וועגן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“ — אַהין קומט איצט אסתּר־רחל מיט איר טרופּע שפּילן יידיש טעאַטער, קריגנדיק דערויף „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“...

— זעסט, אידעלע, מיין קינד, מיר זענען אין פּעטערבורג... מיר וועלן שפּילן אין פּעטערבורג... אַ ווייטער וועג פון פּאַראָזאָווע ביז אַהער, מיין קינד...

מיט אַ פאַרשטאַרקטן קלאַפּ פון האַרץ איז אסתּר־רחל אַריין אין גאַרדעראָב פון וויערא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ.

שוין געווען דריי גלאָקן. לויט דער אַלטער געוווינהייט איז זי אַרויף אויף דער בינע אַ קוק־טאָן צי אַלץ איז אין אָרדענונג, דורכקאָנטראָלירן דעם

רעקוויזיט, באַלייכטונג, מעבל און זיך שפּעטער אַוועקגעזעצט הינטער די קוליסן ביחידות וואַרטן אויף איר אויפטריט.

די גרויסע שטיוול פון כאַסיען אין ערשטן אַקט האָבן אָנגעהויבן שווער צו ווערן, אַ סימן, אַז זי וואַרט שוין צו לאַנג אויפן אויפטריט. זי קוקט זיך אַרום:

די פאָרשטעלונג האָט מען נאָך נישט אָנגעהויבן. וואָס איז געשען?

די בשורה האָט צוגעטראָגן הערמאַן פישער:

— דאָס טעאַטער איז פול געפּאַקט. מען האָט שוין געלאָשן האַלבליכט. נאָר די פּאָליציי לאָזט נישט אָנהייבן..

— פאַרוואָס? ס'איז דאָך אַלץ אין אָרדענונג: דערלויבעניש, פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, צענזורקע...

— זיי פאַרלאַנגען מען זאָל שפּילן דייטש...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן. עפּעלבערג איז אַרויס פאַרן פאָרהאַנג אַ טויט־בלאַסער.

— מיר אַנטשולדיקן זיך פאַר די הויכגעשעצטע דאַמען און הערן... דער דיזשורני פּריסטאַוו פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן שפּילן אויף דייטש... דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש... ס'וועט באַלד אויפגעקלערט ווערן... מיר האָבן די דערלויבעניש אויף דער האַנט און די צענזורקע... מיר בעטן אייך, אין נאָמען פון דער דירעקציע, אום אַביסל געדולד...

דערווייל האָט זיך אַברהם־יצחק געאַמפּערט מיטן פּריסטאַוו, געפּאַטשט אים פאַר דער נאָז מיט דער צענזורקע, מיט דער דערלויבעניש... יענער האָט זיך געעקשנט, אַז יידיש איז אַ פאַרקריפּלטער דייטש און אין פּעטערבורג מוז מען שפּילן אַ ריינעם דייטש.

אַ פּאָר פּעטערבורגער אַדוואָקאַטן זענען אַריינגעקומען הינטער די קוליסן, פאַרוואָרפן דעם פּריסטאַוו מיט ציטאַטן און פּאַראַגראַפן, אָנגעהויבן צו דראָען מיט אַן אינטערווענץ אין דעפּאַרטאַמענט. דער פּריסטאַוו האָט זיך אַ וואַקל־געטון און איז ענדלעך אַוועק פון דער בינע מיט עפּעלבערגן, וועלכער האָט אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער...

נאָך אַ זייגער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג.

— נאָר אָן פּריוואַטע נערוון, קינדער. אויף דער בינע זאָל מען גאָרנישט דערקענען! — האָט אסתּר־רחל באַרואיקט די אַקטיאָרן.

שוין דער ערשטער אַקט האָט באַשייפערלעך גענומען דעם עולם געוואַלט איז עס נאָר אַ נייער עולם פאַר זיי: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, סטודענטן... זיי האָבן באַלד נאָכן ערשטן אַקט אַרויסגעגעבן זייער אַ באַגייסטיקנדיקן אורטייל. די קליינע גרופּע: פאַבריקאַנטן און רייכע סוחרים — זיי האָבן געוואַרט, וואָס עס וועט זאָגן דער שרעק־נאָמען פון דער פּעטערבורגער

טעאַטער=וועלט, דער קריטיקער האָמאָ=נאָווס=קוגעל. נאָכן צווייטן אַקט האָבן זיי שוין באַמערקט, ווי קוגעל גלעט אַ צופרידענער זיין בערדל און שאַרט אַרויף מיט אַ מילדער האַנט=באַוועגונג זיינע שיטערע האָר. דאָס באַדייט ביי אים אַ גוטע שטימונג. מען האָט זיך געשאַרט אַרום קוגלען און זיין געזעלשאַפט פון רוסישע אַקטיאָרן און שרייבער, וואָס האָבן מיט נייגיר אויסגעהערט קוגעלס מיינונג:

— אַ דורכויס אָנשטענדיקע טרופּע. גוט צונויפגעשפּילט... באַמערקט, וואָס פאַר אַ רעאַלע מאַניער פון שפּילן: זייער אַ פּראָסטע און אין דער זעלבער צייט אַ ווייכע... אַ גוטער אַנסאַמבל. און די פרוי קאַמינסקאַ, דאָס איז אַ באַדייטנדיקע, אַ מערקווירדיקע באַגאַבונג... דאָס איז אייגנפאַך אַן אויסגעצייכנטע אַקטריסע. אַ זעלטענע מימיק, אַ וווּנדערלעכע פּראָסטקייט... אַ טיפער ליריזם מיט אַן אומגעהויער גרויסן טעמפּעראַמענט. באַמערקט מיט וויפל טאַקט זי לינדערט די מעלאָדראַמאַטישע סיטואַציעס, וואָס פאַר אַ לעבעדיקע געשטאַלט זי שאַפט...

זענען די ווערטער באַלד פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן איבערן זאַל. מען האָט זיי אָנגעהויבן נאָכצוזאָגן.

דער זאַל איז געווען באַזיגט. צענדליקער סטודענטן זענען געשטאַנען לאַנג נאָך דער פאָרשטעלונג און געמאַכט אָוואַציעס אסתּר=רחלען. עס האָט זיך ביי זיי צונויפגענומען זייער באַגייסטערונג פאַר אסתּר=רחלס קונסט און די בענקשאַפט נאָכן יידישן וואָרט, נאָך דער יידישער סביבה, וועלכע זיי האָבן אין פּעטערבורג נישט געהאַט און וועלכע אסתּר=רחל מיט איר אַנסאַמבל האָבן צום ערשטן מאָל דאָ אַהערגעבראַכט אין אַן אויסגעלײַטערטער, אויסגעפיינערטער פאָרם.

— זאָל לעבן די קאַמינסקאַ! זאָל לעבן די יידישע קונסט! — האָט געהילכט אין זאַל פון קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס טעאַטער.

אסתּר=רחל און אַלע אַקטיאָרן האָבן געפילט, אַז זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, וואָס קאָן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן יידישן טעאַטער.

זיי האָבן עס אין אַ פּאָר טעג אַרום בולט אַרויסגעלייענט אין דעם פירנדיקן רוסישן קונסט=זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטוואָ“.

— „די גאַסטראָלן פון דער וואַרשעווער טרופּע „יידיש ליטעראַרישער טעאַטער“ וועלן שאַפן, אַזוי צו זאָגן, אַ גרענעץ אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד... שוין דאָס אַליין, וואָס דאָס יידישע ליטעראַרישע טעאַטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלטן רעפּערטואַר: פאַרס, פאַנטאַסטישע פעעריע און אָפּערעטע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו גאָרדינס דראַמען, איז אַ גרויסער פאַרדינסט. אָבער די וויכטיקסטע פּאָזיטיווע אייגנשאַפט פונעם „ליטעראַרישן טעאַטער“ באַשטייט דאָך נישט אין דעם רע=

פּערטואַר... אין קאַמינסקיס טרופּע האָבן מיר אָן אָנשטענדיקן אַנסאַמבל, עטלעכע באַגאַבטע אַקטיאָרן און ענדלעך: א רורכוים טאַלאַנטפולע פּרע־מיערין פון דער טרופּע, די פרוי קאַמינסקאַ".

5

די רוסישע פּרעסע, באַזונדערס די טעאַטער־זשורנאַלן, האַבן כסדר געבראַכט אָפּהאַנדלונגען און באַגייסטערטע אָפּרופן פון די גאַסטשפּילן. אומעטום איז אסתּר־רחל געשטעלט געוואָרן פון אויבן־אָן און ווען אפילו ס׳איז געשפּילט געוואָרן א שוואַכע פּיעסע, האָט מען זיך ברייטער אָפּגע־שטעלט אויפן שפּילן פון די אַקטיאָרן, אַרויסהייבנדיק זייער טאַלאַנט, „אויב זיי האָבן געקאָנט פון אַזא מינדערוועדיקן שטאָף שאַפן א גוטע פאָרשטעלונג".

— די קאַמינסקאַ דערהויבט יעדע פּיעסע, וואָס זי שפּילט, — האָט זיך געשאַפן א מיינונג אין די פּעטערבורגער טעאַטער־קרייזן.

דער „טעאַטער און איסקוסטוואָ" האָט געשריבן וועגן די פאָרשטע־לונגען:

— „זיי פאַרדינען בכלל די אויפמערקזאַמקייט פון די טעאַטראַלן".

און א. ר. קוגעל האָט אין דער איינפלוסרייכער צייטונג „רוס" אונ־טערגעשטראָכן אין זיין באַגייסטערטער רעצענזיע וועגן אסתּר־רחלס א פּרע־מיערע:

— „אין אַלגעמיין איז עס זייער אַן אינטערעסאַנטע טעאַטראַלע דער־שיינונג".

האָבן אויף די פאָרשטעלונגען אָנגעהויבן אָפּט צו קומען רוסישע אַרטיסטן פון די פיל פּעטערבורגער טעאַטערס.

זיי זענען געווען באַגייסטערט פון די פאָרשטעלונגען. א סך זענען אַריינגעקומען הינטער די קוליסן, געדאַנקט, גראַטולירט.

— זיי ווילן אביסל דערקוויקן די אָרעמע יידישע אַקטיאָרן... דאָס איז רוסישע ברייטהאַרציקע גאַסטפריינדלעכקייט, — האָט אסתּר־רחל אַביסל געהאַמעוועט די שמחה צווישן אירע אַקטיאָרן.

איינמאָל אָבער האָט זי אויך אַ ציטער געטאָן:

— ס׳זענען געקומען אַקטיאָרן פון די „כודאָזשניקעס"!

די „כודאָזשניקעס" האָט מען גערופן די אַקטיאָרן פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט גאַסטראָלירט אין פּע־טערבורג. זייער רום אַלס טעאַטער און דער רום פון זייערע אָנפירער,

ק. ס. סטאַניסלאַווסקי און וול. ניעמיראָוויטש=דאַנטשענקא, איז אַוועק ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

אסתר=רחל האָט דאָס טעאַטער שוין געקענט, פון הערן און פון לייענען. זיי זענען אפילו מיט צוויי יאָר צוריק, אויף זייער צוריקרייזע פון איילאַנד, געווען מיט א ריי גאַסטשפּילן אין וואַרשע. גראָד דאַן האָט אָבער אסתר=רחל געשפּילט אין לאָדזש. זי האָט געהאַט דערפון זייער שמאַרק פאַרדרוס, ווייל ביי איר האָט זיך שוין באַפעסטיקט די מיינונג, אַז דאָס איז אַן אידעאַל פון א טעאַטער — און זי האָט געחלשט עס צו זען.

זי האָט באַמערקט, אַז צווישן די אַקטיאָרן הערשט א נערוועזע אויפהייטערונג און זיך באַמיט זיי באַרואיקן:

— נעמט זיך אין די הענט... געדענקט וועגן דער פאָרשטעלונג!

— אָבער איין קלייניקייט: קאַטשאַלאָוו, קניפּער=טשעכאָווא, לעאָנידאָוו, אוראַלאָוו און נאָך אַקטיאָרן זענען געקומען! — האָבן זיי זיך געקאָכט.

— טאַקע דערפאַר דאַרף מען שפּילן א גוטע פאָרשטעלונג — האָט אסתר=רחל רואיק געענטפערט.

זי האָט עס אויסגעפירט. און קורץ נאָכן פאַלן פון לעצטן פורהאַנג האָט זיך דערהערט הינטער די קוליסן א ווייל=קלינגענדיקע, באַרכאַטנע מענער=שטים:

— מיר גראַטולירן אייך, קאָלעגן! בראַוואָ!

אין גאַרדעראָב איז אריינגעקומען א גרופּע מענער און פרויען, וואָס די אויסערלעכקייט אַליין האָט גערעדט וועגן זיי, ווי וועגן קינסטלער.

— קניפּער=טשעכאָווא. — האָט זיך פאָרגעשטעלט אַן עלעגאַנטע מיטעליעריקע דאַמע.

— קאַטשאַלאָוו! — האָט א זינג=געטאָן די באַרכאַטע מענער=שטים פון אַן אימפּאָזאַנטן, שיינעם מאַן.

— לעאָנידאָוו! — האָט צוגעבאַסעוועט א צווייטע מענער=שטים.

ווייטערדיקע נעמען, פרויען און מענער, הענט האָבן געדריקט אסתר=רחלס האַנט. זי איז געשטאַנען אַ פאַרלווירענע, נישט געקאָנט פון זיך קיין וואָרט ארויסבאַקומען.

— מיר זענען אויפריכטיק באַגייסטערט פון אייער שפּילן, מאַדאַם. פון דעם צוזאַמענשפּילן פון אייער אַנסאַמבל! — האָט געגלעט דאָס אויער קאַטשאַלאָווס שטים.

— איר זענט א גרויסע קינסטלערין! — האָט קניפּער=טשעכאָווא נאָכאַמאָל הארציק געדריקט אסתר=רחלס האַנט.

— מיר דאַנקען אייך, וואָס איר האָט פאַר אונדז אנטדעקט דאָס יידישע טעאַטער... א גוט טעאַטער... — האָט לעאָנידאָוו באַם געוואָרעמט.

— מיר וועלן ווערן די הערצלדן פון אייער טעאטער אין דער רוסישער טעאטער־וועלט. — האט אוראלאוו אויסגערופן מיט פייער.

אסתר־רחל האט געשטראלט:

— איך דאנק אייך זייער... איך בין גערירט... איך האב געחלומט צו זען אייך שפּילן, זענט איר גאר פריער געקומען צו אונדז..

— קומט, קומט אומבאדינגט! איר וועט זיין ביי אונדז א ליבער גאַכט!

צומאָרגנס האט זי דערקלערט אברהם־יצחקן:

— אין „די געבראָכענע הערצער" וועל איך נישט שפּילן. איך מוז גיין זען דאָס מאָסקווער קונסט־טעאטער.

— וואָס הייסט? ס'וועט דאָך זיין א סקאַנדאַל... דער עולם וועט פאר לאַנגען...

— איך מוז זיי זען שפּילן!

— ס'וועט זיך אָפּרופן אויף אונדזערע סבאָרן! די שותפים וועלן זיך בייזערן און זיי וועלן זיין גערעכט...

זי האט אָבער אירס אויסגעפירט. זי איז געזעסן א פארכישופטע אויף גריבאָיעדאָווס קאָמעדיע „ווי צו דעם, וואָס האט שכל" אין מיכאַי־לאָוו טעאטער ביי די „כודאָזשניקעס". ס'איז געווען אזא הארמאָנישע צוזא־מענשפּיל פון אלעמען און אלץ אויף דער בינע, אזא אמת האט אראָפּגע־שטראלט צו איר, אז זי האט זיך אפילו נישט געקאָנט פאנאנדערקלייבן אין פרטים, אויסטיילן, ווער עס געפעלט איר מער, ווער ווייניקער. אלץ אויף דער בינע איז געווען אזוי פארשטענדלעך, אזוי זעלבסטפארשטענד־לעך, אז איר האט זיך אויסגעוויזן, אז מען קאָן עס גאָר אנדערש נישט שפּילן.

וועמען זאָל מען דאָ אויסטיילן? סטאַניסלאווסקין, מאָסקווינען, לעאָ־נידאָוון, קניפּער־טשעכאָווא, לילינא, קאטשאלאָוון?... סיידן טשאצקים גרויסן מאָנאָלאָג. אייגנטלעך: קאטשאלאָווס שטים, וואָס האט דעם מאָנאָלאָג פארוואנדלט אין מוזיק. ער האט נאָכגעקלונגען, נאָכגעגאַנגען פון טעאטער.

אויף טשעכאָווס „קארשן־גאָרטן" האט זי דערזען פאר זיך גאָר אן אַנדער וועלט. דער נעבטיקער טשאצקי איז היינט טראָפּימאָוו. די גרעפין איז היינט ראַניעווסקאיא.. אן אנדערע וועלט, אנדערע מענטשן, אַנדערע געשעענישן, אַנדערע ווערטער, נאָר דער איבערלעבער אמת איז דערזעלבער. איר טרוים האט זי נישט אנטוישט. עס איז טאַקע דער אידעאל פון טעא־טער־קונסט.

— זעסטו, יאָסעלע, — האט זי געזאָגט צום יונגן אקטיאָר בראנ־

דעסקא, וואָס איז געווען מיט איר אויף די פאָרשטעלונגען, — אָט דאָס הייסט אמתע קונסט, דאָס הייסט אמת. מיר זענען גאָרנישט.

— וואָס זאָגט איר „מיר“? ס׳איז נאָך אַן אונטערשיד צווישן מיר אין אייך! — האָט בראַנדעסקאַ געענטפערט.

— ניין, מיר זענען אַלע ליבהאָבער. איך בין אפשר א פעיקערע ליבהאָבערין.

אהיימקומענדיק האָט זי געזאָגט צו אברהם־יצחקן:

— אוי, ווי קליין מיר זענען נאָך! וויפל מיר דאַרפן זיך נאָך לערנען, כדי צו זיין אמתע קינסטלער...

— ס׳איז שוין, דוכט זיך, אַביסל צו שפּעט צו לערנען זיך. — האָט אברהם־יצחק געענטפערט.

— צו שפּעט? צו לערנען זיך איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.. אויב מען וויל זיין אמתע קינסטלער... אויב מען וויל זיין א קינסטלערישע טעאַטער.

6

די גאַסטשפּילן פון אסתר־רחלען מיט איר טעאַטער האָבן אויפגערודערט די פּעטערבורגער יידישע אינטעליגענץ און געשאַפן ביי איר אַן אינטערעס פאַר דער יידישער שפּראַך, קולטור, פאַרן לעבן פון די יידישע מאַסן.

אסתר־רחל איז כסדר געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז פּראָפעסיאָנעלער יידישער אינטעליגענץ. ווי א לייב־גוואַרדיע איז ביי איר געווען נח פּרילוצקי מיט זיין פרוי. שטענדיק האָבן זיך אַרום איר געפונען אייניקע סטודענטן, וואָס האָבן גערינגט אידעלען אַלס געזעלשאַפט, אַרומגעפירט זי איבער מוזייען און אַנדערע זעענס־ווערטיקייטן. אַזוי אַרום האָבן זיך די טעג אומבאמערקט פאַרוואַנדלט אין די פּעטערבורגער ווייסע נעכט, און די ווייסע נעכט האָבן זיך אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט אין טעג.

דאָס מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז שוין אַוועקגעפאָרן, האָט אסתר־רחל אויסגענוצט אירע פרייע אָוונטן און נאָכמיטאָגן אויף צו באַזוכן דאָס באַרימטע קייזערלעכע טעאַטער, די „אַלעקסאַנדרינקע“ און אַנדערע טעאַטערס. געקומען איז זי פון דאָרט אַ נישט געזעטיקטע.

— גרויסע אַקטיאָרן... יעדער פאַר זיך איז גרויס: סאַווינאַ, דאַלמאַטאָוו, וואַרלאַמאָוו, יוריעוו, דאַווידאָוו... באמת גרויס... נאָר אַלע צוזאַמען זענען זיי נישט קיין גוט טעאַטער.

782 — 14

מען האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— ס'טייטש! דאָס קייזערלעכע טעאַטער, די באַרימטע אַלעקסאַנ־דרינקע! די גרעסטע קינסטלער פון רוסלאַנד!

— אפשר... נאָר יעדער שפּילט פאַר זיך, יעדער וויל זיך באַווייזן... ס'איז אַזוי ווי אויף פערד־געיעגן: יעדעס פערד לויפט באַזונדער, ווײַל וואָס שנעלער קומען צו דער מעטע. פּרווט איינשפּאַנען אַ פּאָר אַזעלכע פערד אין איין וואָגן, וועלן זיי איבערדרייען דעם וואָגן. שפּאַנט אָבער צונויף עטלע־כע פּשוטע גוטע פערד, וואָס גייען גלייך אין שפּאַן, וועלן זיי אייך לייכט שלעפּן שווערע וואָגנס. דאָס זעלבע איז אין טעאַטער. אַז עס שלעפּן נישט אַלע צוזאַמען אַ פאָרשטעלונג, ווערט זי צעריסן אויף שטיקלעך. טעאַטער איז אַ גאַנצקייט. איינער קאָן בעסער שפּילן, איינער ערגער, אָבער ווען אַלע שפּילן פאַר דער גאַנצקייט, קאָן געשאַפן ווערן אַ גוטע פאָרשטעלונג, קאָן ווערן אַ טעאַטער... איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס די קאָמיסאַרזשעווסקאַיא איז אַנטלאָפן פון אַזאַ טעאַטער. זי האָט זיכער מער סאַטיספאַקציע פון איר איצטיקן טורנע איבער רוסלאַנד, איידער פון אַזאַ קייזערלעכן שפּילן... אפשר זענען ביי די „כודאָזשניקעס" נישטאָ אַזעלכע גרויסע אַקטיאָרן, ווי אין „אַלעקסאַנדרינקע"... כ'ווייס נישט, דאָס קאָן מען נישט אָפּ־מעסטן... אָבער זיי זענען אַ גאַנצקייט, זענען אַלע ביי זיי גרויס!

אירע מיינונגען האָט זי שוין איצט אַרויסגעזאָגט מיט מער זיכער־קייט. זיי זענען שוין געווען געשטיצט אויף רייכער אָבסערוואַציע, זיי זענען קאָנטראָלירט געוואָרן אין דיסקוסיעס מיט מענטשן, וואָס זענען געווען טאָנגעבער אין פראַגן פון טעאַטער. זי האָט שוין געהאַט אפילו מוט נישט מסכים צו זיין מיט אזא אויטאָריטעט, ווי קוגעל אין דער אָפּשאַצונג פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער. דאָס איז קוגלען שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער פלעגט איצט אָפט מיט איר פאַרברענגען, שמועסנדיק וועגן טעאַטער. קוגעל האָט אפילו ליב געהאַט חוזק־צו־מאַכן, זייער בייסיק גערעדט וועגן פאַנאַטישע טעאַטער־פּראָבלעמען, אָבער זיין גרויסע קולטור און ערודי־ציע האָבן שטענדיק אַ גלאַנץ־געטאָן אין די שמועסן, קלאָר־מאַכנדיק פאַר אסתר־רחלען נישט איין פאַרוויקלטן טעאַטער־פּראָבלעם.

קוגעלס דערנענטערן זיך צום יידישן טעאַטער איז געווען אַ סענסאַ־ציע אין פּעטערבורג. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ משומד, אַ זון פון אַ רבֿ אין עפּעס אַ ווייסרוסיש שטעטל. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט אָפּצוטרייסלען פון אַליץ, וואָס איז יידיש. און מיטאַמאָל...

— דאָס איז אַ צווייטע עלעאָנאָראַ דוזע, אַ יידישע עלעאָנאָראַ

דוזע — האָט קוגעל זיך באַגייסטערט מיט אסתר-רחלען, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר זיין אינטערעס צו יידיש טעאַטער.

אסתר-רחל פלעגט אים אָפט שטעלן פראַגן אין שייכות מיט די טעאַטער-דיסקוסיעס, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי זיי אין אַנסאַמבל:

— אַלעקסאַנדער ראַפאַילאָוויטש, פסקנט איר! איר דאַרפט דאָך קענען פסקנען שאלות בירושה...

קוגעל האָט מיט אַ שמייכל אויפגענומען די אָנדייטונג אויף זיין אָפּשטאַמונג, און פולשטענדיק מסכים געווען מיט אסתר-רחלען:

— דער עיקר פון טעאַטער איז אַנסאַמבל. דער גרויסער אַקטיאָר וואַקסט אויס אין אַ גוטן אַנסאַמבל. זיין גרויסקייט שיינט דאַן אַרוים און דאָס אַרומיקע שיינט מיט אים, אַזוי, ווי עס איז דער פאַל מיט אייך...

די פעטערבורגער גאַסטראָלן האָבן זיך דערנענטערט צום סוף. די פּאָליציי האָט נישט געוואָלט פאַרלענגערן די דערלויבעניש. די טרופּע ווידער האָט זיך נישט גאָר שטאַרק באַמיט וועגן דעם. דער סיכסוך צווישן קאַמינסקין מיט די שותפים האָט זיך כסדר פאַרשאַרפט. עפּעלבערג האָט בשותפות מיט ראַפּעלן אויסגעדונגען דעם „עליזעום“-טעאַטער אין וואַרשע, איבעררייסנדיק מיט דער „ליטעראַרישער טרופּע“.

פון דעם גט איז אסתר-רחל דווקא געווען צופרידן. עפּעלבערגס נייעפּטלעכע דיקטאַטור איז שוין געווען שווער צו פאַרטראָגן. אי, ראַפּעל? האָט זי איצט די מעגלעכקייט צוריק צו אַנגאַזשירן איר אַלטן פאַרטנער, זייער חבר פון די ערשטע טריט אויף דער בינע, יעקב ליבערטן. אויפן אָרט פון די פאַר אַקטיאָרן, וואָס ראַפּעל האָט מיטגעשלעפּט, וועט מען פאַרשטאַרקן די טרופּע מיט באַגאַבטער יוגנט, ווי לייזער זשעלאַזאָ. די גאַנצע טרופּע האָט זיך געפרייט מיטן געדאַנק פון אַ נייעם טורנע איבערן לאַנד. נאָך די פעטערבורגער דערפאָלגן און רעקלאַמע, וועט מען איצט קאָנען אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל פון אַזאַ טורנע.

האָט מען דעריבער געשטעלט די געזעגנונגס-פּרעמיערע „מירעלע אפרת“. איצט איז אסתר-רחל שוין געווען אין מירעלע שטאַרק איינגעשפּילט, יעדער טאָן, יעדע באַוועגונג זענען געווען דורכגעטראַכט, דורכגעפּילט און אויסגעפּרוווט. זי האָט מיט אַזאַ פּערפעקציע אָפּגערירט מיט אירע סצענישע מיטלען, אַז ס'איז נישט געווען קיין איין פּוסט, אָדער שוואַך אָרט אין דער ראָל. הכמה האָט געשפּרודלט פון אירע ווערטער און בליקן, חכמה פון גרינטלעכן קענען דאָס לעבן און מענטשן. די האַרציקייט פון איר טאָן, צייטנווייז אָנגעפילט מיט מאַמישער ווייכקייט, צייטנווייז מיט דער שטרענגקייט פון אַן אומזיסט-באַעוולטן מענטשן — דאָס אַלץ האָט איצט דערפירט די געשטאַלט צו קינסטלערישער מייס-

טערשאַפט. דער צוזאַמענשטעל פון אַנסאַמבל האָט געהאַט אַלע פאַרבן פון דער פאַרשידנקייט פון מענטשלעכע כאַראַקטערן, וועלכע רעדן אָבער צווישן זיך אויף איין שפּראַך...

די אָוואַציעס, בלומען, אַדרעסן, וועלכע זענען דערלאַנגט געוואָרן אויף דער בינע האָבן איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס אסתּר־רחל האָט ביז איצט איבערגעלעבט.

א. ר. קוגעל האָט אויף דעם געזעגנונגס־באַנקעט אויסגעדריקט אַלעמענס מיינונג, אָפּשאַצנדיק אסתּר־רחלען:

— די פרוי קאַמינסקאַ איז אומפאַרגלייכלעך. איר אויספירונג פון דער ראָל „מירעלע אפרת“ רוקט זי אַרויס אין דער ריי פון די ערשטע וועלט־אַקטריסעס. ס'איז אין דעם פאַראַן אַזויפיל אמת, אַזויפיל געפיל, אויטענטיקייט, ווירדע, קינסטלערישער געשמאַק, אַז דו ווערסט באַצויבערט... איך זאָג עס מיט דער פולער איבערצייגונג: דאָס איז אַ זעלטענער, וואונדערלעכער טאַלאַנט. ווען זי פאַרבלייבט אין דער ספערע פון אייגענעם שטייגער און קלאָרער פסיכאָלאָגיע, דעמלט באַגלייט יעדן זשעסט, יעדעס וואָרט פון דער קינסטלערין דער איינדרוק פון אַ פיינער אַרטיסטישקייט. וואָלט די פרוי קאַמינסקאַ געשפּילט נישט אויף יידיש, וואָלט זי געווען אַ מתּנה פון הימל פאַר דעם טעאַטער בכלל, וואָס איז לעצטנס אַזוי אָרעם אין גרויסע טאַלאַנטן. און אַז דו גיסט אַ טראַכט, אַז אַזאַ וואונדערלעכער טאַלאַנט וואָגלט אַרום באַלד צוואַנציק יאָר אויף דער אָרעמסטער פון אַלע אָרעמסטע בינעס און שפּילט דעם אָרעמסטן פון אַלע אָרעמסטע רעפּערטואַרן, מוז נאָך גרעסער זיין די באַוואונדערונג פאַר דער גרויסקייט פון דער קינסטלערין, פאַר דעם אמתן פאָלקס־גייני פון דער יידישער אָרעמקייט...

7

איין מעת־לעת מיט דער באַן און די טרופּע איז אָפּגעשטיגן אין ביאַליסטאָק. אַנשטאָט די פּרעכטיקע פּראָספּעקטן ביי דער גנעווע, האָבן זיי זיך איצט געפונען אויפן ברעג פון אַ שמוציק, שוואַרץ טייכל, וואָס האָט אויף חוזק געהייסן „ביאַלאַ“. דאָס קאַמיסאַרזשעווסקאַיאַ־טעאַטער איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער הילצערנער בודע, וועלכע די שותּפים גורוויטש און גערמאַן האָבן אָנגערופן „פּאַלאַץ“.

יאָרנלאַנג איז אין ביאַליסטאָק געווען פאַרבאָטן צו שפּילן יידיש טעאַטער. די אָרטיקע סאַטראַפּן האָבן זיך אַלץ געהאַלטן ביים פאַרבאָט

פון יאָר 1883. ערשט דער רושם פון די פעטערבורגער גאַסטראָלן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע“, אסתר־רחלס רום, האָבן זיי געצוווּנגען נאָכצוגעבן.

איז יאָרנלאַנג ביאַליסטאָק געווען אָן א יידיש טעאַטער. איינע פון די יידישסטע שטעט, מיט אַ יידישלעכער אינטעליגענץ און אַ וועלטלעכן עמך־עולם, האָט ערשט איצט געקאָנט שטילן דעם הונגער נאָך טעאַטער און דווקא מיט דעם בעסטן, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט פאַרמאָגט.

פאַרן הויפּט־בעל־שמחה האָט זיך געהאַלטן די אינטעליגענץ. זי איז געווען יידישער ווי אומעטום און געהאַלטן דאָס טעאַטער פאַר איר אייגנס. אָבער די אַרבעטער און האַנטווערקער האָבן גיך געוואָלט אָפּטריטן די בכורה. זיי האָבן באַזעצט די גרויסע גאַלעריע פון „פּאַלאַס“־טעאַטער און אויפגענומען די פאָרשטעלונגען מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט איבגאַנצן דערמאָנט אין לאָדזש.

וועבער, גאַרבער, שניידער, סטאָלערס, שוסטערס. פון די ווייטסטע געגנטן פון די כאַנייקעס איז מען געלאָפן אין טעאַטער אַריין: דאָס אַרבעטער־ביאַליסטאָק, וואָס האָט אויפגעוואַקסט אין 1905 יאָר, האָט אָנגעהויבן צו זאָגן זיין וואָרט אין יידישן קולטור־לעבן.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אין ווילנע, וואָס האָט דווקא יעץ געהאַט כסדר יידיש טעאַטער צו דער זעט... פון די איינגעהויקערטע, שמאָלע, אַלטע יידישע געסלעך — די האַנטווערקער און קרעמער; פון די מאָדערנע צענטראַלע גאַסן, — די אינטעליגענץ און רייכערע באַלעבאַטים; פון די רחבותדיקע פאָרשטעט נאָוואָגראָד און זווערינעץ — די אַרבעטער — אַלע האָבן געשטראָמט אין טעאַטער אַריין.

וועגן וואַרשע און לאָדזש איז שוין אָפּגערעדט. אַהער איז אסתר־רחל געקומען ווי אַ ליבע אַלטע באַקאַנטע, געקומען צו זיך אַהיים.

אַהיימגעקומען, אַביסל זיך אָנגעפרייט מיט יאָסעלען, וואָס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן דורך די פאַרגאַנגענע חדשים, מיט רעגינען, וואָס ווערט שוין אַ רייפע פריילין. — און ווידער זיך געלאָזט אין וועג אַריין איבער שטעט פון דער מדינה, ווו אויף מער טעג, ווו אויף ווייניקער.

עס האָט אַפילו געטראָפן אַ רייזע אויף איין טאָג אַזש קיין פעטערבורג. א ווילטעטיקע געזעלשאַפט האָט אָפּגעקויפט א פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת“. ווי גרויס איז געווען אסתר־רחלס פרייד, אַז אויך דאָס מאָל האָט זי דאָרט געטראָפן דאָס מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וואָס האָט גראָד געזאָלט אָנהייבן זיינע יערלעכע גאַסטראָלן אין פעטערבורג.

אַסך אַרטיסטן פון די מאָסקווער זענען געקומען צו דער פאָרשטע־

לונג. דערפרייט זיך מיט אסתר־רחלען, ווי מיט אַן אַלטער פריינדין. אַחוץ די אַלטע באַקאַנטע איז איצט געקומען דער עלכסטער און פּאָפּולערסטער אַרטיסט זייערער מאָסקווין, די צאַרטע לילינאַ, די פרוי פון סטאַניסלאַווסקין.

— קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש באַדויערט זייער, וואָס ער האָט נישט קיין צייט היינט און קאָן נישט זיין אויף דער פאָרשטעלונג, — האָט לילינאַ פאַרזיכערט.

די „כודאָזשניקעס“ האָבן אָפּגעוואַרט נאָך דער פאָרשטעלונג, באַשלאָסן צו פאַרברענגען אביסל מיט די יידישע אַקטיאָרן. פּלוצלינג קומט צו לויפן אסתר־רחלס פּלימעניק, דער אַדמיניסטראַטאָר אברהם האַלפּערין:

— מיר האָבן נישט וווּ צו נעכטיקן. קיין שום האָטעל וויל אונדז נישט אַריינלאָזן.

— וואָס הייסט? — ציט קאַטשאַלאָוו צונויף די ברעמען.

— די געזעלשאַפט, וואָס האָט איינגעאָרדנט די פאָרשטעלונג, האָט דערליידיקט די דערלויבעניש. זי האָט אָבער פאַרגעסן, אַז כדי צו נעכטיקן אין פּעטערבורג, דאַרפן מיר האָבן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. אָן דעם וועט מען אונדז אין ערגעץ אַפילו נישט עפענען דאָס טויער...

— איזוואָזשטשיקעס! — האָט אַ דונער געטאָן קאַטשאַלאָווס שטים, ווי ער וואָלט גערופן די קאַרעטע צום סוף פון טשאַצקיס מאָנאָלאָג אין „גריבאָיעדאָווס קאָמעדיע, — דערלאַנגט אַהער איזוואָזשטשיקעס!

לעאָנידאָוו האָט זיך גלייך געכאַפּט, וואָס קאַטשאַלאָוו מיינט און גענומען צו פאַרשטיין אסתר־רחלען:

— אַ געזעץ, אַז עס טויג נישט, דאַרף מען עס אַרומגיין. וועלן מיר אַרומגיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. איר טאָרט נישט וווינען אין פּעטערבורג, אָבער אַרומפאָרן קאָן אייך קיינער נישט שטערן!

אַ צענדליק איזוואָזשטשיקעס האָט זיך פאַרזאַמלט פאַרן טעאַטער און די יידישע אַקטיאָרן זענען אין זיי אַריינגעשטיגן צוזאַמען מיט זייערע רוסישע פריינד פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן פון פּעטערבורג מיט לידער און אַ הילכיק געלעכטער.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער פריינדלעכקייט און מענטשלעכקייט, — האָבן די יידישע אַקטיאָרן זיך אויפן וואָקזאַל געזעגנט גערירטע מיט זייערע רוסישע חברים.

— איר האָט אונדז נישט וואָס צו דאַנקען. מיר דעקן אַ קליינעם טייל פון דעם חוב, וואָס רוסלאַנד איז אייך שולדיק, — האָט מאָסקווין ערנסט געענטפערט.

8

פאַרן סוף פון די גאַסטראָלן פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז די „ליטעראַרישע טרופּע" ווידער געקומען קיין פעטערבורג. אסתּר־רחל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און די „פּראוואָזשיטעלסטוואָ", וועלכע איז שוין באַצייטנס צוגעגרייט געוואָרן דורך איינפלוסרייכע שתּדלנים, און געקומען קיין פעטערבורג מיט א פּאָר טעג פריער, כּדי צו זען א פּאָר פאָרשטעלונגען ביי די „כודאָזשניקעס". יעדן אָוונט איז זי ממש אַ פאַרכישופטע צוריקגעגאַנגען פון טעאַטער אין דער באַגלייטונג פון די פּריצים.

— וויפל אומענדלעכער טרויער, אומעט, האָפענונגסלאָזיקייט עס ליגט אין דער שטילער טראַגעדיע פון די „דריי שוועסטער". אזוי האָט נאָר געקאָנט שרייבן טשעכאָוו, און אזוי קאָנען נאָר שפּילן די „כודאָזשניקעס". דאָ דאַרף מען קענען איינלעבן זיך אין דער שטימונג פון דער זאַך און טאַקע די שטימונג שאַפן אויף דער בינע. דאָס קענען נאָר זיי. דעם דינסטן געדאַנק, דאָס צאַרטסטע געפיל מאַכן לעבעדיק אויף דער בינע. עס שפּילט ביי זיי דאָס וואָרט און עס שפּילט דער אָטעם... עס שפּילט דאָס רעדן און עס שפּילט דאָס שווייגן...

אירע אייגענע ווערטער האָבן זי פאַנאַנדער־געפלאָקערט:

— מען וויל איינרעדן, אז זיי האָבן נישט קיין גרויסע אַקטיאָרן. וועלכע אַקטריסע וואָלט אמתדיקער געשפּילט פון דער קניפּער־טשעכאָוואַ אוי ליליגאַ? און סטאַניסלאַווסקים גאַיעוו? און קאַטשאַלאָווס טוזענבאַך? דאָס זענען דאָך מייסטער־ווערק פון אַקטיאָרישער קונסט!

פון „רעוויזאָר" איז אסתּר־רחל ארויס א צעשטראָלטע:

— איך האָב געפילט, אז ווען דער „גאָראָדניטשי" האָט אויסגערופן אין זאַל אריין: „פון וואָס לאַכט איר? איר לאַכט פון זיך אליין!" האָבן צענדליקער הויכגעשטעלטע מענטשן אין מונדירן זיך אַ דריי געטון אויף די בענקלעך.

די גרעסטע פרייד פאַר אסתּר־רחלען איז געווען דער קורצער צוזאַמענטרעף מיט סטאַניסלאַווסקין אליין. ליליגא האָט זיי פאָרגעשטעלט.

— כ'בין זייער צופרידן אייך צו באַקענען. כ'האָב געהערט א סך גוטס וועגן אייך. ליידער נישט געהאַט קיין צייט אייך צו זען אויף דער בינע.

ווי א באַשטעטיקונג דערפון, אז ער האָט נישט קיין צייט, איז שוין געשטאַנען א ריי מענטשן מיט ענינים צו סטאַניסלאַווסקין.

יער אינטערעס צו די באַנייטע גאַסטראָלן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע“ איז געווען גרויס. דאָס טעאַטער האָט שוין געהאַט זיינע שטענדיקע חסידים, צווישן וועלכע עס האָט נישט געפעלט א. ר. קוגעל, דער רוסישער שרייבער סקיטאַליעץ און די אַרטיסטן פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער. נח פּרילוצקי האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען קאָן נאָכמער פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס:

— מען דאַרף איינאָרדנען עפּעס א ספּעציעלע פייערונג — לאָמיר זאָגן אסתר־רחלס א יובּיליי.

אסתר־רחל האָט זיך אָפּגעטרייסלט דערפון:

— א יובּיליי פון 17 יאָר שפּילן טעאַטער?

אברהם־יצחק האָט געהאַט אַן אויסוועג:

— 15 יאָר אַרומשלעפּן זיך מיט יידיש טעאַטער...

נישט־געקוקט אויף די געהעכערטע פּרייזן זענען אַלע פּלעצער געווען אויסגעקויפט. בעת דער פייערלעכער טייל איז די בינע פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַן אויסשטעלונג פון די שענסטע בלומען־קוישן. צענדליקער מיגנית פון אומבאַקאַנטע מענטשן זענען איבערגעגעבן געוואָרן אסתר־רחלען. אָבער דער פייערלעכסטער מאָמענט איז געווען, ווען ס'איז ארויס אויף דער בינע די דעלעגאַציע פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער מיט מאָסקווין, קאַטשאַלאָוו, לעאָנידאָוו און ווען נאָך דער שטורמישער אָוואַציע האָט זיך דערהערט די באַגריסונג פון די מאָסקווער קינסטלער:

— דאָס מאָסקווער קונסט־טעאַטער באַגריסט האַרציק די גרויסע קינסטלערין פון דער יידישער בינע צו איר פאַרדינטן יובּיליי. אין וואָגל און וואַנדער איז אויסגעוואַקסן דער דאָזיקער העלעכער טאַלאַנט, וואָס באַ־שיינט די יידישע בינע ברעטער. עס פרייט אונדז זייער, אז מיר קאָנען איצט דערקלערן: כאָטש מיר רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן, שפּילן מיר אין איין שפּראַך, — דער שפּראַך פון אמתער קונסט!

דער אדרעס פון דער שטודירנדיקער יוגנט האָט גערעדט וועגן דער דערוואַכונג פון די פאָלקס־מאַסן, וועגן א פריי טעאַטער אין א פרייער וועלט.

מיט א ציטערדיקער שטים האָט יעקב ליבערט געלייענט דעם אדרעס, וואָס די טרופּע האָט אסתר־רחלען צוגעטראָגן צום יובּיליי.

— נאָך דעמלט, ווען דאָס יידישע טעאַטער האָט געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון די אדמיניסטראַטיווע רדיפות, ווען עס האָט זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען, ווען די אינטעליגענטע קרייזן האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף א באַלאַגאַן, ווען צו זיין א יידישער אקטיאָר האָט געהייסן פיניקן זיך פיזיש און מאָראַליש, ווען דאָס לעבן פון יידישן אקטיאָר איז געווען א לאַנגע קייט פון שווערע קרבנות, שוין דעמלט ביסטו פאַר אונדז געווען

אַ בײַשפּיל פֿון ליכטיקן מוט, פֿון אומדערמידלעכער אַרבעטספֿעיִקייט, שוין דערמאָנט ביסטו געוועזן די נשמה פֿון יעדער טרופּע, מיט וועלכער דו האָסט געשפּילט...

אסתּר־רחל איז געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ווי אין אַ קאַלײַדאָסקאָפּ זענען פֿאַרבײַגעלאָפֿן די יאָרן וואַנדערונגען, שטעטלעך, בודעס, וואָגנס, פּריסטאַנעס, הונגער, נויט, דערנידעריקונג; פּנימער פֿון אַקטיאָרן, מיט וועלכע מען האָט עס אַלץ דורכגעמאַכט, פּנימער פֿון פּובליקום פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און געגנטן; פּנימער פֿון אירע קינדער, וואָס זענען אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין וואַנדער־וועג און די, וואָס רוען אין די פֿאַרוואָרלאָזטע קבֿרים אונטערוועגנס...

— זאָל לעבן די מאַמע פֿון יידישן טעאַטער! — האָט אַ הילך־געטאָן אַן אויסרוף, וואָס האָט איר געמאַכט אויפֿרײַסן די אויגן.

בלומען אַרום... יום־טובֿדיקע פּנימער... און אין צענטער — זי — חיים־יוחננס טאָכטער פֿון פּאַראָזאָווע.

9

מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ האָט זיך אסתּר־רחל געזעגנט מיט די מאָסקווער קינסטלער, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט פּעטערבורג.

— מיר וועלן זיך האָפֿנטלעך אינגיכן ווידער טרעפֿן, — האָט מאָסקווין פֿרײַנדלעך צוגעשמייכלט.

— ווער ווייס, — האָט אסתּר־רחל טרויעריק געענטפֿערט. — איר זענט לײַכטנדיקע שטערן, אונדז רופֿט מען „בלאָנדזשענדיקע שטערן“. מיר האָבן פֿאַרשיידענע וועגן אויפֿן הימל פֿון קונסט.

— איר וועט פֿאַרבלאָנדזשען צו אונדז אויך... — האָט זי לעאָנידאָוו געטרייסט.

— צום ווידערזען זיך! — האָט אָפּגעקלונגען קאַטשאַלאָווס שטים.

— ס'איז פֿינצטער געוואָרן אין פּעטערבורג! — האָט אסתּר־רחל געזאָגט אַהיימקומענדיק.

פּאַולאַ פּרילוצקאַ האָט זי אויסגעלאַכט:

— ווייס איך וואָס! זיי זענען שוין אַלט. זיי האָבן נישט קיין חוש פֿאַרן מאָדערנעם. מעטערלינקס „בלויער פֿויגל“ איז בײַ זיי נישט געלונגען.

— מעגלעך, אַז זיי האָבן אויך נישט קיין געלונגענע פֿאָרשטעלונגען. אָבער בײַ זיי איז אַלץ דערפֿירט צו פֿולקאָמענהייט. דער אַנסאַמבל, דער אַלגעמיינער טאָן, די צונויפֿגעשפּילטקייט, די אויסשטאַטונג, דאָס איז דאָך איבער יעדער קריטיק, לערנען, לערנען דאַרף מען זיך בײַ זיי...

פּאולא פּרילוצקא האָט עס נישט איבערצייגט. זי איז אינגאַנצן געווען פאַרכאַפּט פונעם מאָדערניסטישן. אַזוי ווי איר נייע פּיעסע איז געווען.

— מבינים זאָגן, אַז מיין פּיעסע „טרייהייט" איז אַן אמת מאָדער־ניסטיש ווערק.

אסתּר־רחל האָט די פּיעסע נישט פאַרשטאַנען:

— ווו זענען די מענטשן? איך זע דאָך נישט קיין לעבעדיקע מענטשן.

— ס'איז אַ שפּיל פון ליידנשאַפטן...

מארק ארנשטיין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער פּיעסע. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אויפגעפירט פּשיבישעווסקיס „צוליב גליק" און האָט אַלץ געוואָלט אַרויספירן דאָס טעאַטער אויף מאָדערניסטישע וועגן.

— וואָס האָט איר צו מיר? איך קאָן שפּילן מענטשן, נישט קיין ליידנשאַפטן. מיך אינטערעסירט די נשמה פון מענטש, — האָט זיך אסתּר־רחל געווערט.

— אין דעם איז טאַקע פאַראַן די נאַקעטע נשמה, — האָט ארנשטיין געפּסקנט.

אסתּר־רחל האָט אין דער פאַרשטעלונג אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי אַ שאָטן. דער עולם האָט זיך אָפּגעמאָלט באַמיט צו דערשטיקן אַ גענעץ. נאָר געמאַכט האָט מען אַ צופרידענע מינע:

— מאָדערן טעאַטער!

ביי דער סטודענטישער יוגנט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. אַ קליי־נע טייל האָט אָנגעקוואָלן:

— דאָס איז דער וועג פון יידישן טעאַטער. אַזוי אַרום קאָן עס עפּעס דערגרייכן. די קאַמינסקא, ווי נאָר זי וועט זיך איינלעבן אין נייעם סטיל, וועט זי קאָנען אויפשיינען אין איר פולן גלאַנץ... קונסט איז סימבאָלן. גענוג גערעדט מיט דער שפּראַך פון לעבן... מען דאַרף געבן די שפּראַך פון מעטאַפיזישע שפּירונגען...

די גרעסטע טייל יוגנט, די דעמאָקראַטיש געשטימטע, איז געווען אומצופרידן:

— מעטאַפיזישע שפּירונגען!... דאָס איז שווינדל, אָפּנאַרעריי, נישט קיין קונסט... ס'געפעלט אייך נישט די שפּראַך פון לעבן? אין דער שפּראַך ליגט דאָך טאַקע דער קאַמינסקיס גרויסקייט. און דאָס, וואָס מען ווייזט איצט, איז שטאַמלעניש, נישט קיין שפּראַך...

זיי האָבן זייער מיינונג אָפן געזאָגט אסתּר־רחלען. זי האָט זיך פאַר־טיידיקט:

— איך בין הילפלאָז, טייערע פריינד, די פּרעסע דריקט אויף אונדז פאַרלאַנגט מאָדערנע פּיעסן. דעם רעזשיסער איז דאָס צום האַרצן... איך

פיל, אז עס טויג נישט און איך בין עס נישט בכוח צו באווירקן. איך בין דאָך בלויז אן אַקטריסע.

— איר זענט די האָפענונג פון יידישן טעאטער! איר זענט די מאמע! איר מוזט זיך אנטקעגנשטעלן. ס'איז אייער חוב! — האָבן די סטודענטן געפאָדערט.

אפילו קוגעל, וואָס איז געווען דער פאָנענטרעגער פון מאָדערניזם אין רוסישן טעאטער, האָט אסתר־רחלען געזאָגט אויפריכטיק:

— פאר אייך טויג עס נישט. איר זענט א קינסטלערין פון טעאַטער פון מענטש... לאָזט אייך נישט אַריינציען אין די עקספערימענטן.

די פאָרשטעלונגען אין פעטערבורג האָבן אויף איר געגומען לאסטן, ווי א שווערע משא. איין אויפלעבונג איז געווען: דער 25־יעריקער יובילייַ פון שלום־עליכמס שרייבערישער טעטיקייט. נח פרילוצקי און אַ סטודענטן־גרופּע זענען צוגעשטאַנען צו קאַמינסקין דאָס טעאטער זאָל געבן א פייער־לעכע פאָרשטעלונג לכבוד דעם יובילייַ — שלום עליכמס „צעזייט און צע־שפּרייט". אברהם־יצחק איז מסכים געווען און גלייך טעלעגראַפירט וועגן דעם צו שלום־עליכמען קיין נערווי, איטאַליע, ווו דער שרייבער האָט זיך געפונען אויף קוראַציע.

די פאָרשטעלונג איז זייער קאַלט אויפגענומען געוואָרן דורך די פּני, פארשוויגן געוואָרן דורך דער פרעסע.

— ס'זענען פּאָליטישע דיסקוסיעס, נישט קיין קונסט...

די מערהייט סטודענטן האָבן אָבער געיובלט:

— ווידער דערהערט א יידיש קינסטלעריש וואָרט פון דער בינע.

אברהם־יצחק איז געווען דערשלאָגן:

— נאָך א פּאָר אזעלכע פאָרשטעלונגען און מיר האָבן נישט מער וואָס צו טאָן אין פעטערבורג.

אסתר־רחל האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט:

— אויסער פעטערבורג האָבן מיר א גרעסערן יידישן עולם...

ווי אַ מיידעלע האָט זיך אסתר־רחל דערפרייט, ווען ס'איז אָנגעקומען א טעלעגראפישער ענטפער פון שלום־עליכמען פון איטאַליע:

— איך דאַנק אייך פארן פייערן מיין יובילייַ. איך שרייב איצט א פּיע־סע ספּעציעל פאר דער מאדאם קאַמינסקא.

אברהם־יצחק האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. די געשעפטן זענען געוואָרן וואָס אמאָל שוואכער:

— כ'האָב געהאָפט דאָ צו דינגען א טעאטער. באזעצן זיך. ווערן דאָס פעטערבורגער יידישע טעאטער. דאָס ערשטע יידישע טעאטער אין רוסלאַנד.

— פעטערבורג און יידיש טעאטער זענען נישט קיין פּאָר. כל־זמן מיר זענען געווען אַ סענסאַציע, זענען זיי געקומען, די שיינע יידן. אָבער סענסאַציע ווערט גיך צוגעגעסן... לאָמיר פאָרן צוריק קיין ווארשע, קיין לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק... דאָרט ווו מיר זענען נישט קיין סענסאציע. נאָר טעגלעך ברויט.

דער טאָג האָט שוין אריינגעקוקט דורך די שויבן, ווען ס'איז ענדגילטיק באשלאָסן געוואָרן צו פארענדיקן די גאסטראָלן אין פעטערבורג.

X

מיט רום איבער דער וועלט

1

אין וואַרשע האָט זיך באַוויזן אַ גאַסט, דער אַמעריקאַנער טעאַטער=דירעקטאָר יוסף עדעלשטיין, וואָס האָט צוזאַמען מיט באָרים טאָמאַשעווסקין געפירט דאָס גרויסע „פיפּלס“=טעאַטער אין ניו=יאָרק. עדעלשטיין האָט זיך געפירט מעשה=דיפּלאָמאַט. געבּיסן דעם שפּיץ פון ציגאַר, געלאָזט פאַלן האַלבע ווערטער. צוזאַמענגעסטן האָט ער שוין געשמועסט מיט אַברהם=יצחקן:

— יו נאָ, מיסטער, קאַמינסקי, איך קאָן געבן אַ דזשאָב אייער מיסעס אין דעם באַרימטן טאָמאַשעווסקי=טעאַטער... גייט זי גוט דורך, איז זי אַ געמאַכטער מענטש. מיר צאָלן מיט דאָלערס, מיט גוטע דאָלערס!

— מיסטער עדעלשטיין, — האָט אַברהם=יצחק געענטפערט, — מיין פרוי דאַרף נישט, אַז אַמעריקע זאָל זי ערשט מאַכן... ס'קען זי גאַנץ רוסלאַנד. די גרעסטע פּעטערבורגער מבינים האָבן זי געלויבט ביזן הימל... כ'מיין, אַז איר וואָלט נישט צוגעלייגט צו אירע גאַסטראָלן.

— מיר וועלן טרייען, ווי דען? מיינט איר, איך זוך די קונסט? טעאַטער איז מיין ביזנעס און כ'וויל מיט אייך מאַכן אַ ביזנעס... איך האָב פיינט אַ סך צו רעדן, יו נאָ, איך בין אַ ספּאָרט! איך גיב אייער מיסעס הונדערט פופציק דאָלער אַ וואָך. ס'איז נישט קיין קלייניקייט, יו נאָ?

הונדערט פופציק דאָלאַר, דריי הונדערט רובל. ס'איז אַ סומע... אָבער ווי אַ גענייטער געשעפטס=מענטש האָט אַברהם=יצחק פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף פאַרלאַנגען דאָפּלט.

— וואָס? — איז אויפגעשפּרונגען עדעלשטיין, — דריי הונדערט דאָלער? דער גרעסטער סטאַר קריגט עס נישט ביי אונדז. ס'איז גאָרנישט פון די ביזנעס! מיר האָבן גאָרנישט נישט גערעדט!

אברהם־יצחק האָט שוין געהאַט דערפון עגמת־נפש. נאָר אסתר־רחל האָט אים געטרייסט:

— נישט קיין אומגליק! כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אז איך האָב גאָר נישט קיין חשק צו פאָרן אהין. כ'האָב מורא פאַר זייערע אינטריגעס און רייסערייען. ס'איז נישט פאַר מיר. וואָס דאַרף איך לויפן אין דער פרעמד? ס'איז מיר גוט צווישן אייגענע.

עדעלשטיין האָט אָבער נישט געמיינט אַזוי ערנסט מיט זיין רוגז, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אויפגעזוכט קאַמינסקין און געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן צו צאָלן אסתר־רחלען צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך.

דערווייל איז אין געהיים אָנגעקומען קיין וואַרשע אַ צווייטער טעאַטער־מענטש, דער מענעדזשער פון ניו־יאָרקער „טאַליא"־טעאַטער, דער יונגער און פיפיקער מאַקס ווילנער. ער האָט זיך נישט געוויזן צווישן אַלע אַקטיאָרן, נאָר שטילערהייט אַנגאַזשירט מישאַ פישזאָן און וויראַ זאַסלאַווסקאַ. ווען ער האָט זיך שוין געגרייט צוריקפאָרן, איז ער געוואויר געוואָרן, אַז עדעלשטיין וויל אַנגאַזשירן אסתר־רחלען. האָט ווילנער זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, אַליין אַראָפּגעפאָרן צו אסתר־רחלען אויף דער זומער־וווינונג קיין יוזעפאָוו, געשילדערט פאַר אסתר־רחלען אין די ערגסטע פאַרבן טאָמאַ־שעווסקין מיט זיין טעאַטער און גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— איך לייג אייך פאָר צו קומען צו דייוויד קעסלערן אין זיין טעאַטער. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט?

דוד קעסלער האָט געהאַט אַ שם פון איינעם פון די גרעסטע יידישע בינע־קינסטלער, ער איז געווען דער זייל פון בעסערן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. דאָס האָט געלאַקט אסתר־רחלען. ווילנער האָט עס דערפילט און באַשלאָסן גלייך צו שליסן דעם אָפּמאַך:

— איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — אַז עדעלשטיין גיט אייך 200 דאָלער. איך בין אַ ספּאָרט, איך האָב זיך פיינט צו דינגען. איך גיב 250 און זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!

דוד קעסלער! ביי אים קאָן מען זיך אפשר לערנען. אפשר טאַקע פּרוּוון?

דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן.

2

די הייסע זומער־טעג האָבן שווער געמאַכט צו אָטעמען אויף די אומענדלעכע וואַסערן. די פּיל־גאָרנדיקע שיף האָט רואיק און זיכער געשניטן דעם אטלאַנטיק. קיין ווינטעלע האָט נישט געשטערט די אַרומיקע רו.

עלעגאַנטע פּאַסאַזשירן האָבן גאַנצע טעג פאַרברענגט אין די גוט ווענטילירטע זאַלן פון ערשטן קלאַס ביי די קאָרטן־טישלעך און ביי משקה. אסתר־רחל האָט זיך שעהן־לאַנג אַרומגעדרייט אויפן דעק פון שיף, פאַרקוקט אין דער איינטאָניקייט פון הימל און וואַסער...

זי איז געווען אַליין. ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן אזוי אַליין: אָן איר פאַמיליע, אָן איר עולם, וועלכן זי האָט באַטראַכט פאַר אַ גרויסער פאַמיליע. דאָ, אויף אַלע פּנימער, אַ פרעמדקייט. זאַטע פּנימער, וואָס האָבן גערעדט וועגן גענום און געיעג נאָך גענום. און צווישן זיי — זי, וואָס געפינט זיך נאָך אַ קינדהייט פון נויט, נאָך יאָרנצענדליקער פון שווערער אַרבעט, אויף די הייכן פון איר רום. זי איז באַרימט. מען פירט זי באַווייזן אויף דער צווייטער טייל ערד־קיילעך און זי פרייט זיך נישט דערמיט, זי האָט נישט קיין צוטרוי צו דער נייער וועלט, זי האָט מורא פאַר די מענטשן.

אמת, זי האָט דאָרט צוויי ברידער. זי געדענקט שוין כמעט נישט זייערע פּנימער. פון שטענדיק אָן זענען זיי געווען די פרעמדסטע אין דער משפחה, אָפּגעריסן זיך פון פאָראָזאָווער שטאַם.

קינסטלער האָבן אלע איין שפּראַך, האָט עמעצער געזאָגט. זי האָט אָבער מורא פאַר די קינסטלער פון דאָרט. וויעראַ קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ איז דאָך מיט אַ פאָר יאָר צוריק פשוט אַנטלאָפן פון אַמעריקע. עלעאָנאָראַ דוזע לעבט אויף, ווען זי קומט צוריק פון דעם רייכן אַמעריקע אין איר קבצניש פאָטערלאַנד. איז עס אומזיסט? ווי וועט זי זיך קאָנען איינלעבן אין דער וועלט פון טומל און אויסערלעכן גלאַנץ?

וועמען וועט זי דאָרט געפינען? דער אַלטער „פאָטער“ גאָלדפאַדען לעבט שוין נישט. יעקב גאָרדין, דורך וועלכן זי האָט באַקומען א מעגלעכקייט צו רעדן צום עולם אין א מענטשלעכער שפּראַך און מיט מענטשלעכע געשטאַלטן, איז מיט א קורצער צייט צוריק געשטאָרבן. זי וועט נאָר קאָנען לייגן אַפּאָר בלומען אויף זיין קבר און לאָזן דאָרט א דאַנקבאַרע טרער.

די גרויסע מייסטערס פון דער אמעריקאַנער יידישער בינע... זי גלייבט נישט, אַז זיי זאָלן איר קאָנען אַזוי נאָענט ווערן, ווי די מייסטערס פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער. ביי די מאָסקווער האָט זי זיך געלערנט און געהאַט וואָס צו לערנען. און די אמעריקאַנער? וויפל געשיכטעס מען דערציילט עס וועגן די רייסערייען פון די אמעריקאַנער סטאַרס, איינע־

װאָלט גערן באַגראָבן דעם צװײטן. קײנמאָל קאָנען זײ גישט צוזאַמענשפּילן; אין אַז זײ טרעפן זיך אַמאָל צוזאַמען אויף דער בינע, טוט אײנער דעם צװײטן צולהכעיס און אַלע צוזאַמען הרגענען אװעק די פאָרשטעלונג.

דוד קעסלער... זי װײסט, אַז ער איז גאָרנישט ציפרידן פון איר קו-מען. ער האָט טעלעגראַפירט צו װילנערן קײן װאַרשע נישט צו אַנגאַזשירן זי. װילנער האָט זיך דאַן אויסגעלאַכט:

— דער באָס האָט מורא איר זאָלט מאַכן אַ צו גרויסן פוראָר...

אָבער זי װעט דאָך דאַרפן שפּילן מיט אים. זי דאַרף װערן אַ סטאַר צװישן סטאַרס. זי, װאָס האָט שטענדיק געשטרעבט צו זײן אַן אַקטריסע צװישן אַקטיאָרן, זאָל זײן אַפילו אַן ערשטע, אָבער צװישן גלײכע.

באַלד זענען אָבער אַרויסגעשװוּמען פאַר איר אַברהם-יצחקס צעגלי-טע אויגן: נאָר אין אַמעריקע קאָן מען זיך דערשלאָגן צו אַ סומע געלט אויף אויפצובויען אַן אײגן טעאַטער, נישט זײן אָפּהענגיק פון די צופעליקע שותפים-פינאַנסיסטן, שאַפן זיך אַ היים... האָט דאָך די קאָמיסאַרזשעװסקאַ-יאַ אויך געמוזט אונטערנעמען װײטע רײזעס, כדי זיך צו שאַפן איר טע-אַטער. װעט זי אויך ברענגען דעם קרבן.

אין פאָרט האָבן שוין אָפּגעװאַרט מענטשן פון „טאַליאַ"-טעאַטער מיט דעם רירעװדיקן מאַקס װילנער. ער האָט גלײך איר פאָרויסגעטראָגן אַ „פאָרװערטס" מיט אַ גרויסער קאַריקאַטור, װאָס שטעלט פאָר אַ געיעג צװישן עדעלשטײנען און װילנערן: עדעלשטײן פאַלט אין װעג און װילנער פירט טריומפאַליש אַרײן אסתר-רחלען אין „טאַליאַ"-טעאַטער.

— װי נישט געשמאַק! — האָט אסתר-רחל באַמערקט.

װילנער האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— פּובליסיטי! דאָס איז אונדזער ביזנעס! בלויזע קונסט ברענגט נישט קײן דאָלערס!

עס האָט זי פאַרטויבט די רױשיקײט פון דער ריזיקער שטאָט. פאַר די אויגן האָט געשװוינדלט פון די סטאַרטשענדיקע װאָלקנקראַצערס.

— װיאַזוי לעבן דאָ מענטשן? װי װערט מען נישט משוגע פון דעם טומל?

— אַז מען האָט דאָלערס, קאָן מען זיך פאַרגינען צו זײן משוגע... — האָט איר געענטפערט אַן עלטערער אַקטיאָר, אויף װעמענס פּנים זי האָט אַרויסגעלײענט, אַז ער האָט נישט צופיל דאָלערס.

— דײװיד קעסלער...

אַ מגושמדיקע געשטאַלט, אַ קאַנטיק פּנים; און װעלכן עס לײכטן אַ פּאָר נײַגעריקע, דורכדרינגענדיקע, פילזאָגנדיקע אויגן.

— אפשר... — האָט אסתר־רחל געטראַכט, — אויגן פון א קינסט־לער...

—וועלן מיר א קאַפּיטשקע אויסשטעלן די פּיעסקעלעך פאַר דער נאָ־ענטסטער צייט... — האָט קעסלער אַ מורמל־געטאָן אונטער דער נאָז און חוזק־בליצעלעך פון זיינע אויגן האָבן דורכגעבויערט אסתר־רחלען.

זי האָט דערזען, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט. נישטאָ קיין אפשר. זי וועט זיך מיט דעם מענטשן נישט פאַרשטיין.

3

קעסלער האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אז ער וואַרט אויף אסתר־רחלס דורכפאַל. זיין אַקטיאָרישע אייגנליבע האָט גובר געווען דעם דירעקטאָר.

— מיר וועלן זען, ווי דאָס מאַמעניו וועט אַ קאַפּיטשקע אַ שפּיליאַקע־טאָן „עטעניו" נאָך בערטאַ קאַליש... — האָט ער געחוזקט אין אקטיאָרן־קאַבע, אַנדייטנדיק מיט באַוועגונגען אויף דער געניט קאַרפּולענטער פיגור פון אסתר־רחלען.

אָבער דער עולם האָט אסתר־רחלען אויפגענומען וואַרעם אין „קרויצער סאָנאַטע", און די פּרעסע האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערצושרייבן וועגן אסתר־רחלען. קעסלער האָט געשטעלט אין פּיעסע נאָך דער צווייטער פון בערטאַ קאַליש רעפּערטואַר, און גראָד דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו אסתר־רחלס גאַסטשפּילן. דער עולם איז נייגעריק געווען צו זען, ווי „די רוסישע" שפּילט די ראָלן פון דער באַליבטער בערטאַ קאַליש. איז מען געקומען אויך אויף „סאַפאָ", די „וואַרהייט" און אַנדערע גאָרדין־פּיעסן, וועלכע אסתר־רחל האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט גע־שפּילט און מיט וועלכע בערטאַ קאַליש האָט זיך באַליבט געמאַכט ביים ניו־יאָרקער עולם. צווישן די געשווירענע טעאַטער־גייער האָבן זיך אָנגע־הויבן דיסקוסיעס:

— ס'איז אַן אונטערשיד, ווי צווישן סאַראַ בערנאַרד און עלעאָנאָראַ דוזע. מיטעם קאַליש איז אונדזער בערנאַרד: זי שיינט מיט איר אויסזען, מיט איר עלעגאַנץ, מיט די פיינע מאַנירן, מיטן שיינעם רעדן, מיט איר ראָמאַנטישקייט. די מיטעם קאַמינסקאַ איז אונדזער דוזע: זי רירט די הערצער מיט איר איינפאַכקייט, נאַטירלעכקייט, מיטן אמת פון אירע איבערלעבונגען. איר שפּילן איז אַן שמינק. ס'איז בלויז האַרץ.

דער ברייטער ניו־יאָרקער עולם, וואָס איז געווען מער אויף דער זייט

פון בערטא קאַליש, פאַרכאַפּט דורך דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון אירע געשטאַלטן איז אָבער אויך אַרויס פון טעאַטער אַ גערירטער פון אסתּר־רחלס שפּילן:

— יו— נאָ, ס׳איז עפּעס, ווי אין דער אַלטער היים... — האָט מען גערעדט צווישן זיך.

דער דינער שיכט אינטעליגענץ, וואָס האָט נאָך געאָטעמט מיט דער אַטמאָספער פון רוסלאַנד, איז געווען באַגייסטערט פון אסתּר־רחלען:

— ס׳איז נשמה. אונדזער רוסישע נשמה... ס׳איז עכטע קונסט!

קעסלער איז געווען בייז אויף דער פּרעסע:

— וואָס פעלן זיי אַריין אין אַזאַ קעלבערנער התפעלות, די יאָלדן?

ער האָט אַפילו פאַרגעהאַלטן דעם „באָס“, אייב קאַהאַנען. נאָר קאַהאַן האָט זיך געהאַט זיין אייגענע שטעלונג:

— אַ טייל פון פּובליקום ליבט די קאַמינסקאַ, מוזן מיר זי אויך אַביסל ליבן. מען טאָר נישט איינרייסן מיט די מענטשן, וואָס האָבן נאָך אַ האַרץ פאַר דער אַלטער היים. דאָס זענען אונדזערע ביזנעס.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַמיט ווי־נישט־ווי אַריינצורוקן אַ שפּיל־קעלע, כדי דערמיט אונטערצושטרייכן די גרויסקייט פון בערטאַ קאַליש.

— ווען די קאַמינסקין שפּילט אַ יידענע, זעט מען פאַר זיך אויף דער בינע אַן אמתע בערדיטשעווער יידענע, — האָט ער אַמאָל געשריבן.

קעסלער האָט זיך שוין באַמיט, אַז מען זאָל באַלד צוטראָגן אסתּר־רחלען די צייטונג און מיט קעציש־גלאַנצנדיקע אויגן געוואַרט אויף דעם איינדרוק, וואָס דאָס וועט מאַכן אויף איר.

אסתּר־רחל האָט עס איבערגעלייענט, אַ קוק געטאָן אין קעסלערס חוזקדיקע אויגן און רואיק געזאָגט:

— דער מיסטער קאַהאַן האָט אַ טעות. איך בין נישט קיין בערדי־טשעווער נאָר אַ פּאַראַזאָווער יידענע. — און זי האָט זיך ווייטער געשטעלט־פּראָבירן, ווי נישט זי מיינט מען.

די אַרבעט איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. קעסלער האָט געיאָגט אַ פּיעסע נאָך אַ פּיעסע, נישט געלאָזט זיך אָנוואַרעמען קיין פאָרשטעלונג:

— ביי אונדז אין אַמעריקע איז אַ שוויץ־שאָפּ, מען דאַרף שוויצן צו פאַרדינען די פאָר דאָלאַר, — האָט ער געחוזקט.

שבת און זונטיק האָט מען געשפּילט צו צוויי און אַמאָל דריי פאָר־שטעלונגען. יעדן טאָג האָט מען פּראָבירט.

איר טאָג־טעגלעכער וועג איז געווען פון טעאַטער אין האָטעל און פון האָטעל אין טעאַטער. אַמאָל האָט זי זיך נאָר אַריינגעכאַפּט אין דער אַק־

טיאָרן=קאַפּע, נישט וועלנדיק פאַרדינען דעם פּאָרוואורף, אַז זי מיידט אויס חברים, אַז זי מיידט אויס מענטשן. זי איז אָבער גיך אַנטלאָפן פון דאָרט מיט אַ שווערן ביינעשמאַק, אַ מאַרק=טומלדיקייט, ווילדונגערישע צעלאָזנקייט. מען זיצט מיט די היטן אויף די קעפּ און צעקנעפּלטע העמדער, די פיס אויפן טיש. אַלץ איינגעטונקען אין אַ געדיכטן וואָלקן רויך. מען וואַרפט הינטער זיך נישט דערררויכערטע פּאַפּיראָסן, מען שרייט פון טישל צו טישל, פאַרשייטע געלעכטערס, שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע... אַן עקל האָט זי אַרומגעכאַפּט:

— צו וואָס טויג דער קאָמפאָרט, אַז מען פאַרהזירט אים מער, ווי ביי אונדז די סטאָדאָלעס? — האָט זי זיך געטראַכט.

ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ מענטשן, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. איינער דעם צווייטן איז גרייט געווען צו באַרעדן, צו באַשמוצן הינטער די פּלייצעס און אין די אויגן געפּאַטשט גוט=ברודעריש איבער דער פּלייצע. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט חוזק, אָדער חניפה. אין טעאַטער, הינטער די קוליסן האָט געהערשט אַ געדיכטע אַטמאָספער פון רכילות, אינטריגעס, פון אָפּטאָן עפּעס איינער דעם צווייטן. קעסלער אַליין האָט געפירט דעם אויבן=אָן. ער פלעגט אַפילו אויף דער בינע מאַכן אַקטיאָרן באַמערקונגען, חוזק מאַכן פון זיי, אונטערשטעלן פיסלעך. אסתר=רחל האָט שוין געהאַט צוליב דעם אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט אים. דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן רעספּעקט צו איר, אָבער גלייכצייטיק האָט ער זי געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן. פּישזאָן און זאַסלאַווסקאַ האָבן טאַקע אין מיטן סעזאָן געדאַנקט פאַר די גליקן אין אַהיימגעפאָרן. אסתר=רחל האָט אָבער געהאַט פאַר די אויגן אברהם=יצחקס חלום וועגן אַן אייגן טעאַטער און זיך דעריבער נישט געלאָזט אונטערפירן דורך קעסלערן.

— איר וועט אַ קאַפּינקע שפּילן קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ די צווייטע וואָך. מיר האָבן פאַרקויפט פאַר אַ סאָסייטי טאָלסטאָים „רעזורעקשן“, — האָט איר קעסלער צוגעטראָגן אַ חוזקדיקן ברוך=הבא.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן נעכט פון אַרבעטן איבער דער ראָל. אסתר=רחל האָט איבערגעלייענט „תחית=המתים“ און פאַרציטערט געוואָרן, ווי אַזוי דער דראַמען=מאַכער האָט אַ תל=געמאַכט פון טאָלסטאָיס ווערק. דאָס האָט אָבער נאָכמער פאַרשטאַרקט איר אַמביציע.

— טראָץ אַלעם וועל איך אייך באַווייזן אַ לעבעדיקע קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ!

נאָך לאַנגע וואָכן האָט זי איצט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַביסל צו באַקענען מיט ניו־יאָרק. קעסלער האָט אויפגעפירט פּינסקים „יענקל דער שמיד". פאַר אים איז עס געווען אַ נייע פּיעסע און ער פלעגט זיך שוין גוט צומאַטערן ביים באַהערשן אַ נייע ראָל. אסתר־רחל האָט די ראָל „טאַמאַרע" געשפּילט נאָך אין וואַרשע, די ראָל איז ביי איר געווען אַ גע־מאַכטע. האָט זי אַביסל געכאַפּט דעם אָטעם. און ווען די פאָרשטעלונג האָט שטאַרק איינגענומען און געשפּילט געוואָרן אַ לאַנגע צייט, האָט מען וויינ׳יקער רעפּעטירט און אסתר־רחל האָט געהאַט פריע טעג פאַר זיך.

צווישן די אַקטיאָרן פון זייער טרופּע האָט זי קיין פריינד נישט גע־האַט. כמעט אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר קעסלערן. אַן אויסנאַם איז געווען זעליג מאָגולעסקו, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם אָרעאָל פון אַ גרויסן גאָלד־פאַדען־טאַלאַנט און וואָס איז נאָך געווען אין פולן גלאַנץ פון זיינע קינסט־לערישע כוחות. אָבער פון מאָגולעסקו האָט מען העכסטנס געקאָנט הערן אַ גוטן וויץ, לאַכן פון זיינם אַ שפּיצל. דערביי האָט ער נישט פיינט געהאַט קיין פעטע וויצן, וועלכע אסתר־רחל האָט נישט פאַרטראָגן.

קעסלערס שותף בועז יאַנג, וואָס האָט — אפשר צו להכעיס קעס־לערן — זיך פריינדלעך באַצויגן צו אסתר־רחלען, ווי אויך זיין ווייב, קלאַראַ יונג, זענען אַזוי געווען פאַרטאָן אין דיביזנעס, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיטן „גאַסט פון רוסלאַנד".

אַקטיאָרן פון אַנדערע טעאַטערס זענען בדרך־כלל געווען פיינטלעך צו די פון אַ קאָנקורענץ־טעאַטער. נישט קיין טעאַטער־מענטשן, אינטעליגענטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן איינצובירגערן אין אַמע־ריקע, האָבן זיך אַליין אָרומגעדרייט, ווי פרעמדע, איבער דעם ריזיקן ניו־יאָרק. אַ פרעמדקייט האָט זיך געטראָגן פון אומעטום.

— „איך האָב שוין דאָ אויך זייער פיל פריינד, נאָר איך קאָן זיי נישט צעקייען, דעריבער קאָן איך זיך צו זיי נישט צוגעוווינען", — האָט זי געשריבן קיין וואַרשע צו יעקב דינעזאָן.

אברהם־יצחקס אָנקומען קיין ניו־יאָרק האָט אינגאַנצן געביטן די לאַגע. ס׳האָט זיך געענדיקט איר איינזאַמקייט, איז אָבער צוגעקומען אַ נייער אומרו.

אברהם־יצחק האָט נישט געוואָלט זיין בלויז באַגלייטער און גע־שעפטס־פירער פון זיין ווייב. ער האָט גלייך נאָכן אָנקומען קיין ניו־יאָרק אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער וועגן נייע געשעפטן, גערונגען אַ טעאַטער אויף דער פּעריפעריע און אָנגעהויבן אַליין צו שפּילן. ער האָט זיך גיך אי־

בערצייגט, אַז די דאָלאַרן ליגן נישט אין אַמעריקע אויף דער גאַס, ווי מען האָט געמיינט אין פּוילן. ער האָט אין זיין טעאַטער באַגראָבן אַ טייל פון אסתר-רחלס אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן, וועלכע האָבן באַדאַרפט זיין אַ פונ-דאַמענט פאַרן בויען זיך אַ טעאַטער-היים אין וואַרשע.

דער טעאַטער-אַגענט עדווין רעלקין האָט אָבער נישט געהאַט אברהם-יצחקס אַמביציע און ער האָט פאַרהאַנדלט מיט אסתר-רחלס באַלעבאַטים, אַז מען זאָל זי באַפרייען פאַרן סוף פון איר קאָנטראַקט, ווייל ער וויל מיט איר מאַכן אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ. קעסלער האָט זיך דערפרייט, אַז ער קאָן פּטור ווערן פון אסתר-רחלען, וועלכע נעמט צו אַ טייל פון זיין דערפאָלג און ער וועט נאָך איינשפּאָרן דערביי 250 דאָלאַר אַ וואָך.

רעלקין האָט אָרגאַניזירט אַ בליץ-טורנע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. נייע שטעט, וועלכע מען האָט נישט באַוויזן אָנצוקוקן, נייע מענטשן. אסתר-רחל האָט זיך באַגעגנט מיט אירע צוויי ברידער, דעם עלטסטן, יצחק און דעם יונגסטן, יאָסל, וועלכע זענען שוין זייט יאָרן געווען אַמעריקאַנער. זי האָט זיי נישט דערקענט. מענטשן פון אַן אַנדער וועלט. אַלץ האָט זיך ביי זיי געוויגן און געמאָסטן מיט „וויפל קאָסט עס“ און „וויפל איז עס ווערט“. זיי האָבן אַלץ געשאַצט אין דאָלאַרן, אַפילו זייערע דערינערונגען פון די קינדער-יאָרן און זייער באַציונג צו דער אָרע-מער משפחה אין וואַרשע. אסתר-רחל האָט זיך אַרומגעדרייט אין זייערע רייכע היימען, גערעדט מיט זייער פאַמיליעס, ביי וועלכע זי האָט נישט געפונען קיין שפּור פון פאַמיליען-וואַרעמקייט און געטראַכט:

— פאַרפרעמדט זענען געוואָרן חיים-יוחננס קינדער פון זייער גענעט... פרעמד זענען זיי געוואָרן מיר, ווי אַלץ אַרום.

דער טורנע איז געגאַנגען מיט אַן אַמעריקאַנער טעמפּאָ, כמעט יעדן טאָג אין אַן אַנדערער שטאָט.

דער דערפאָלג איז אומעטום געווען אַן איבערראַשנדיקער. אומעטום זענען געווען בענקנדיקע נאָך דער אַלטער היים. רעלקין האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלע רעקלאַמע.

— „יעדער ייד, וואָס לעבט נאָך, מוז זען די גרעסטע קינסטלערין פון דער אַלטער היים!“.

ער האָט באַוויזן אַריינצושלעפּן קינד און קייט אין טעאַטער אַריין. אסתר-רחלען איז עס געווען גלייכגילטיק. פאַר רעלקינען דאַקעגן איז עס געווען פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר ריינער ריווח אין משך פון די וואָכן.

— די קאַמינסקאַ איז אָלרייט! — האָט ער געמאַכט דעם סך-הכל פון אסתר-רחלס טאַלאַנט און רום.

— זעט, מיסיס קאַמינסקאַ, דאָס זענען די ניאַגאַראַ־פאָלס, דאָס גרעסטע אין דער וועלט — האָט רעלקין מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף די שוימענדיקע וואַסער־כוואַליעס, וואָס זענען פון אַ גרויסער הייך געפאַלן פון פעלזן־אָפּרים אין אָפּגרונט אַריין. — דער כוח פון וואַסער טרייבט עלעקטרי, די גרעסטע עלעקטרי־סטאַציע אין דער וועלט! אַלץ, וואָס ביי אונדז אין אַמעריקע, איז דאָס גרעסטע אין דער וועלט... אָט זענט איר אויך די גרעסטע אין דער וועלט!

אסתּר־רחל האָט נישט געהערט זיינע רייד, נישט דאָס זעלבסטצו־פרידענע געלעכטער. זי איז געשטאַנען פאַרגאַפט פאַרן כוח פון דער סטי־כיע, וואָס איז דורכן מענטשנס שכל איינגעשפּאַנט געוואָרן אין דינסט פון מענטשן. ווען מען זאָל אַזוי אויף דער גאַנצער וועלט איינשפּאַנען די נאַטור־כוחות און מאַכן, אַז אַלע זאָלן קאָנען געניסן דערפון, ווי גוט וואָלט דאַן געווען צו לעבן אויף דער וועלט. וויפל אוצרות ליגן נישט אויסגענוצטע אין דער נאַטור און וויפל מענטשן ליידן הונגער און נויט!

— וועגן וואָס חלומט איר, מיסעס קאַמינסקאַ? — פרעגט זי די יונגע גוירדי.

— וועגן אַ וועלט, וואָס איז נאָך נישט פאַראַן... וואָס איז נאָך וויט. וועגן אַ וועלט פון גליק.

— גליק איז דער דאָלאַר! — האָט רעלקין געפּסקנט.

אסתּר־רחל האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק:

— מיר זענען פון צוויי וועלטן, מיסטער רעלקין.

רעלקין האָט זיך צעלאַכט: גרינהאָרן בלייבט גרינהאָרן! נאָר דער גרינ־האָרן ברענגט דאָך דאָלאַרן. יעדער טאָג איז געלט. מען דאַרף אים וואָס בעסער פאַרקויפן.

— מיסטער מינץ, די קאַמינסקאַ איז אַ ביזנעס! — האָט ער אַ צו־פרידענער געזאָגט, נאָכן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק, צום מענעדזשער מייקל מינץ.

— אָלרייט, איך קויף זי ביי אייך פאַר פינף פאָרשטעלונגען.

רעלקין האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען צו וואָס טויג מינצן די קאַמינ־סקאַ. די אַרטיסטקע קעני ליפּצין איז זיין פרוי, זי ווערט דורך אים פאַר־נעמערט און אויסער איר זעט ער נישט קיינעם אויף דער וועלט... אָבער מינץ האָט געגעבן אַ גוטן פרייז און רעלקין האָט צוגעקלאַפּט דאָס גע־שעפט.

מייקל מינץ האָט טאַקע געהאַט זיינס אַ געהיימע אויסרעכענונג.

ערשטנס זענען די געשעפטן אין זיין ליפּצין=טעאַטער געווען שוואַך, האָט ער גערעכנט, אַז מיט אסתּר=רחלען — נאָך אירע גרויסע דערפאָלגן און רעקלאַמע — וועט ער קאָנען מאַכן אַ פּאָר גוטע איינגאַמעס; צווייטנס, האָט ער געהאַט די אַלייניקע רעכט אין ניו=יאָרק אויף גאָרדינס „מירעלע אפרת“, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַר זיין קעני ליפּצין. די ליפּצין האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דער ראָל. אַז די קאַמינסקאַ וועט איצט אויפטרעטן אין „מירעלע“ וועט עס זיין אַ גרויסע סענסאַציע און דער עולם וועט זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן, וואָס פאַר אַ גרויסע קינסטלערין זיין קעני איז.

די פינף פאָרשטעלונגען זענען שטאַרק אַנאָנסירט געוואָרן אַלס אסתּר=רחלס געזעגענונגס=פאָרשטעלונגען אין ניו=יאָרק. זיי זענען גלייך אַלע אויספאַרקויפט געוואָרן. מינץ האָט געשטראַלט: ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט.

אַן אומזיכערקייט האָט געהערשט אין זאַל נאָכן ערשטן אַקט: גוט, צי שלעכט? נישטאָ די מעלאָדראַמאַטישע זינגעוודיקייט, די שטייפקייט פון קעני. אַן אַנדער מענטש, אַן אַנדערע „מירעלע אפרת“.... ס׳איז עפּיס נאָך שווער צו צעקייען.

ערשט נאָכן צווייטן אַקט, ווען אָנשטאָט דער אָנגעצויגנקייט פון הויכע געוויינען פון דער ליפּצין האָבן זיך דערהערט פון דער בינע מענטשלעכרירנדיקע טענער פון אסתּר=רחלען; ווען די גרויסע טראַגעדיע פון אַן אַנטוישטער מאַמען האָט זי אויסגעשעפּטשעט מיט אַ תּפילה בלחש; ווען די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון מענטשן, וואָס זענען פאַרשטיינערט געוואָרן אין גייעג נאָכן דאָלאַר, האָבן אַ ציטער=געטון אונטער דער ווירקונג פון פּשוטער, ערלעכער מענטשלעכקייט — האָט דאָס אייז געפּלאַצט. דאָס סאַמע איינפאַכסטע, וואָס איז ביז איצט דורך זיי געווען נישט באַמערקט, האָט צעשטורעמט די געמיטער. די ווייטערדיקע אַקטן זענען געשפּילט געוואָרן פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין געלאָזט באַווירקן אָן באַוואָרעניש.

די געזעגענונגס=פאָרשטעלונגען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אסתּר=רחלס גרעסטן טריומף פון די גאַסטשפּילן אין אַמעריקע.

6

ס׳איז שוין געווען הויכזומער. מען האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין סך צייט אויף פאַרברענגען אין וואַרשע, גלייך געדונגען אַ דירה אויף דער

ליניע — אויסרוען זיך פון דער רייזע, אָנפרייען זיך מיט די קינדערלעך זיי זענען אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט נישט צו דערקענען!

אברהם־יצחק איז געווען אַ זעלטענער גאַסט אויף דער זומער־וווינונג. גלייך נאָכן צוריקקומען האָט ער זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן זוכן אַ טעאַטער, אָדער אַ פּלאַץ פאַר אַ טעאַטער. יעדעס מאָל פלעגט ער דערציילן גיסים וועגן געזעענע אָדער פאַרגעשלאָגענע בנינים און פּלעצער, ביז איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ גרויסער שמחה:

— אַ פּונקט, אַ חלום! אין אַ גאָרטן ביי דער ווייסל... מען וועט קאָנען זיצן אויפן באַלקאָן און שעפּן פרישע לופט!

— דערפיר צום פּונקט, אברהם־יצחק, דערצייל וועגן טעאַטער, נישט וועגן דער לופט... — האָט אים אסתר־רחל אָפּגעקילט.

— ס'טעאַטער? ס'איז אַ גרויסע האַליע פון אַ צירק. ביי די דינאַמען אויף אָבאָזשנע גאַס. אַ ריזיקע האַליע... אַז מען וועט עס איבערבויען, וועט עס זיין אַ טעאַטער אויף פופצנהונדערט פלעצער. אַ בינע, אַז מען וועט קאָנען אַרומרייטן מיט פערד.

— איז עס נישט אַמאָל צו ווייט פון דער יידישער געגנט?

— ווי קאָן מען אין דער יידישער געגנט געפינען אַזאַ רחבות, אַזאַ לופט?..

— שוין ווידער די לופט! — איז אסתר־רחל געוואָרן אומגעדולדיק.

— צוריקגערעדט: ווו האָסטו יאָ געהאַט אַ טעאַטער אין דער יידישער געגנט? מאָקאָטאָוו, מאַרשאַלקאָווסקע, כמיעלנע, קאַראָווע? אַפילו צום „ערמיטאַזש" דאַרף מען זיך אויך פיין דורכשפּאַצירן אויפן מוראַנאָוו... יידן האָבן ליב צו שפּאַצירן אין טעאַטער אַריין. ס'איז אַ מחיה אין אַ יום־טוב־טאָג זיך דורכצושפּאַצירן פון דער דזשיקער געגנט אין די פיינערע גאַסן... יידן האָבן עס ליב.

— לאָמיר אָננעמען. נישט יעדן טאָג איז דאָך יום־טוב. וואָס וועט זיין אין די וואָכן־טעג?

— ס'וועט זיין יום־טוב אין די וואָכן־טעג! — האָט זיך אברהם־יצחק באַגייסטערט. — מען האָט שוין אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, געגעבן האַנט־געלט...

אסתר־רחל האָט דערהערט די סומע פון האַנט־געלט, האָט איר אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן. דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע ביסל דאָלאַרן, וועלכע מען האָט אָפּגעשפּאָרט פון דער אַמעריקאַנער רייזע. פון וואַנען וועט מען נעמען די רעשט? אויף רעמאָנט?

—פולמאַן איז צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף. מען שטופּט געלט פון

אַלע זייטן. כ׳קאָן האָבן שותפים, ווי די הינט... — האָט אברהם־יצחק זי באַרואיקט.

דאָס, וואָס איר שוואָגער פולמאַן איז צוגעשטאַנען אַלס שותף האָט זי טאַקע אַ ביסל באַרואיקט. זי האָט געוווּסט, אַז פולמאַן איז אַ געשעפטס־מענטש און אויב ער איז צוגעשטאַנען איז עס אַפנים נישט קיין שלעכט געשעפט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די היץ פון בויען.

איינמאָל איז אסתר־רחל ספּעציעל אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע באַקוקן דעם בנין און זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אומהיימלעכקייט:

— ס׳איז טאַקע אויף אַרומצורייטן מיט פערד, נישט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

דער אַרכיטעקט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן איבערבוי פון בנין, האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס מען וועט אַלץ איבערמאַכן, וואָס צובויען און זי האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז עס וועט ווערן דערפון אַ גוט טעאַטער. נישט מיט אַזאַ לוקסוס און פּראַכט, אָבער דערפאַר גענוג גרויס און באַקוועם מען זאָל קאָנען שפּילן, ווי עס באַדאַרף צו זיין פאַר וואַרשעווער יידן. איז זי אַ באַרואיקטע צוריקגעפאָרן אויף דער זומער־וווינונג.

געסט פון וואַרשע האָט זי געהאַט אָפט און אַ סך. אַקטיאָרן, אַלטע חברים, מיט וועלכע זי איז יאָרנלאַנג אַרומגעפאָרן איבער דער מדינה, זענען געקומען אַ קוק טאָן, וואָס די מאַמע מאַכט און כאַפּן אַ שמועס. אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהערט, אַז קאַמינסקי בויט אַ טעאַטער אין וואַרשע, זענען זיך געקומען פאַרזיכערן אַ שטענדיק אָרט, צו אַרבעטן אין דעם טעאַטער:

— גענוג זיך אַרומגעשלעפּט, ס׳ווילט זיך אַ ביסל אָפּרוען די ביינער. אָנהייבן אַ מענטשלעכער לעבן, באַזעצן זיך מיט דער פאַמיליע אויף אַן אָרט. איך בין גרייט אויף אַלע באַדינגונגען! — האָט יעדער פון זיי פאַרזיכערט.

ס׳פלעגט אַראָפּקומען יעקב דינעזאָן, וואָס האָט אַלעמען געגלעט מיט זיין וואַרעמען שמייכל און מילדער רואיקייט. ער האָט דערציילט אסתר־רחלען נייעסן פון דער ליטעראַרישער וועלט, פון יידישן לעבן אין דער גאַנצער וועלט, קוריאָזן, מעשהלעך.

— מיין לעבעדיקע צייטונג, — האָט אים אסתר־רחל מיט דאַנקבאַרקייט אָנגערופן.

דינעזאָן האָט מיטגעברענגט גרוסן פון פּרצן, געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן אים מיט פאַרליבטער באַוווּנדערונג.

— פּרץ האָט פאַרדרוס. זיין נייע פּיעסע „אין פּאָליש אויף דער קייט“

איז אויפגעפירט געוואָרן ביי קאָמפּאַניִיעצן אויפן מוראַנאָוו און גלייך אַראָפּגענומען געוואָרן פון רעפּערטואַר...

— אַז מיר וועלן האָבן אונדזער טעאַטער, וועלן מיר שוין אויספירן פּרצם פּיעסן, ווי ס'געהער צו זיין. — האָט אים אסתּר־רחל געטרייסט.

— ניין, ליבע פריינדין, פּרץ איז נישט פאַרן טעאַטער. ער פטרט אומזיסט זיין טאַלאַנט און ענערגיע דערויף, — האָט זיך דינעזאָן געעקשנט.— אָט האָט ער זיך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט פּרץ הירשבייִנס טרופּע... זייער ווילע, פעיקע און אינטעליגענטע יונגע מענטשן, אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז דאָס פּובליקום וויל עפּעס אַנדערש?... פּרץ האָט נאָר אומזיסט געהאַט ערגערניש און האַרצווייטיק. אָדער דוד הערמאַנס קרייזלעך... איצט טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ נייעם געדאַנק: שאַפן אַ טעאַטער־געזעלשאַפט, אויפבויען אַ גרויס, קינסטלערישן טעאַטער... חלומות...

— ניין, טייערער פריינד, אַזוי טאָר מען נישט רעדן! — האָט זיך אסתּר־רחל מיט אים געאַמפּערט. — יוער דען, אויב נישט פּרץ? ווער וועט אַרויסציִען דאָס יידישע טעאַטער פון זומפּ, ווער וועט ווייזן אַ וועג פאַר די יידישע אַקטיאָרן, וואָס חלומען וועגן אַ בעסער טעאַטער, וועגן אַן אמת טעאַטער? איך האָף, אַז מיר וועלן האָבן אויפגעבויט אונדזער טעאַטער, וועט דער הער פּרץ זיך מיט אונדז פאַרבינדן, ברענגען צו אונדז פרישע יונגע קרעפטן, נייע פּיעסן און עס וועט געשאַפן ווערן דאָס טעאַטער, וואָס הער פּרץ וויל און וועגן וועלכן איך חלום.

7

דער אויפבוי פון טעאַטער האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו פאַרשלינגען: דער חוב איז געוואַקסן. מען האָט געמוזט ראַטעווען די מאַטעריעלע לאַגע מיט נייע גאַסטשפּילן.

אגב האָט זיך טאַקע אסתּר־רחלען אַביסל פאַרבענקט נאָך איר עולם, ס'האָט זי שוין אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן דאָס נישט שפּילן. זי האָט זיך געוואָלט אָפּפרישן מיט די היימישע שטעט און היימישן עולם נאָך די אַמעריקאַנער גאַסטראָלן.

איר אַלטע גוואַרדיע, די פּאַרטנערן פון יאָרן וואַנדערונגען, זענען גרייט געווען אויף איר רוף, און איר קליינע פּאַרטנערין, אידעלע, אַוודאי. רעגינע איז שוין אַזוי אונטערגעוואַקסן, אַז זי קאָן שפּילן ראָלן פון יונגע פרויען. דער טאַלאַנט שיינט פון אירע אויגן. זי וועט אינגיכן קאָנען שפּילן די ראָלן,

וועלכע אסתר-רחל האָט שוין געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך צוליב איר עלטער און קאָרפּולענץ.

— מיינע פערציק יאָר וויל איך גאָר נישט פאַרלייקענען. רעגינעלע מעג שוין שפּילן די יתומהלעך, ס'איז נישט פאַר מיר מער! — האָט זי געטענהט.

— דער עולם פאַרלאַנגט... — האָט אברהם-יצחק דערווידערט.

— דער עולם רופט מיך „מאַמע" און פאַרלאַנגט פון מיר מאַמעס. איך וויל נישט זיין געגליכן צו די פּאַרווינציאַניעטע פּרימאַדאָנגעס, וואָס שפּילן מיידעלעך ווען זיי זענען שוין באָבעס. איך האָב איצט מער וואָס צו זאָגן דעם עולם אין ראָלן פון רייפע פרויען. איך וועל זיין אמתדיקער אין אַזעלכע ראָלן און אין הארצן האָב איך אָנגעזאַמלט אַזויפיל פאַר זיי, אַז איך מוז עס אַרויסזאָגן. איך וועל איצט שפּילן „נאָראַ", כ'וועל שפּילן די „היימאַט", זאָל דער יידישער עולם זיך באַקענען מיט אַ נייער וועלט פאַר אים.

איבסענס „נאָראַ" איז געווען אסתר-רחלס טרוים זייט יאָרן. די פּיעסע איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין רעפּערטואַר-פּלאַן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע", אָבער פאַרבליבן בלויז אין פּלאַן. אין אַמעריקע איז איר ערשט געלונגען צו רעאַליזירן איר חלום. נאָר קעסלערס רעזשי און קעסלער'ס באַציונג צו דער פאָרשטעלונג האָבן איר בלויז פאַרשאַפט קרענקונג.

— אַ ווילסטער חלום איז עס געווען! — האָט זי דערציילט וועגן דער פאָרשטעלונג.

איצט האָט זי זיך פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט איבער דער פּיעסע, האָבנדיק אַ טרייען און אייפעריקן מיטהעלפער אין ליבערטן, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין דער ראָל פון קראָקסטאַדן. ער איז דאָך פון שטענדיק אָן געווען אַן אָנהענגער פון אייראָפּעישע פּיעסן אין יידישן טעאַטער.

אסתר-רחל האָט געמוזט „נאָראַ" צופּאַסן צו זיך.

— מיר וועט מען נישט גלייבן, אַז איך בין אַ ליאַלקע, ווי איבסען וויל. די זייט פון דער ראָל מוז ביי מיר ליידן. איך וועל מוזן בויען די ראָל אויף די סצענעס, וו עס דערוואַכט דער מענטש אין „נאָראַ", ווען זי הייבט זיך אָן אָנטקעגנשטעלן איר גורל, רייסן די צוימען, וועלכע עס לייגט אויף איר אַרויף די וועלט.

אברהם-יצחק האָט איר אויפגעוויזן, אַז די בעסטע „נאָראַס", די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אַליין, האָבן געהאַט זייערע גלאַנץ-סצענעס אין „טאַראַנטעלאַ"-טאַנץ. אסתר-רחל האָט זיך אָבער געעקשנט.

— די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ איז טאַקע געווען אַ גרויסע קינסטלערין, זאָל איר די ערד גרינג זיין... אָבער איר, צוליב איר גאַנצן געבוי און אפשר

אויך צוליב איר אינערלעכער וועלט, איז גאָעגט געווען די שפּילעוודיקייט פון א ליאַלקע, די עפעקטפולקייט פון דער „טאַראַנטעלאַ“. צו מיר רעדט מער דער איבערברוך אין נאָראַס-נשמה. פון דעם וועל איך אָנהייבן מיין ראָל. וואָס פאַר אַ טאַראַנטעלאַ-טענצערין בין איך עס?

עס האָט זי דעריבער נישט געאַרט, וואָס מען האָט אין רעצענזיעס קריטיקירט, אַז עס ווערט פאַרפאַלן דער פּאָעטישער אָנהייב פון דער איבּ־סען-געשטאַלט אין אסתּר-רחלס אויסטייטשונג.

— ס'איז טאַקע ריכטיק, אָבער ביי מיר קאָן, נאָר אויף אַזאַ אופן אַרויסקומען די טראַגעדיע פון אַ פרוי אין דער „בעסערער וועלט“... אין דאָס איז, לויט מיר, דער עיקר פון דער פּיעסע און פון דער ראָל.

אויך די ראָל פון „מאַגדאַ“ אין זודערמאַנס „היימאַט“ האָט שוין אסתּר-רחל געשפּילט מיט קעסלערן. קעסלער איז באמת געווען צו באַוווּנ־דערן אין דער ראָל פון אויבערלייטענאַנט שוואַרצע, ער האָט זיך אָבער נישט אינטערעסירט מיט די איבעריקע ראָלן, געווען צופרידן, אַז זיי זענען וואָס מער אין שאָטן. אסתּר-רחל האָט געוווּסט, אַז קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט געהאַלטן „מאַגדאַ“ פאַר איינער פון אירע בעסטע ראָלן. אַ סימן, אַז די ראָל פאַרמאָגט עפּעס אַן אמת, וועלכן מען דאַרף געפינען, עפּעס אַ קערן, ווי עס פלעגן זיך אויסדריקן סטאַניסלאַווסקיס תּלמידים. אסתּר-רחל האָט דעם קערן געפונען אין מאַגדאַס אויפפלאַמען קעגן דער פאַלשער מאָראַל פון איר סביבה. זי האָט אָנגעלאָרן: מאַגדאַ מיטן דורשט צו פריי־הייט, מיט ליבע צו מענטשן. נאָר נישט צו די רייכע און מעכטיקע, צווישן וועלכע זי האָט געלעבט. זי האָט באַוויזן צו באַרעכטיקן מאַגדאַס אָפּזאָגן זיך פון באַקוועמען לעבן, פון רייכטום, אין נאָמען פון דער קונסט. אסתּר-רחל האָט אין אירע אייגענע איבערלעבונגען געפונען די טענער פון מקריב זיין פריוואַטע רו, באַקוועמלעכקייט, פאַר דער קונסט, פאַר דער מעגלעכ־קייט צו געבן פריידיקע איבערלעבונגען טויזנטער מענטשן.

די נייע געשטאַלטן, מיט וועלכע אסתּר-רחל האָט זיך איצט באַוויזן פאַרן עולם, אירע אַלטע פּאָפּולערע ראָלן, האָבן דעם טורנע פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם טריומף. די באַגייסטערונג פון עולם אין אָדעס, ווילנע, מינסק, לאָדזש, וואַרשע — האָט זי ווידער געקרעפטיקט. זי האָט זיך געפילט יונגער נאָך דער רייזע.

אין דער רייזע האָט זי זיך ווידער צונויפגעטראָפן מיט די קינסטלער פון סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער, דאָס מאָל אין אָדעס. אַלטע באַקאַנטע האָבן זיך באַגעגנט, אַלטע גוטע פריינד.

— מיר גראַטולירן אייך מיט אייערע אַמעריקאַנער דערפאָלגן, — האָט זי באַגריסט מאָסקווין.

— אויפריכטיק זיך מודה צו זיין, בין איך נישט באַגייסטערט פֿון מיין רייזע קיין אַמעריקע. קיין גייסטיקן געווינס האָב איך פֿון דער רייזע נישט געהאַט.

— אָבער אויף די איצטיקע גאַסטראָלן האָט איר זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. דאָס טעאַטער איז פֿול געפּאַקט. און מען נעמט אייך אויף, ווי איר האָט עס פֿאַרדינט. דערהפֿון האָט איר שוין זיכער אַ גייסטיקן געווינס? — האָט לעאָנידאָוו זיך צעשמייכלט.

— אַן אמתן גייסטיקן געווינס וועל איך ערשט האָבן איבערמאָרגן, ווען כ'וועל זיין אויף אייער פֿאַרשטעלונג... — האָט אסתּר־רחל אים געענטפֿערט.

און זי האָט עס טאַקע געמיינט אויך. זייער קונסט איז פֿאַר איר געווען דער גרעסטער געווינס.

8

אַ קויש מיט באַגריסונגס־אַדרעסן, זילבערנע קרעגין, פּילקאָלירטע לענטעס מיט אויפֿשריפֿטן פֿון דאַנקבאַרקייט, אַ גרויס פּעקל באַגייסטערטע רעצענזיעס, און אַן אָפּגעשפּאַרטער טייסטער מיט יעקאַטעריגקעס, מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך — דאָס וועט זיכער העלפֿן אברהם־יצחקן צו פֿאַרגעדיקן די בוויגג.

אברהם־יצחק האָט בלאָס אַ שמייכל געטאָן:

— אַ טראָפּן אין ים.

ער איז געוואָרן גרין און אויסגעטרוקנט פֿון דאגות.

— ס'איז אַ סך שווערער, ווי איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט. נישט פּאַר אונדז, קבצנים, יידישע אַקטיאָרן, אויפֿבויען זיך אַ היים. מען זעט נישט קיין סוף!

— וואָס טוט מען? ווו געפֿינט מען אַן אויסוועג? — האָט אסתּר־רחל געפֿרעגט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק מיט טעלעגראַמעס און אַן אַ וואָרט דערלאַנגט אסתּר־רחלען. זי קוקט איבער: פֿאַרשלאַגן פֿון אַמעריקאַנער מענעדזשערס, ציפֿערן פֿון דאָלאַרן — עס שווינדלט אַזש אין קאָפּ. גאַסט־שפּילן אין ניו־יאָרק, טורנע איבער די שטאַטן און קאַנאַדע....

דער פֿאַרלאָשענער פּאַקל אין דער האַנט פֿון דער ריזיקער שטיינערנער פֿרוי ביים אריינפֿאַר אין ניו־יאָרקער פּאָרט, האָט דראָענדיק געהאָנגען איבער איר קאָפּ. זי האָט אַ וואָרף געטאָן די טעלעגראַמעס אויפֿן טיש.

אברהם־יצחק האָט זיי צונויפגענומען און מיט אַ זיפץ באַהאַלטן אין שופלאָד אַ שטימער אומעט האָט אַ בליק־געטאָן צו איר. ווי אויסגעלאָשן ס'איז געוואָרן איר שטענדיק־פלאַמענדיקער, לעבעדיקער און רירעווידיקער אברהם־יצחק. אפשר איז ער גערעכט?

— טו, ווי דו פאַרשטייסט. — האָט זי שטיל אַ זאָג־געטאָן.

דאָסמאָל האָט שוין אסתר־רחל געשטעלט א תנאי: איר שוועסטער רבקה מוז מיטפאָרן. זי קאָן מער נישט פאַרטראָגן די איינזאַמקייט. כאָטש האָבן אן אייגענעם מענטש א וואָרט ארויסצורעדן. אײנוועגס וועט זיך שוין רבקה זען מיט די ברידער, וואָס וווינען אין אמעריקע. אין דער היים וועט מען זיך ווי עס איז אַן עצה געבן אַן איר. זאַשיע איז דורך די פּאָר יאָר געוואָרן אן אייגענער מענטש אין שטוב. רעגינע איז שוין א פריילין, וועט קאָנען אכטונג געבן אויף די קינדער.

— מילא, וואָס זאָל מען טאָן, — האָט אסתר־רחל געטראַכט, — אפשר איז כדאי צו ליידן אביסל היימלאָזיקייט, כדי זיך צו פאַרזיכערן א היים אויף דער עלטער?

אלע איינדרוקן פון דער רייזע האָט אסתר־רחל אויפגענומען דורך רבקהן. אליין איז זי געזעסן פאַרטיפט אין לייענען פיעסן, זשורנאַלן, ביכער. געזוכט נייעם רעפּערטואַר פאַרן אייגענעם טעאַטער... אפשר וועט עס שוין זיין א סוף צו די מאַטערנישן, א סוף צו די וואַנדערונגען...

קעסלער איז געווען גערעכט: טעאַטער איז אין אמעריקע א שוויץ־שאָפּ. יעדער טאָג מוז אויסגענוצט ווערן, יעדער טאָג מעסט זיך מיט דאָלאַרן. דער עיקר אָבער: צום באַשטימטן טאָג אוועקשיקן דאָס געלט אהיים. נאָך א ציגל פאַרן טעאַטער. זי איז דאָך איצט א ציגל־מאכערין, א ציגל־טרעגערין:

— ס'איז שווער? אוודאי איז שווער. ווייסט דען נישט, אז טראָגן ציגל איז א שווערע ארבעט? — האָט זי געענטפערט רבקהן אויף די טענות, אז זי זעט אויס אויסגעמאַטערט און דערשעפּט.

ענדלעך געענדיקט דער טורנע. עס פלאָנטערן זיך די נעמען פון די שטעט. צענדליקער שטעט האָט זי אפילו דערבײַ נישט אָנגעקוקט. איז דאָס דען וויכטיק? זי פאָרט דאָך נישט אויף א לוסט־רייזע, זי פאָרט נאָך ציגל...

צוריק אין ניו־יאָרק. כמורנע וואָלקנקראצערס. שרייענדיקע קידוש־לבנה־אותיות פון דער רעקלאַמע... אבי וואָס שנעלער זאָל עס פאַרביי.

א באַאַמטער פון דער אקטיאָרן־יוניע, — זעט אויס ווי דער באַלעבאָס פון א בכבודיקער באַנק־קאַנטאָר, — רעדט זי צו אריינצוטרעטן אין דער יוניע:

— איר קאָנט אונדז נאָך דאַרפֿן!

— איך מיין, אז נישט. מיר זענען נישט פֿאר זיך. איך פֿיל זיך דאָ א פֿרעמדע און וואָלט שטענדיק געבליבן א פֿרעמדע. איך פֿאָר צוריק צו מיין עולם, צו מיינע יידן, אין מיין היים. איך און אמעריקע זענען נישט קיין פּאָר.

XI

די היים

1

אין אַ גאָרטן אויף אָבאָזשנע גאַס האָט אַרויסגעשיינט אַ גרויסער, קיילעכדיקער בנין פון ציגל. עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן אין די אָוונטן געלויכטן: „קאַמינסקים־טעאַטער“.

פון זיין צירק־אָפּשטאַם איז דעם טעאַטער געבליבן די אַמפּיטעאַטראַלע קיילעכדיקייט, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן דורך דער בינע מיט זיילן פון ביידע זייטן. ארום און ארום דעם זאַל, צווישן שמאָלע זיילעכלעך, זענען געווען רחבותדיקע לאָזשעס און אַ באַלקאָן. דאָס אַלץ האָט אביסל היימישער געמאַכט דעם גרויסן חלל. נאָר אין סאַמע מיט פון זאַל האָט געסטאַרטשעט אַ דיקער זייל, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם אויסגעבויגענעם באַלקן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. דער זייל האָט איבערגעשניטן דעם גאַנצן בנין ווי אַ פלאָקן אריינגעדרוקט אין אַ ראָד.

— דער פלאָקן וועט דאָך פארשטעלן א שטיק בינע. — האָט זיך אסתר־רחל באַאומרואיקט.

— וועט מען די ערטער נישט פארקויפן. ס'פעלט דען פלאַץ אין טעאַטער?

די צרה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די ערשטע פאָרשטעלונגען. דער עולם איז געקומען א יום־טובדיקער, אויפגעלייגט: פאָרט א נייער, אייגענער טעאַטער־בנין! אָבער עפּעס דערהערט מען נישט... ווערטער ווערן פארפאַלן, גאַנצע זאַצן דערגייען נישט, עס קומען פון דער בינע הוילע קלאַנגען.

— העכער! העכער! גלאַשניע! — האָט מען אָנגעהויבן צו הערן דענערווירטע אויסרופן פון זאַל.

ס'האָט נישט געהאָלפן קיין העכער רעדן. אקטיאָרן האָבן זיך אָנגע=

הייבן צו רוקן נענטער צו דער ראַמפּע. דאָס מויל געווענדט גלייך צום עולם.

— מען הערט נישט אין קאַמינסקיס טעאַטער! — האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג.

— פאַר אַן אָפּערעטע טויג עס. מען זינגט, מען טאַנצט, מען טראָגט אונטער דעם ווייץ אויף אַ טעלער. אָבער וואָס וועט טאָן די מאַמע מיט אירע דראַמען?

אסתר־רחל האָט אויך געפילט, אַז זי וועט נישט האָבן וואָס צו טאָן אין איר טעאַטער. נאָר דאָס ערגסטע האָט זיך אָנגעהויבן ווינטער. זומער האָט דער עולם פריילעך אראָפּשפּאַצירט דעם בארג־אַראָפּ, ביי וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס טעאַטער. מען האָט הנאה געהאַט פון דער פרי־שער לופט, מיט וועלכער אברהם־יצחק האָט זיך אנטציקט ביים קויפן דאָס טעאַטער. אָבער ווינטער האָט מען זיך געמוזט אראָפּגליטשן אויף די געפרווירענע שטיינער פון דער משופּעדיקער גאַס.

— ס'הייסט דאָך פשוט גיין אויף קידוש־השם! — האָט מען געהערט טענות פון עולם.

אסתר־רחל האָט געזען:

פון דער טעאַטער־הויס וועט זי שוין קיין נחת נישט האָבן...

— ניין, בעסטער פריינד מיינער! — האָט זיך אסתר־רחל באַקלאָגט פאַר דינעזאָנען, — ס'איז נישט קיין היים פאַר מיר, ס'איז נישט קיין טעאַטער פאַר פּרצן, ווי איך האָב אַמאָל געחלומט. מיין מזל איז שוין אַזאַ: כ'מוז ווידער נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

2

אסתר־רחל איז געוואָרן אַ גאַסט אויף דער בינע פון איר טעאַטער אַ צייט האָט זי עס נישט געפילט. פילם האָט געראַטעוועט. דער קינאָ־אייגנטימער טאָוובין האָט אָנגעהויבן אליין צו פּראָדוצירן פילמען. מען פילמט „מירעלע אפרת".

— כ'פיל זיך נישט גוט, אַז איך דאַרף שפּילן פאַרן אַפּאַראַט. כדי צו שפּילן גוט דאַרף איך פילן דעם אָטעם פון עולם! — האָט זי זיך מודה געווען.

אינגיכן איז פאַרמירט געוואָרן אַ טרופּע. אַ נייער טורנע!

— אפשר וואָלטן מיר געשטעלט די „קאַמעליען־דאַמע"? איר וועט זען, מאַמע, וואָס פאַר אַ סענסאַציע דאָס וועט זיין.

— איך וויל נישט, קינדערלעך, קיין סענסאַציעס. איך וויל קומען צום עולם מיטן אמת. די „קאַמעליען־דאַמע" איז צו לאַקריצדיק.

נישט קיין צאַרטע פּרויען, ווי די „קאַמעליען־דאַמע" — גאָר פּרויען מיט גרויסע און שווערע איבערלעבונגען האָט זי געזוכט. דעם אמת פון זייערע מענטשלעכע ליידן און די קראַנקהייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט צעבראָכן זייער לעבן, דאָס האָט זי געזוכט אַרויסצובאַקומען אין אַזעלכע געשטאַלטן. דערפאַר האָט זי געקאָנט פאַרמענטשלעכן בואיסאַנס מעלאָדראַמע „מאַדאַם איקס" און שאַפן פון דער ראָל איינע פון אירע גרעסטע מייסטערווערק. זי האָט אַזוי אויסגעאיידלט אירע אַקטיאָרישע מיטלען, אַז זי האָט אין עמיל זאָלאַס „טערעזאַ ראַקען", שפּילנדיק די קאַליקע, מיט דער שפּיל פון אירע אויגן, מיטן כוח פון איר שווייגן, געקאָנט מאַכן אויפשוידערן דעם עולם. זי האָט ביז פולקאָמקייט באַהערשט די שפּראַך פון ליידנדיקן שווייגן, דערהויבן זי צו דער גרעסטער אויסדריק־לעכקייט.

דער טורנע איז פאַר איר געוואָרן אַן אָפּרו, די טרופּע איז געווען איין משפּחה, זי איז געווען די מאַמע, די באַליבטסטע דערציערין. געלערנט שפּילן טעאַטער, געגעבן אָנווייזונגען, עצות. מען פלעגט קומען צו איר מיט אינטימע דאגות און מיט טעאַטער עגמת־נפש. זי האָט געעצהט, געענטפערט מיט איר שמייכעלע. דערביי האָט איר קיינמאָל נישט אויס־געפעלט קיין געדולד און — הומאָר.

— ווי מיינט איר, מאַמע, איך וואָלט געקאָנט שפּילן „אוריאַל אַקאָסטאַ?" איך חלש צו שפּילן די ראָל! — האָט זיך איר פאַרטרויט אַ יונגער, אַמביציעזער אַקטיאָר.

— ווען אוריאַל רעדט, קאָנסטו דרייסט שפּילן, קינד מיינס. נאָר דאָס שווייגן וועט נאָך פאַר דיר זיין צו שווער.

די אַקטיאָרן זענען געוואַקסן מיט איר. דורך איר איז איצט גאָרדין אויסגעוואַקסן. זי האָט באַוויזן אין גאָרדינס שוואַכער זאַך „אָן אַ היים" אַריינצוגעבן אַזויפיל לעבן, אַז ס'האָט געשאַפן דעם איינדרוק: בת־שבע איז איינע פון די גרעסטע שאַפונגען פון דער מאַמען און „אָן אַ היים" איינס פון גאָרדינס מייסטערווערק.

זי האָט אין „אָן אַ היים" אַריינגעלייגט דעם צער פון איר אייגענער היימלאָזיקייט.

3

איבער די אוקראַינישע שטעט, אין וועלכע זי האָט שוין אַזויפיל פרייד איבערגעלעבט, הענגט איצט אַ פּחד: דער ביילים־בילבול, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן לאַנד, האָט אין אוקראַינע באַזונדערס געמאַכט מורא האָבן פאַרן מאָרגן: די שוואַרצע מאה האָט נישט גערוט.

נאָר יידן האָבן זיך געשטאַרקט:

— די שוואַרצע מאה איז נישט דאָס פאָלק. גאָרקי, קאָראָלענקאָ, דער קאָמיטעט צו פארטיידיקן ביילִיסן, דאָס זענען די אויסדריקער פון פאָלק. און דאָס פאָלק מוז זיגן!

אין טעאטער האָט זיך טאַקע נישט געפילט די מורא פארן מאָרגן. און אפשר האָט מען געוואָלט ארייננכאַפּן דעם היינט — מאלע וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען?... אלע פאָרשטעלונגען — פול געפּאַקט. אָוואציעס, בלומען, באגייסטערטע רעצענזיעס.

אסתר־רחלס געניוס איז אָבער געווען די פאָרשטעלונג גופא און די ארבעט צוצוגרייטן די פאָרשטעלונג. פּראָבן, נאָכאַמאָל פּראָבן, פארטיפן זיך אין דעם, וואָס מען דאַרף טאָן אויף דער בינע.

— דעם עולם וועט איר נישט אָפּנאַרן, איר נאַרט זיך אליין! — האָט זי געמוסרט אַקטיאָרן.

— אָבער צו וואָס אזויפיל פּראָבן?

— א פּראָבע טאָר נישט זיין קיין אָפּקומעניש. זי דאַרף אייך אָנצינדן צו דער פאָרשטעלונג, — האָט זי געטענהט. — מארקירט נישט קינדער, בעט איך אייך, רעפּעטירט אין טאָן, וועט איר זיך זיכערער פילן בעת דער פאָרשטעלונג.

די פאָרשטעלונג האָט זיך ביי אסתר־רחלען אָנגעהויבן מיט די צוגריי־טונגען: אירע צוגרייטונגען האָבן געדויערט צוויי שעה. זיצן ביים שפּיגל און גרימירן זיך, אָנטאָן זיך. אַלץ אין גרים און קאָסטיום האָט געמוזט זיין אונטערגעוואָרפן דעם אמת פון דער געשטאַלט, דעם כאַראַקטער פון דער ראָל און דער שטימונג פון דער זאַך.

ס'האָט קוים פארקלונגען דער צווייטער גלאָק — אסתר־רחל איז שוין אויף דער בינע.

— אַלץ אין אָרדענונג? — פלעגט זי נאָכקאָנטראָלירן דעם געהילפס־רעזשיסער.

יעדעס שטיקל רעקוויזיט איז דורך איר נאָכגעקוקט געוואָרן.

— רעקוויזיט איז נישט סתם קיין פוסטע זאַך. ס'איז א טייל אין דער פאָרשטעלונג. אויף דער בינע דאַרפן נישט זיין סתם קיין זאַכן. די זאַכן אויף דער בינע דאַרפן אויסגעשפּילט ווערן דורך די אַקטיאָרן...

1912. אין גאַנצן לאַנד האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, שטרייקן, דעמאָנסטראציעס.

יידישע פאָלקס־מענטשן זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דער אלגעמיי־נער דערוואכונג. און אסתר־רחל איז געוואָרן מיטגעריסן.

— איך הייב אָן צו באַמערקן זאַכן, אויף וועלכע איך האָב אַמאָל נישט געלייגט קיין אַכט, נישט אינטערעסירט זיך מיט דעם. איך ווער אַ גאַנצע פּאָליטיקערין, — האָט זי זיך פאַרטרויט.

— פון אַ סך זאַכן האָב איך זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. וואָס האָט מיך געצויגן אין טעאַטער אַריין? פון אָנהייב — דאָס סודותפולע, די אומבאַגרייפלעכע שיינקייט און דאַן די מעגלעכקייט אויפצודעקן פאַר אַ סך מענטשן פאַרבאָרגענע נשמה־אמתן. מיט דער בינע־איבערלעבונג מאַכן מענטשן איבערלעבן דאָס, וואָס וואָלט אפשר פאַר זיי אַדורך אומבאַמערקט. זיין אַ שליח־ציבור, ווי מיין טאַטע פלעגט זאָגן... גערעדט האָבן צו מיר יידישע זאַכן. דאָס יאָר 1905 האָט מיר אָבער באַוויזן, אַז יידן לעבן נישט אין אַ באַזונדערער וועלט. די זעלבע קויל קאָן טרעפן יאַנקלען, יאַנען און איוואַנען. פּרץ האָט פאַרשטאַרקט אין מיר דעם אומרו, די אַמביציע צו זוכן נייעס. גאָרקיס פּיעסע איז געווען אונדזער ערשטער שריט אין אַ נייער וועלט... דער „מכאַט“ האָט מיך דערהויבן: קאָן, הייסט עס, עקזיסטירן אַזאַ טעאַטער, פאַרוואָס זשע זאָלן מיר נישט פּרווון? מען דאַרף האָבן אַ ציל פאַר זיך, קאָן מען עפּעס דערגרייכן! די רייזעס קיין אויסלאַנד האָבן מיר געעפנט די אויגן: די וועלט איז אַ סך גרעסער און פאַרשידנאַרטיקער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. און אומעטום איז דאָ אומרעכט, אומעטום ליידן. ווייזן דאָס אַלץ פאַרן עולם. אפשר וועט עס העלפן כאָטש אַביסל אין פאַרלייכטערן ליידן. אַזאַ ציל איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן.

4

עס זענען פאַרביי צוואַנציק יאָר פון אסתר־רחלס טעאַטער־לעבן און איינאָרדענען אַ יובילעי פון דער מאַמען האָט געהייסן: אָרגאַניזירן אַ יידישן טעאַטער־יום־טוב.

צייטונגס־מענטשן זענען געקומען; מאַכן אינטערוויועז, שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן איר. וועגן אירע פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר האָט זי גערעדט איינגעהאַלטן און באַשיידן, נאָר וועגן טעאַטער־פראַגן בכלל האָט זי שוין אָנגעהויבן צו רעדן מיט דעם טאָן פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט זיין ראָל און באַדייטונג.

אויף דורעבאַסאָווסקע אין אָדעס איז געווען אַ געווירבל פון מענטשן. צו קריגן אַ טישל אין פראַנקאָנים ציקערניע האָט מען באַדאַרפט ווערימעס פּלינקייט. אסתר־רחל האָט נישט באַוויזן אַ זופּ צו טאָן די קאַווע:

— דאָס איז הער פּאָלאָנסקי פון „אָדעסקיע נאָוואָסטי“. — שטעלט פאָר איר געשעפטפירער ווערימע.

אַן אויסגעפּאָמאַדירטער רויטער קאָפּ האָט פון בלאַנקנדיקן ווייסן אָנצוג זיך טיף אַ בויג געטאָן צו אסתּר־רחלס האַנט:

— איר, מאַדאַם קאַמינסקאַ, זענט אַ שטערן, וואָס שײַנט אײַנזאַם אויף דעם פאַרוואָלקנטן הימל פון יידישן טעאַטער. איר וואַקסט איבער דאָס טעאַטער, די אַקטיאָרן, דעם רעפּערטואַר. אַן אָראַנזשעריע־בלום צווישן ווילד־גראָז.

די שאַל קאַווע איז האַסטיק אָפּגערוקט געוואָרן.

— איך בין טאַקע אויסגעוואַקסן אין דעם ווילד־גראָז פון יידישן לעבן, ווי איר רופט עס אָן, אָבער נישט ווי אַן אָראַנזשעריע־בלום. איך בין געוואַקסן צוזאַמען מיטן רייניקן דאָס ווילד־גראָז. מיט מיר זענען געוואַקסן מײַנע חברים אַקטיאָרן. איך האָב אפשר מער מזל געהאַט פון זיי, ס'איז מיר געלונגען העכער צו וואַקסן, אָבער אײַנזאַם בין איך קיינמאָל נישט געווען.

— אַך, די באַשיידנקייט פון גרויסע מענטשן! איר וועט דאָך מיר נישט אײַנרעדן, אַז איר געהערט צו דעם זעלבן טעאַטער, וואָס שפּילט „דאָס פּינטעלע ייד"?

דער בלויזער קלאַנג פון דעם נאָמען האָט אַרויסגערופן בײַ איר אַן איבלקייט. טאָמאַשעווסקי מיט די נאַקעטע שיקסלעך און תּורהלעך אין די הענט... ער האָט טאַקע געטראָפן אין פּינטעלע, דער פּאָמאַדע־עלעגאַנט:

— „דאָס פּינטעלע ייד" און ענלעכע זאַכן טרײַבט פון זיך נישט נאָר דער בעסערער יידישער אַקטיאָר, נאָר אויך דער בעסערער עולם. דאָס איז טאַקע ווילד־גראָז. דאָס ערגסטע פון דער אַזוי גערופענער יידישער אָפּערעטע. אַ פּאַרמיסטיקונג פון גאָלדפאַדען־גאָרטן. צו יידישער דראַמע האָט עס זיכער קיין שייכות נישט. די יידישע דראַמע מאַכט דורך אַ קער אין דער זײַט פון קינסטלערישן רעאַליזם. עס פאַרשווינדט די פריערדיקע מעלאָדראַמע, אַקטיאָרן געוווינען זיך אָפּ פון אומנאַטירלעכע זשעסטן, פון אומנאַטירלעכע אינטאָנאַציעס און אַנדערע געקינצלטע מיטלען. איר וועט שוין נישט אַזוי אָפט, ווי פריער, הערן אויף דער יידישער בינע דאָס אומנאַטירלעכע געוויין, די קוויטשערײַ און אַ. וו. עס פאַרשטייט זיך, אַז צו אמתער קינסטלערישער דראַמע, ווי אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער, איז אונדז נאָך ווייט. אָבער עס פילט זיך אין דער הינזיכט אַ באַדײַטנדיקע ענדערונג. דאָס גיט אונדז אַ סך גוטע צוזאָגן פאַר דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער.

אַ פּאָר מוטנע קײַלעכדיקע אויגן האָבן אויף איר געשטאַרט: מען האָט אים געזאָגט, אַז די קאַמינסקאַ איז אַ פּשוטע יידענע, וואָס קאָן האַרציק רעדן וועגן שטוב־זאַכן, וועגן געזונט, וועגן קינדער און דאָ...

— איר וועט דערלויבן אונדזער געשפּרעך אָפּצודרוקן אין דער פאָרם פון אן אינטערוויו?

— מיט איין באַדינג: נישט צוגעבן קיין זידל־ווערטער, קיין חוזק, וועגן דעם אַנדערן יידישן טעאַטער און זײַנע אַקטיאָרן. רײַסט די פּיעסן, אָבער טשעפּעט נישט די אַקטיאָרן. זיי וואָלטן גערן געוואָלט עפּעס בעסערס. און איך פאַרזיכער אײַך: זיי וואָלטן געקאָנט עפּעס בעסערס! — האָט זי אונטערגעשטראָכן.

די יוביליי־פייערונגען זענען געווען א יום־טוב פון יידישן טעאַטער אין אַלע וויכטיקסטע צענטערן. אין ווילנע האָט עס אַפילו אויסגעזען, ווי א יום־טוב אין דער שטאָט. אַרבעטער און אינטעליגענץ, האָבן זיך פאַראייניקט אין אויסרוף:

— לאַנג לעבן זאָל די מאַמע אסתר־רחל קאַמינסקאַ!

קאַסטנס מיט הונדערטער אַדרעסן, זילבערנע קרענץ, פּרעזענטער, זענען פון דעם טורנע געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע. ווי דאָס טייערסטע האָט אָבער אסתר־רחל מיטגעפירט דעם אַדרעס פון „פאָלקס־קולטור פאַריין“:

„אייער ראָל אויף דער יידישער בינע איז באַדייטנדיק נישט בלויז דערמיט, וואָס איר באַשיינט זי מיטן גלאַנץ פון אייער גרויסן טאַלאַנט, נאָר באַזונדערס דערמיט, וואָס איר דערוועקט אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן די לעבעדיקע שטרעבונגען צו א פרייע לעבן. איר שילדערט מיט אזא קראַפט די באַליידיקטע פרויען־נשמה, אַז דאָס ווערט א רוף צו דער פרוי פון פאָלק זי זאָל זיך אויפכאַפּן פונעם טויטן שלאָף, זי זאָל זיך אַרויסרייסן פון דער קלעם פון דורות־אַלטער קנעכטישער מאָראַל אויף דער ברייטער וועלט פון א פרייע לעבן, ווו עס קאָנען פריי אויפבליען די לעבעדיקע קרעפטן פון דער פרויען־נשמה. לעבן זאָל אונדזער פאָלקס־קינסטלערין, די מאַמע אסתר־רחל און לאַנגע יאָרן זאָל זי קוויקן די הערצער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן מיט איר געניאַליטעט!“

א שטראַלנדיקן שמייכל האָט אסתר־רחל געשיקט אין דער ווייטקייט צו די אומבאַקאַנטע פאָלקס־קולטור־מענטשן:

— איך דאַנק אייך, קינדערלעך, וואָס איר האָט מיך פאַרשטאַנען, וואָס איר באַזייניקט מײַן טעאַטער־שפּילן, מײַן לעבן!

5

די „פאַרשייטע מוזע“ איז אָפּגעטרעטן אויפן צווייטן פּלאַן אין קאַמינסקיס טעאַטער, ווען אסתר־רחל איז צוריקגעקומען פון א טורנע קיין וואַרשע. דאַן איז געוואָרן אַ שטיקל צייט פאַר דראַמע.

די צרה פון שותפים און דעה־זאָגער האָט זיך אָבער שנעל געלאָזט פילן. ווי נאָר א שוואַכערע קאַסע, באַלד האָט מען געזוכט עצות ווי „אויפ־צוהויבן דאָס געשעפט“. געברענגט די עצית צו אברהם־יצחקן האָט דער אלטער אדיוטאַנט הערמאן פישער. ווי א שוואָם האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך אלע קרעכצן, פּלענער, מייגונגען און רבילותלעך פון די טעאטער־דעה־זאָגער און גלייך עס ארויסגעקוויטשעט מיט זיין פאלצעטל פאר קאמינסקין:

— אוי, ווען די מאמע טרעט אויף אין עפּעס א סענסאַציע, וואָלט עס אויפגעלעבט דאָס געשעפט.

— אסתר־רחל קאמינסקא איז אליין א קליינע סענסאַציע פאר די בופּעטשיאזשעס? — איז אברהם־יצחק אויסער זיך געוואָרן.

אָבער פישער האָט כסדר געקאַפּעט זיינע פּלענער, ווי טראָפּנס וואַסער, וואָס פאלן אויף איין אָרט און אויסגעדליבעט א גריבל אין אברהם־יצחקס פעסטקייט. אפשר טאַקע?

מען האָט געפונען:

— ס'איז דאָ א פלאן דו זאָלסט שפּילן „אוריאל אקאָסטאָ“.

דאָס זאָל גאָר זיין די סענסאַציע? זי האָט שוין אזויפיל מאָל אין ווארשע געשפּילט „יהודית“, אגב: אָן חשק. ס'איז איר נישט צום הארצן געווען דער פּאַטעטיש־אויפגעבלאָזענער טאָן פון דער פאָרשטעלונג. זי האָט געשפּילט אויף איר שטייגער, האָט זיך איר טאָן געביסן מיט דער גאַנצקייט, וואָס האָט אַפילו אַרויסגערופן אַ קריטיק אין דער פּרעסע:

„די מאדאם קאַמינסקאס שפּראך טויג נישט פאר העכערער דעקלאַמאַציע“.

אסתר־רחל האָט דאן געלאַכט פון דער קריטיק:

— אָט האָסטו דיר א נייע צרה: כ'טויג נישט פאר דעקלאַמאַציע. אַי, איך האלט, אז דעקלאַמאַציע טויג נישט? דאָס גייט נישט אָן דעם בעלעמער קריטיקער. „העכערע דעקלאמאציע“! — זי האָט זיך סאר־קאסטיש צעלאַכט. — ס'איז יאָ, ווי מען פלעגט זאָגן אין פאָראָזשווע: שטאָ מאָיאַ טאָ ניעלודזקאַיאַ...

— מען מיינט נישט „יהודית“, — האָט זי אברהם־יצחק ארויסגע־פירט פון טעות. — יהודית וועט שפּילן רעגינע. דו דארפסט אויפטרעטן אַלס „אוריאל אַקאָסטאָ“.

זי איז געוואָרן אויסער זיך:

—ס'איז דאָך אן אומזין! קינסטלעריש פאלש, נישט ערלעך. ווער וועט דען גלייבן אין דעם? ווי קאָן איך עמעצן מאַכן גלייבן, אַז איך אַליין גלייב נישט?

— הלמאי סאַרא בערנאַרד? זי מעג שפּילן א מאַן?

פאַר אסתר־רחלען איז טאַקע געווען אומפאַרשטענדלעך, ווי סאַראַ בערנאַרד האָט געקאָנט איינגיין אויף אַזאַ זאַך. אַ קינסטלערין פון אַ וועלט־באַדייטונג זאָל זיך לאָזן אויף ביליקע סענסאַציע... זי האָט עס שוין לאַנג געהאַלטן פאַר א פאַלשן שריט. נאָר גיי, שטעל זיך אַנטקעגן א וועלט!

— אז אלע זענען שיכור, זעט דער ניכטערנער אויס, ווי א נאַר... זי איז לסוף איינגעגאַנגען.

ווארשע איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט רעקלאַמע. דאָס טעאַטער האָט זיך טאַקע איינגעבראָכן פון מענטשן, אָבער אסתר־רחלען האָט געקערט די גאַל:

— ניין, אברהם־יצחק, א קינסטלער טאָר זיך נישט לאָזן נעמען אויף דער וועגדקע פון סענסאַציע, אויב ער וויל נישט פאַרלירן דעם רעספּעקט צו זיך אליין. שוין ליבער אינגאַנצן נישט צו שפּילן.

נאָר נישט שפּילן האָט מען זי נישט געלאָזט. ווי מען איז אין דער פּראָווינץ געוואויר געוואָרן וועגן אַ פּאָר פרייע אָוונטן אירע, איז מען גלייך געקומען צולויפן פון א טרופּע:

— ראַטעוועט, מאַמע! ביטערע געשעפטן... העלפט ארויס! א טרופּע פון דרייסיק מאַן. ווייבער און קינדער... כאָטש אויף אַ פּאָר פאָרשטעלונגען. כאָטש אויף איין פאָרשטעלונג... וואָס פאַרא פּראָצענטער איר ווילט... זי האָט אָפּגעזיפצט:

— אוי, קינדערלעך, וואָס טויגן מיר די פּראָצענטער. געזונט זאָלט איר זיין, וואָלט איר מיך כאָטש געלאָזט אַביסל אָפּרוען אין דער היים...

טאָמער אָבער אַ בענעפיס, האָט זי שוין קיין וואָרט נישט געזאָגט. געפאָרן אויף אייגענע הוצאות, געשפּילט, וואָס מען האָט זי געבעטן און נאָך דערלאַנגט א מתנה דעם בענעפיציאַנט.

— אויף דעם זעלבן סמיטניק זענען מיר אויסגעוואַקסן, — האָט זי פאַרענטפערט איר ברייט־האַרציקייט. — ווער דען זאָל זיך ארויסהעלפן אויב נישט מיר אליין?

און גלייך דערציילט עפּיזאָדן פון אירע וואַנדערונגען, קוריאָזן, אריינגעוואָרפן עצות און אָנווייזונגען וועגן ראָלן און פאָרשטעלונגען. און האָט זיך נאָך געפונען עפּעס אַ יונגער אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע, וואָס האָט ארויסגעוויזן סימנים פון טאַלאַנט, האָט עס שוין אסתר־רחל דערוואַרעמט מיט איר פריינדלעכקייט, פאַרלאַנגט פון די עלטערע אַקטיאָרן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און הילף דעם טאַלאַנטירטן מענטשן.

— דאָס איז דאָך אונדזער האָפענונג, אונדזער צוקונפט!

— אַ מאַמע, טאַקע אַן אמתע מאמע איז זי אונדז! — האָט זי באַגלייט אַקטיאָרישע דאַנקבאַרקייט, אויסגעדריקט אין אויפריכטיקע ברכות.

די מאמע האָט דערווייל געאײַלט צו זיך אהיים, ווו עס איז אַלץ געדיכטער געוואָרן דער וואָלקן איבער איר פאַמיליען־הימל, ווו עס איז אָנגעוואַקסן דער גרעסטער קלאָפּ פאַר איר מאַמעס האַרץ.

6

שוין א לאנגע צייט, ווי רעגינע איז ג״שט געווען מיט אלעמען. זי איז דאַרער געוואָרן, איינגעטרוקנט, איינגעשרומפּן. דאָס פייערל פון אירע ברענענדיקע אויגן האָט איצט באַקומען אַן אָפּשיין פון דער אינערלעכער היץ, וואָס האָט זי פאַרצערט.

ווען אסתר־רחל איז צוריקגעקומען פון מורגע און דערזען רעגינעס מעמד, האָט איר א שווינדל געטאָן פאַר די אויגן:

— וואָס איז דיר, טעכטערל מיינס?

— כ׳ווייס נישט, מאַמע, כ׳פאַל פון די כוחות.

ווי ארום א קליין קינד האָט די מאמע זיך געפּאָרעט. רעגינעס צושטאַנד האָט זיך מיט יעדער וואָך פאַרערגערט. דאָקטוירים צענעמען די הענט: דאָס גלייכסטע וואָלט געווען זי אוועקצופירן צו בערלינער פּראָפעס־סאָרן, אפשר וועלן זיי דערגיין א מאָלק.

— וואָס גיכער קיין בערלין!

אין משך פון אַ פּאָר טעג איז רעגינע געפאָרן מיט טאַטע־מאַמע קיין בערלין.

די בערלינער פּראָפעסאָרן האָבן זייער פּרטימדיק אויפגעקלערט די עלטערן די זעלטענע קראנקהייט, פאַרשריבן מעדיצינען, א רעזשים און —

— דאָס איבעריקע איז ביי גאָט אין די הענט... אפשר וועט דער נייגצן־יעריקער אָרגאניזם באַזיגן די קראַנקהייט...

דאָס פאַרבלייבן אין בערלין איז נישט נויטיק. זאָלן זיי אהיימפאָרן און וואַרטן אויף רעזולטאַטן פון דער קוראַציע. מער קאָן מען גאָרנישט העלפן.

אין דער מאַמעס האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, בלייבנדיק אַליין מיט אברהם־יצחקן האָט זי געפליסטערט:

— ווי איז מיר! עס האַלט שלעכט מיט אונדזער קינד, אויב מען דאַרף זיך פאַרלאָזן בלויז אויף גאָט...

זי האָט געפילט, אַז זי פאַרלירט איר קינד. „די פּרינצעסין פון יידישן טעאַטער“, האָט מען גערופן רעגינען... דער מאַמעס שטאָלץ, דער מאַמעס האָפענונג, דער נחת פאַר איר און פאַרן טעאַטער.

גאַנצע נעכט האָט זי אויסגעוויינט דעם קישן אין טרערן. און בייטאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום קראַנקן בעט פון איר טאָכטער — אַ צעשמייכלטע. זאָל זי נישט באַמערקן אירע פאַרוויינטע אויגן, אירע שלאָפלאָזע נעכט. יעדן טאָג האָט זי פאַר דער טאָכטער געשפּילט די שווערסטע ראָל, וועלכע עס איז איר ווען עס איז אויסגעקומען צו שפּילן. זי האָט געוואָלט דער קראַנקער איינרעדן, אַז זי גלייבט אין איר גיך געזונט־ווערן. די טאָכטער ווידער האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי גלייבט אין דעם, וואָס די מאַמע שפּילט פאַר איר. פלעגט זי עס אויפנעמען מיט אַ שמייכל, כאָטש אַ שמייכל איז שוין פאַר איר געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג. אַזוי האָבן זיך מאַמע און טאָכטער טאָג־טעגלעך גענאַרט.

אסתּר־רחל האָט נישט געוואָלט גיין שפּילן. מען האָט געביטן פאָרשטעלונגען, איבערגעשטעלט — זי וויל בלייבן ביי דער טאָכטער, שפּילן פאַר דער טאָכטער.

— אַ פאַרקויפטע פאָרשטעלונג. „לינת הצדק“. שוין אָפּאָר וואָכן אויספאַרקויפט אַלע בילעטן, — האָט זיך אַברהם־יצחק געבעטן.

— גיי, מאַמע, האָסט שוין לאַנג אין וואַרשע נישט געשפּילט די „קרייצער סאָנאַטע“, — האָט רעגינע איר צוגעהאָלפן.

אסתּר־רחל האָט נאָכגעגעבן. געמאַכט נאָך אַ וויץ:

— אפשר וואָלסטו זיך גאָר מיטגעבאָטן שפּילן מיט מיר ציליען?

רעגינע האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוצווינגען אַ בלאַסן שמייכל.

אסתּר־רחל איז געזעסן פאַרן שפּיגל אין גאַרדעראָב און איבערגעמאַכט דעם גרים. יעדעס מאָל איז ער איר צעוויקט געוואָרן פון טרערן. סוף כּל סוף האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיטן צעשמירטן גרים אַרויס אויף דער בינע נאָכקוקן צי איז דאָרט אַלץ אין אָרדענונג אויף אָנצוהייבן די פאָרשטעלונג.

פּופּצן הונדערט מענטשן האָבן אָנגעפּילט קאַמינסקיס טעאַטער ביזן לעצטן פּלאַץ. לאַנג האָט שוין וואַרשע נישט געזען די מאַמע אין דער ראָל פון עטיע פרידלענדער און אירע פאַרערער האָבן נישט געוואָלט דורכלאָזן די זעלטענע געלעגנהייט:

— ווען וועט שוין די מאַמע נאָכאַמאָל שפּילן עטיען...

צוויי גלאָקן זענען געווען. צייט אָנצוהייבן.

נאָר אָט פאַלט צו איר צו אידעלע, וואָס האָט זיך שוין באַדאַרפט אָנטאָן צו דער ראָל פון אַלבערטן.

— וואָס איז דיר, אידעלע?

עפּעס אַ שטים פֿאַרן פֿויהאַנג. זי הערט זיך איין: ווערטער... ווער־טער...

— אין טיפֿן טרויער מעלדן מיר, אַז די הײַנטיקע פֿאָרשטעלונג ווערט אָפּגערופֿן צוליב דעם פּריצײַטיקן טויט פֿון אונדזער ליבלינג, דעם יונגן שטערן פֿון יידישן טעאַטער, רעגינע קאַמינסקאַ...

7

אין דעם קבר אויפֿן געגנשער בית־עלמין אין וואַרשע איז צו קבורה געקומען אַ טייל פֿון אסתּר־רחלס לעבן. געציילטע וואָכן האָבן זי געעלטערט אויף יאָרן. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרבלײַבן אין די שטובן, וווּ יעדעס ווינקעלע האָט דערמאָנט וועגן רעגינען.

האָט מען זיך איבערגעצויגן אין אַ נײַ הויז, געציילטע טריט פֿון טעאַ־טער, אויף דער זעלבער אַבאַזשנע גאַס. די קאַמיעניצע האָט אַרויסגע־שטערטשעט פֿון לײַדיקע פּלעצער צווישן קראָקעווער פֿאָרשטאָט און נײַע וועלט, שײַנע, ליכטיקע סאַלאָנען אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. פֿון די באַלקאָנען — אַן אויסבליק צו דער ווייסל, אויף די פּאַלאַצן פֿון אוניווערסיטעט, אויף דער לעבעדיקער מאַגיסטראַלע פֿון וואַרשע. נאָר ווו זי קוקט שוועבט רעגינע פֿאַר די אויגן. זעגען די אויגן כּסדר מוטנע, די געדאַנקען אײַנגעהילט אין נעפּל.

אברהם־יצחק איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. די קינדער זענען אַרײַנ־געפֿאַלן אין מרה־שחורה. פֿרײַנד האָבן זיך אַרײַנגעמישט. זיי מוזן אַלע אַוועקפֿאָרן זיך קורירן. ד״ר לעווין ראָט צו פֿאָרן קיין מעראַן.

אסתּר־רחל וועט נישט פֿאָרן רוען. דאָס קאָן זי נאָך קראַנקער מאַכן. אַרבעט קאָן זי אַביסל מאַכן פֿאַרגעסן וועגן איר געמיט. זאָל אברהם־יצחק מיט די קינדער פֿאָרן קיין מעראַן. זי וויל בעסער פֿאָרן שפּילן. פֿאַרשלאָגן זענען געווען פֿון אַלע זײַטן. פּאַריז, לאָנדאָן.

איצט האָט שוין אסתּר־רחל געהאַט מיט וועמען זיך צו געזעגענען אויפֿן וואַרשעווער בית־עולם.

אַ שנײַ האָט געהאַט באַדעקט דאָס בערגל־ערד, אונטער וועלכן עס רוט איר טאָכטער, די יונג־פֿאַרשטאָרבענע פּרינצעסין. אַ פּאָר טריט ווײַטער רוט נאָך אַ פּרינצעסין פֿון יידישן טעאַטער, פּעני וואַדי עפּשטיין. אויך פֿאַר דער צײַט פֿאַרשניטן געוואָרן. האָט זי כאָטש דורכגעמאַכט אַ רוישיק לעבן אין טעאַטער און אויסערן טעאַטער. פֿון אַן אָרעם יידיש שטיבל איז

זי אַרוים אויף די בינע־ברעטער. ווי שאַמפּאַניער זיך געשוימט, פאַרבלענדט מיט איר שיינקייט. געוואָרן אַן אמתע פּרינצעסין פון אַ לעגענדאַרן לאַנד, די פרוי פון אַן אינדישן ראַדזשאַ, אַנטלאָפן פון די פירשטלעכע פּאַלאַצן צוריק צו דער אָרעמער יידישער בינע, אויסגעוואַנדערט אַ וועלט. געשיינט, ווי אַ מעטעאָר און געשטאָרבן אין עלנט און נויט אין אַ וואַרשעווער שפּי־טאָל. אַ שטורמיש, פילפאַרביק לעבן. און איר פּרינצעסין האָט קוים אויפֿ־געשיינט, ווי אַ פרילינגס־שטראַל זיך דורכגעריסן דורך דעם פאַרוואָלקנטן לעבן פון יידישן טעאַטער און פאַרלאָשן געוואָרן. ווי אַ פּלעמל פון אַ שטורם־ווינט איז איר ליכט אויסגעגאַנגען פאַר דער מאַמעס אויגן. און זי וועט ווייטער שפּילן, שלעפּן דעם וואָגן פון יידישן טעאַטער.

לאָנדאָן, פּאַריז. ווידער לאָנדאָן. אַרבעט, אַרבעט אָן אויפהער. אַ נייע סביבה, נייע אַקטיאָרן, פרעמדע טענער. אַלץ קלינגט אַזוי נישט נאַטירלעך ווילד. באַלמעלאָכעס, שלעכטע באַלמעלאָכעס, און מען דינגט זיך וועגן אַ וואָרט. מען מעסט די ראָלן מיט דער צאָל ווערטער.

— וואָס הייסט, איר שטרייכט אוים דעם מאָנאָלאָג? מיר שפּילן אַזוי יאָרן־לאַנג, מיט אַלע סטאַרן...

— אַ וואָרט ווייניקער, קינדער, אַבי אמת! — איז געווען איר ענט־פער.

זיי פאַרשטייען זי נישט. וואָס הייסט: אמת? בינע און אמת?

אין אַ נעפּלדיקער לאָנדאָנער פעברואַר־נאַכט רייסט זיך אַ קלעפּיקע פייכטקייט דורך די שויבן און מויערן פון האָטעל־צימער, דרינגט דורך די הויט, עסט זיך איין אין די ביינער. אסתר־רחלען נעמט נישט קיין שלאָף. אין צימער הענגען קנוילן פאַרע פון נעפּל. דאָס האָלץ פון קאָמין גיט פון צייט צו צייט א פלאם אויף און הייטערט אויף די אומעטיקע טריבקייט, ס'ווילט זיך שוין אַראָפּרעדן פון האַרצן. בריוו! בריוו אַהיים. בריוו צו פריינד:

— „מיין איינציקער, בעסטער און ערגעבנסטער פריינד, ווי איך קאָן זיך אויס־דריקן, אומפאַרטייאישער אמתער פריינד יעקב דינעזאָן! אייער מיר פיל געליבטן בריוו האָב איך דערהאַלטן נאָך יענע וואָך. אָבער ליידער בין איך אַזוי פאַרנומען מיט די טעאַטער־פּראָבן מיט די הינע אַקטיאָרן, אַז איך האָב פאַר קיין פרייז נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסנד שטיקל צייט צו נעמען זיך צוזאַמען מיינע צעקלאַפּטע געדאַנקען אום מיין גוטן פריינד ענטפער צו שרייבן. איך מוז אייך דערציילן מיין אַרט לעבן: איך שטיי אויף צען אין דער פרי, עלף איז שוין פּראָבע מיט די הינע אַקטיאָרן (נישט קיין אַרטיסטן!). מען מוז מיט זיי שווער אַרבעטן אַ פּיעסע זאָל גיין אַביסל אָנשטענדיק. נון, בין איך ביז צוויי מיטאָג פאַרנומען, דאַן קומט

דאָס מיטאָג עסן. דאָס מוז מען דאָך... פיר נאָכמיטאָג האָב איך ווידער פּראָבע און דאַן קומט די פאָרשטעלונג. קורץ, מען איז דעם גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט די טעאַטער־ביזנעס. איך ווייס, אַז דאָס מאַכט אייך, מיין פריינד, נישט קיין גרויס פאַרגעניגן... דען איך ווייס, אַז איר ווילט בעסער איך זאָל זיך בעסער אויסרוען. אָבער גלויבט מיר, פריינד מיינער, אַז דאָס איז פאַר מיר איצט דאָס בעסטע. דאָס פיבערהאַפטע לעבן האַלט מיך נאָך אויף מיינע פיס... ווייל אַליין אין איינזאַמקייט צו בלייבן דאָס בין איך איצט נישט אימשטאַנד. אַז איך בלייב נאָך די נאַכט אַליין אין מיין צימער איז שוין אויך גענוג פאַר מיר צו דערמאָנען זיך אין מיין גרויס; פאַרלוסט! איר, מיין טייערער פריינד, ווייסט דאָך יאָ, וואָס איך האָב פאַר־לוירן. נו, ווי קאָן איך איצט בלייבן אַליין? אָפּרוען איז גוט, ווען מע האָט אַ גוטע געזעלשאַפט, גוטע איניקסטע פריינד, אָבער אַליין... איך בין געווען אין פאריז דריי וואָכן און האָב רעכט פאריז נישט געזען. די אַרבעט מאַכט מיר בעסער".

זי האָט געשריבן פּשוט, ווי זי וואָלט גערעדט מיט דעם ליבן מענטשן, וואָס איז זייט יאָרן געווען איר פאַרטרויונגס־מאַן, פאַר וועלכן זי פלעגט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. זי האָט דורכגעקוקט דעם בריוו:

— צי וועט דער ליבער דינעזאָן קאָנען אַרויסקריכן דערפון?

און צוגעשריבן אַ פּאָסט סקריפּטום:

„אָט האָט איר מיין אייגענע קאַטשקע־שריפט. איר האָט עס געוואָלט! אָבער נישט מיין שולד. מיין טאַטע האָט מער נישט געלערנט...".

8

— אַז מען טוט אוים אַן ענגן שיך, פילט מען ערשט דעם טעם, ווי גוט עס איז אַרומצולויפן באָרוועס, — דערמיט האָט אסתר־רחל פאַר־ענדיקט די ערשטע פּראָבע מיט איר טרופּע פאַרן אַרויספאָרן אויף אַ טורנע.

די אויסלענדישע גאַסטראָלן געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז אַן אָפּקומעניש. דעם טעם פון שפּילן טעאַטער פילט זי ערשט ווען זי איז מיט איר טרופּע.

— אויסלאַנד הייסט פאַר מיר טאַקע: האַקן האָלץ, ווי אומצופרידענע אַקטיאָרן רופן דאָס שפּילן טעאַטער, — האָט זי זיך מודה געווען פאַר דינעזאָנען. — אַז איך שפּיל ביי אונדז, פיל איך, ווי מיין האַרץ קלאַפּט

שטאַרקער, ווי עס קלאַפּן אַלע הערצער אויף דער בינע און הונדערטער הערצער אין זאַל.

זיצן אויף אַן אָרט קאָן זי שוין נישט. עס טרייבט דער אומרו.

— אָרגאַניזירן אַ נייעם טורנע.

ליטע. נייע פּיעסן דאָס איז ווייניק. אַפילו אין אַלטע פּיעסן מוז מען עפּעס ענדערן, באַלעבן.

— מאָרגן פּראָבע.

— עפּעס אַ נייע פּיעסע?

—יאָ. „די שחיטה“.

— וואָס?! — שטוינען אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט אסתר־רחלען גע־שפּילט אומציילִיקע מאָל די פּיעסע.

מען רעפּעטירט. נישט כדאי געווען. קליינע ענדערונגען. ערגעצוווּ אַ וואָרט, אַ שורה, אַ טאָן. מיזאַנסצענעס זענען כמעט אָן ענדערונג. און טאָמער ענדערט עמעצער זיינס אָן איבערגאַנג, מאַכט זי אויך נישט קיין ווען דערפון. צו וואָס זשע די פּראָבע?

פּלוצלינג פאַרטראַכט זי זיך. שפּאַנונג צווישן די אַקטיאָרן. מען וויל איר נישט איבעררייסן די מחשבות. שטילקייט. אין דער אָנגעשטרענגטקייט פון איר פּנים דערקענט מען, אַז דאָס איז נישט קיין צופעליקע פאַרטראַכ־טעניש.

— אומזין! איך וועל עס נישט זאָגן. שפּילט ווייטער, קינדער, דער מאָנאָלאָג מיינער פאַלט אַרויס... ווי האָב איך געקאָנט אַזויפיל יאָרן רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן! — זי איז אויסער זיך.

פרעגנדיקע בליקן רופן אַרויס אַ ברייטערע אויפקלערונג:

— מיר פילן גאָרנישט, ווי מיר חזרן איבער יאָרן־לאַנג די זעלבע ווערטער, וועלכע זאָגן גאָרנישט, זענען נישט נייטיק, שטערן נאָך. ווער דאַרף די בית־המדרש־פילאָזאָפיע? ס'איז גוט געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק פאַרן אַמעריקאַנער אַנגעלויף.

— ס'איז דאָך אָבער גאָרדין...

— טאַקע גאָרדינען טוען מיר די גרעסטע טובה דערמיט, וואָס מיר וואַרפן פון אים אַרויס איבעריקע זאַכן. ער האָט אַזויפיל רייד, אַז דאָס וועט אים אסור נישט פאַרשאַטן. לאָמיר בעסער די זאַך צופירן צום פונקט. ווייניקער רייד און מער געפיל, מער געדאַנק... זייט לעבעדיקע מענטשן אויף דער בינע, טוט עפּעס, לעבט איבער, וועט עס מער געבן ווי איבעריקע רייד.

ס'איז אָבער ווייניק פאַר איר אָפּפרישן אַלטע פּיעסן. זי זוכט אַ פרישן

וואָרט בכלל, אַ פרישע געשטאַלט. פּרץ הירשביין האָט עפּעס מהרש געווען, מען דאַרף פּרוון.

— מיר וועלן זיך נעמען רעפּעטירן „די פּוסטע קרעטשמע“.

— איז עס דען אַ ראָל פאַר אייך, מאַמע?

— איך וויל מיר זאָלן שפּילן די פּיעסע, נישט מיין ראָל.

זי פילט אָבער, אַז זי האָט נישט גוט אויסגעוויילט. יאָ, די דאָרפישע געשטאַלטן זענען גוט, דאָס האָט זי געוואָלט, אָבער דער מיסטישער נעפּל פון דער פּיעסע.

— ווי אַ בית־המדרש־ווייווויך פילט זיך אין דער פּיעסע... אַזאַ זעלטן פאָלקס־שטיק, פּשוטע מענטשן און אַ פּשוט, אמתדיק לעבן, נאָר דער ווייווויך שטיקט. כ'קאָן זיך נישט דערמיט קיין עצה געבן.

אפשר דימאָוו „שמע ישראל“?

— אוי, קינדער, נייע פּיעסן! אַ רעד־טאָן צום עולם מיט דער שפּראַך פון לעבן, פון היינט!

נישט נאָר נייע פּיעסן זוכט זי. נייע מענטשן אויך. נייע מענטשן פאַרן טעאַטער, יונגע כוחות. באַוויזט זיך אַ פּעיקער מאַטעריאַל פון דראַמאַטישע קרייזן — דערמוטיקט זי, לערנט, גיט עצות:

— איר, הער שוסטער, דאַרפט זיך ווידמען טעאַטער. איר האָט וואָס צו טאָן אין טעאַטער, — דערמוטיקט זי אַ מאָלער, וואָס פירט אָן מיטן קאָוונער דראַמאַטישן קרייז. — נאָר מיט די „סינס“ מוזט איר מאַכן אַ טאָלק. איר הייסט נישט סושטער, נאָר שוסטער...

אין ווילנע גיט איר אַ שטאַרקן קלאַפּ אין האַרץ: אַ מיידעלע, וואָס שפּילט מיט איר, דערמאָנט רעגינען אַלס קינד... אַ באַגאַבט מיידעלע. זי דריקט זי צו זיך:

— לערן זיך, קינד מיינס, דו וועסט אויסוואַקסן אַ גוטע אַקטריסע... איר וועט נאָך האָבן נחת פון אייער טאָכטער, — זאָגט זי צום שיינענדיקן טאַטן.

— מיר האָבן שוין צוגעטראַכט פאַר איר אַ נאָמען: עלמית... שיין, אמת? — וואַקסט דעם טאַטנס האַרץ.

— ס'איז נישט וויכטיק דער נאָמען, ס'איז וויכטיק די נשמה. דאָס מיידל האָט נשמה. און זי האָט טאַלאַנט.

די מאַמע, וואָס איז געווען פאַריתומט צוליבן פאַרלוסט פון אייגענעם קינד, האָט אַלץ געזוכט קינדער, וואָס זאָלן רייכער מאַכן דאָס אָרעמע יידישע טעאַטער.

— מען רופט דאָך מיך די מאַמע פון יידישן טעאַטער.

XII

מלחמה!

1

הייסע זומער=טעג. כמאַרעס מענטשן קילן זיך ביים אָדעסער לעמאַן, שפּאַצירן איבער די בולוואַרן, זוכן אַ גלעט פון אַ ים=ווינטל.

אין טעאַטער הענגט אַ געדיכטע דעמפּיקייט. מענטשן זיצן מיט אויפגעשפּילעטע קראַגנס, ווישן זיך דעם שווייס פון פּנים, פאָכן מיט די טיכלעך.

אויף דער גאַלעריע איז די געדיכטקייט פון דער לופט ממש געווען אָנצוטאַפּן. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז שווער געווען דאָס פּנים אויסצווישן, מען זאָל דערביי נישט אַ שטויס טאָן דעם שכן. יעדע רגע האָט זיך געהערט אַ שעפּטש:

— איזוויניטע! אַנטשולדיקט! ניעטשאַינע...

אין די אַנטראַקטן האָט דאָס יינגוואַרג היים קאָמענטירט אסתר=רחלס נייעם רעפּערטואַר:

— ס'איז אַ נייע ווענדונג אין יידישן טעאַטער... דאָס הייסט אַ דראַמאַטיש טעאַטער. ווי ביי לייטן...

די היץ אין אָדעס איז כסדר געשטיגן. נישט בלויז פון דער זון. פּואַנקאַרעס וויזיט ביים צאַר האָט אַרויסגערופן גליונג. דער פראַנצויזישער פּרעזידענט פאָרט נישט סתם אין דער וועלט אַריין מיט אַ וויזיט צום סאַמאָדזשערזשעץ פון ווסיעראַסיאַ... דער אַטענטאַט אין סאַראַיעוואָ איז אַ פּונק אין טרוקענעם שטרוי. עסטרייכיש מיליטער מאַרשירט אַריין אין סערביע.

— מאָביליזאַציע!

ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ שׂרפה.

—אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט זיין נאָך דער מלחמה, — איז אָפּגע=

רעדט געוואָרן אין די קאָפּעען. — מען וועט מאַכן פון בראָנץ־יאָזעפן אַש און פּאָראָך...

— און וואָס וועט זאָגן ווילהעלם? — פרעגן סקעפּטיקער.

— מיט אים וועלן זיך שוין אַן עצה געבן פּואַנקאַרע מיט עדוואַרדן...

אַוועקגייענדיקע עשאַלאָנען מיט סאָלדאַטן אויפן פראָנט, באַגלייט מיט אָרקעסטערס, מיט געוויין פון מאַמעס און קינדער. אָנקומענדיקע טראַנספּאָרטן פאַרווונדעטע. אָבער נישט בלויז דאָס איז געווען דער אָטעם פון מלחמה אין אָדעס. ס'איז צוגעקומען די פּאַניק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג: אַ יידן־גירוש פון די פראָנט־געביטן, אַ געיעג נאָך שפּיאָנען. יידן — שפּיאָנען פאַר דייטשלאַנד און עסטרייך. אַ וואַלד פון תליות אין די פראָווינץ־געביטן.

— אַהיים פאָרן, כאָטש זיין מיט די קינדער!

בראַנדעסקאַ לאָזט נישט. ער שטייט מיט אַ טרופּע אין געניטשעסק, קרים, אַ פּאָר גאַסט־שפּילן וועלן מחיה זיין די טרופּע, די האָרטיקע יידן:

— און איר, מאַמע, וועט זיך מחיה זיין.

— ווען נישט די מלחמה, ווען וואָלטן מיר דערלעבט צו האָבן די קאַמינסקאַ ביי זיך? — האָבן זיך געווינטשט די קרימטשאַקעס און געלאָפן אין טעאַטער אַריין.

בראַנדעסקאַ איז צוגעשטאַנען:

— און אפשר אַ קליינעם טורנע?

שטעטלעך, ווו זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. עפּעס פאַרטאָמטע־רישטע יידן, אָבער אַזעלכע האַרציקע, האָבן אַזוי הנאה. איז אפשר טאַקע?

פלוצלינג: אַ פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער!

איצט בלייבט איין אויסוועג: פאָרן קיין וואַרשע. ווי דען אַנדערש? מען טאָר טאַקע דאָרט אויך נישט שפּילן, אָבער זיין מיט די קינדער וועט מען דאָך איר נישט פאַרווערן...

אָבער אַלע זענען קעגן:

— איר מוזט אונדז ראַטעווען, מאַמע, מיר וועלן אויסגיין פון הונגער. לאָמיר שפּילן גאָרדינען אויף רוסיש. ס'וועלן קומען יידן און אפשר אויך אַ רוסישער עולם. מיר קאָנען זיך דאָך נישט זעצן שרייבן תפילין...

— ווי קום איך צו שפּילן רוסיש, קינדער? מיין רוסיש, מישטיינס־געזאָגט... ס'איז גוט געווען פאַר מיינע הברטעס אין פּאַראָזעווע, אָבער פאַר אַן עולם? כ'וועל דאָך שטאַמלען אויף דער בינע! — האָט זי זיך געבעטן רחמים.

— איר האָט דאָך אונדז אַליין געלערנט, אַז דאָס שווערסטע איז

נישט דאָס רעדן, נאָר דאָס שווייגן אויף דער בינע. און שווייגן קאָנט איר דאָך אין רוסיש, גראָד ווי אין יידיש...

ווינטער. קליינע שטעטלעך אין כערסאָנער גובערניע. אכסניות און קאַלטע, אָרעמע טעאַטער־זאַלן, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. דעמלט האָט זי זיך געמוזט קאַליעטשען די צונג אויף יידיש־דייטש, איצט אויף רוסיש. פרעמד האָבן איר געקלונגען די ווערטער פון „מירעלע אפרת", „כאַסיע די יתומה", „גאָט, מענטש און טייוול", „דער אומבאַקאַנטער". גאָרדינס ווערטער, די זעלבע געשטאַלטן — פאַר איר זענען עס געווען פרעמדע מענטשן, אַ פרעמדע וועלט, אין וועלכער זי האָט זיך געפילט פרעמד:

— אַ שפּראַך, קינדערלעך, איז נישט קיין קליידל, וואָס איר טוט זיך איבער... מען זאַפּט עס איין מיט דער מאַמעס מילך, ס'גייט אַריין אין בלוט, ס'ווערט א טייל פון קינסטלערס נשמה. שפּילן אמתדיק קאָן מען נאָר, ווען מען פילט אַליין, וואָס מען שפּילט. איך פּ י ל אויף יידיש, מוז איך שפּילן אויף יידיש. קונסט קאָן דאַן ווערן אַלמענטשלעך, ווען זי איז אויף אַן אמת מענטשלעך. און אַ מענטש דריקט אוים געפילן אין זיין שפּראַך. ער קאָן רעדן, פאַרשטיין, געבן צו פאַרשטיין אויף פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער אינערלעך פילן קאָן ער נאָר אויף זיין שפּראַך. כ'האָב שטענדיק באַוווּנדערט אַ בערטאַ קאַליש און אַנדערע קינסטלער, וואָס זענען לייכט אַריבער אויף פרעמדע שפּראַכן. איך האָב זיי חושד געווען, אַז זיי פעלשן עפּעס. איצט איז מיר קלאָר: זיי האָבן געשפּילט בלויז מיט טעכניק, מיט אויסערלעכע מיטלען. איך האָב מיין גאַנץ לעבן געשפּילט מיטן האַרץ. איצט מוז איך אָנקומען צו טעכניק. און מיין האַרץ שווייגט אויף דער בינע...

די סיטואַציע אויף די פראָנטן האָט זיך אַלץ פאַרערגערט. לאָדזש איז געווען אין דייטשע הענט. די רוסישע אַרמיי האָט זיך אַ רוק געטאָן אין גאַליציע, אָבער די דייטשן און עסטרייכער האָבן פאַרנומען גרויסע טיילן פון קאָנגרעס־פּוילן. וואַרשע קאָן פאַלן אַ ליאַדע טאָג און זי וועט בלייבן אָפּגעשניטן פון די קינדער.

צוגן מיט מיליטער אין דער ריכטונג פון פראָנט. עשאַלאָנען מיט פּליטים, צוגן מיט פאַרוווּנדעטע קומען פון דאָרט. אויף זייערע פּנימער ווייטיק און פאַרצווייפלונג. בלויז עלעגאַנטע אָפיצירן זענען נאָך צייטנווייז אויפגעפּוישט האָפערדיק. דאָס ווערט כסדר אונטערגעהאַלטן מיט גלעזער אַלקאָהאָל.

די היץ אין די וואַגאָנען איז אומדערטרעגלעך. אַ פייער פאַלט ממש פון הימל. שוין נאָענט פון וואַרשע. דוכט זיך, מען הערט שאָסן פון האַרמאַטן... און אפשר איז עס גאָר אַן אָפּקלאַנג פון געקלאַפּעריי פון די רעדער איבער די רעלסן? אַלץ איינס, אַבי גיכער. אַבי נישט פאַרשפּעטיקן... אַהיים...

.2

פּראַגע איז איינגעהילט אין רויך, דורך וועלכן עס רייסן זיך דורך לאַנגע פלאַמען־צינגער. דער הימל איז געווען צונטער־רויט.

— עס ברענט דער טערעספּאָלער וואָקזאַל!

קליינע אָפּטיילונגען קאָזאַקן טראָגן זיך גיך פאַרביי אויף פלינקע פערדלעך, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם געהילך פון פּאָדקאָוועס איבער שטיינער.

אינדערפרי האָבן שוין מאַרשירט איבער די גאַסן אָפּטיילונגען דייטשיש מיליטער.

דער פראָנט האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגערוקט ווייט פון וואַרשע. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו פליסן.

איין יאָר בלויז און וויפל האָט זיך דורך דער צייט געביטן אין וואַרשע! ס'איז געשטאָרבן י. ל. פרץ. זיין קבר געפינט זיך נאָענט פון רעגינעס קבר. יעקב דינעזאָן גייט אַרום ווי אַ קיילעכדיקער יתום. שוין לאַנג האָט ער דערציילט אסתר־רחלען וועגן די לעצטע טעג פון פרצס לעבן, וועגן זיין אַרבעט, זיין זאָרג פאַר קינדער...

— שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

פון דער צווייטער זייט: ענדערונגען צום גוטן. יאָסעלע ווערט אַ ווירטואָז. ער ציט אַרויס פון פידעלע אַזעלכע האַרציקע קלאַנגען, די לאַנגע פינגער זיינע ציטערן איבער די סטרונעס מיט אַ כוואַליעדיקער פלינקייט...

אידעלע איז שוין אַ פריילין. דעם פּאַנסיאָן האָט זי אַוועקגעוואָרפן:

— אַז מען לערנט זיך איצט סיי ווי נישט...

זי וויל שפּילן! אָבער שוין נישט קיין קינדער־ראָלן. זי וויל שפּילן דערוואַקסענע. און טאַקע גרויסן ראָלן.

— מען שפּילט איצט אָפּערעטע. זעסט דאָך, ס'איז נישט קיין צייט פאַר דראַמע — די דראַמע שפּילט זיך אָפּ אויף די שלאַכט־פעלדער...

מיט דער צייט האָט מען גענומען פּרוּוון דראַמען אויך, נאָר מיט

סענסאַציע: „כּאַסיע די יתומה“ אין צוויי אויספירונגען! די ערשטע צוויי אַקטן וועט שפּילן אידאַ קאַמינסקאַ. די לעצטע — אסתּר־רחל קאַמינסקאַ.

אסתּר־רחל איז אויסער זיך געוואָרן, דערזעענדיק דעם אַפֿיש.

נאָכן ערשטן אַקט האָט זי זיך געזעצט אין גאַרדעראָב פֿאַרן שפּיגל. זיצט און קוקט אין שפּיגל אַריין, רירט זיך נישט צו צום שמינק. נישט שוין זשע זאָל זי פֿאַרוואַנדלען אירע עלטעלטע־צוואַנציק יאָר טעאַטער־פֿריידן אין טעאַטער־פּיין אין שטאָף פֿאַר אַ ביליקער סענסאַציע? פֿון „כּאַסיען“, אין וועלכער זי האָט מיט צען יאָר צוריק אָנגעצונדן די הערצער פֿון פֿאָלקס־מענטשן, אַרויסגערופֿן ביי זיי פֿייער פֿון בונט קעגן אונטער־דריקונג — פֿון דער פֿאָרשטעלונג מאַכן איצט אַ צירק־סענסאַציע?

— מאַמע, ס'איז דאָך נאָך דעם צווייטן אַקט. פֿאַרוואָס ביסטו נישט פֿאַרטיק? — איז אידע אַריינגעקומען אַ מידע און גליקלעכע נאָך די צוויי אָפּגעשפּילטע אַקטן.

— אידעלע, מיין קינד, זאָג מיר: וויפֿל צייט לויפֿט פֿאַרביי צווישן צווייטן און דריטן אַקט?

אידע האָט נישט פֿאַרשטאַנען:

— וואָס הייסט וויפֿל צייט? אַ פּאָר שעה.

— איז ווי מיינסטו, האָט דורך די פּאָר שעה כּאַסיע געקאָנט אַזוי אויסוואקסן, אזוי דיק ווערן, אזוי אלט ווערן?

איצט איז אידען קלאָר געוואָרן:

— ס'איז דאָך שוין אָבער אָפּישירט. דער עולם וועט מאַכן סקאַנ־דאַלן... מען האָט זיי אָפּגענאַרט.

— בעסער זיי אָפּנאַרן מיטן אַפֿיש, איידער מיט דער פֿאָרשטעלונג. איך וועל נישט חוזק מאַכן פֿון זיך און פֿון עולם. איך וועל נישט שפּילן!

דער אַדמיניסטראַטאָר איז אַרויס פֿאַרן פֿורהאַנג מעלדן, אַז אסתּר־רחל פֿילט זיך נישט גוט און די פֿאָרשטעלונג וועט שוין פֿאַרענדיקן אידאַ.

3

— מאַמע, איר וועט דאָך מיר נישט אָפּזאָגן דעם כּבֿוד אויפֿצוטרעטן אויף מיין בענעפֿיס? — איז צוגעקומען הערמאַן פֿישער מיט אַ בקשה.

— ווען האָב איך עס שוין אַמאָל אָפּגעזאָגט? אַ נייע מעשה גאָר... אָבער מיט וואָס ווילסטו, הערמאַנדל, מהנה זיין דעם עולם?

— איך האָב ליב ליטעראַטור. כ'וויל שטעלן „די רויבער“ פֿון שילער.

— אינמיטן דרינען!

— אָסקאַר וויל זיך אַביסל דורכלופֿטערן אין פֿראַנקרײַך מאָר.

— קיין עין־הרע, ביי זיינע פֿינף און זיבעציק יאָר! מעג איך דאָך שפּילן אַמאַליע — האָט זיך אסתּר־רחל צעלאַכט.

פֿראָבירן האָט מען ערשט אָנגעהויבן אַ פּאָר טעג פֿאַר דער פֿאָר־שטעלונג און דאָ האָט זיך א שאָט געטאָן איין איבערראַשונג נאָך דער צווייטער: וויניק, וואָס אָסקאַר האָט דעקלאַמירט אויף זיין קלינגענדיקן דייטש, האָט קאַרלען געשפּילט בעטקע, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער דייטשער אַקטיאָר.

— וואָס זאָל מען טאָן, מאַמע, ס'וועלן קומען אַ סך דייטשן צו דער פֿאָרשטעלונג. דער שוצמאַן, וואָס וווינט ביי מיר, וועט מיטברענגען זיינע חברים... זאָלן זיי עפּעס פֿאַרשטיין.

— און ווער איז דער יונגערמאַן? — האָט אסתּר־רחל אָנגעוויזן אויף אַ דאַרן, שוואַרצן בחור פֿון אַ יאָר צוואַנציק. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און אַריינגעקוקט אין טעקסט.

— דאָס איז אַ טאַלאַנטירטער יונגער פּוילישער אַקטיאָר. ער וועט שפּילן דעם אַלטן מאָר.

— אויף פּויליש? — האָט זיך אסתּר־רחל אויף אַן אמת דערשראָקן.

—חלילה! אויף יידיש.. דאָס איז דאָך טורקאָווס זון. ער שפּילט אין פּוילישן טעאַטער, אָבער ער פֿירט אָן מיטן „אַרטיסטישן ווינקל“ אין „הזמיר“. ער קען גוט יידיש.

— זאָל עס מיר שוין געהערן צו יענעם יאָר! אַ בחור, וואָס האָט דער מאַמעס מילך אונטער דער נאָז, וועט שפּילן דעם אַלטן מאָר, איך אַמאַליע און דער אַלטער אָסקאַר פֿראַנצן... און דערצו נאָך אויף דייטש! ווי צו דיר, יידיש טעאַטער! — אַ טיפֿער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אסתּר־רחלס ברוסט.

זי האָט באַשלאָסן:

— אברהם־יצחק, איך וויל שפּילן ערלעך טעאַטער, אָן שרייענדיקער רעקלאַמע און סענסאַציעס.

— סיידן אין „עליזעום“ און אונדזער טעאַטער וועט בלייבן פֿאַר דער אָפּערעטע.

עס איז געווען צום גוטן. דער קאַמעראַלער כאַראַקטער פֿון „עליזעום“ האָט געשאַפֿן אַ היימישקייט. די טרופּע — גייע מענטשן, יונגע אַקטיאָרן, וואָס זענען אַרויס פֿון דער פּוילישער דראַמאַטישער שול, אינטעליגענטע יוגנט פֿון דראַמאַטישע קרייזן — מען קאָן מיט זיי עפּעס אויפֿטון. אַלטער רעפּערטואַר, נייע פּיעסן: נאָמבערגס „משפּחה“, פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי“.

— ס'איז דען ראָלן פֿאַר דער מאַמען?.....

— איך וויל נישט קיין ראָלן. איך וויל שפּילן טעאַטער.

מען קאָן טאַקע זיך דערלויבן צו שטעלן אַ לייכטע אייראָפּעישע קאָמעדיע. פּולראָס „צווילינגס־שוועסטער" איז אַ פרייליכער שפּאָס, זי האָט אים שוין געשפּילט אין אַמעריקע. ער גיט די מעגלעכקייט פאַר אַ סך אַקטיאָרישער שפּיל — איין שוועסטער פאַרוואַנדלט זיך אין דער צווייטער. זי איז אַפילו מסכים צו שפּילן די „קאַמעליען־דאַמע". דער ריזיקער מישע עפּעלבוים רייסט זיך צו אַרמאַנדן — זאָל ער זיך דורכשפּילן. אידע זעצט איבער באַטאַילס „דאָס אומפאַרשטענדיקע מיידל", זי וויל עס אַליין רעזשיסירן. אַדרבא, לאָמיר טאַקע זען, וואָס זי קען!

„עליזעום" איז געווען אַן אינדזל אין וואַרשעווער טעאַטער־וועלט, אַן אָפּרישונג. קאַמינסקים, „ווענוס" און דאָס ניי־געעפנטע טעאַטער אין בעסטן פּונקט פון שטאָט — דאָס „צענטראַל" טעאַטער אויף לעשנעגאַס — אַלץ שפּייזט דאָך דעם עולם מיט בעסערע אָדער ערגערע אָפּערעטעס.

כמעט אַלע אָפּערעטן פאַרשטעלונגען אין די יידישע טעאַטערס זענען געגאַנגען האַלב־דייטש. דאָס האָט געצויגן אַ גרעסערן עולם דייטשן אין טעאַטער אַריין. אַ חוץ דעם: די מערהייט פּרימאַדאָנעס און סוברעטקעס זענען געווען דייטשע אַקטריסעס, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע סיי אַלס סענסאַציע פאַרן יידישן עולם, סיי כדי צו ציען אַ גרעסערן דייטשישן עולם. אַזוי האָט זיך געשלעפּט אַ צייט לאַנג ביז מען האָט בכלל אָוועקגעדונגען קאַמינסקים טעאַטער אויף אַ דייטשיש טעאַטער. דאַן האָט שוין „עליזעום" מוחל געווען די שוואַכע געשעפטן מיט דער דראַמע און אַריבערגעכאַפּט צו זיך די אָפּערעטע. אסתּר־רחל האָט דאָרט מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן.

וואַרשע האָט זיך צעשפּרייט איבער דער פּראָווינץ. איר עולם איז צעזייט איבער די שטעטלעך, דאַרף מען גיין צו זיי.

4

אין די שטעטלעך פון פּוילן איז איצט פאַרגעקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס, ווי ביז דער מלחמה. אַנשטאָט דעם שטראָם אויסוואַנדערער, וואָס איז יאָרן־לאַנג געגאַנגען פון די קליינע שטעטלעך אין די שטעט און וואָס האָט צוביסלעך דערפּירט דערצו, אַז די שטעטלעך זענען אָפּגעשטאָרבן, געבליבן אָן אַ יוגנט — איז איצט פאַרגעקומען אַ צוריקוואַנדערונג פון וואַרשע, לאָדזש אין די קליינע שטעטלעך. איז ראַשער געוואָרן

דער טעמפּאָ פון לעבן אין די שטעטלעך, ס'האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג. יונגוואַרג, וואָס האָט אין שטאָט געהערט צו אַ פּאַרטיי, צו אַן אָרגאַניזאַציע, האָט זיך שוין נישט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט דער רואיקער פּוסטקייט פון שטעטלדיקן לעבן. געשאַפן פאַראייניקע, אָרגאַניזאַציעס, קרייזן, ביבליאָטעקן. אָרגאַניזירט אָוונטן, דיסקוסיעס, קורסן. אין די אָקופּירטע געביטן דורך דייטשן איז די לאַגע געווען אַ שווערערע. דער דייטשער אָקופּאַנט האָט געהאַט אַ בעסערע אָרגאַניזאַציע, מער אַרויסגעפּרעסט שפּייז-פּראָדוקטן פון די אָקופּירטע געביטן און מענטשן-מאַטעריאַל. דאָס איז געטאָן געוואָרן אונטערן צודעק פון דער ווערבירונגס-אַקציע פון יוגנט קיין דייטשלאַנד, אין די קוילן-גרובן און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן טיילן פון זייערע אַרבעטס-הענט פאַר דער אַרמיי און גלייכצייטיק געמוזט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פאַר מלחמה-צוועקן. דעם יונגוואַרג האָט מען פון אָנהייב צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, געלאָקט זיי מיט די וווּנדער פון דער דייטשישער ציוויליזאַציע, מיט צוזאָגן פון גוטער באַשפּייזונג און פאַרדינסטן. ווען דאָס האָט ווייניק געווירקט האָט מען פון צייט צו צייט אָנגעהויבן כאַפּן יונגעלייט און שיקן זיי אויף צוואַנגס-אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דאָס האָט געשאַפן שטימונגען פון פּחד און דערשלאָגנקייט.

ביי די עסטרייכער איז געווען לייכטער. עס איז געגאַנגען אַ האַנדל, לעגאַל און אומלעגאַל, מיט גאַליציע און ווייטער. האַנטווערקער האָבן געהאַט וואָס צו טאָן ביי דער אינטענדאַנטור און פּריוואַט ביי אָפיצירן. יונגוואַרג האָט זיך געכאַפּט צו פאַרשידענע אַרבעטן — איז געווען פּרנסה און דאָס זעלבסט-געפיל האָט זיך פאַרבעסערט. די אַרמיי איז געווען אַ ביגאָס פון פאַרשידענע פעלקער, די דיסציפּלין איז געווען אַ צעפּאָרענע. די אַדמיניסטראַציע אויף די געביטן אַ מילדערע. די גרויסע צאָל יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, פּשוטע גאַליציאַנער יידן — און אַפילו די אַסימילירטע פון ווין, אונגאַרן, טשעכיע — האָבן זיך דערנענטערט צו דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג און קעגנזייטיק זיך משפּיע געווען.

דער טורעם פון אסתר-רחל האָט אין די שטעטלעך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע געדויערט קורץ: געשפּילט צו אַ פּאָר פאָרשטעלונגען און געפאָרן ווייטער. דאַקעגן ביי די עסטרייכער — אין לובלין, כעלם, זאַמאָשטש, אַפילו הרוביעשאָוו און קלענערע שטעט — האָט די טרופּע מיט דערפאָלג געקאָנט שפּילן אַ גרעסערע צאָל פאָרשטעלונגען, זיצן וואָכנלאַנג אין אַ שטאָט.

די ערשטע חדשים האָט מען אָנגעשטרענגט געאַרבעט איבערן רעפּערטואַר.

אסתר־רחל איז געווען צופרידן פון איר טרופע: אינטעליגענטע מענטשן און אַקטיאָריש נאָך נישט פאַרדאָרבענע. זיי האָבן זיך געלאָזט קנעטן ווי פריש טייג. אידאַ איז געווען א זייל פון דער טרופע, דוד לאַיי, די ברידער טורקאָוו, זשאַלקאָווער, העלדרענבערג, פּאָליאַקעוויטש און פּאָלאַ קייזער, גומהערץ, מאַקסימאָוו, נחמיה טרייסטמאַן. אסתר־רחל האָט גרויס הנאה געהאַט פון דעם יונגוואַרג: זיי זענען געוואַקסן אויף אירע אויגן, זענען אַלץ פרייער געוואָרן אויף דער בינע, בעסער באַהערשט זייערע ראָלן, באַהערשט דעם סוד פון דער בינע.

— זאָג שוין דו, וואָס דו האָסט אינגאַנצן קיין שכל נישט, — האָט זי שפּאַסיק געמוסרט אַן אַקטיאָר, — קאָן מען אַזוי אָפּשפּילן אַ סצענע? זאָלסטו מיר געזונט זיין, דו רעדסט ווערטער און דאָס פּנים איז דערביי נישטאָ, די הענט זענען אַליין פאַר זיך. אַ סימן, אַז דו שפּילסט אָן האַרץ. און אָן האַרץ, קינדערלעך, איז נישטאָ קיין גוט טעאַטער. עס קאָן דעם מיידל אָדער יענעם בחור געפעלן, אָבער שטענדיק וועלן זיך געפינען אַ פּאָר מענטשן, וואָס וועלן דיך כאַפּן ביי דער האַנט. מעג עס זיין אין לובלין, צי אין זאַוויכאָסט...

פּראָווינצער שטעטלעך האָבן זיך מחיה געווען. יונגעלייט, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון גוטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין די גרויסע שטעט האָבן געהאַלטן:

— די מאַמע לעבט איבער אַ גלאַנץ־פּעריאָד. ווי אין די בעסטע יאָרן.

— דאָס הייסט אַ טרופּע! אַזויווי אַמאָל ס'איז געווען די „ליטעראַרישע טרופּע“ — האָבן פעסטגעשטעלט אַלטע טעאַטער־גייער.

אין וואַרשע פלעגט מען זיך וויצלען:

— אויב איר ווילט זען גוטע, ערנסטע יידישע פאָרשטעלונגען, פאָרט צו אסתר־רחל קאַמינסקאַ. זי שפּילט איצט אין זאַוויכאָסט...

5

— יוגנט! יוגנט! איר קאָנט ראַטעווען דאָס יידישע טעאַטער! אַז איר וועט זיך האַלטן צוזאַמען. אַז איר וועט זיין אַן אַנסאַמבל!

זי האָט שטאַרק געגלייבט אין דעם. און אָט איז איר אויסגעקומען נאָך אַמאָל זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דעם געדאַנק. בעת די גאַסטראָלן אין ביאַליסטאָק און גראָדנע האָט זי באַגעגנט א גרופּע אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט אונטערן נאָמען: פאַריין פון יידישע

דראַמאַטישע אַרטיסטן אין ווילנע. געווען צווישן זיי אַלטע באַקאַנטע: מתתיהו קאָוואַלסקי און פּאַליאַ וואַלטער זענען געווען פּראָפּעסיאָנעלע אַקטיאָרן. לייב קאַדיסאָן איז איר אויך געווען קענטלעך:

— שוסטער, שוסטער פון קאָוונע! — האָט זי זיך דערפרייט. — איר געדענקט, וואָס איך האָב אייך פאַרגעזאָגט, ווען איך האָב אייך געטראָפן אין קאָוונע?

— אוודאי געדענק איך. דאָס וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן... האָט ער פאַרזיכערט.

— דער „שין" איז געבליבן! — האָט זי זיך האַרציק צעלאַכט.

— מיר זענען דאָך ליטוואַקעס, ווילנער, מעג מען זיך פאַרגינען, — האָט אים געגומען אין שוץ דער געשעפטס-פירער מאַזאָ.

אַ יונגע פרוי האָט זיך געווענדט פאַר אסתר-רחלען:

— איך בין עלמית... איך פאַרשטיי, אַז איר געדענקט מיך נישט...

— עלמית! דאָס וואונדער-קינד סאָניע, וואָס האָט מיט מיר געשפּילט אין ווילנע?

און דער איז אַ יונגער רוסישער אַקטיאָר, אַלעקס שטיין. און דאָס זענען די אַמאַטאָרן נאַכבוש, שגיאור, אזרא, טאַגין, שעפּטעל... זיי האָבן זיך געגרויסט מיט די באַגייסטערטע אָפּרופן פון באַקאַנטע דייטשישע שרייבער און קינסטלער, געוואָלט הערן אסתר-רחלס מיינונג.

— ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אייך קומען זען. כ'בין שוין אַליין אויך נייגעריק. ווייל, זייט מיר מוחל, איך האָב זיך פיינט צו פאַרלאָזן אויף פרעמדע מבינות. טעאַטער דאַרף מען אַליין זען און דערפילן.

זי איז געקומען. עס האָבן די ציין זיך געטרייסלט ביי עלמית, וואָס האָט דעם אָוונט געשפּילט אסתר-רחלס ראָל, נאַטאַשאַ, אין קאָברינס „דאָרפס-יונג". עס האָבן זיך געטרייסלט פאַר טרעמע אַלע אַקטיאָרן אויף דער בינע. אסתר-רחל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו יעדער באַוועגונג, צוגעהערט צו יעדן טאָן. יעדעס וואָרט אין דער פּיעסע איז איר געווען באַקאַנט, און געקוקט האָט זי אויף אַלץ, ווי עס וואָלט פאַר איר געווען אַ נייע זאַך. מיט יעדער סצענע איז ברייטער געוואָרן דער שמייכל פון צופרידנקייט אויף איר פּנים.

די ערשטע ווערטער צו מאַזאָן, וועלכער האָט זי אָפּגעוואַרט נאָך דער פאָרשטעלונג און אַנגעשפּיצט זיך צו הערן איר מיינונג:

— איר מוזט פאָרן קיין וואַרשע. וואָס שנעלער. וואַרשע וואַרט אויף אַזאַ טעאַטער, ווי אייערס, איר קאָנט דאָרט ווערן באַרימט.

און צו די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט הינטער די קוליסן:

— איר האָט מיך דערמוטיקט, קינדער. איך זע, אַז איך בין נישט פֿאַראיינזאַמט. דאָס יידישע טעאַטער וואַקסט.

זי האָט געקושט די צעפּלאַמטע עלמית:

— ביסט באמת אויסגעצייכנט, מיין קינד. ביסט אַ גרויסער טאַלאַנט. אָבער נישט בלויז דאָס איז וויכטיק. וויכטיק איז, אַז איר אַלע צוזאַמען זענט אַ טעאַטער, אַן אמת טעאַטער, אַ גוט טעאַטער. האַלט זיך פֿעסט, קינדער. געדענקט איר זאָלט נישט ווערן קיין איינצלנע אַקטיאָרן, ווייל דאַן וועט איר ווערן צעריבן. צוזאַמען זענט איר אַ טעאַטער. דאָס איז עפּעס, וואָס האָט אַ גרויסן ווערט אין אונדזער אָרעם יידיש לעבן. פֿאַרהיט עס, קינדער, איך בעט אייך!

— מיר שווערן אייך, מאַמע, אַז מיר וועלן זיין וואָס איר ווינטשט אונדז! — האָט נאַכבוש פּאַטעטיש אויסגערופֿן.

אסתּר-רחל איז געוואָרן זאַכלער:

— הערט, קינדער, איר מוזט פֿאָרן קיין וואַרשע. וואַרשע קאָן אייך שטעלן אויף די פֿיס. אַזוי זענט איר אַ פּעיקע אַמאַטאָרן-גרופּע, וואָס שלעפּט זיך איבער דער פּראָווינץ. וואַרשע קאָן אייך קרוינען פֿאַר אַ טעאַטער ביי יידן...

אַן אומעטיקער קנייטש האָט אַ קלינג-געטאָן אין איר שטים:

— אפשר וועט אייך באַשערט זיין איינצוברעכן די מויער פֿון שונד און געפֿאַלנקייט אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער! — זי איז ווידער הייטער געוואָרן: — איר זענט פֿריש, נייע פּנימער. איר קומט מיט עפּעס נייעס, מיט אַ נייעם טאָן. דאָס קאָן דעצידירן. איך וועל אייך געבן אַ בריוו צום דירעקטאָר פֿון „עליזעום“, איך וועל אייך רעקאָמענדירן, איך וועל פֿאַר אייך גאַראַנטירן... אַ רעפּערטואַר האָט איר אַ רייכן, זע איך, אַן אינטערעסאַנטן, אַ גוטן. איך וועל אייך געבן אַ בריוו צו מיין פֿריינד ה. ד. נאָמבערג. ער איז דער פּאָרזיצער פֿון ליטעראַטן-פֿאַריין, ער וועט זיכער העלפֿן די פּרעסע זאָל זיך וועגן אייך פֿאַנאַנדערשרייבן. דאָס האָט אַ סך צו זאָגן פֿאַר אייער דערפֿאָלג אין וואַרשע און פֿאַר אייער צוקונפֿט אין פּוילן. פֿאָרט, קינדער, און טרעט אויף אין וואַרשע מיטן רעכטן פֿוס.

— אַ דאַנק אייך, מאַמע האַרציקע! — אַ צענדליק פּאָר אויגן האָט געשיינט מיט דאַנקבאַרקייט.

אסתּר-רחל האָט זיך כּסדר אינטערעסירט מיט די גאַסט-שפּילן פֿון דער טרופּע אין וואַרשע, נאָכגעפֿרעגט אויף זיי.

— נאָמבערג האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „ווילנער טרופּע“. זיי האָבן געמאַכט אַ רושם אין וואַרשע.

— זאָל זיין מיט מזל און גליק. זיי האָבן עס פאַרדינט. און אונדזער וואַרשע האָט פאַרדינט ענדלעך ווידער צו האָבן אַ גוט טעאַטער, — האָט געענטפערט די מאַמע.

6

אין וואַרשע האָט געבושעוועט אַ טיפוס־עפּידעמיע. די שלעכטע דערנערונג פון דער באַפעלקערונג, מאַנגל אין באַהייצונג, זייף, די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע צוליב דער אָקופּאַנטישערווירטשאַפט, האָבן געהאָלפן דער טיפוס זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער שטאָט. נישט געווען קיין הויז, קיין שטוב כמעט, וואָס זאָל האָבן אויסגעמיטן די עפּידעמיע. ס׳האָט זי אויך נישט אויסגעמיטן אסתּר־רחלס היים. ס׳איז קראַנק געוואָרן יאָסעלע. אסתּר־רחל האָט געמוזט איבעררייסן דעם טורנע און אַהיימפאָרן.

איין קלאַפּ איז געקומען נאָכן צווייטן:

אברהם־יצחק האָט זיך שטאַרק צוגעקילט בעתן טורנע אין לאָמזשע, געקריגן אַ שווערן אַטאַק פון אַסטמע און איידער מען האָט אים באַוויזן צו געבן הילף איז נישט געווען מער אברהם־יצחק קאַמינסקי.

אין אַ פאַרכמאַרטן ערב־פּרילינג־טאָג האָט אין דער פייכטער ערד פון לאָמזשער בית־עולם געפונען זיין אייביקע רו דער מענטש, מיט וועלכן ס׳איז איר באַשערט געווען דורכצושפּאַנען די וויכטיקסטע יאָרן פון איר לעבן. דער, וואָס האָט זי אַרויפגעפירט אויף די בינע־ברעטער. ס׳האָט געפונען זיין רו דער אומרואיקער גייסט, דער שטענדיק טעטיקער, קיינמאָל נישט געזעטיקטער מיטן לעבן אברהם־יצחק. אָפּגעריסן פון דער משפּחה, אין אַ קליינעם קרייז פון צופעליקע חברים אין אַ פּראָווינצער וואַנדער־טרופּע, איז ער אַוועק פון דער וועלט באַגלייט צו זיין אייביקער רו דורך אַ פּאָר חברים און אַביסל יידן פון לאָמזשע, קינדער פון דער יידישער גימנאַזיע, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כּבֿוד דעם נע־ונד־אַקטיאָר, איינעם פון די זיילן פון יידישן טעאַטער אין פּוילן. אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט שיינען אויבן אָן און איז פאַרטונקלט געוואָרן דורך דער, וועלכע ער האָט אַרויפגעפירט אויף דער בינע. האָט ער זיך געבונטעוועט קעגן דעם, מיט די לעצטע כּוחות זיך אַנטקעגנגעשטעלט, געריסן זיך צו פרינדיקער זעלבשטענדיקייט און געפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיין זעלבשטענדיקייט.

ס׳זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. יאָסעלע האָט שוין אָנגעהויבן אַראָפּצו־

גיין אין גאַס. זיינע באַקן האָבן צוביסלעך באַקומען די פאַרב פון לעבן. האָט אסתּר=רחל צונויפגענומען די טרופּע און געלאָזט זיך אין אַ נייעם טורנע.

די ערשטע שטאָט איז געווען לאָמזשע. אויסער דעם טעאַטער=באַגאַזש איז מיטגעפירט געוואָרן אַ גרויסער שטיין מיט אַן אויסגעקריצטער אויפשריפט:

„דאָ רוט דער יידישער אַרטיסט, דירעקטאָר און מחבר אברהם=יצחק קאַמינסקי... געבוירן אין יאָר 1865, געשטאָרבן אין יאָר 1918. ערע זיין אָנדענק!“

ס'איז ענג געווען אין אָקופּירטן פּוילן. שווער געווען זיך דורכצושלאָגן ביי דעם אָנגעלויף פון טרופּעס און טרופּעלעך, ביי דעם דלות, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. און דערביי געפינט זיך אַ רחבותדיק פעלד פאַר יידיש טעאַטער, די זאַטע אוקראַינע. די מאַכט איז דאָרט, וואָס אַן אמת, נישט קיין זיכערע: אָט איז דער העטמאַן סקאָראָפּאַדזקי, אָט ווידער פּעטליורע... אָבער מען וועט זיך ווי עס איז אַן עצה געבן, — האָבן זיך באַמיט צו איבערצייגן רירעוודיקע געשעפטס=פירער. אָדעס וואַרט מיט אָפענע אָרעמס, דער עולם פאַרלאַנגט די „מאַמע“.

ראַשיק זענען געלאָפן וואָכן פון רוישנדיקע דערפאָלגן איבער וואָלינער שטעט: לודמיר, לוצק, ראָוונע און ווידער אָדעס.

איצט איז אָדעס אויפגעשטאַנען צו אַ נייַ לעבן. די שטאָט האָט זיך געטונקען אין דער רויטקייט פון פענער. אין די אָקופּאַנטישע לענדער איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, די אַרמייען פאַלן זיך פאַנאַנדער. סאָלדאַטן האָבן זיך געברודערט מיט די אָדעסער אַרבעטער. די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, פאַרלוירן זייערע אָקופּאַנטישע באַשיצער און זיך אויסבאַהאַלטן אין די לעכער. די שטאָט איז אַריבער צום פאָלק — אַרבעטער, מאַטראָסן, סאָלדאַטן — צו די אָרגאַניזירטע ראַטן. אָדעס האָט געיובלט. מען האָט געהאָפט, אַז דער נצחון פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיך ענדלעך באַפעסטיקן אויך אין אָדעס.

נאָר אָט איז אָנגעקומען אַן עסקאַדרע שיפן פון דער אַנטאַנט. די אינטערווענטן האָבן באַוואָפנט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע כוחות, בורזשויען און ווייסגוואַרדייער, וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן אין אָדעס. מען האָט פון ים און פון דער יבשה אָנגעהויבן צו אַטאַקירן די יונגע ראַטןמאַכט, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט די איבעריקע באַפרייטע סאָוויעטישע געביטן:

— די סאָוויעטן עוואַקואירן זיך פון אָדעס!

עשאַלאָנען מיט הרובע וואַגאָנען ציען זיך דורך האַלב־צעשטערטע באַן־רעלסן פון אָדעס. די רויטקייט פון פענער ווערט פאַרביטן דורך פייער־צונגען, וואָס צייכענען דעם וועג פון די אײַנטערוועגטן און ווייסגוואַרדייער.

מיט אומוועגן פאָרן די עשאַלאָנען. עלענטע קליידער ווערן גיך פאַרוואַנדלט אין שמאַטעס. חפצים בייט מען אין וועג אויף אַ שטיקל ברויט. אסתר־רחל דערמוטיקט: די אַלטע, וואָס פילן זיך שוין נישט בכוח אַריבערצוטראָגן די שווערע טעג; די יונגע, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געפילט דעם טעם פון אַזאַ נויט, פון אַזעלכע שוועריקייטן.

מען איז אַרויס פון דער ערשטער פייער־ליניע. ווו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ שטיקל ישוב און אַן אָרגאַניזירט סאָוויעטיש לעבן, שטעלט מען זיך אָפּ און מען הייבט אָן צו שפּילן. פולגעפּאַקטע טעאַטערס. מען קומט אַביסל צו זיך.

נאָר דאָס פייער פון בירגער־קריג צעשפּרייט זיך ווייטער. מען מוז ווידער לויפן. ס'טרעפט אַפילו, אַז ווען מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף געפינט זיך שוין אַ נייע מאַכט אין שטעטל. מוז מען איבערוואַרטן אין אַ באַהעלטעניש, אָדער דורך געפערלעכע וועגן אַרויסקריגן זיך.

סמילע, לובני, טשערקאַסי, פּיריאַטין — אַלט־באַקאַנטע שטעטלעך. מיט יאָרן צוריק איז זי דאָ געווען. אַלץ האָט געבליט. הייַנט — חורבות, איבער וועלכע עס הענגט די סכנה פון באַנדעס, שריפות, שחיטות. נאָר דערווייל גייט מען אין טעאַטער אַריין. עס שפּילט דאָך די מאַמע אסתר־רחל קאַמינסקאַ.

7

די קולטור־אָפּטיילונג אין פּאָלטאַווע דערעפנט אַ מלוכה־טעאַטער. מען דאַרף צוגרייטן א פּלאַן, רעפּערטואַר. מען קאָן דאָך נישט בויען אויף גאָרנישט. שוין צייט בכלל אים אַוועקצולייגן אין אַרכיוו.

— אָבער די חברטע קאַמינסקאַ מעג אים שפּילן. ביי איר איז גאָרנישט אויך עפּעס העכערס... דער אויספיר־קאָמיטעט האָט באַשטימט פאַר איר אַ פערסאָנאַלע סטאַווקע פון 300 רובל אַ פאַרשטעלונג. אַזוי ווי שאַליאַפּין נעמט.

אין טעאַטער איז דערשטיקט צו ווערן פון איבערגעפּולטקייט. די מערהייט זאַל — האַלב־מיליטעריש געקליידט. איינער אַזאַ יונגערמאַן גייט אַרוים פאַרן פורהאַנג:

— די ראַטן־מאַכט שעצט הויך די דערגרייכונגען פון אַלע פאָלקס־קולטורן. קינסטלער, וואָס האָבן מיט זייער קונסט געדינט דעם פאָלק, זענען אונדזערע קינסטלער, סאָוועטישע קינסטלער. אַלס אַזאַ באַגריסן מיר אין נאָמען פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון שטאָטישן סאָוועט די גרויסע יידישע קינסטלערין אסתּר־רחל קאַמינסקאַ צו איר ערשטן אויפטריט אין סאָוועטישן פּאָלטאַווע.

— ווי אַזוי שפּילט מען נאָך אַזאַ רעדע „מירעלע אפרת“? — פרעגן זיך צעטומלטע אַקטיאָרן.

— שפּילט אמת, קינדער, דאָס איז ־אָס בעסטע, וואָס מיר קאָנען איצט געבן. — האָט אסתּר־רחל זיי באַרויִקט.

קיעוו לאָזט נישט רוען: בוימוואָל האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון מלוכה־טעאַטער. ליבערט איז דאָרט, די עדעלמאַנס, עפּשטיין, זשאָלקאָווער, לואי און דער עיקר — אידא מיטן מאַן זענען אויך אהין פאַרבעטן געוואָרן.

אין קיעוו זענען נאָך קענטיק די שפּורן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, פון קאַמף מיט קאָנטררעוואָלוציאָנערע באַנדעס. אַ פאַראָרעמונג אין אָנטאָן און אין לעבנס־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג צוליב די פּאָר יאָר מלחמה. האָך פילט זיך דאָ דער ריטם פון גרויסשטעטישן לעבן. דאָס יידישע לעבן איז זיך אויך פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַז אסתּר־רחל שטוינט פון זיין פאַרנעם. די „קולטור־ליגע“ איז ווי אַ ברייט־פאַרצווייגטער בוים, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעוואַקסן כאָרן, סטודיעס, שולן, זשורנאַלן, ביכער. די ראַטן־מאַכט פינאַנסירט מיט דער ברייטער האַנט אַלע פרוון. האָט אויך די פרעסע און דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער פאַרנעם. די אַקטיאָרן גייען אַרום שטאָלצע:

— מיר זענען מלוכה־מענטשן!

— געענדיקט די צייטן פון קוקן אין פענצטערל! די מלוכה זאָרגט פאַר אייך. אַרבעט, שאַפט, טראַכט נאָר וועגן דעם! — האָט דער אַלטער סופליאָר און פּיעסן־שרייבער בוימוואָל געמוטיקט זיינע חברים פון אַמאָליקע וואַנדערונגען.

אסתּר־רחלען האָט מען אויפגענומען מיט די גרעסטע כיבודים. בוימוואָל האָט איר איבערגעגעבן אַ שריפטלעכן באַשלוס פון ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, אַז זי ווערט אויסגעצייכנט מיט אַ פּערסאָנאַלער סטאַווקע. אין רעפּערטואַר־פּלאַן ווערן פאָרויסגעזען נייע אויפפירונגען מיט אסתּר־רחלען און גלייכצייטיק ווערט איר געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין איר אַלטן רעפּערטואַר.

נאָר ווידער פאַרציִען וואָלקנס דעם שפּעט־זומערדיקן הימל: דעניקין!

גוט=געשולטע ווייס=גווארדייאישע מיליטער=טיילן, אויסגעקליידט, גע=קאָרמעט און באַוואָפנט דורך די אַנטאַנטע=אינטערווענטן, גרייפן אָן די יונגע רויטע אַרמיי, מאַרשירן אַלץ טיפער אין לאַנד, צייכנענדיק דעם וועג מיט פייער און בלוט. זיי דערנענטערן זיך צו קיעוו.

8

קיין מאָסקווע! וואָס ווייטער פון דער שריפה, אין סאַמע האַרץ פון דער סאָוויעטן=רעפובליק.

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן איז אסתר=רחל געווען אין מאָסקווע.

אין דעם דריט=ראַנגיקן האָטעל, וווּ זיי זענען איינגעשטאַנען, האָט אַ ווינט שפּאַצירט אין אַלע ווינקעלעך. אויסגעהאַקטע שויבן, צעבראָכענע טירן, אראָפּגעריסענע לאָמפּן. אומהיימלעכע שאָטנס האָבן שפּאַצירט אויף די ווענט.

טריבע האַרבסט=טעג. כוואַליעס רעגן=וואַסער האָבן זיך געשטעלט אין די פאַרשטאָפּטע רינשטאָקן. דער רעגן האָט מיטגעשלעפּט שטיקער טינק פון די מויערן און מיסט פון נישט=געקערטע גאַסן, דראָענדיק איז דאָס אַלץ געפלאָסן איבער משופּעדיקע באַרג=אַראָפּ גאַסן, בילדנדיק אַ ברייטע כוואַליע, וואָס האָט פאַרפלייצט נידריק=לגנדיקע קעלער=שטובן. פאַרביי=גייער האָבן זיך געראַנגלט מיט זייערע שירעמס, וועלכע דער ווינט האָט מיט כעס געריסן פון די הענט. אייניקע האָבן נאָך געזוכט אַ העכערן שטיין, אַ טרוקן אָרט, וווּ מען קאָן נישט אַרומגעשווענקט ווערן דורך די רעגן=כוואַליעס. אנדערע האָבן גלייכגילטיק געשפּרייזט אין רעגן און בלאָטע, ווי נישט זיי מיינט מען, ווי עס גייט זיי גאָרנישט אָן.

אויף אייניקע הייזער האָבן נאָך געהאָנגען צוויטן פון אויסגעבלאַקעוועט=רויטן געוואַנט. ערגעצווו האָבן נאָך אַרויסגעשיינט איינצלנע אותיות פון לאָזונגען. וואָס נענטער צום צענטער=שטאָט, נענטער צום קרעמל, האָט זיך עפּעס געטראָפן אַ גאַנצע פאָן, אַ גאַנצער לאָזונג, וואָס האָט גע=רעדט וועגן:

— די גאַנצע מאַכט פאַר די סאָוויעטן! ערד פאַר פויערים! שלום פאַר דער וועלט!

און איבער אַלעם האָט זיך געריסן דער רוף:

— אַלע כוחות אין קאַמף קעגן דעניקינען!

אין די אָוונטן האָבן פון קרעמל=טורעם געשיינט איבערן שטאָט די רובינען פון רויטן שטערן, געצויגן צו זיך די בליקן פון אויסגעהונגערטע,

פון קעלט=ציטערנדיקע מאָסקווער איינוווינער. דאָס רויטע ליכט האָט זיי געשטאַרקט און געוואַרעמט: דאָרט וואַכט לענין!

די אָרעמקייט און נויט פון יענע שווערע טעג אין מאָסקווע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך כמאַרעס ביעזשענצעס, וואָס האָבן פאַרפלייצט די שטאָט, פאַרנומען ווו אַ ליידיק ווינקל אויף אַ פּאָדלאָגע. צווישן די ביעזשענצעס זענען געווען טעטיק קאָמיטעטן, כלל=טוער, אויסלענדישע פאָרשטייער פון פאַרשידענע מיסיעס, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן קוים געקאָנט לינדערן די נויט פון אַ פּאָר משפחות. טעאַטער=מענטשן זענען אויך געווען צווישן די ביעזשענצעס און כלל=טוער. זיי האָבן נישט גערוט:

— וואָס הייסט, מאַמע, איר וועט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט? זיין אין מאָסקווע מיט אַ צונויפגעשפּילטער טרופּע און נישט שפּילן? מענטשן וועלן דאָך אויפלעבן, אַז זיי וועלן דערהערן אַביסל יידיש טעאַטער.

טריב איז געווען אין „ערמיטאַזש“=טעאַטער בעת דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת“, ווי טריב עס איז געווען דער דרויסן.

—אָדער עס איז נישט דערגאַנגען צום עולם, אַז די מאַמע שפּילט, אָדער דער עולם האָט נישט געהאַט קיין כוח צו דערגיין אין טעאַטער אַריין... — האָבן זיך אַקטיאָרן געקנייפּט די באַקן מיט אַ וויץ.

נאָר אסתר=רחל האָט נישט געטראַכט וועגן דעם. זי איז געווען דורכגענומען מיט אחריות פון שפּילן אין מאָסקווע.

ווען דער פאָרהאַנג איז אַרויף האָט ביי אסתר=רחלען דאָס האַרץ שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן, דאָס בלוט האָט זיך געכוואַליעט אין די שלייפן.

— ווייסן זיי דאָרט, די קריטיקער אין זאַל, וואָס עס קומט פאָר אין אונדזערע הערצער? זיי זענען די ריכטער און מיר די געמשפּטע... ביי נאָרמאַלע געריכטן זענען אָבער פאַראַן אַפּעלאַציעס, קאַסאַציעס, מען קאָן זיך נאָך רייגוואַשן... דאָ אָבער איז א פּאָלעוואָי סוד: אָדער טויט, אָדער ברויט...

און מיט ברויט איז געוואָרן אַלץ שווערער. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס וואַנדערן פון איין טעאַטער אין צווייטן — אין „זיעלאָני“, „זיערקאָלני“ — ס'איז אין ערגעץ נישט דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון אסתר=רחלס גאַסטראָלן אין מאָסקווע. די אַלטע פריינד פון „מכאט“ זענען נישט געווען. די רוסישע טעאַטער=וועלט האָט זיך דאַן געראַנגלט מיט שוועריקייטן, פאַרמאָסטן אויף גרויסע זאַכן, אָבער דערווייל געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און קעלט.

— איר האָפט טראַכטן וועגן דעם, אַז איר זענט אין מאָסקווע בכלל נאָך נישט געווען, — האָט גורשטיין פון „גאָרקאָמפּראָס“ געטרייסט אסתר=

רחלן. — איר זענט געקומען אין טעג, וואָס קאָנען דעצידירן וועגן גורל פון דער רעפּובליק, פון דער וועלט. דעניקין גרייפט אָן, מען גרייפט אָן פון אַלע זייטן. געפּאַנצערטע נעגל פון אימפּעריאַליסטישע רויב־חיות לייערן אויף די יונגע סאָוויעטן. אָבער זייט זיכער, מיר וועלן זיי באַזיגן. און דאַן, דאַן קומט צו אונדז קיין מאָסקווע, וועט איר זען ווי אַזוי דאָס סאָוויעטישע מאָסקווע קאָן אויפנעמען קינסטלער.

XIII

די לעצטע אויפבליצן

1

ווידער וואנדערונגען איבער שטעט פון ווייסרוסלאַנד און ליטע, שפּילן אונטער א האָגל פון קוילן אין בייפראָנטיקע געביטן, וווּ יעדער טאָג האָט געקאָנט ברענגען מיט זיך אן ענדערונג — דער פראָנט האָט זיך א רוק געטאָן אויף צענדליקער קילאָמעטער און א שטאָט, וואָס האָט נאָך געבטן געלעבט מיט א נאָרמאַל לעבן, איז מיטאַמאָל געוואָרן דער פראָנט.

ס׳איז דאָס יאָר 1920. פילסודסקיס מיליטער שפּאַרט אלץ טיפער אין די סאָוויעטישע טעריטאָריעס, אונטערשטיצט דורכן גאַנצן ארסענאַל פון די אינטערווענטן. פון אלע זייטן רייסט מען שטיקער פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה און זי פארטיידיקט זיך מיטן אָנשטרענג פון גאַנצן פאָלק, נישט געקוקט אויפן הונגער, קעלט און עפּידעמיעס. ווי א לאַווינע טוען זיך א לאָז בודיאָננים רייטער קעגן די פּילסודסקישע חיילות און שטויסן זיי זיגרייך צוריק פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, טרייבנדיק די צעשלאָגענע אָנגרייפער ביז וואַרשע.

ענדלעך — דער שלום. אסתר־רחל איז צוריק אינדערהיים, אין וואַרשע.

אין „עליזעום“־טעאטער שפּילן אירע באַליבטע „ווילנער“, מאַכן דורך זייער גרעסטן דערפאָלג אין אנסקים „דיבוק“. גאַנץ וואַרשע איז אויפגערודערט מיטן „דיבוק“. איז פארן „צענטראַל“־טעאטער אסתר־רחלס צוריקקום א גליק: אפשר וועט מען זיך קאָנען אַנטקעגנשטעלן דער „דיבוק“־מאַניע. צוביסלעך רוקט זיך טאַקע דאָס „צענטראַל“־טעאטער ארויב־איבנאָן, אסתר־רחל באַשיינט עס אין אלע פארמעסטן.

ס׳ווערט דרייסיק יאָר פון איר טעאטער־לעבן, א יום־טוב פארן יידישן טעאטער.

דער פאריין, די פרעסע, געזעלשאפטן שענקען א סך אויפמערקזאמקייט דעם יובילײ. דער פראָגראַם איז א קווער־שניט פון איר טעאַטערוועג: אן אקט פון דער „כישופמאַכערין" מיט אסתר־רחלן אין איר ערשטער ראָל אויף דער בינע, א קאָנצערט־טייל, פארענדיקט מיט „מירעלע אפרת".

— איר פאָפּולערסטע קרוין־ראָל. שעמאַשקאָווא, וויסאָצקא, זעלווערואָוויטש, אדוואָנטאָוויטש, יאראַטש, אַנדערע באַרימטע פּוילישע אקטיאָרן באַגריסן ווארעם דעם יום־טוב, באַערן זייער גרויסע קאָלעגין פון יידישן טעאַטער.

אָבער די וואָכעדיקע טעג האָבן געפאָדערט נייע אָנשטרענגונגען. מען מוז זיך באַווייזן אין א נייעם רעפּערטואַר. די יאָרן פון מלחמה זענען דאָך אַוועק אָן גרויסע קינסטלערישע אויפטוען.

דער ערנסטער פּרוּוו ווערט געמאַכט נאָך א קורצער צייט צוגרייטונגען אין ווילנע. די טרופּע איז באַשטאַנען בעיקר פון יונגע אקטיאָרן, פאר וועלכע דאָס שפּילן מיט אסתר־רחל קאַמינסקא איז געווען א דערהויבונג. זי איז ארומגערינגלט מיט פארערונג און ליבע, און אַטמאָספער פון שעפערישער ארבעט, פון יוגנטלעכן ברען. עס האָט מיטגעריסן אסתר־רחלען און דערוועקט איר פארלאַנג צו פרישע פּרוּוון.

— גיט א טראַכט עפּעס פאר מיר. ווילאַנג קאָן איך זיך דעם עולם באַווייזן אין „מירעלע אפרת"?

האָט מען געשטעלט אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע".

אן אָפּקומעניש איז אָבער פאר איר געווען דער ערשטער אקט. נישט נאָר צוליב דער סענטימענטאַלער טראַגעדיע פון אָפּגענאַרטער ליבע, דאָס איז געווען א בייזאַר, דער עיקר:

— ווי מעג איך שוין שפּילן א יונג מיידל?

אריין אין דער ראָל איז זי ערשט אלס קינסטלערין קרוטשיניגא. די סצענע פון צוריקגעפינען איר זון האָט זי אָפּגעשפּילט מיט א רעגנבויגן פון ניואַנסן, איבערלעבונג, געפיל. די יונגע אקטיאָרן זענען געשטאַנען הינטער די קוליסן צוגעשמידט צו די עפענונגען און די דעקאָראַציעס.

— כ'האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז מען קאָן אזוי שפּילן...

ראָט מאַנדעלבליט געשעפּטשעט.

מען שטעלט „די זיבן געהאָנגענע". אויסער די יונגע ראָלן זענען דאָ צוויי עפּיזאָדן פון מאַמעס.

— קליינע עפּיזאָדן... אפשר וויל די מאמע זיין פריי?

— וועט מיר עפּעס אָפּקומען, אז איך וועל שפּילן א קליינעם עפּיזאָד? אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער גייט ארום סטאַניסלאַווסקיס א ווערטל: נישטאָ קיין קליינע ראָלן, ס'זענען נאָר דאָ קליינע אקטיאָרן.

אסתר־רחל האָט געשפּילט דעם קליינעם עפּיזאָד פון דער פרוי גאַלאָ-

ווין, די מאמע פון פארמשפטן סערגייען. דורך די געציילטע מינוטן אויף דער בינע, האָבנדיק בלויז אַ פּאָר פראַזן, האָט זי געשאַפן אַ געשטאַלט — אַ מאָנומענט פון צעווייטיקטער מאַמעשקייט.

— זעסט אדאם, קיין איין העכערער טאָן נישט, קיין הויך געוויין און וויפל קראפט עס ליגט אין איר שפּילן! — האָט זיך אנטציקט סאָניע אלטבוים.

— ווען איך בין מיט איר געשטאַנען אויף דער בינע, בין איך אליין אויפגעציטערט געוואָרן, — האָט מודה געווען אדאם דאָמב, וואָס האָט געשפּילט דעם פּאָלקוואָניק גאָלאָווין.

— איצט מעג איך שוין צוריקפאָרן קיין ווארשע, — האָט אסתר-רחל באשלאָסן. עס איז דאָ מיט וואָס און מיט וועמען. דאָס מאָל וועלן מיר שאַפן אין „צענטראל" אן אמת יידיש קונסט-טעאטער!

2

דורך קנאַפּע דריי נאָך-מלחמה-יאָרן האָט זיך ווארשע ווידער שטאַרק צעוואַקסן. דאָס כסדרדיקע פאלן פון געלטווערט, האָט ארויסגערופן א יאָגע-ניש נאָך אינוועסטיציעס — מען האָט געבויט הייזער, פאבריקלעך, אריינ-געלייגט געלט אין סחורות. טויזנטער פאמיליעס, וואָס זענען אין די הונ-גער-יאָרן פון מלחמה אוועק אין דער פּאַרוואָרפעגער פּראָווינץ, האָבן צוריק אַ שטראָם-געטאָן קיין וואַרשע. נייע טויזנטער יונגטלעכע זענען אַהערגעקו-מען זוכן גליק. עס זענען געווען טעטיק צענדליקער הילפס-קאָמיטעטן און אויסלענדישע מיסיעס, וואָס האָבן זיך פארנומען מיט טיילן הילף דער אָרע-מער באַפעלקערונג — און מיט פאַרשטאַרקן די איינפלוסן פון דער מלוכה, וואָס האָט זיי געשיקט. מער פון אַלע האָבן זיך אָנגעזען די פאַרשידענע אַמע-ריקאַנער קאָמיטעטן און מיסיעס. זיי האָבן באַווירקט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, געווען א פאָרפּאָסטן פארן עקאָנאָמישן באַהערשן דאָס לאַנד.

אין לאנד האָט געבושעוועט א שפּעקולאציע מיט וואַלוטע, מיט סחו-רות, א קאָניוקטור פאר אמאָטאָרן פון לייכטע פאַרדינסטן. האָט א גרויסע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאַט ארבעט, געזוכט וואָס גיכער אויסצוגעבן דאָס פאַרדינטע געלט, כדי נישט צו האָבן דעם פאַרדרוס פון היזק. די שפּעקולאנטן האָבן, ווי אין די מלחמה-יאָרן, לייכט פאַרדינט מיליאָנען און לייכט זיי געפּטרט.

פֿאַר די צוויי גרופּן באַפֿעלקערונג האָבן זיך צוגעפּאַסט די צוויי ייִדישע טעאַטערס אין וואַרשע: דאָס „קאַמינסקי־טעאַטער“ מיט זײַנע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס און דאָס קלײנע „צענטראַל“, וואָס איז געוואָרן דאָס באַליבטסטע אָרט פֿאַרן וואַרשעווער ייִדישן אינטעליגענט און אַרבעטער. די „ווילנער טרופּע“ איז אַוועק אויף גאַסטראָלן, האַרף „צענטראַל“ ווערן דאָס רעפּרעזענטאַטיווע ייִדישע טעאַטער אין פּוילן.

פֿאַר דעם אײנשטאָקיקן הײזל אויף ליִשנע 3 איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג אין די אָוונטן און שבת אַ גאַנצן טאָג. פֿיר, זעקס און אַכט וואָכן נאָכאַנאַנד איז געגאַנגען אַ נײַע אויפֿפֿירונג. אויף צענדליקער מאָל האָט געקלעקט דער שטענדיקער עולם פֿון „צענטראַל“.

— איך זע, אַז ס'איז דאָ פֿאַר וועמען צו שפּילן! עס ווילט זיך מאַכטע ווידער אַ נײַע ראָל, אַ נײַע פּיעסע... — זי האָט זיך געפֿילט דערמוטיקט... ווי מײנסטו זיגעלע, „סערקעלע“, וועגן וועלכער נח פּרילוצקי האָט מיט מיר גערעדט, איז פֿאַר אונדז אַ פּיעסע?

— כ'מײן, אַז מען קאָן דערפֿון מאַכן אַן אינטערעסאַנטע פֿאָרשטעלונג. „סערקעלע“ איז די הויפּט־ראָל. אַ ייִדענע אין די מיטעלע יאָרן. נאָר אַ שלאַק, אַ מרשעת...

— כ'וויל אַמאָל שפּילן אַזאַ ראָל אויך... נישט שטענדיק מוז איך דאָך זײַן די גוטע אָדער די אומגליקלעכע. כ'וויל פּרוּוון.

„סערקעלע“ איז געוואָרן אַ גרויסער טעאַטער־יום־טוב. אַ סצענישער אוצר איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פֿון שטויב פֿון פֿאַרגעסנקייט. עולם האָט געקוואָלן פֿון אמתן ייִדישן פֿאָלקס־הומאָר, וואָס איז סערווירט געוואָרן אין אַ פֿײַנער, מאָדערנער טעאַטער־כּלי.

אסתּר־רחל האָט געוווּסט, אַז מיט „סערקעלע“ וועט זי נישט קאָנען אַ גלאַנץ־טאָן ווי אַמאָל מיט די דראַמאַטישע ראָלן. זי האָט געוווּסט, אַז די ראָל איז נישט קײן דאַנקבאַרע, אַז אַ סך פֿון אירע פֿאַרערער וועלן קרימען מיט די נעז. און דאָך:

—ס'איז מיר אַ מחיה צו שפּילן אין דער פֿאָרשטעלונג. איך פֿיל אַ שׂמחה בײַם עולם, בין איך אַליין אויך אַ בעל־שׂמחה... און איך האַלט גאָרנישט „סערקעלען“ פֿאַר אַ שלאַק. זי איז דען אַ שלעכטע פֿון געבוירן? דער מאַן, דער שלימזל, די שווינדלער אַרום, דאָס געיעג נאָך געלט, דאָס מאַכט זי פֿאַר אַ שלעכטע. די זעלבע סערקעלע האָט גרײלעך געקאָנט זײַן אַ גוטע מאַמע...

נײַע פּנימער האָבן זיך ווידער באַוויזן אין טעאַטער. אַן אָפּטער גאַסט איז געווען דער באַקאַנטער פּוילישער קינסטלער אַלעקסאַנדער זעלווערא־

וויטש, וועלכער האָט מיטגעפירט מיט זיך זיין קלאַס פון דער דראַמאַטישער שול:

— לערנט אייך ביי דער גרויסער יידישער מייסטערין! — האָט זעל־ווערקאָוויטש אָנגעזאָגט זיינע תלמידים.

עס איז געקומען די ריי אויף שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער".

— איר ווייסט, קינדער, מיט יאָרן צוריק האָט מיר שלום־עליכם טעלע־גראַפירט קיין פעטערבורג, אז ער שרייבט פאַר מיר א פּיעסע. דאַן האָט ער נישט געהאַלטן קיין וואָרט. וועל איך זיך אפשר ביי אים איצט אָפּנעמען.

אָבער „טביה דער מילכיקער" אין בערקאָוויטשעס דראַמאַטיזאַציע איז נישט געווען קיין ברייט פעלד פאַר דער ראָל פון גאָלדען.

— איז שוין יאָ דאָ א לייטישע נייע ראָל, מוז איך נאָך שטאַרבן נאָכן צווייטן אַקט! — האָט עס זי אביסל פאַרדראָסן.

אָבער אין די צוויי אַקטן האָט זי דערפאַר ארויסבאַקומען די האַר־ציקסטע מאַמישע טענער.

— ס'איז נישט שלום־עליכם און ס'איז נישט דער „טביה", — האָט מען געהערט צווישן דעם עולם. — ס'איז א געשיקטע מעלאָדראַמע, גע־מאַכט פון שלום־עליכמס שטאָף און געשטאַלטן... אָבער אסתר־רחל קאַמינ־סקאַ האָט ווידער באַוויזן, אז עס איז נישט דאָ נאָך אזא יידישע מאַמע, ווי זי! אזויפיל צאַרטקייט, האַרציקייט... און ווי דין, ווי סובטעל... צוליב דעם אַליין האָט זיך געלוינט צו זען די פאָרשטעלונג.

— אומגליקלעך איז אונדזער קונסט, — האָבן אַקטיאָרן זיך באַקלאָגט.

— זי פאַרשווינדט מיטן מאָמענט.

— זי פאַרבלייבט אין די הערצער פון עולם, — איז געווען אסתר־רחלס איבערצייגונג. — דאָס איז אונדזער גרעסטע סאַטיספאַקציע.

— פונדעסטוועגן גיט דער פילם מער סאַטיספאַקציע. דאָרט ווערט מען פאַראייביקט.

— איך האַלט נישט, אז דער פילם פאַראייביקט דעם אַקטיאָרס קונסט. דער כוח פון אַקטיאָרישער קונסט ליגט אין דער מאָמענטאַלער, איינמאָליקער ווירקונג אויפן צושויער, אין דער אוממיטלבאַרער וואַרעמ־קייט פון אַקטיאָרישן שאַפן. איך זע נישט, אז דער פילם זאָל עס קאָנען איבערגעבן.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך געלאָזט אָנרעדן צו שפּילן אין דעם ערשטן נאָכמלחמהדיקן יידישן פילם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פּוילן. איר מאַמע אין „תקיעת־כף" האָט זי אַליין נישט באַפרידיקט:

— אז מען שפּילט פאַר אן אַפּאַראַט, נישט פאַר לעבעדיקע מענטשן, קאָן עס דען טויגן?

דער פילם האָט אָבער דאָך פאראייביקט די אומפאַרגעסלעכע שפּראַך פון אירע גרויסע ליידנדיקע און ליבנדיקע אויגן.

3

איר האָט פאַרווירקלעכט דעם חלום פון מיין לעבן, קינדערלעך! זאָל דאָס טעאַטער האָבן אריכת־ימים און איך זאָל נאָך האָבן כוח און געזונט מיט אייך צו שפּילן!

אַרנאָלד האָט געהאַלטן פאַר אירע אויגן אַ פריש־נאַסן אַפיש, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער דרוקעריי. ער האָט שטאָלץ אַרויסגערוקט די ברוסט, ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען דער אויפטו פון זיין געשעפטספירע־רישן געני, און יעדע רגע מיט באַשפּיגענע פינגער אַ גלעט־געטאָן דאָס שטייענדיקע בינטל האָר אויף זיין שפּיץ קאָפּ:

— וואַרשעווער ייִדישער קונסט־טעאַטער „וויקט".

עס קוקן אַראָפּ פון אַפיש די קלישעס פון אַקטיאָרן און איר גרויסע קלישע אינמיטן. איר נאָמען באַשיינט מיט גרויסע אותיות דעם אַפיש. ס'איז איר טעאַטער.

— הלוואַי זאָל איך נאָך קאָנען שפּילן מיט אייך!

דערווייל פאָרט זי נישט אויפן טורנע פון „וויקט". זי פילט זיך כסדר שוואַכער. אַ מאָדנע געפיל — ווי זי וואָלט אינעווייניק איינגעשרומפּן געוואָרן.

די דאָקטוירים לעווין און ביעלענקי באַרואיקן. שמועסן זיך דערביי אַדורך מיט אַנדערע דאָקטוירים בעת די קאָנסיליומס אויף לאַטיין.

— ס'האַלט שמאָל מיט מיר, האַ?

— וואָס פעלט אייך איין, מאַמע, ס'איז אַ קלייניקייט. אַ גאָרמאַלע זאַד אין אייערע יאָרן... איר וועט נאָך אינגיכן אָנהייבן ברענגען אַ וועלט!

אסתר־רחל האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דעקט מען מיט דער גע־מאַכטער הייטערקייט.

— אפנים אַז ס'איז טאַקע גוט נישט גוט, — האָט זי געזאָגט צו הבקהן.

פאָרט דער „וויקט" איבער פוילן. איר קלישע באַשיינט דעם אַפיש אַ טריומף־רייזע! אָבער זי מוז פאָרן קיין אויסלאַנד זיך קורירן.

אין ווין גייט זי דורך אַ שווערע אָפּעראַציע. דער פּראָפעסאָר פאַר־זיכערט, אַז איר לעבן איז געראַטעוועט.

אין די פסח־טעג פון 1925 יאָר האָט דער ווילנער עולם ווידער געמאַכט אָוואַציעס דער באַליבטער „מאַמען" בעת אירע גאַסטשפּילן דאָרט. מיט טרערן פון פרייד האָט זי געדאַנקט דערפאַר:

— איך פיל, אז איך בין אויפגעשטאַנען תחית־המתים...

זי ווערט מיטגעריסן מיט א נייער אויפפירונג: א מאָנומענטאַלע פאָר־שטעלונג לויט וויקטאָר־הוגאָס „גלאָקנציער פון נאָטרדאַם". ס'איז דאָך אַ קאַמף קעגן פינצטערניש און אונטערדריקונג אין דער פּיעסע. זי, די אומגליקלעכע „מאַמע אין שטייג", איז א קרבן פון דער פינצטערניש. זי נעמט צונויף אלע כוחות, כדי אויסצוטראָגן די ראָל. מיט דער נייער ראָל וועט זי זיך דאָך באַווייזן אין וואַרשע.

— אפשר וואָלסטו זיך נישט באַדאַרפט אזוי אָנשטרענגען? — פּרוּווט זי רבקה אָפּצורעדן.

— וואָס רעדסטו? ס'איז דאָך שוין מן־הסתם די לעצטע ראָל אין מיין לעבן. זאָל מען מיך כאָטש פאַרגעדענקען.

דער ראַק האָט ווידער געפרעסן איר אָרגאַניזם...

אין לאַנד בושעוועט א קריזיס. דאָס איינפירן די פעסטע וואַלוטע, די זלאָטעס, האָט נאָך רייכער געמאַכט די גרויסע פאַבריקאַנטן, הויז־באַזיצער, די וואָס האָבן פאַרמאָגט אומבאַוועגלעכע גיטער און אויסלענדישע וואַלוטע, אָבער פּוילשטענדיק רואינירט דעם ארבעטער און קליינבירגער. סוחרים זענען געשפּרונגען פון פענצטער. ארבעטלאָזע זענען געפאַלן אויף דער גאַס פון הונגער. עקסמיסיעס אויף טריט און שריט פאַר נישט צאָלן דירה־געלט. נישט בלויז דאָס יידישע טעאַטער האָט שוין געליטן דערפון — דאָס פּוילישע טעאַטער האָט אויך געפּוסטעוועט, ווייל דער מיטלשטאַנד און אינ־טעליגענץ האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט. אין וואַרשע האָבן די טעאַטערס געהאַלטן אין איין קראַכן.

דאַרף מען ווידער פאָרן אויף דער פּראָווינץ. נאָר אויך דאָרט איז די לאַגע נישט בעסער. בריסק, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, וואָלקאָוויסק...

— ווען מיר זיך אביסל אדורכפאָרן איבער גחומטשיע חנה־דבורהס שטעט פון גראָדנער גובערניע...

מיטאַמאָל איז זי הייטער געוואָרן:

— קינדערלעך! פון וואָלקאָוויסק איז פיר מייל קיין פּאָראָזאָווע. אויב עס וועט אונדז זיין גוט אויפן הארצן, וויל איך צופאָרן אין מיין פּאָראָזאָווע, אויף מיין עלטערנס קבר...

זי האָט אָבער אין וועג מער וועגן דעם גישט גערעדט. דער הוסט האָט זי אַלץ מער געשטיקט.

דער טורנע איז גלייך איבערגעריסן געוואָרן.

—נאָך איין פאָרשטעלונג אין מעזריטש... די חברים בעטן... לאָזט מיך שפּילן די לעצטע פאָרשטעלונג — האָט זי זיך געבעטן.

גישט געריכט האָבן זיך די מעזריטשער בערשטער, אַז זיי זענען טאַקע עדות פון דער לעצטער פאָרשטעלונג, וועלכע עס שפּילט די „מאַמע פון יידישן טעאַטער"...

4

זומער 1925 האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערסטער קריזיס אין יידישן טעאַטער־לעבן אין פּוילן. ס'האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז „גראַבסקיס עגלה" אויף וועלכער עס זענען צוזאַמענגענומען געוואָרן די זאַכן פון פאַראָרעמטע יידישע האַנטווערקער און קרעמער, שלעפּט מיט זיך דאָס יידישע טעאַטער, ווייל צוזאַמען מיט דער מאַסנהאַפטער אַרבעטלאָזיקייט האָט דאָס באַדייט דאָס פאַרלירן פון די וויכטיקסטע קאָנסומענטן פון יידישן טעאַטער. און אויב מיט קורצע גאַסטשפּילן אויף דער פּראָווינץ האָט מען נאָך געקאָנט ווי עס איז ראַטעווען די עקזיסטענץ פון אַ טרופּע, האָט וואַרשע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסגעטרוקנטן ברונעם.

אסתר־רחלען האָט מיט יעדער וואָך שטאַרקער געמאַטערט די קראַנקהייט. ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז אירע חדשים זענען געציילטע: דער ראַק האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די לונגען. זענען אירע יסורים נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער שלעכטער לאַגע פון טעאַטער.

זי האָט ליגנדיק אויפן קראַנקן־בעט, געפּרוווט צו פאַרענדיקן איר חשבון־הנפש, וועלכן זי האָט אָנגעהויבן, שרייבנדיק אירע זכרונות.

זי איז איצט פינף־און־פופציק יאָר אַלט. מענטשן האַלטן אַזאַ עלטער פאַר די בעסטע, רייפע יאָרן פון לעבן. זי האָט שוין איר לעבן אָפּגעלעבט.

אַ שווער לעבן איז עס געווען. אַ סך ווייטיקן און ביטערניש האָט עס אָנגעפילט. פאָרט אַ מהלך — פון פּראָזאָווער שול־הויף אויפן אויבנאָן פון יידישן טעאַטער!

פּראָזאָווע... דער דלות אין שטעטל איז געווען פאַרוועבט אין העלע שטראַלן: דאָס טייכל מיט די ווייגענדיקע ווערבעס און זינגענדיקע חברטעס; זון, זאָרגלאָזיקייט, געזאַנג פון יונגער פרייד האָט פאַרהילכט דעם קרעכץ פון אָרעמקייט. איצט האָט זי פון טאַטע־מאַמעס קרעכצן און אָכצן געהערט

בלויז דעם אָפּקלאַנג פֿון וואַרעמער ליבע. פֿאַראָזאָווע איז געבליבן א ליכטיק ווינקל אין דער נשמה: יונג־גרין מיט זון־גאָלד באַפּוצט... די יוגנט האָט דאָרט געגרינדעט א ביבליאָטעק אויף איר נאָמען. יעדעס ביכל, וואָס פֿאַראָזאָווער יוגנטווארג וועט נעמען אין האַנט אריין, וועט דערמאָנען אין איר. א שאָד, וואָס זי האָט שוין נישט באַוויזן צו זיין אין שטעטל, אָפּפֿרישן דאָס בילד פֿון אירע קינדער־יאָרן אין א סביבה פֿון נייע, יונגע פּנימער, דערזעון דאָס שטעטל אין נייע פֿאַרבן.

גאָר דאָס שטעטל איז געווען א קליין, ווייט ווינקל אין איר נשמה, דאָס גרויסע בילד פֿון איר לעבנס־וועג איז געווען דריי־און־דרייסיק יאָר שפּילן יידיש טעאַטער. אפילו אין די שווערסטע יאָרן פֿון וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך מיט „יידיש־דייטש"־טעאַטער האָט זי איצט געזען ליכטיקע זייטן. פֿאַר אירע אויגן שוועבן פֿאַרביי טויזנטער פּנימער פֿון פּשוטע יידן אין הונדערטער שטעטלעך, פּנימער, וועלכע זי האָט געמאַכט אויפֿלויכטן מיט איר שפּילן. איז דאָס א קלייגער שכר פֿאַר איר מי און מאַטערניש? אחוץ דעם האָבן דאָך די יאָרן אויסגעאַרבעט איר אַקטיאָרישע טעכניק, צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר איר קינסטלערישן אויפֿבלי אין די רייפֿע יאָרן.

מיט צוואָנציק יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן איר קלאָרער קינסטלער־וועג. די רעוואָלוציע איז געווען דער באָדן פֿאַר איר אויפֿשטייג, גאָרדין האָט איר געגעבן דעם וועג צו פֿאַרמענטשלעכטע געשטאַלטן, פּרץ האָט באַרייכערט איר געדאַנק און באַפֿעסטיקט איר שטרעבונג צו קינסטלערישער דערהויבונג, דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער האָט זי באַקרעפֿטיקט אין איר זוכן דעם אמת אויף דער בינע און ארויסהייבן די שיינקייט פֿון אמת. איבער הונדערטער שטעט און שטעטלעך האָט זי געטראָגן די דאָזיקע שיינקייט און באַקומען דערפֿאַר פֿון הונדערטער טויזנטער אומבאַקאַנטע מענטשן דאַנקבאַרקייט און ליבע, וואָס האָבן מיט בלומען־אַראָמאַט באַגלייט איר שאַפֿן.

פֿון די הונדערטע טויזנטער, וואָס האָבן זי געזען, לעבן נאָך אפשר צענדליקער טויזנטער. און זי לעבט אין זייערע הערצער, פֿאַר דער פֿרייד און דערהויבונג, וואָס זי האָט זיי געגעבן. זי האָט אויסגעשפּילט זייערע פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען, געווען א שליח־ציבור, ווי דער טאַטע אירער. און דאָס איז דאָך געווען דער חלום פֿון איר לעבן. איז דער חלום געוואָרן א וואָר און כאָטש די וואָר איז איצט פֿאַרהילט אין שווערע וואָלקנס, גלייבט זי, אז דאָס יידישע טעאַטער וועט לעבן.

זי מוז אינגיכן שטאַרבן. אָבער דאָס פאָלק בלייבט לעבן, און דאָס טעאַטער איז אַ לעבעדיקער אבר פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט זי דאָך אָנגערופן „די מאַמע פון יידישן טעאַטער" און דאָס פאָלק וועט איר נאָמען פאַרגעדענקען. דער געדאַנק לינדערט אביסל די יסורים, באַזיגט דעם שווערן לעבנס־וועג אירן, די ראַנגלענישן ביים געפינען דעם קינסטלערישן אויסדרוק פאַר דער יידישער פאָלקס־נשמה.

פון די געדיכטענישן פון פאָלקס־לעבן איז זי אויפגעקומען, פון פאָלק האָט זי זיך געלערנט און דעם פאָלק האָט זי געדינט געטריי. — — —

נאָכוואָרט

אין א שנייאיקן סוף־דעצעמבער־טאָג פון יאָר 1925 האָט וואַרשע איבערגעלעבט א טרויער־מאַניפעסטאַציע, וואָס איז נישט געזען געוואָרן זייט י. ל. פּרצעס לויה: הונדערטער דעלעגאַציעס פון גאַנץ פּוילן, פון יידישע פאַריינען און געזעלשאַפטן, דעלעגאַציעס פון דער פּוילישער קינסטלער־וועלט מיט קרענץ און טרויער־אויפשריפטן און דער עיקר — צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן, מיט אויפריכטיקן טרויער אין האַרצן, האָבן באַגלייט צום אייביקן רו אויפן גענשער בית־עולם די פאַרערטע קינסטלערין, די האַרציק־געליבטע „מאַמע פון יידישן טעאַטער". עס האָט אויפגעהערט צו פלאַטערן „די פאָן פון דערהויבנקייט" פון דער יידישער אָרעמקייט, ווי עס האָט זי אָנגערופן אַלטער קאַציזנע. ביים אָפענעם קבר האָט ה. ד. נאָמבערג געשילדערט דאָס טרויעריקע בילד פון פאַראָרעמטן יידישן טעאַטער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין געטרייע מאַמע און גערופן צו פאַראייביקן איר אָנדענק מיט א טעאַטער, וואָס זאָל ראוי זיין איר נאָמען.

צו די שלושים איז אין איר שטוב דערעפנט געוואָרן דורך איר טאָכטער און איידעם, אידא קאַמינסקא און זיגמונט טורקאָוו, א מוזיי פון אירע טעאַטער־טראָפייען, סוווענירן פרעסע־מאַטעריאַלן, זאַכן וואָס האָבן געהערט צו איר, אין וועלכע זי האָט געשפּילט, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו איר, אָדער צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. דער מוזיי איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ".

די מצבה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף איר קבר, דער שטיין, אין וועלכן דער סקולפּטאָר פ. רובינליכט האָט זיך באַמיט אויסצודריקן דעם שווערן געראַנגל פון דער קינסטלערין, וואָס איז געפענטעט געווען דורך די קייטן פון אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, האָט גערעדט מיט געציילטע ווערטער:

„מאמע אסתר-רחל קאמינסקא, 1925 — 1870“.

די דאָזיקע מצבה, אויפֿן וועג צום „אוהל פּרץ“, איז געוואָרן דאָס אָרט, וווּ יעדע געשעעניש אין דער יידישער טעאטער-משפּחה, יעדער אַרטיסטן-צוזאַמענפאַר, יעדער צוזאַמענקום איז ראַפּאָרטירט געוואָרן. די טעאַטער-קינדער פון דער גרויסער מאַמע, — אַלץ, וואָס איז געווען פאַרגעשריטן, זוכעריש, פּראָגרעסיוו אין יידישן טעאַטער, — האָבן הייליק געהאַלטן און געערט איר אָנדענק. „דער ערשטער ערן-מיטגליד פון יידישן ארטיסטן-פאריין אין פּוילן“, ווי עס רעדט וועגן איר אַן אָנדענק-טאָוול, איינגעמויערט דורך אַן אלגעמיינעם ארטיסטן-צוזאמענפאָר אין דער מצבה, איז פארבליבן אין די הערצער פון יידישן טעאַטער-מענטש. פארבליבן אין די הערצער פון די, וואָס זענען פארטיליקט געוואָרן אין די געטאָס און קאָנצענטראציע-לאַגערן און פון די, וואָס האָבן אין די מלחמה-יאָרן גענאָסן פון גאסט-פריינדלעכקייט אויף דער סאָוויעטישער ערד, ווו זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן. האָרט, אין ראטנפאַרבאנד, איז פייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער 15-טער יאָרצייט נאָך איר טויט אין 1940-טן יאָר און דער 20-טער, אין 1945-טן יאָר. אָפּגעמערקט געוואָרן דורך אקאדעמיעס, אָוונטן, אָפּהאַנדלונגען. פינף יאָר שפּעטער איז איר 25-טער יאָרצייט אָפּגעמערקט געוואָרן אין פרייען פּוילן נישט נאָר דורך דער יידישער טעאטער-משפּחה, וואָס איז א טייל פון דער גרויסער סאָציאליסטישער טעאטער-משפּחה אין פּוילן, — ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אונטערן פּראָטעקטאָראט פון דער רעגירונג, פון דער פאַראייניקטער פּוילישער ארבעטער-פּארטיי. ווייל אסתר-רחל קאַמינסקא איז פארבליבן, ווי א מאָנומענט פון אויפשטייג אין דער געשיכטע פון יידישן טעאטער אין פּוילן, זי איז דער קוואַל, פון וועלכן ס'האָבן געצויגן זייער יניקה אלע פארמעסטן פון יידישן טעאטער אין צווישן-מלחמה-פעריאָד, איר נאָמען האָט באגייסטערט אונדזער טעאטער-אויפלעבונג אין באפרייטן פּוילן, איר נאָמען פאטראָנירט דעם יידישן מלוכה-טעאטער, דעם טעאטער, וואָס איז א פארקערפערונג פון אסתר-רחלס חלומות.

דער ערשטער יידישער טעאַטער-בנין, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרן אין באפרייטן פּוילן, אין דעם אלט-פּוילישן וראָצלאַוו, וואָס איז צוריקגעקומען צו זיין היימלאַנד — האָט באקומען דעם נאָמען פון אסתר-רחל קאַמינסקא. יעדער דערפאָלג פון יידישן מלוכה-טעאטער איז א ווייטערדיקע פאראייביקונג פון איר נאָמען.

די דערציילונג וועגן איר שווערן לעבנס־וועג און פיינפולן וועג פון שאפן, וואס איז אויפגעבויט אויף דער קאנווע פון ביאגראפישע מאטעריאלן, איז געשריבן געווארן מיט דעם אויפריכטיקן גלויבן, אז די גרויסע טאכטער פון דער יידישער ארעמקייט אין פוילן, די מאמע פון יידישן טעאטער, וועט ווייטער באגייסטערן דאס יידישע טעאטער צו נייע אויפשטייגן אין דינסט פון פאלק.

דער מחבר

ווראצלאוו, סעפטעמבער, 1952.

אינהאַלט:

	זייט
באַראָזאָווע	5
יאַרישע	16
„אָנגעלאָרן מיט אַלרעם גוטס“	33
די „כישוף־מאַכערין“ אויף די כישוף־ברעטער	51
יידישע אַקטערן אויף דער רייזע	74
1905	102
דינעזאָן און פּרץ	126
דער שטערן שיינט אויף	166
פּעטערבורגער נעכט	194
מיט רום איבער דער וועלט	221
די חיים	240
מלחמה!	256
די לעצטע אויפבליצן	274
נאָכוואָרט	284